STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09842

# GEVEN AMOL VARSHE ...

Berl Kuczer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. קוטשער


געווען אַמאָל װאַרשע
זכרונות
UL. MIŁA
UL. NALEWKI
UL. SMOCZA
UL. NOWOLIPIE
UL. DZIKA
UL. TŁOMACKIE
UL. DZIELNA

# געוועז אמאל ווארשע...

פון דעם בוך זענען געדרוקט: 15 עקזעמפּלאַרן, אָריגינאַל (נישט אין פּאַרקויף), נומערירט פון I ביז XV אויף בופאָן־פּאַפּיר „פּריאָ"; 25 עקזעמפּלאַרן, לוקס, נומערירט פון 1 ביז 25, אויף אָפסעט־פּאַפּיר „דע רושער"; 175 עקזעמפּלאַרן, נומערירט פון 26 ביז 200, ערשטע אויפלאַגע, אויף אָפסעט־פּאַפּיר „ליבער".

ב. קוטשער

# געווען אַמאָל וואַרשע...

## זכרונות

פּאַריז 1955

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דער קולטור־אָפּטיילונג ביים דזשאָינט
אין פראַנקרייך

B. KUCZER

# GUEWEN AMOL WARCHÉ

## (IL ÉTAIT UNE FOIS VARSOVIE)

## (MÉMOIRES)

•

Copyright by the author
B. KUCZERER
Paris 1955

•

Imprimerie des Editions Polyglottes
232, rue de Charenton, Paris-XIIe.

אַ האַרציקן יישר כוח דעם איידעלעם מענטש, דעם גרויסן פריינד און עסקן פון דער יידישער ליטעראַטור, קולטור־דירעקטאָר פון „דזשאָינט״, ד״ר יהודה שאַפּיראָ — פאַר אַרויסווייזן אַזוי פיל וואַרעמקייט און אַזאַ ברייטהאַרציקן אינטערעס צו דער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן בוך.

אַ יישר כוח אויך דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, ווי אויך דעם ספּעציעל געשאַפענעם קאָמיטעט (י. ביל, מ. בראָמבערג, ז. גאַנאַפּאָלסקי, ג. זילבערבערג און ד. ב. מאַלקין) פאַר די באַמיאונגען לטובת דעם בוך.

אַ יישר כוח אויך דעם דרוקער פריינד טשאַפּניק, פאַר זיין איבערגעגעבנקייט און פאַר זיין באַמיען זיך ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

הילע און פּאָרטרעט פון מחבר — הענריק בערלעווי.

**די איבעריקע צייכענונגען — הענריק בערלעווי, מאַרעק האַלטער, אַרטור קאָלניק, שלום קאַץ, יעקב ראָטבוים און די קינסטלער קדושים: משה אַפּעלבוים, יצחק ברוינער, ח. גאָלדבערג, יהודה גאַרבאַרג, חיים האַנפּט, וואָלף וויינטרויב, ישראל ווינלעז, יוסף טרויבע, ש. פייגענבוים, פעליקס פרידמאַן.**


H. Berlewi. 52

ל ז כ ר ו ן

אונזערע נאָענטע און טייערע, באַזונדער אונזערע
קינדער מינדל, אברהם, פערל, קלמן־אריה —
אומגעקומען אויף קידוש השם אין די יאָרן
תש״א — תש״ד

פינף יאָר האָב איך איבער דעם בוך געאַרבעט. איך האָב די דאָזיקע אַרבעט מיינע געהאַלטן פאַר אַ מלאכת הקודש, פאַר אַ שליחות, אַ הייליקן חוב. וואָרן, צי קאָן דען זיין אַ הייליקערע זאַך פאַר אַ שרייבער — וואָס איז בדרך צופאַל, אָדער בדרך נס, אויסן געבליבן פון דעם ביטערן גזר — ווי דערציילן וועגן אונזער אַמאָל? ווי איין מאָל און נאָך אַ מאָל מזכיר זיין די מענטשן און דעם גאַנצן יידישן אַרום, אין וועלכן דו האָסט געלעבט, אין וועלכן דו האָסט געשאַפן און — וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשוואונדן? איך האָב דעריבער מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט איבערגעלעבט און אויסגעוויטיקט איטלעכע דערינערונג, איטלעכס בילד, וואָס האָט אַמאָל מיט אַזוי פיל אינטערעס, מיט אַזוי פיל אינהאַלט אָנגעפולט אונזער לעבן.

זכרונות בכלל זענען וויטיקלעך. בפרט זכרונות וועגן דעם גרויסן יידיש־יידישן אַמאָל. בפרט ווען פאַר די אויגן שטייען די אַלע מענטשן און דאָס גאַנצע שפּרודלדיקע, מיט יידישן כל־טוב אָנגעפּראָפּט געזעלשאַפטלעך לעבן. ווען איך געדאַנק לעבסטו נאָכאַמאָל איבער שטיקער פון דעם גאַנצן, גרויסן, שיינעם עבר.

יאָ, ס׳איז טיף, טיף וויטיקלעך דער געדאַנק, אַז דאָס אַלץ איז שוין נישט מער ווי זכרונות. און נישט איין מאָל, בעתן שרייבן איינס פון די אַלע בילדער וועגן יענעם גרויסן רייכפאַרביקן יידישן לעבן, אָדער בעתן דערמאָנען עמעצן פון די אַלע פריינד און קאָלעגן — וואָס דער רוב פון זיי זענען שוין נישטאָ, זענען אומ־געקומען אויף קידוש השם — האָט אַ דריקעניש אַרומגעכאַפּט דעם מוח, דאָס האַרץ איז געוואָרן מסוכנדיק איבערפולט און כ׳האָב געמוזט אָוועקלייגן די פעדער.

מיין ציל איז געווען — אַלץ פאַרצייכענען. נישט דורכלאָזן קיין איין געשעע־ניש, קיין איין עפּיזאָד, וואָס קומט אויפן זכרון און וואָס וואָלט ווי עס איז געקאָנט

אָפּשפּיגלען כאָטש אַ קליין ווינקעלע פון דעם יידישן וואַרשע אַמאָל. ליידער אָבער — צוליב מאַטעריעלע טעמים — האָט נישט אַלץ געקאָנט אַריין. כ׳האָב געמוזט שניידן. נאַטירלעך, ס׳איז נישט לייכט אָנגעקומען. געקאָסט געזונט. איט־לעך געשטראָכן דיטל האָט געשניטן ביים האַרץ. טייל מאָל האָט זיך געדאכטן, אַז די, וואָס זענען געווען דערמאָנט און דערנאָך געוואָרן געשטראָכן — האָבן פּאַראיבל. קוקן אָן מיט בעטנדיקע און אפילו תרעומותדיקע אויגן. נאָר — נישט געקאָנט זיך העלפן.

איך בעט איבער אַלע פריינד, מיט וועלכע עס בינדט אונז דער אַמאָל. פריינד, וואָס האָבן אויך, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, מיר דערמאָנט עפּיזאָדן, דערמאָנט גאַנצע געמיינזאַמע איבערלעבענישן, און דאָס אַלץ איז אין בוך נישט דערמאָנט. דאָס אייגענע די פריינד, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט בילדער און צייכענונגען און דאָס איז נישט אַריין אין בוך.

איך דאַנק די אַלע פריינד פאַר זייערע באַמיאונגען. איך דאַנק בכלל אַלע, וואָס האָבן מיר מיט וואָס עס איז צוגעהאָלפן צום אַרויסגעבן דאָס בוך. איך האָף, אַז גאָט וועט שענקען געזונט און יאָרן — וועלן אַלע מאַטעריאַלן און בילדער נאָך באַקומען אַ תיקון אין מיין צווייטן בוך.

**ב. קוטשער**

# וועלכע צייטונג איז גרעסער ?...

יום־טוב פאַר די לייענער פון „די נייע וועלט". — דער מוראַנאָווער פּאַרק באַקומט אַ תיקון. — מיליטערישער אָרקעסטער מקבל פּנים יידי־שע שרייבער. — ווייסע רויזן פאַר י. ל. פּרץ. — אבא קאָמפּאַניִיעץ האָט אַ נאָז פאַר קולטור. — מחלוקת צווישן מרדכי ספּעקטאָר און לייב ווינער. — דאָס „רבילע" האָט ס'וואָרט.

דער אַפיש — אַ גרויסער, אַ גלאַנציקער, ווי נאָר וואָס פון אונטערן דרוק אַרויס — האָט, ווי אַ ראַלעט פאַר דער זון, פאַרהאַנגען דאָס גאַנצע פענצטער פון ר' משה לאַסקיס מילך־געוועלב, אויף מוראַנאָווו צוועלף.

פון אויבן, הויך איבער די קעפּ פון דעם לייענענדיקן עולם, האָבן פינף גרוי־סע ברוין־בלויע אותיות, ווי ראַכיטישע פיסלעך פון קראַנקע קינדער, אַראָפּגע־קוקט און אַראָפּגעשריגן מיט דריי גרויסע אויסגעשריי־צייכנס —

ה י י נ ט !

און אונטער דעם — אַ סך נישט גלייך אָנגעוואָרפענע שירות, פון פאַרשי־דענע גרויסן, פאַרשידענע פאַרמען:

פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט  
אַלע אויף דער פרישער לופט,  
אין שיינעם מוראַנאָווער פּאַרק,  
אויפן יום־טוב פאַר די לייענער פון דער  
גרעסטער יידישער צייטונג אין פוילן —

(״די נייע וועלט״[1])

זעקס בופעטן — מיליטערישער אָרקעסטער פון פערציק מאַן —  
אַלע יידישע שרייבער — אַלע יידישע אַקטיאָרן — טעאַטער  
אונטערן פרייען הימל — טענץ אויפן גרינעם גראָז —  
פאַר די לייענער, וואָס וועלן ביי דער קאַסע צושטעלן זעקס

---

1) „די נייע וועלט" — טאָגצייטונג. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע פון דעם 1־טן יולי 1909, ביז דעם 19־טן נאָוועמבער 1910.

כסדרדיקע נומערן פון "די נייע וועלט", איז דער איינטריט
פריי. אַנדערע דאַרפן איינצאָלן בלויז פופצן קאָפּיקעס.
קומט שוין! אַ שאָד יעדע מינוט!

קיין זעקס נומערן פון "די נייע וועלט" האָב איך נישט. איך לייען די צייטונג בכלל ווינציק. צו אונז אין שטוב קומט נאָר דער "היינט"[2] אַריין. נאָר קיין תירוץ איז עס נישט. אין פּאַרק דאַרף מען זיך אַריינקריגן. מ׳דאַרף זען, וואָס דאָרט טוט זיך. ווי ס׳וועט אויסזען.

אַלע יידישע שרייבער...

אַוודאי אויך פּרץ, אברהם רייזען, פרישמאַן, שלום אַש, הלל צייטלין, דינע־זאָן, נאָמבערג...

יאָ, און יאושזאָן... מ׳רעדט דאָך אַזוי פיל וועגן זיינע חסידישע מעשיות אין בלאַט... דערצו נאָך זאָגט מען, אַז ער דאַוונט אין שטיבל... אַז שבת טראָגט ער אַ זיידענע קאַפּאָטע מיט אַ סאַמעטן היטל...

און ערשט יאַצקאַן... אָט אָ, דער יאַצקאַן, וואָס שוינט נישט קיינעם... וואָס זאָגט אַזוי שאַרף אַריין... וואָס מ׳זאָגט וועגן אים, אַז ער האָט אפילו פאַרן קייסער נישט קיין מורא...

אַלע...

אַלע אויף איין אָרט...

אַלע אין מוראַנאָווער פּאַרק...

מ׳מוז גיין. אַזאַ געלעגנהייט טאָר מען נישט דורכלאָזן...

---

דער מוראַנאָווער פּאַרק איז נישט אויף מוראַנאָוו. דער פּאַרק איז אויף באָ־ניפראַטן גאַס. נאָר אַזוי ווי דאָס טויער קומט אויס פּונקט אַנטקעגן איבער מוראַ־נאָוו — האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען "מוראַנאָווער".

פון דאַנען, פון מוראַנאָוו, איז עס אַ גאָרנישט, אַ פינף הייזער. ווען מען שטייט אַזוי, מיט דער לינקער האַנט צו לאַסקיס געוועלב און מיט דער רעכטער צום מאַרק — האָט מען פון רעכטס די נאַלעווקעס, פון לינקס — די פּאָקאָרנע, שעראַקאָווסקע און פשעביעג, הינטן — די שמאָלע מילע און ברייטע מילע, און אַנטקעגן, גלייך מיט דער נאָז — דאָס גרויסע, הילצערנע טויער, מיט דער הויך־קערדיק אַראָפּגעבויגענער לאָמפּ —

דאָס איז דער מוראַנאָווער פּאַרק און דאָס מוראַנאָווער טעאַטער...

אָט גייען טאָקע מענטשן אַהין. מ׳דערקענט עס אין דער יום־טובדיקייט זייע־

---

2) „היינט" — טאָגצייטונג. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע פון דעם 22־טן יאַנואַר 1908, ביז בערך צוויי וואָכן נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939.

דער. אין די פעקעלעך "די נייע וועלט", וואָס יעדערער טראָגט זיי אויף אַן אַנדער אופן, אַנדערש איינגעוויקלט, נאָר מיט אַ באַזונדערער חשיבות. מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג — ווי שוין דאָ, נאָך איידער זיי קומען אין פּאַרק — ווילן זיי, מ'זאָל וויסן, אַז זיי זענען לייענער פון "די נייע וועלט". אַז זיי גייען אין מוראַנאָווער פּאַרק, אַז זיי זענען עס די אמתע, די ריכטיקע מחותנים אויף דער שמחה, וואָס קומט דאָרט פאָר...

אויף יענע בריטשקע, וואָס פאַרדרייט זיך צו די נאַלעווקעס, איז פון פּאַרק. מען דערקענט די בריטשקע. מ'ווייסט, אַז ס'איז די בריטשקע פון מוראַנאָווער טעאַטער. אַז מיט דער בריטשקע פאָרט אָפּט דער טעאַטער־דירעקטאָר אבא קאָמפּאַניעץ. מ'דערקענט אויך חיים־יאָסל דעם "לייב", וואָס שטייט אויף דער בריטשקע, מיט צעשפּרייטע פיס צוגעפּעסטיקט ווי אַ טעלעגראַפן־סלופּ...

אין איין האַנט די לייטשעס מיט דער בייטש, די צווייטע האַנט אויסגעבויגן און אונטערגעשפּאַרט די זייט — ווי אַן אויער צו אַ ריזיקער קרוג — קוקט ער אין אַלע זייטן, צי מ'זעט אים. צי מ'ווייסט, ווער עס פאָרט...

עמיצער שרייט אים נאָך:

— לייב! — פון פּאַרק?

הייבט ער אויף די האַנט איבער די אויגן. מאַכט פון דער האַנט־פלאַך אַ דעכל פאַר דער זון. קוקט, ווער עס פרעגט אים:

— יאָ. כ'פאָר נאָכן אַלטן.

— סי דאָ אַ סך מענטשן?

— פרעג שוין גאָרנישט...

אַלע קוקן אים נאָך. מ'קען אים, חיים־יאָסלען. דער עיקר דאָ, אויף מוראַנאָוו. ער איז אַ דאָאיקער. — געבוירן אויף מוראַנאָוו פינף, געגאַנגען אין חדר מוראַנאָוו זיבעצן, זיך געלערנט ביים קאַסטן־מאַכער מוראַנאָוו צען, געפאָרן ביים דראָשקאַזש מוראַנאָוו דריי, און איצט דרייט ער זיך ביי די אַרטיסטן און ביים דירעקטאָר פון מוראַנאָווער טעאַטער...

ער טוט דאָ אַלץ: גייט אַ גאַנג, פאָרט מיט דער בריטשקע, העלפט שטעלן דעקאָראַציעס, איז אַ סטאַטיסט און אַז מ'דאַרף — איז ער אויך אַ לייב...

ס'הייסט, ווען מען שפּילט אין טעאַטער גאָלדפאַדענס בר־כוכבא און דער רוימישער הערשער אין ארץ־ישראל, טורנוס רופוס, באַפעלט, מ'זאָל צו בר־כוכבאן אַריינלאָזן אַן אויסגעהונגערטן לייב — לאָזט מען אַריין חיים־יאָסלען...

ער איז דעמאָלט אָנגעטון אין אַ פעל פון אַ ריכטיקן לייב, גייט אויף אַלע פיר און ווען ער לויפט אַזוי אַרויף אויף דער בינע, מיט אַן אויפגעריסענעם פּיסק און מיט אַ געברום — ווערט דער עולם אין זאַל אַ פאַרציטערטער...

דערפאַר רופט מען אים "לייב"...

וואָרן, מ'ווייסט עס. מ'דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם. מ'דערציילט אויך, אַז איינמאָל, אַלס בר־כוכבא איז אויף דער בינע געשטאַנען דער

אַרטיסט בעני אַבעלמאַן און דער הערשער טורנוס רופוס האָט געגעבן אַ באַ־פעל: — "לאָזט אַריין דעם אַפריקאַנישן לעוו!" — איז דער לייב אַריינגעלאָפן מיט אַזאַ געבריל און געטון אַזאַ שפרונג צו בר־כוכבאן, אַז בר־כוכבא — ס'הייסט בעני אבעלמאַן — האָט זיך באמת דערשראָקן און פון גרויס צעטומלטקייט, האָט ער דעם לייב אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון מיטן פוס... איז עס דאָך אַ לייב, האָט ער זיך אויך פאַרלוירן, געטון זיך אַ שטעל אויף די הינטערשטע פיס, זיך אַ וואָרף געטון אויף אבעלמאַנען און מיט די פאָדערשטע פיס גענומען קלאַפּן, ווי נאָר ס'האָט זיך געלאָזט... איז אָבער אבעלמאַן אויך נישט געווען קיין מפיל־קינד — נו איז אין זאַל געוואָרן אַ מהומה, מענער האָבן געשריגן, פרויען האָבן ספּאַזמירט, פון די נאָענטע רייען האָט מען שוין גענומען מאַכן פיס... אַ נס, דער הערשער רופוס האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך אַ הייב געטון פון טראָן און אַ גע־שריי־געטון:

— חיים־יאָסל!...

און דאָס האָט געהאָלפן. דער לייב האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, ווער ער איז. ער האָט צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר, גענומען דרייען מיטן קאָפּ און הכנעהדיק זיך געלייגט פאַר בר־כוכבאס פיס...

מענטשן דערמאָנען זיך די מעשה. איינער, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַליין גע־ווען דערביי, דערציילט עס איבער מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ שטאָלץ — ווי נישט חיים־יאָסל, נאָר ער אַליין וואָלט עס געווען דער "לייב"...

---

די רייע ביים קאַסע־פענצטערל איז נישט גרויס. אָבער, ס'שלעפּט זיך. מ'דאַרף ביי יעדערן ציילן די בלעטער, נאָכקוקן די נומערן, און דער בחור, וואָס זיצט פון יע־נער זייט פענצטערל, איז שטרענג. אים ווערט מען נישט נאַרן...

רעדט מען, דינגט מען זיך, דאָ אַ בלאַט אַראָפּ, דאָרט צוויי קאָפּיקעס אַרויף...

און אָט בין איך ביים פענצטערל:

— ביטע, אַ בילעט.

— זעקס בלעטער האָט איר?

— ניין. כ'האָב נישט קיין בלעטער.

— איז פופצן קאָפּיקעס...

און שוין. כ'בין שוין אין פאַרק. כ'טרעט אויפן גרינעם גראָז, ווער באַרוישט פונעם הוא־האַ, פון דער גרויסער פייערלעכקייט, הילכיקע געלעכטערן, פאַרשידע־נע געשרייען.

דאָס האַרץ קלאַפּט. אין קאָפּ — אַ שיכרות: כ'ווייס נישט, ווו פריער גיין, וואָס פריער זען —

בופעטן, טישלעך, הוידלקעס, קאָנפעטי. — גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן,

מיט קינדערישע לופט־באַלאָנדלעך, מיט געשלענגלטע קאָלירטע פּאַפּיר־סטענגעס, מיט אַזעלכע שפּילזאַכן און אַזעלכע שטיפערייען, אַזאַ לאַכן.

אויך דאָס גראָז, דאַכט זיך, שמעקט עפּעס מיט אַזאַ מחיהדיק צעגרינטער יום־טובדיקייט. אויך די אַראָפּהענגענדיקע באַבלעטערטע צווייגן פון די עטלעכע ביימער דאָ און דאָרט, וויגן זיך פּאַמעלעך דאָ אַהער, דאָ אַהין — ווי זיי וואָלטן זיך מיטגעפרייט מיט דעם עולם אַרום. אפילו די זון פון אויבן, איבער אַלעמען, איז עפּעס ווי ספּעציעל אַרויס אין סאַמע מיט, איבער די אַלע מענטשן און זי איז אַזאַ אָפענע, אַזאַ צעשמייכלטע, אַזאַ מוטערלעך־וואַרעמע.

און דאָ — צווישן דעם גאַנצן געטומל — דאָס ״רבילע״...

דער רוסישער סטאַיקאָווע מיט דער לאַנגער באָרד און מיטן טאַבעק־פּוש־קעלע אין האַנט... דער אַזוי פּאָפּולערער סטאַיקאָווע פון מוראַנאָווער געגנט... די שרעק און טרייסט פון די יידישע הענדלערקעס... דער, וואָס שלעפּט מיט איין האַנט פּאַרן קאָלנער און די צווייטע האַנט שטרעקט ער אויס, מ׳זאָל עפּעס אַרייַנ־רוקן...

אויך ער איז נישט דער אייגענער סטאַיקאָווע, וואָס אַלע מאָל. ער יאָגט נישט. ער שרייט נישט. ער כאַפּט קיינעם נישט פּאַרן קאָלנער. שטרעקט נישט אויס די האַנט...

מיט דער לאַנגער שווערד אין איין זייט, די שוואַרצע שייד פון רעוואָלווער אין דער אַנדערער זייט און דאָס ברוינע טאַבעק־פּושקעלע אין האַנט — זעט ער אויס אַ פאַרשטעלטער. ווי איינס פון די פאַרשידענע שפּילזאַכן. ווי איינס פון די מענטשעלעך, וואָס אַז מען גיט עס אַ קוועטש ביים בייכל — טוט עס אַ פּייף...

און מ׳שפּילט זיך טאַקע מיט אים. דאָ גייט צו דער, דאָ גייט צו יענער. מייד־לעך באַשיטן אים מיט קאָנפעטי, ייִנגלעך נעמען ביי אים אַ שמעק טאַבעק. מ׳שמעקט, מ׳ניסט, מ׳לאַכט, און מיטאַמאָל —

דריי טעמפּע פויקן־קלעפּ קאָלערן זיך אַראָפּ, ווי פון הימל און בלייבן הענ־גען אין דער לופט. דאָס געקלאַנג פון מעשענע טעלער שניידט זיך אַריין אין דער מיט און באַלד נעמען אַ צענדליק פאַרשידענע בלאָז־אינסטרומענטן שפּילן.

דער מיליטערישער אָרקעסטער.

לעבעדיק, מיט אימפּעט, מיט ברען.

פאַרגעסט מען אין ״רבילע״. מ׳לויפט צו. מ׳רינגלט אַרום די זעלנער. מ׳קוקט אויפן קאַפּעלמייסטער — אַזאַ הויכער. אַזאַ שיינער. אין אַן אָפיצירישן מונדיר. אַ לאַנגע שווערד. גלאַנציקע מעדאַלן...

און עפּעס אַזוי היימיש. אַזוי נישט אָנגעשטייפט. אַזאַ קוקן צום עולם. אַזאַ ווינקען מיט די אייגעלעך...

ווערט מען צעוואַרעמט. פאַלט מען אַריין אין עקסטאַז —

— זע נאָר די אייגעלעך...

— און אַזאַ איידל פּנים...

— זעט אײַנגאַנצן אויס ווי אַ ייד...
— ס׳הייסט, ער זעט אויס? — ר׳איז דאָך אַ ייד...
— גייט שוין גייט...
— אַ ייד... אַלע זאָלן מיר אַזוי... מײַן שוואָגער קען זיך מיט אים... ער הייסט קאַטיק... באַריס קאַטיק...

קאַטיק? — כ׳דערמאָן זיך. קיפּניס האָט טאַקע געשריבן וועגן אים. חוץ דעם איז וועגן אים געווען עפּעס אַ מעשה אין „פריינט״, דאַכט זיך. אַ מעשה וועגן אַ פאַרוויילונג אין פּאַרק דינאַסי. דער קאַפּעלמייסטער פון מיליטערישן אָרקעסטער זאָל האָבן באַליידיקט אַ יידיש ווייבל און די צייטונג האָט געשריבן, אַז דער קאַ־פּעלמייסטער הייסט קאַטיק און אַז ער איז אַ געשמדטער ייד. איז צומאָרגנס קאַ־טיק געקומען אין רעדאַקציע, אַז ערשטנס, האָט ער נישט באַליידיקט ס׳ווייבל און צווייטנס — איז ער נישט געשמדט... ער איז אַ ייד. אַן אָפּגעהיטענער ייד. און כּדי מ׳זאָל אים גלייבן, האָט ער אין רעדאַקציע פונאַנדערגעשפּילעט דעם אָפיצי־רישן מונדיר און געוויזן, אַז ער טראָגט אַן ארבע־כּנפות...

הייסט עס, אַז דאָס איז ער? אַז דאָס איז דער קאַטיק?

שווער צו זאָגן, צי דער עולם געדענקט אויך די מעשה אין צייטונג. נאָר, אַלץ איינס — מ׳שטופּט זיך, וואָס נענטער. מ׳איז באַגייסטערט. מ׳ברומט אונטער דעם מאַרש. מ׳קלאַפּט צו מיטן פוס צום טאַקט...

און ער — ער זעט דאָס. ער האָט, ווייזט אויס, הנאה דערפון. ער טוט דאָ אַ ווינק, וואַרפט דאָרט צו אַ שמייכעלע, און דאָס דיריגיר־שטעקעלע באַוועגט זיך ריטמיש, דאָ אַהער, דאָ אַהין — ווי ער וואָלט דערמיט אין דער לופטן ערשט די נאָטן אָנגעשריבן...

נאָר אָט טוט ער אַ קוק אין דער ווייטקייט. נאָכאַמאָל אַ קוק. דערנאָך אַ קוק צו די זעלנער, אַ קלאַפּ מיטן דיריגיר־שטעקעלע אין פּולפּיט, אַ פיר מיטן שטע־קעלע אין דער לופט. דער מאַרש ווערט פאַרענדיקט. ווי אין דערמיט איבערגעריסן.

די זעלנער קוקן צו אים. פאַרשטייען נישט, וואָס עס איז געשען. נאָר ער לאָזט נישט קומען צו־זיך. קלאַפּט מיטן שטעקעלע אין פּולפּיט:

— דוואַצאַט פּיאַט!... ביסטרעי, דוואַצאַט פּיאַט!...[3]

די זעלנער נעמען גיך מישן די בלעטער נאָטן, געפינען, וואָס זיי דאַרפן, שטעלן אָן די אינסטרומענטן. ער טוט אַ פיר מיטן שטעקעלע, דער אָרקעסטער נעמט שפּילן און מען שטעלט אָן די אויערן — עפּעס קענטלעך. עפּעס יידישלעך...

און דער עולם כאַפּט טאַקע אונטער:

לאָמיר אַלע,
אַלע אינאײינעם
דעם חתן מקבל פּנים זײַן...

---

3) פינף און צוואַנציק!... גיכער, פינף און צוואַנציק!...

איינער זאָגט "דעם חתן", אַ צווייטער זאָגט "די כלה", נאָר אַ סענסאַציע איז עס: אַ רוסישער מיליטער־אָרקעסטער — אַ יידיש לידל...

קוקט מען אויפן קאַפּעלמייסטער. מ׳איז אים דאַנקבאַר. מ׳וויל עס אים געבן צו פאַרשטיין. נאָר ער זעט נישט קיינעם. זיינע בליקן זענען גאָר געווענדעט אַהין, איבער אַלעמענס קעפּ אַריבער.

און זיין פּנים שיינט. די אויגן גלאַנצן...

קוקט מען אויך אַהין. — וואָס איז געשען? וועמען זעט ער דאָרט?

און איינער טוט אַ זאָג:

— פּרץ...

— ווער?

— יצחק־לייבוש פּרץ...

יאָ, פּרץ. דאָס איז ער — אַ פּולער, מיט דיקע וואָנסן, אַ ברייטער, ווייכער הוט, שוואַרצע פּאָלערינע...

הייסט עס, לכבוד אים דאָס יידישע לידל? אים איז עס דער אָרקעסטער מקבל פּנים?

לויפט מען אַנטקעגן. מ׳רינגלט אים אַרום:

— גוט מאָרגן, הער פּרץ!

און אַ מיידל האָט שוין פּאַר אים גרייט צוויי ווייסע רויזן:

— ביטע. הער פּרץ...

קוקט ער, פּרץ. קוקט מיט זיינע שמייכלדיקע אויגן:

— איך דאַנק אייך... ס׳איז זייער שיין, וואָס איר גיט אָפּ פּרצן אַזאַ כבוד... נאָר, איך בין נישט פּרץ...

לאַכט זיך אַ בחור פונאַנדער:

— איר זענט אַ וויצלער, פּאַניע פּרץ...

און אַ צווייטער:

— ווער קען עס אייך נישט? — נישטאָ, דאַכט זיך, אַ ייד, זאָל נישט קענען פּרצן...

— זייער פיין. יידן דאַרפן טאַקע קענען זייער גרויסן שרייבער. זייער פּרצן. נאָר — איך האָב דאָך אייך געזאָגט — איך בין נישט פּרץ. איך הייס פריידן...

— וואָס?... פריידן?...

און עמיצער כאַפּט זיך:

—ווירקלעך... דער פּאָרלעגער פריידן... פון דערווייטנס וואָלט איך געשווירן...

נאָר דער קאַפּעלמייסטער ווייסט גאָרנישט. ער הערט נישט, וואָס דאָ טוט זיך. זיין פּנים שיינט. ער פאָכעט אַהער מיט דער האַנט:

— דליאַ וואָס... דליאַ וויעלקאַווא פּערעצאַ...[4]

4) פאַר אייך... פאַר דעם גרויסן פּרצן...

עטלעכע לאַכן זיך פונאַנדער. אַנדערע פאַרדריסט עס. — אמת, ס׳איז טאַקע נישט פרץ. אָבער, וואָס איז ס׳געלעכטער?

פרובירט מען עפעס זאָגן. מיט עפעס פאַרגלעטן. נאָר פריד הערט שוין נישט. פריד זעט שוין נישט. ער קוקט אויף צוויי מענטשן, וואָס דערנענטערן זיך מיט פאַמעלעכע טריט און זיין פנים נעמט שיינען. אַ ברייטער שמייכל צע־לייגט זיך אונטער זיינע דיקע וואָנסן:

— אָט גייען יידישע שרייבער...

איינער אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ שאַרף איינגעפאַלן פנים און אויגן לע־בעדיקע, וואָס לויפן, וואָס זוכן. דער צווייטער — אַ העכערער, אַ פולער, מיט אַ רויטלעך זאַט פנים און אויגן — הגם שמייכלדיקע — אָבער זיי קוקן גלייך. זיי לעכערן דורך...

ווירקלעך, שרייבער. דער קליינער איז נאָמבערג. ערשט יענע וואָך איך אים גע־זען אויף אַן אָוונט אין ״הזמיר״. ער האָט געלייענט ״פליגעלמאַן״. אַ מיידל האָט אויך דעקלאַמירט זיין ״אוי ווי און כאַ־כאַ־כאַ״...

און ווער איז דער אַנדערער?



מרדכי ספעקטאָר
(צייכענונג פון ש. פייגענבוים)

זיי קומען צו. פריד באַגריסט זיך מיט זיי, דערלאַנגט זיי די האַנט און שטעלט זיי פאָר פאַרן עולם:

— הערש־דוד נאָמבערג... מרדכי ספעקטאָר...

איך קוק און גלייב מיינע אויגן נישט — דאָס איז ספעקטאָר? אַזעלכע ברייטע אַקסלען? אַזאַ אָנגעגאָסענעם קאַרק?...

שווער צו זאָגן פאַרוואָס — אויפן געדאַנק קומט אַרויף עפעס אַ ראָמאַן זיינער. פאַר די אויגן שטייט די העלדין לאה. די צאַרטע, בליענדיקע, אַכצן יאָריקע לאה, וואָס ווערט פאַרפירט פון אַ האַרצלאָזן געליבטן. ס׳ווערט געבוירן אַ קינד. די שאַנדע איז גרויס. זי לאָזט איבער דאָס קינד ביי פרעמדע מענטשן. לויפט, ווו די וועלט האָט אַן עק. פאַלט אַריין צווישן שלעכטע מענטשן. ווערט פאַרקויפט צו שאַנד. אַנטלויפט. ווערט ווידער פאַרקויפט. אַנטלויפט ווידער... פייניקט זיך אַפ דרייצן יאָר. קומט אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע, צוריק אין איר שטאָט — צו־ריק אין דעם אָרט, ווו זי האָט איבערגעלאָזט איר קינד און זי דערוויסט זיך, אַז אויך דאָס קינד — איר דרייצן יאָריק טעכטערל — איז שוין פאַרקויפט צו שאַנד...

און דאָס איז ספעקטאָר? דאָס איז דער מחבר פון דעם ראָמאַן?...

און איך האָב זיך אים פאָרגעשטעלט אַזאַ בלייכן. אַן איינגעדאַרטן. אַז עס פייניקט אים נעבעך דער ביטערער גורל פון זיינע העלדן. אַז ער ליידט פון זייערע ליידן. ווייטיקט פון זייערע ווייטיקן...

הייסט עס, וואָס?...

איך וויל פאַרגעסן. כ׳וויל פאַרטרייבן די געדאַנקען. נאָר, ניין. לאה — אַ קראַנקע, אַ צעבראָכענע, אַ פרי פאַרעלטערטע — שטייט מיר פאַר די אויגן... איך קוק אויף ספעקטאָרן און ס׳דאַכט מיר, אַז אויך זי, לאה, קוקט אויף אים... אַז זי שטרעקט אויס די האַנט צו אים:

— פאַר וואָס?... פאַר וואָס האָסטו דאָס געטון?...

---

— זדראַוו!... גוט מאָרגן, פּאַניע ספּעקטאָר!...

פון דאָרט. פון דער בריטשקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, רופט מען. ס׳איז קאָמפּאַניעץ. דער דירעקטאָר פון מוראַנאָווער טעאַטער. דער גאַנצער בעל־הבית דאָ פון פּאַרק.

אַ דיקלעכער, נישט קיין הויכער, אין אַ העלן שטרויענעם הוט, אַ ברוין סאַמעטן רעקל, אַ ברייטע ווייסע וועסט און איבער דער וועסט אַ דרייפּאַכיקע גאָלדענע קייט — לויפט ער צו צו ספּעקטאָרן, כאַפּט אים אָן מיט ביידע הענט און דאָס פּנים שיינט אים:

— נו, פּאַניע ספּעקטאָר?... וואָס זאָגט איר?... זאַמעטשאַטיעלנאָ, האַ?...

— וואָס מיינט איר?

— זעט, וואָס דאָ טוט זיך... זעט אַ פּובליקום...

— יאָ. קיין עין הרע.

— און וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — איך האָב אַ נאָז פאַר קולטור. אויף די זאַכן קען איך זיך. באַלד וועט איר אויך זען די ספּעקטאַקלען. פיר ספּעקטאַקלען וועלן זיין. יעדע שעה אַ ספּעקטאַקל. איר ווילט — קומט־צו. מעט באַלד אָנהייבן...

ער דערזעט נאָמבערגן:

— אָ, איזוויניטיע... אייך נישט געזען... יאָ, היינט געטראַכט וועגן אייך... שרייבט פאַר מיר אָן עפּעס אַ פּיעסעלע... ס׳קאָן זיין אַ סוקצעס... מ׳דאַרף נאָר אַביסל געזאַנגען...

נאָמבערג שמייכלט:

— און טענצע... און אַ פּולקע גענדזונס...

קאָמפּאַניעץ פאַרלירט זיך:

— ניין... כ׳מיין...

און באַלד טוט ער אים אַ כאַפּ ביי דער האַנט:

— קומט, טייערער... קומט אַלע... זיי וואַרטן... מען דאַרף שוין אָנהייבן דעם ספּעקטאַקל...

מ׳נעמט גיין. חברה — נאָך. טייל פאַרלויפן אפילו דעם וועג פאַרויס. ווי

מ׳וואָלט מורא געהאַט עפּעס פאַרשפּעטיקן. מורא געהאַט עפּעס דורכלאָזן. עפּעס היזק האָבן...

אויפן וועג ווערט די גרופּע שרייבער גרעסער. טייל קען מען. אויף אַנדערע פרעגט מען זיך נאָך. מ׳רעדט הויך. מ׳ווייזט אָן מיט די פינגער. מ׳גיט סימנים...

אָט דער הויכער, מיטן ברייטן פּנים און נאָך ברייטערן "ליטעראַרישן" שלייף — דאָס איז יקיר וואַרשאַווסקי... דער "פּאַצעט" מיט די געקעסטלטע הויזן, איז יהושע פּערלע... דער שוואַרצער, מיטן גרויסן קאָפּ און געלן שטעקן, איז מאַרק אַרענשטיין... דאָס שיינע בחורל, מיט די לאַנגע, מיידלשע האָר, זאָגט מען, איז א. שעפּס...[5]) דער קליינער, מיטן געשטופּלטן פּנים, איז מנחם קיפּניס...



א. שעפּס (א. אלמי)
(צייכענונג פון ח. גאָלדבערג)

קיפּניסן קענען אַלע. מ׳ווייסט, אַז ער וווינט אויף נאָוואָליפּקי... נאָווינאַרסקע נומער פיר. אַז ער האָט נאָך געזונגען ביי ניסן בעלזער אין בערדי־טשעוו און ביי זיידעלע ראָוונער. אַז ער זינגט אַלס ערשטער טענאָר אין כאָר פון דער וואַר־שעווער אָפּערע. ער קען זיך פּערזענלעך מיט די גרעסטע יידישע און אפילו נישט־יידישע אַרטיסטן. ווען סאַראַ בערנאַר איז געווען אין וואַרשע — איז ער געפאָרן אין איר קאַרעטע... איז ער די סענסאַציע פון עולם. יעדערער שטופּט זיך. יעדערער באַמיט זיך אים בעסער אָנקוקן. בעסער הערן, וואָס ער רעדט. און — ווער ווייסט? — אפשר וועט ער גאָר אַ זינג־טון אויך...

---

אַראָפּ, רעכטס פון דער טעאַטער־געביידע, פאַררוקט כמעט אין ווינקל פאַרק — זעט מען אַ צוויי צענדליק רייען בענק און אויבן, אין סאַמע שפּיץ — ווי אַ קליין קעפּל אויף אַ ברייטן קאַרליק־גוף — אַ טונקל אונטערגעהויבן עסטראַדעלע.

מ׳בלייבט שטיין. דאָ זענען שוין דאָ אַרטיסטן, אַרטיסטקעס. אויך זיי קען מען. אָט איז הערמאַן פיינשטיין, אָט איז אַדאָלף בערמאַן, לייב ווינער, מיכאל קליין,[6]) נאַדינאַ דראַנאַוו, קרויזע־מילער, סאָניע שלאָסבערג, איר מאַן דער קאָמפּאָ־

---

5) א. שעפּס (א. אַלמי) — לעבט אין ניו־יאָרק. מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". מחבר פון אַ צענדליק ביכער.

6) מיכאל קליין — געווען איינער פון די דערפאָלגרייכסטע יונגע יידישע אַקטיאָרן און זינ־גער. היינט — אין ישראל.

## אַ סצענע פון „יום החופה"

געשפּילט אין מוראַנאָווער טעאַטער, אונטער דער רעזשי פון מאַרק אַרנשטיין
(פאָטאָגראַפירט דורך מ. קיפּניס)



פון רעכטס צו לינקס: לייב ווינער, נתן זשעלאַזאָ, פּייוול גאַרטילאָוויטש, לאה קאָמפּאַניעץ, שמואל לאַנדאָ. פאָרנט — מיכאל קליין.

זיטאָר יצחק שלאָסבערג און איינע גאָר אַ יונגיטשקע. ווייזט אויס אַ פרישע. מ'ווייסט נישט, ווי זי הייסט.

קאָמפּאַניעעץ כאַפט אַ קוק, בעט איבער, גייט גיך אַוועק צו דער טעאַטער־געביידע און די אַרטיסטן טוען זיך אַ לאָז צו די שרייבער — מ'באַגריסט זיך, מ'פרייט זיך.



יהושע פערלע

(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

די יונגיטשקע איז גאָרנישט קיין שעמעוודיקע. זי האָט גאָר קיין דרך־ארץ נישט. לויפט דאָ צו איינעם, דאָ צו אַ צווייטן. דעם אַ טשעפּ, דעם אַ ריס, לאַכט הויך.

אויך די עלטערע באַמיען זיך נישט צו בלייבן הינטערשטעליק. אויך זיי נעמען טאַנצן אַרום די שרייבער. קרויזע־מילער "פאַרכאַפט" קיפּניסן. סאָניע שלאָסבערג וויל נעמען נאָמבערגן אונטערן אָרעם...

נאָר אַ הויכער, דאַרער בחור, וואָס שווימט אַרום אין אַ ברייטן פראַק, שפּרינגט אַרויף אויפן עסטראַדעלע און נעמט רעדן דורך אַ גראַמאָפאָן־טרובע:

— האָכגעשעצטעס פובליקום! דער ספעקטאַקל הייבט זיך באַלד אָן. מיר בעטן פאָזשאַליסטאַ, פאַרנעמען פלעצער. די, וואָס האָבן נאָך נישט קיין צוגאָב־בילעטן, דאַרפן זיך צויאָגן. די קאַסע איז דאָרט, ביים פענצטערל...

אַ טומל, אַ גערודער, מ'נעמט זיך שטופן צו די בענק, אַנדערע לויפן צום קאַסע־פענצטערל און דער בחור רעדט נאָך אַלץ אין דער טרובע. ער לויבט דעם ספעקטאַקל, וואָס דאַרף פאָרקומען. רעדט וועגן די "וועלט־באַרימטע" אַרטיסטן, וואָס באַטייליקן זיך און בעט דאָס פובליקום זיך צו פאַרהאַלטן רואיק — ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ גרויסן ליטעראַרישן "פראַזדניק" און "נאַ טשעסט" די האָכגעשעצטע ליטעראַטן, וואָס געפינען זיך דאָ אין דעם "צושויער־זאַל"...

ס'געדויערט צו לאַנג. די בענק זענען פאַרפולט. דער אַרום — קעפ אויף קעפ. אויף וואָס זשע וואַרט מען? פאַר וואָס הייבט מען נישט אָן?

מען פאַטשט מיט די הענט. מען קלאַפט מיט די פיס:

— אַ סוף!... זאָל מען אָנהייבן!...

און אויפן בינעלע לויפט אַרויף יענץ יונגיטשקע אַרטיסטקעלע. זי שמייכלט שטיפעריש, בלענדט מיט קליינע, ווייסע ציינדלעך און דאָס שטימעלע איז זיס, צערטלדיק:

— הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טון אין אַזאַ ווייטן וועג?
— איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
איך וועל שרייען וועש צו וואַשן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין...

דער דערפאָלג איז גרויס. דער עולם שטורעמט. זינגט זי נאָך עפּעס. דאָס מאָל אַ ליד פון אַ יתומה, וואָס די שטיפמאַמע פייניקט זי.

דאָס אַרטיסטקעלע וויינט און ס׳דאַכט זיך, אַז דער עולם וויינט מיט:

קנעט איך חלה — זאָגט זי שיטער,
מאַך איך פיש — שרייט זי ביטער,
פאַרבעט איך ס׳בעט — זאָגט זי הויך,
הייץ איך אין אויוון — פילט זיך רויך...

דערנאָך קומט אַרויף סאָניע שלאָסבערג. זי קען מען. זי האָט קרעדיט. מען אַפּלאָדירט פאָרויס.

אָנגעטון ווי דינה אין תפיסה[7]. אויך זינגען זינגט זי דאָס ליד, וואָס דינה זינגט אין תפיסה:

זאָ לאַנג די זאַנג איז יינגער,
און דער קאָרן — מאָגער גרינגער,
זאָ לאַנג די זאַנג איז יינגער —
קוקט מען זיך נישט צו...

געענדיקט דאָס, זינגט זי אַ ליד פון ״שולמית״, דערנאָך ״אלי, אלי, למה עזב־תני״. אָבער, דער עולם וויל נישט אָפּלאָזן. מ׳קלאַפּט — מ׳וויל נאָך...

נאָר דער שמאָלער בחור, אין ברייטן פראַק, שטעלט אַרויף אַ באַנק. דערנאָך קומט אַרויף איינער אין צעריסענע מלבושים. עמיצער פון עולם רופט זיך אָן:

— אָ, דער בילקע־פּרעסער...

און אַ צווייטער:

— יאָ, לייבעלע... לייבעלע ווינער... איך קען אים נאָך, ווען ער איז גע־גאַנגען אויף בריתן...

מען אַפּלאָדירט. מ׳שרייט אַרויף, וואָס ער זאָל זינגען. איינער שרייט ״דער גרעגער״, אַ צווייטער ״שטויסט איך אָן״, אַ דריטער ״דאָס שטעקעלע״...

---

7) אין גאָלדפאַדענס „בר כוכבא״.

נאָר ווינער טראַכט גאָרנישט וועגן זינגען. ער קוקט זיך אַרום. דערזעט עמיצן:
— אַט גייט קבצנזאָן...
ס׳קומט אַרויף נאָך אַן אָפּגעריסענער. ער דערזעט ווינערן:
— אַ, הונגערמאַן, וואָס שטייסטו דאָ?
— כ׳הער מוזיק.
— מוזיק? ווו האָסטו דען מוזיק?
— הערסט דען נישט, ווי מיין מאָגן שפּילט אַ מאַרש?...
זיי זעצן זיך אַוועק, ביידע זענען הונגעריק. זיי בענקען נאָך אַ רעפטל ברויט, מיט אַ קאָפּ פון אַ הערינג. דערנאָך טוט ווינער אַ זיפץ:
— אַ, ווען איך האָב איצט אַ "היינט"...
— אַ וואָס?
— אַ "היינט"... אַ בלאַט...
— איז וואָס טויג דיר אַ "היינט"? קענסט דען לייענען?
— ווער דאַרף לייענען? — ווען כ׳וואָלט געהאַט אַ "היינט" — וואָלט איך אים פאַרקויפט און כ׳וואָלט מיר געקויפט אַ האַלב פונט ברויט...
דער עולם לאַכט. דער וויץ געפעלט. נאָר מיטאַמאָל נעמט עמיצער שרייען:
— וואָס עפּעס אַ "היינט"?... וואָס פאַר אַ שטיק פּראָוועט איר?...
ס׳ווערט אַ טומל. איינער שרייט דאָס, אַ צווייטער עפּעס אַנדערש. ווינער שטעלט זיך אויף. ער פאַרענטפערט זיך עפּעס. מען ענטפערט אים. ס׳ווערט פאַר־ענדיקט דאָס שפּילן, אָבער דער טומל גייט ווייטער. ער טראָגט זיך איבער אין דרויסן, לעבן דער בינע. אויך ספּעקטאָר איז שוין דאָרט דאָ. ער שטופּט זיך דורך צו ווינערן:
— איר האָט געפעלשט דעם טעקסט... איך האָב אַליין די זאַך דורכגעקוקט... דאָרט איז בפירוש געווען "די נייע וועלט" און נישט דער "היינט"...
און ווינער בעט זיך:
— נו, וואָס זאָל איך טון? — כ׳האָב זיך טועה געווען... און צווייטנס, וואָס איז דער חילוק? — דער "היינט" איז נאָך אַ גרעסערע צייטונג...
ווערט דער טומל נאָך שטאַרקער. ס׳שאַפן זיך צוויי צדדים. איינער זאָגט, אַז "די נייע וועלט" איז גרעסער, אַנדערע, אַז דער "היינט" איז גרעסער. נאָמבערג מיט קיפּניסן שטייען און שמייכלען. זיי האָבן, ווייזט אויס הנאה דערפון...
אַ שטאַרקער פייף שניידט דורך די לופט. באַלד קומט אַ פּאָרסאָפּעטער צו־לויפן דאָס "רבילע":
— ראַזכאָדיטיעס!... ניקאַקיך סאָבראַני!...[8]

8) פונאַנדערגייין זיך!... קיין שום פאַרזאַמלונגען...

ב. קוטשער — געווען אַמאָל וואַרשע...

נאָמבערג צעלאַכט זיך:
— שאַ, ס'רבילע האָט דאָס וואָרט...
און קיפּניס דרייט זיך אויס און פרעגט ביים "רבילע" אויף יידיש:
— אדרבא, זאָגט איר: וועלכע צייטונג איז גרעסער?...

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

מיט יאָרן שפּעטער, ווען ביי די טישלעך, אויף טלאָמאַצקע דרייצן, האָט זיך אַמאָל אַנטוויקלט אַ וויכוח, וועלכע פון די וואַרשעווער יידישע צייטונגען ס'איז גרעסער — האָט נאָמבערג אַ געשריי געטון:
— קיפּניס! — מ'דאַרף רופן ס'רבילע!...

# „די ליטעראַטור" אין קאָזע...

אַ „שמחה של מצוה" אויף נאָוויניאַרסקע פּערצן. — ווער קען עס נישט דעם פּראַגער עילוי? — אַ „פרום" לידעלע פון אברהם רייזען. — עטל ביאַלערס ליטעראַרישע שמועסן. — י. מ. ווייסנבערג און דער „העררעדאַקטאָר". — וואָס זאָגט יעקב דינעזאָן? — מנחם וויל זען די מעדנים. — נאַטשאַלסטוואָ וויל אויך עפּעס...

דער חתונה־זאַל נאָוויניאַרסקע פּערצן, שיקט אַרויס אין גאַס אַריין, דורך אַלע זיינע אַכט פענצטער, דעם רחבותדיקן אָפּשיין פון די צענדליקער בלענדנדיקע גאַז־לאָמפּן. אויך די צוויי לאָמפּן, אַריבערגעבויגן אונטן, פוןביידע זייטן „פּאַראַד־נעם איינגאַנג", — קוקן, ווי מיט אַ באַזונדערער קאָקעטישקייט, אויף די דורכגייער און רופן זיי, נאָך פון וויטן:

— קומטס! זעטס, וואָס פאַר אַ שמחה!...

און די גאַס קוקט. די גאַס ווונדערט זיך —

מ'זעט נישט קיין קאָטשן צופאָרן. קיין מחותנים אין חתונה־קליידער אויס־שטייגן. מ'זעט נישט, ביים איינגאַנג, דעם אַלטיטשקן סאַרוער, ר' יאָסעלע זילבער, אינם אָפּגעריבענעם פראַק און זיידענעם קאַפּעלע. אָט אָ, דעם ר' יאָסעלע, וואָס איז געווען סאַרוער נאָך ביי ישעיה פּריוועסן און היינט שטייט ער בלויז ביים איינגאַנג און שאָקלט זיין ווייסן קאָפּ פאַר די אָנגעקומענע געסט:

— מזל־טוב, מחותנים! ר'זאָלט דערלעבן ביי קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך!...

מ'הערט אפילו נישט דעם וואַלס, דעם קאָנטרעדאַנס און די אַלע איבעריקע טאַנץ און חתונה־ניגונים, וואָס גליטשן זיך, אַלע אָוונט, אַזוי פאַמעלעך אַראָפּ פון אויבן, און זיי וואַרעמען, און זיי דערמאָנען אין פאַרגאַנגענע, אָדער גאָר קומענ־דיק־דערוואַרטנדיקע, זיסע שעהן...

טאָ, וואָס־זשע איז געשען? וואָס פאַר אַ שמחה קומט דאָך פאָר?

און דער חסידישער בחור, וואָס שטייט ביים איינגאַנג, דערקלערט:

— אַ שמחה של מצוה... די חברה בחורים, "לומדי תורה", פּראַוועט אַ סיום הספר...

גייט מען אויף דער שמחה. צום מיינסטן יונגוואַרג. מ'ווייסט, אַז חוץ דער מצוה, וועט מען אויך קאָנען פאַרברענגען. זיך טרעפן מיט באַקאַנטע. הערן שפּילן וואָלף

ראַטנערס קאַפּעליע, הערן ר׳ אַהרעלע קאַסטנמאַכערס חזנישע שטיקלעך, הערש־מאיר ווינדערס פריילעכע מעשיות און לידלעך...

שוין באַלד ביים איבערטרעטן די שוועל פון די זאַלן, פילט מען דאָס יום־טובדיקייט. פילט מען דאָס פרייקייט, דאָס פריילעכקייט.

ס׳איז נאָך פרי. דער סופר האָט נאָך נישט געברענגט דאָס ״הייליקייט״. כלי־זמרים נעמען איצט אַרויס פון די זעקלעך זייערע אינסטרומענטן. פון דעם חזן מיטן פריילעך־מאַכער, איז נאָך קיין סימן נישטאָ. בלויז פון די ווענט שרייען אַראָפּ באַגילדעטע אותיות:

תנו כבוד לתורה!

און —

תלמוד תורה כנגד כולם!

אָבער, יונגוואַרג פילט זיך אַזוי גוט. מ׳פילט זיך אַזוי פרי. משה פּערל־מוטער, יעקב ווערמעס, די ברידער הערשל און משה גראָסמאַן[9]) רעדן אַזוי פריי מיט מיידלעך... אַנדערע בחורים כאַפּן אפילו אַ ״פלירט״ מיט די שיינע פּאַר־קויפערינס ביי די בופעטן —

דאָ מעג מען... אַ שמחה של מצוה...

צווישן אַ גרופּע מיידלעך, שטייט איינע, נאָך גאָר אַ יונגע. די אויגן לייכטן. די בעקלעך — צוויי רויזן. זי האַלט פונאַנדערגעשפּרייט אַ באַרדאָ פּליושן ״מענ־טעלע״. זי האָט עס פאַר דער ספר תורה אויסגענייט...

מיידלעך קוקן מיט קנאה. מ׳לויבט די אַרבעט. אויך בחורים קאָנען נישט זאַט זיך אָנקוקן —

איינער וואַרפט אַריין:

— שיין... בלוט און מילך...

מ׳קוקט אים אָן:

— וואָס? — דאָס ״מענטעלע״?

— יאָ... דאָס ״מענטעלע״ איז אויך שיין...

אין אַ זייט שטייט אַ בחור. די פאות פאַררוקט אונטערן סאַמעטענעם היטל. דער פּאַלטאָ פונאַנדערגעשפּילעט, די פינגער פאַרשטעקט אין גאַרטל, די אויגן אַראָפּגעלאָזט — כמעט פאַרמאַכט.

ער רעדט מיט אַ ניגון. בחורים קוקן מיט קנאה. הערן מיט דרך־ארץ. מייד־לעך קוקן מיט פאַרבענקטע אויגן...

— ווער איז דאָס?

— ווייסט נישט? — ס׳איז דאָך דער פּראָגער עילוי?...

---

9) משה פּערלמוטער, יעקב ווערמעס און משה גראָסמאַן — לעבן אין פּאַריז.

— ווער? שמחהלע פּיעטרושקע?[10])

— יאָ. כ׳קען אים גוט. ר׳איז געווען אין אָטוואָצק, ביים ״וואָרקערס״ זון, ר׳ מענדל קאַליש. גאַנץ אָטוואָצק האָט געקאַכט...

פון צווייטן זאַל קומט־אָן מיט רעש, אַ מיידל:

— גוט־וואָך, פּיעטרושקע! כ׳דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן.

ער הייבט אויף די אויגן. לאָזט זיי באַלד צוריק אַראָפּ:

— כ׳מוז שוין גיין... בלויז געקומען אויף עטלעכע מינוט... צווייטנס — כ׳ווייס וועגן וואָס... איר וועט מוחל זיין... כ׳האָב שוין מיין אייגענעם דרך...

ער הייבט אפילו נישט אויף די אויגן. זאָגט האַסטיק ״אַ גוטע נאַכט״. דאָס מיידל קוקט אים לאַנג נאָך. טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. נעמט גיך, גיך גיין אין צווייטן זאַל. חברה קוקט איר נאָך:

— ער האָט עס איר דערלאַנגט אַן אָפּשניט...

— נו, טאַקע... אַ מיידל טוט זיך עס אַ לאָז צו אַ בחור...

— און נאָך צו וואָס פאַר אַ בחור... אַיין קלייניקייט — דער פּראַגער עילוי...

— ווער איז זי דען?

— קענסט זי נישט? — ר׳ גאָדל ביאַלערס טאָכטער... עטל ביאַלער...

עטל ביאַלער? — מ׳האָט דאָך מיר טאַקע דערציילט וועגן איר. וועגן דער אַרבעט אירער, צו באַקענען חסידישע בחורימלעך מיט דער יידישער ליטעראַטור. וועגן די ״ליטעראַרישע שמועסן״, וואָס זי האָט פאַר די בחורים איינגעאָרדנט. וועגן דעם, אַז ס׳איז נישטאָ כמעט קיין איין יידיש בוך, זי זאָל עס נישט האָבן געלייענט. קיין איין יידישער שרייבער אין וואַרשע — זי זאָל אים נישט קענען פּערזענלעך...

און אַז בחורים האָבן איר אויך אַ ״צונאָמען״ געגעבן.

מ׳רופט זי, אונטער די אויגן — ״די ליטעראַטור״...

ווייל, וועגן וואָס זי זאָל נישט רעדן, קומט זי שטענדיק אַרויף אויף ליטעראַ־טור. דערציילט זי אַ מעשה וועגן ליטעראַטור. אַ וויץ וועגן ליטעראַטור. חוץ דעם, רעדט זי כסדר וועגן אַ זשורנאַל ״די ליטעראַטור״, וואָס זי קלייבט זיך אַרויסגעבן...

הייסט עס דאָס איז זי? — אינטערעסאַנט. מ׳דאַרף זי בעסער אָנקוקן...

זי שטייט אין צווייטן זאַל, מיט עטלעכע בחורים. אַ בחור וואַרפט איר צו אַ וואָרט. זי רופט מיך צו:

— פאַרוואָס זעט מען אייך נישט?... וואָס קומט איר נישט אויף די ליטעראַ־רישע שמועסן?... מ׳האָט עס אייך נישט געזאָגט?...

— מ׳האָט יאָ געזאָגט, נאַר...

---

10) שמחהלע פּיעטרושקע — שפּעטער באַקאַנטער שרייבער. מחבר פון דער יידישער פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע און איבערזעצער פון משניות.

— וואָס טויג אייך דער "נאַר"?... קומט צו גיין... כ'האָב שוין געהערט פון אייך... מ'זאָגט, איר שרייבט... קומט, וועט מען לייענען...

און זי קערט זיך אום צו איר פריערדיקן שמועס. דערציילט וועגן אַ זאַמל־בוך "הילף"[11], וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַרויס, לטובת נויטבאַדערפטיקע יידישע שרייבער. רעדט וועגן לעוו טאָלסטאָיס דריי מעשהלעך, וואָס שלום עליכם האָט זיי איבערזעצט אין יידיש און זיי אין דעם בוך אַריינגעגעבן. רעדט וועגן די זאַכן פון מענדעלע מוכר ספרים, י. ה. ראַווניצקי, יהודה שטיינבערג, משה־לייב ליליענבלום, יוסף און לייב יפה, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ:



אברהם רייזען
(צייכענונג פון ח. גאָלדבערג)

— ש־ש־ש — זייט שטיל!... אַ שמחה של מצוה... אברהם רייזענס אַ פּרום לידעלע... טאַקע אין דעם אייגענעם זאַמל־בוך געדרוקט...

און זי קוקט זיך אַרום, הייסט זיך צוזאַמענרוקן, די ווענט זאָלן חלילה נישט הערן...

לי הכסף, לי הזהב,
האָט נישט גאָט געשעמט זיך זאָגן,
און די גאַנצע וועלט איז מיינע
און איך דאַרף אייך אַלע טראָגן...

---

— "היינט", "מאָמענט"[12], "אונזער לעבן"[13], "דער שטראַל"[14].
אַ נייע דרשה פון ראָמאַן דמאָווסקי[15] וועגן יידישן "קאָהאַל"!...

---

11) "הילף" — זאַמלבוך פאַר ליטעראַטור און קונסט. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע אין יאָר 1903. איניציאַטאָר און פאַקטישער רעדאַקטאָר — שלום עליכם.

12) "מאָמענט" — טאָגצייטונג. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע, פון דעם 5־טן נאָוועמבער 1910, ביז בערך צוויי וואָכן נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939.

13) "אונזער לעבן" — טאָגצייטונג. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע, פון אָנהייב 1907, ביז אַפּריל 1912. דערנאָך איבערגעטראָגן קיין אָדעס.

14) "דער שטראַל" — אילוסטרירט וואָכנבלאַט. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע, פון סוף 1909, ביז פעברואַר 1911. אַרויסגעבער — מ. י. פרייד. פאַקטישער רעדאַקטאָר — י. ל. יאַקובאָוויטש.

15) ראָמאַן דמאָווסקי — באַקאַנטער פּוילישער אַנטיסעמיט. פירער פון די "ענדעקעס" (נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן).

דאָס שטימעלע — אַ דינס, אַ קלינגענדיקס. דאָס יינגעלע — אַ שמאָלס, אַן אויסגעצויגנס. דאָס זעקעלע צייטונגען — טונקל גרוי, ווי די גרויקייט פון די אייגעלעך זיינע, וואָס לויפן אום צווישן די דורכגייער, וואָס זוכן אַ קונה אויף זיין סחורה...

— ״היינט״, ״מאָמענט״, ״אונזער לעבן״, ״דער שטראַל״!

אַ נייע דרשה פון ראָמאַן דמאָווסקי וועגן יידישן ״קאַהאַל״!...

הויך, מיט אַ ניגון, צווישן דעם גאַנצן הו־האַ, נישט ווייט פון פשעיאַזד, אויף עק באָוואָליפקי, לעבן קאַזאַקס בוכהאַנדלונג...

מענטשן יאָגן זיך. נישטאָ קיין צייט. מ׳לויפט, איינער אַהער, איינער אַהין. כאַפּט מען בלויז אַ קוק אויפן קליינעם צייטונג־פאַרקויפער, מ׳הערט זיין מעלאָדיש געזאַנג, זיין רופן צום גראַם.

און טאָמער וויל עמיצער אַ צייטונג, וואַרט ער נישט, ביז ער קומט־צו צום פאַרקויפער. ער שרייט שוין אויס פון דערווייטנס, וועלכע צייטונג ער וויל און דער קליינער גרייט שוין אָן, שטעקט אָפּ די צייטונג, כאַפּט פלינק דעם פירער — נישט צו פאַרהאַלטן יענעם אַ רגע. נישט שטערן אים אין זיין געיעג...

— ״היינט״, ״מאָמענט״, ״אונזער לעבן״, ״דער שטראַל״!

אַ שמאָל יידל, מיט אַ ברייט קעסטל אויף די פלייצעס, כאַפּט אונטער:

— שויבן! שויבן!

אַ קליין מיידל, מיט אַ גרויסן קויש:

— בייגל! פרישע אייער־בייגל — דריי פאַר אַ פירער!...

און אַ יידענע מיט רויטע פּענעצן אַרבוז:

— אַן עס און אַ טרינק און אַ כמאַל פאַר אַ צווייער!...

און נישט געשטאַנען, נאָר געלאָפן. ס׳האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ טאָג און אויפן טאָג דאַרף מען פרנסה...

איז —

— וויאָ, פערדלאך!...

די פּלאַטפאָרמע ברעכט זיך אַזש מיט דער משא ״שניט״־סחורה. דער טרעגער דערשלעפּט קוים דאָס וועגעלע אייזן. דער ווינט שפּילט זיך מיט אַ ״טראַגע״ פּאַפּירענע שאַכטלען, אויף די פלייצקעס פון אַ באָרוועס יינגל...

— ״היינט״, ״מאָמענט״, ״אונזער לעבן״, ״דער שטראַל״!

— שויבן, שויבן!

— בייגל, פרישע אייער־בייגל!

און העכער איבער אַלעם צעקלינגט זיך אַ גלאָק. — די נאַלעווקער פייערלעשער זענען אַלאַרמירט וועגן אַ שריפה. די שווער געקאָוועטע וועגענער קלאַפּן, די מעשענע ״קאַסקעס״ שפּיגלען זיך אין דער זון, דער ״אויסרייטער״ — פאָרויס מיט אַ געפייף, אַזש פונקען פליען אונטער די פערדישע פּאָדקעוועס —

— ווו ברענט?

— מ׳זאָגט, אויף סמאָטשע גאַס, אין ר׳ אברהמעלע פּשעפּיורקעס באַזאַר.
און מ׳לויפט ווייטער, ווי מען וואָלט זיך ערגעץ געיאָגט, אָדער ערגעץ אַנט־לאָפן.

פון אַ קראָם לויפט אַרויס אַ מיידל. זי בלייבט שטיין אין טיר. דאָס ווייסע שאַלכל אויפן האַלדז — דורכן ווינט פונאַנדערגעשפּרייט, ווי צוויי ווייסע פליגל:

— ווו ברענט?

און ענדיקט קוים דאָס וואָרט. איר פּנים נעמט זיך רויטלען:

— נו, וואָס זאָגט איר?...

האַ... ס׳איז דאָך די ״ליטעראַטור״... עטל ביאַלער...

זי שטייט שוין לעבן מיר. איר האַנט איז קליין און וואַרעם:

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט?...

— וועגן וואָס?

— וועגן דעם ליד... וואָס, איר ווייסט נאָך נישט?... נישט געלייענט?...

און זי וואַרט נישט אויף ענטפער. לויפט אַריין אין קראָם, קומט באַלד אַרויס מיט אַ צייטונג ״אונזער לעבן״:

— וואָס מיינט איר? עטל רעדט סתם? — כ׳האָב געזאָגט, מ׳וועט עס אָפּ־דרוקן, איז אָפּדרוקן...

יאָ... מיין ליד... מיט מיין נאָמען...

כ׳לייען איין מאָל. לייען נאָכאַמאָל. נאָר עטל לאָזט נישט באַקומען:

— נו, וואָס זאָגט איר? — צופרידן? און איצט טאָרט איר נישט באַלעמו־טשען. זאָגט, איר האָט עפּעס ביי זיך? כ׳מיין, עפּעס פון די זאַכן אייערע?

— יאָ, אַ ליד מיט אַ בילדל...

— טאָ גייט שוין צו אין רעדאַקציע... אויף וויעלקע אַכט און פערציק... פרעגט צום רעדאַקטאָר... זאָגט, ווער איר זענט...

כ׳וויל זי עפּעס איבערפרעגן, נאָר זי איז שוין צוריק אין קראָם. דורך דער שויבן־טיר זעט זיך נאָך דער אָפּשיין פון איר ווייסן שאַלכל. אָבער, אויך דאָס פאַרשווינדט...

איז וואָס?... סתם כאַפּ און לויף אין רעדאַקציע?... און גלייך צום רעדאַק־טאָר?...

— ״היינט״, ״מאָמענט״, ״אונזער לעבן״, ״דער שטראַל״!

יאָ, מ׳דאַרף קויפן די צייטונג... נאָכאַמאָל איבערלייענען...

— העיי!... גיכער!... גיב ״אונזער לעבן״!...

דער קליינער קוקט עפּעס אַזוי מאָדנע אָן... צי ווייסט ער נישט אַמאָל, ווער איך בין?... אַז ס׳איז מיין ליד, וואָס איז אין צייטונג געדרוקט?...

אָבער, וואָס בין איך אַזוי צעטומלט?... כ׳גיי דאָך אויף מענטשן... נייך, נישט קיין פּלאַן... מ׳מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין...

ווו, האָט זי געזאָגט?... אַכט און פערציק?...

פאַרן טויער שטייט אַ דריבנע שוואַרץ מיידל, מיט אַ בלעך קיכלעך. אַ קיי־לעכדיקער בחור זוכט אין געלט־בייטעלע:

— ניין, כ'האָב נישט קיין קליינגעלט...

— ס'מאַכט נישט. כ'וועל שפּעטער אַרויפקומען אין רעדאַקציע.

אין רעדאַקציע?... ווער־זשע זאָל דאָס זיין?... נישט אַמאָל דער רעדאַקטאָר?... כ'פרעג ביים מיידל:

— איר קומט אין רעדאַקציע?

— יעדן טאָג. זיי גיבן צו לייזן.

— און דער אָ, איז אַ שרייבער?

— כ'ווייס דאָרט. — אַ גאַנץ ווויל מענטשל...

ניין. פון דעם שטיין דאָ, וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מ'דאַרף אַרויפגיין. קיין פּאַטש וועלן זיי דאָך נישט געבן.

די טיר איז האַלב אָפן. די שטוב אַ גרויסע. אין מיטן שטוב אַ געלע באַריע־רע. ביים טיש, פון יענער זייט באַריערע — דער קיילעכדיקער בחור, אַריבער־געבויגן איבער פּאַפּירן.

— "גוט מאָרגן"! —

נישטאָ קיין ענטפער.

כ'גיב אַ הוסט —

ס'העלפט נישט.

נאָך אַ הוסט —

ער הייבט אויף דעם קאָפּ:

— וואָס הוסט איר מיר אין אויער אַריין?!...

— כ'מיין... כ'דאַרף צום הער רעדאַקטאָר...

— אַ פריש אָנשיקעניש... גייט אַריין דאָרט, אין יענער טיר...

די טיר פירט אין אַ קליין קאָרידאָרל. אויף איין טיר אַ ווייס שילדל — "ר ע ד אַ ק ט אָ ר ־ אַ ר ו י ס ג ע ב ע ר". — די טיר איז אָפן. אויף אַ שטול זיצט אַ פעסטער יונגערמאַן, מיט אַ פול, רויטלעך פּנים, לאַנגע וואָנסן.

— מ'קאָן אַריינגיין?

— און פאַר וואָס זאָל מען נישט קאָנען?..

— איר זענט דער הער רעדאַקטאָר?

אַ שמייכל צעגיסט זיך אויף זיין פּנים, ער הייבט אויף און ווייזט אַ פוס:

— און וואָס? אַזוי זעט אויס אַ "הער רעדאַקטאָר"? — מיט אַזעלכע שיך?...

כ'פּרוביר זיך פאַרענטפערן:

— כ'ווייס... כ'מיין...

נאָר ער שלאָגט איבער:

— און וואָס? — געברענגט לידער?

— אַ ליד און אַ בילדל...

— אַ ליד און אַ בילדל? — זייער פיין. דער "העד רעדאַקטאָר" איז שאול האָכבערג[16]). ער וועט באַלד אַריינקומען. ר'איז אַ גרויסער מבין... יאָ אַ גרויסער מבין...

און באַלד:

— ווייזט נאָר. מ'וועט אויך אַ קוק טון. ווי אַלט זענט איר דען?

ער כאַפּט אַ קוק אויפן ליד. נעמט לייענען דאָס בילדל. לייענט עטלעכע שורות הויך, דערנאָך לאַנג שטיל, ווידער עטלעכע שורות הויך און באַלד:

— נאַט... אָט גייט ער, דער "העד רעדאַקטאָר"...

אַ פּולער, מיט שווערע טריט, אַ גראָבער ציגאַר צווישן די פינגער:

— כ'האָב נישט געפונען... איר וועט מוזן זיין אַ צווייט מאָל...

און ער דערזעט מיך:

— נו, און איר?

— איך בין... כ'מיין, ס'איז היינט געדרוקט מיין ליד...

— אַ, דאָס זענט איר עס? מ'האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַ חסידישער כניאָק... נו, געברענגט פרישע סחורה?...

— נאָך אַ ליד... אויך געברענגט אַ בילדל וועגן צוויי קינדער, וואָס...

— גוט־גוט. ווייזט אַהער. מ'עט זען.

טוט אַ צי דעם ציגאַר, קוקט אַריין, לייענט, פרעגט אויס:

— איר לערנט אין ישיבה?

— ניין. בלויז אין אָוונט. ביי ר' אברהמעלע בזורא.

— און דער טאַטע איז אַ גערער, צי אַן אַלעקסאַנדרער?...

און לאָזט נישט אָפּ — דאָ וועגן דער מאַמען. וועגן די שוועסטער, ברידער. צי דער עלטסטער ברודער האָט חתונה געהאַט אויס ליבע, אָדער ס'איז געווען אַ גערעדטער שידוך. צי דעם ברודערס פרוי טראָגט אַ שייטל...

צום סוף — אַ צי דעם ציגאַר. פאַרכליניעט זיך מיטן רויך:

— אַ שוואַך בילדל... אַ שוועסטערל מיט אַ ברודערל שלאָגן זיך, צוליב אַ קונה — נישט נאַטירלעך...

כ'וויל עפּעס זאָגן. נאָר דער יונגערמאַן, מיט די וואָנסן, שטעלט זיך האַסטיק אויף:

— און וואָס? — ווען זיין ברודערס ווייב וואָלט נישט געטראָגן קיין שייטל, וואָלט דאָס בילדל יאָ גוט געווען?... וואָלטן די קינדערלעך געמעגט זיך שלאָגן?...

האָכבערג כאַפּט דעם ציגאַר אין מויל און נעמט אים באַלד צוריק אַרויס. ער וויל עפּעס זאָגן. נאָר יענער לאָזט נישט:

16) שאול האָכבערג — ביז יוני 1909 בלויז אַרויסגעבער פון דער צייטונג. שפּעטער אויך רעדאַקטאָר. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די „ליטעראַרישע וואָכנשריפט" — אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. פּרץ.

— איז האָט איר נישט די זאַך?

— כ'האָב געזוכט. מ'דאַרף נאָך אַ קוק טון.

— איז קוקט־זשע. נאָר געדענקט: דרוקט עס נישט אַמאָל אָפּ. איר הערט?
— איך וויל עס נישט!
און כאַפּט מיך אָן פאַרן אַקסל:

— קומט!...
כ'גיי. כ'האָב נישט קיין ברירה — ער האַלט ביים אַקסל...
דער קיילעכדיקער בחור, פון יענער זייט באַריערע, שטעלט זיך אויף:

— גוט מאָרגן, הער ווייסנבערג!
אַ בחור, פאַרן טויער, נעמט אַראָפּ דעם הוט:

— גוט מאָרגן, פאַניע ווייסנבערג!
איך בין פאַרשיכורט —

ווייסנבערג... זאָל דאָס זיין דער גרויסער איטשע מאיר ווייסנבערג?... ער האַלט פאַרן אַקסל?... ער שלעפּט כמעט מיט געוואַלד?...

אַ ווינטל קומט אַנטקעגן. קילט מחיהדיק ס'פּנים. נאָר ווייסנבערג לויפט, לויפט... זיינע האַרטע פינגער דריקן דעם אַקסל:

— אַ רעדאַקטאָר איז ער... אַ מבין איז ער... גיב אים צעפּיעשטשעטע בת־יחידקעס... גאָט־געזאַלבטקייט... אויסגעטראַכטע, ליאַלקעוואַטע רייד... אַ צילינדער... אַ שטריימל... ווייסע, געפּרעסטע מאַנזשעטן... און ווער איז ער, ווער?... ווי קאָן אַזאַ ייד באַנעמען דאָס פּראָסט־יידישע?... דאָס פּראָסט־פּאָלקישע?... אָן אָנגעשטאָפּטער זאַק... אַ מעוברתדיקער בויך... אָנשטאָט עפּענען זיך אָן אייזן געוועלב, ווי דער יחזקאל גרין, אָדער אַ זייגער־געוועלב, ווי דער יואל שוואַרצשטיין — האָט ער זיך געעפנט אַ רעדאַקציע... איז ער געוואָרן דער "הער רעדאַקטאָר"... פּיפּקעט אַ געשוואָלענעם ציגאַר און זאָגט מבינות אויף שרייבעריי...

פון קרולעווסקע גאַס הערט זיך דאָס סיגנאַליזירן פון דער "גיכער הילף". אַלע בלייבן שטיין. אויך ער בלייבט שטיין:

— יאָ, כ'מיין אייער בילדל. — די אָרימע, שוואַכע מאַמע שיקט אַרויס די קינדערלעך מיט קעסטעלעך שאָקאָלאַדקעס. די קינדערלעך ווייסן, אַז ווער ס'ברענגט מער לייזעכטס, איז ביי דער מאַמעשי חשובער. און חשובער הייסט — נאָך אַ קאַרטאָפּל, אָדער נאָך אַ לעפל גריץ... נו, איז עס גאַנץ נאַטירלעך, אַז די קינדערלעך רייסן זיך און שלאָגן זיך אפילו, צוליב אַ קונה. ס'איז נאַטירלעך און ס'רירט.

נאַטירלעך און ס'רירט...
לויף איך צום געוועלב, וווּ עטל ביאַלער איז פריער אַריין. יאָ, זי איז נאָך

דאָ, זי דערזעט אַריינקוקן, קומט אַרויס, זי הערט, פרעגט אויס, הערט ווייטער, לאַכט זיך פונאַנדער, ווייזט, אַז זי האָט אַ מויל ווייסע ציינדלעך:

— ס׳וועט זיין גוט. איצט, אַז איר האָט שוין אויך סמיכה פון ווייסנבערגן — וועט עס שוין גיין לייכטער...

און ווי זי דערמאָנט זיך:

— יאָ, איר ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן?... נאָר ניין... קומט־צו דינ־סטיק, צען אַזייגער אינדערפרי... וואַרט מיך אָפּ פאַרן טויער דזשעלנע פופצן... כ׳וועל מיט אייך אַרויפגיין צו יעקב דינעזאָן...

---

דינעזאָן איז נישט געזונט. ער ליגט אין בעט. אָבער, ניין, מ׳שטערט אים נישט. וואָס? זיי שרייבן? ווילן הערן אַ מיינונג? — אדרבא...

און די שמאָלע בלעטלעך ציטערן צווישן די דאַרע, אויסגעבלייכטע פינגער. די גוטמוטיקע אויגן פינטלען דורך די בייכיק־רונדע אויגן־גלעזער, וואַנדערן פאַ־מעלעך איבער די שורות, שטעלן זיך אָפּ ביי יעדן זאַץ. ס׳איז קלאָר — ער מיינט עס ערנסט. ער לייענט אויפמערקזאַם.

די דערוואַרטונג איז גרויס. דער פּחד נאָך גרעסער. אָט באַלד קומט דער ענט־פער. באַלד קומט דער פּסק...

ער לייגט אַוועק דאָס לעצטע בלעטל. טוט אויס די ברילן. פאַרקוקט זיך אויף גליצענשטיינס אַ קעפּל, וואָס שטייט אין ווינקל און ער נעמט רעדן — ווי טאָקע צום קעפּל...

— דאָס בילדל נישט שלעכט. פאַרמאָגט אַסך קערנדיקס און איז נוצלעך. די הומאָרעסקע אויך גוט. קורץ, וויציק און דער עיקר — דער ציל איז דערגרייכט. נאָר די דערציילונג — צו שוואַך לויטן פאַרמעסט. דאָס זעלבע ס׳ליד. — נישט אויסגעאַרבעט. נישט דערגאַנגען. מילא, נאָך יונג. די כּוחות, ווייזט אויס, זענען נאָך שוואַך, און איבער די כּוחות טאָר מען נישט גיין...

עטל איז צופרידן. זי נעמט ביי דער האַנט, גייט פאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ:

— יאָ, אַזוי וועט עס זיין... הומאָריסטישע פעליעטאָנדלעך... איר האָט דאָך געהערט, אַז איך גיב אַרויס אַ זשורנאַל "די ליטעראַטור"?...

— וואָס?...

— יאָ, דער זשורנאַל גייט שוין באַלד אַרויס... כּמעט אַלץ איז גרייט... איז מיין איך, איר וועט קאָנען מיטאַרבעטן...

און באַלד:

— איר קענט דוד קאַסעלן? ניין? — אַ שאָד. ער טאַקע איז דער רעדאַק־טאָר. ס׳וועט נאָך אַרבעטן: הלל מיימאָן — אַלס טעכנישער סעקרעטאַר, גרשון

# יעקב דינעזאָן



געשטאָרבן אין יאָר 1919. צווישן די צענדליקער מיטגעפיל־אויסדרוקן, געשריבן אין פאַרשידענע ערטער, האָט דעם טויט פון דעם פאָלקס־שרייבער אויך באַוויינט די פרוי פון י. ל. פרץ, וועלכע האָט געשריבן: „מיטן טויט פון יעקב דינעזאָן, איז מיר פרץ נאָכאַמאָל געשטאָרבן״.

ווייסבאַרד — אַדמיניסטראַציע, הערשל שאָן[17] — דרוקעריי. איר, מיין איך, וועט געבן הומאָריסטישע פעליעטאָנדלעך, אָדער סאַטירישע לידלעך. איבעריקנס וועט מען נאָך זען...

זי בלייבט שטיין ביים עק קאַרמעליצקע:

— קומט איבערמאָרגן, אַכט אָוונט, אין טורשס דרוקעריי... דאָרט וועט זיין די רעדאַקציע...

---

אַלע זענען דאָ — הערשל שאָן, דער קיילעכדיקער בחור פון ״אונזער לעבן״ און איינער אַ הויכער, מיט לאַנגע האָר.

עטל ביאַלער לייענט עפּעס פון געלע בלעטלעך און שאָקלט מיטן קאָפּ. די רויטע קאַרשן אויף איר ברייטן הוט, שאָקלען זיך מיט...

— גוטן אָוונט!

עטל הערט אויף לייענען. זי שטעלט פאָר. — דער הויכער איז מיימאָן, דער קיילעכדיקער איז ווייסבאַרד און איך — ״אָן אָנפאַנגער, מיט פעיקייטן״...

הערשל שאָן פרייט זיך. מיר קענען זיך. ער קומט אויך אין דער חברה ״לומדי תורה״. נאָר, ער איז מער ״וועלטלעכער״ — טראָגט אין דער וואָכן ״קורץ״, טאַנצט, רעדט פּויליש און גייט מיט מיידלעך...

מיימאָן יאָגט זיך. קוקט אויף עטלען:

— שפּעט. ווו איז קאַסעל?

— ער וועט נישט קומען.

— פאַר וואָס?

— נישט וויכטיק... כ׳האָב גערעדט מיט מנחם גאָלדבערגן... קיין סך צייט האָט ער נישט, נאָר ער וויל זען, וואָס און ווען... ער זאָל וועלן — וועט זייער גוט זיין... שאַ, אָט גייט ער, מנחם...

עטל איז גליקלעך. דאָס פּנים שיינט. זי שטעלט זיך אויף, זעצט זיך צוריק, קוקט מיט פאַרליבטע אויגן, רעדט וועגן זשורנאַל, וועגן די וויכטיקע אויפגאַבן זיינע...

נאָר מנחם שלאָגט איבער:

— גענוג. איך וויים שוין. לאָמיר נאָר זען די מעדנים. מיט וועמען און מיט וואָס גייט מען צום טיש...

---

17) הערשל שאָן — שפּעטער אָנפירער פון דער דרוקעריי פון ד״ר יוסף דאַווידזאָנס יידיש־פּוילישע צייטונג „נאַש קוריער״. נאָך שפּעטער — צוזאַמען מיט נתן שוואַלבע, יעקב אָפּענשלאַקן, שאול וואַגמאַן און ש. וואָלאָקאָוויטש — מיטגרינדער און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון „נאַש פּשע־גלאָנד״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939.

און ער נעמט פון מיימאָנען דאָס פּעקל מאַנוסקריפּטן. נעמט לייענען. לייגט אַוועק איין בלעטל נאָכן אַנדערן:

— וואָס עפּעס "די ליטעראַטור"?... וואָס פאַר אַ נאָמען איז עס?...

קיינער ענטפערט נישט. מ'זעט, ער לייענט. מ'וויל נישט שטערן. לייגט ער אַוועק נאָך אַ בלעטל, דערנאָך נאָך אַ בלעטל, כאַפּט אַ קוק אויף מיר, אַ קוק אויף עטלען:

— און דער?...

— אַן אָנפאַנגער... הומאָריסט... שרייבט נישט שלעכט...

— הומאָריסט?...

און נעמט זוכן צווישן די מאַנוסקריפּטן.

עטל באַמערקט:

— נאָך נישט געגעבן. ערשט איצט געבראַנגט.

— זאָל ער לייענען...

ס'קומט אָן שווער. אַ צו שטאַרקע רעקלאַמע. ס'פעלט מוט. נאָר פאַרפאַלן. כ'נעם לייענען די הומאָרעסקע.

אַ מעשה מיט אַ ייד, וואָס אַלץ אַרט אים. יעדע קלייניקייט דענערווירט אים. ער קאָכט זיך, בייזערט זיך און — האַלט אין איין טענהן: "וואָס אַרט עס מיך"?...

שאָן לאַכט זיך פונאַנדער צוויי מאָל. עטל איין מאָל. מנחם שמייכלט בלויז מיימאָן האַלט אין איין אָנטון און אויסטון די ברילן. ער קוקט מיר כסדר אין בלעטל אַריין — צי כ'מאַך נישט קיין שקרות...

— טשטאָ עטאָ טאַקאָיע?...[18]

כ'רייס איבער דאָס לייענען. אין טיר שטייט אַ פּאָליציי־רעוויראָווע. דאָס פּנים רויט. די אויגן, ווי פאַרלאָפן:

— וואָס טוט זיך דאָ?... וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג?...

און מיין הומאָרעסקע געפינט זיך שוין אין זיין האַנט:

— דאָס האָסטו געשריבן?

יאָ, איך...

— וואָס? — אַ פּראָקלאַמאַציע?

— ניין. אַ הומאָרעסקע.

— אַ וואָס?...

נעמט עטל אים דערקלערן, גיט אים צו פאַרשטיין, נאָר ער וויל נישט הערן:

— ער האָט געשריבן — זאָל ער זאָגן...

און ער בייגט זיך אַראָפּ, שטופּט מיר די בלעטלעך אין די אויגן אַריין,

---

18) וואָס איז דאָס אַזעלכעס?...

ווייזט מיטן פינגער אויפן קעפל, וואָס איז אונטערגעשטראָכן מיט רויטן בליי־פעדער:

— וואָס איז דאָ אָנגעשריבן?

— דאָ אָנגעשריבן?...

— יאָ. מאַך זיך נישט געפּגרט. זאָג, וואָס איז דאָ אָנגעשריבן?

— "וואָס אַרט עס מיך"?...

ווערט ער אינגאַנצן אָנגעצינדן:

— ס'הייסט, וואָס אַרט עס דיך?... וואָס פּאַר אַ סטוטשקעס פּראָוועסטו?... שוין זאָלסטו זאָגן, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן!...

— נו, זאָג איך דאָך... "וואָס אַרט עס מיך"?...

— מאַלטשאַט!...[19]) איך וועל דיר ווייזן, ווי חוזק מאַכן פון נאַטשאַלסטוואָ...

נעמט עטל ווידער איינטענהן. אויך די איבעריקע נעמען טענהן. מ'קלערט אים אויף. מ'גיט אים צו פאַרשטיין. נאָר ער לאָזט נישט רעדן. ער קוועטשט דאָס פּעקעלע מאַנוסקריפּטן אין האַנט. מיין הומאָרעסקע האַלט ער באַזונדער. — אים וועט מען נישט פאַרדייבן די צייט. אַלע זאָלן מיט אים גיין אין אוטשאַסטאָק. דאָרט וועט מען "ראַזביראַיען"...[20]).

און ס'העלפן נישט קיין רייד. מ'גייט און מ'עסט זיך. איינער וואַרפט די שולד אויפן אַנדערן. אַלע — אויף מיר. מיימאָן קרימט מיר נאָך:

— וואָס־אַרט־עס־מיך?...

הערשל שאָן קען דעם "דיזשורנעם". ער האָט אַמאָל פאַר אים געדרוקט חתונה־קאַרטן. יענער דערקענט אים אויך. נעמט מען רעדן. ס'מישט זיך אַריין דער רעוויראָווע. אויך עטל שאַרט זיך צו. זי נעמט זיך פאַרען ביים סאַמעטענעם בייטעלע...

מ'רעדט שטיל, דערנאָך נאָך שטילער, צום סוף גאָר שטיל...

און ווייזט אויס, מ'קומט דורך —

הערשל מיט עטלען קומען צוריק צו:

— קומטס!...

מ'גייט אָפּ אַ שטיקל וועג — הערשל כאַפּט זיך:

— נישט אָפּגענומען די מאַנוסקריפּטן...

עטל וויל צוריקלויפן:

— ס'גאַנצע מאַטעריאַל... מען וועט דאָך נישט קאָנען אַרויסגעבן די "ליטעראַטור"...

---

19) שווייגן!...

20) זיך פונאַנדערקלייבן.

מנחם שמייכלט:

— זייט צופרידן, מ׳האָט איך אַרויסגעלאָזט. די ״ליטעראַטור״ מעג בלייבן אין קאָזע...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אין זיבעצן־אַכצן יאָר אַרום. מנחם בארײשא קומט פון ניו־יאָרק צו גאַסט קיין וואַרשע. זיין ברודער, אברהם גאָלדבערג, שטעלט מיך פאַר אים פאָר — דער־מאָנט ער זיך. דריקט די האַנט. שמייכלט:

— וואָס מאַכט ״די ליטעראַטור״?...

און איך ענטפער:

— וואָס אַרט עס מיך?...

# ווי אברהם דראַשקאַזש באַווײנט פּרצעס טויט...

דער „ליטעראַרישער דראַשקאַזש״. — נישטאָ מער פּרץ. — יידן שטראָ־מען צו די יעראָזאָלימער אַלייען. — דעלעגאַציעס, דעלעגאַציעס. — דורך וואַנען גייט די לוויה? — מ׳דעראָבערט פּאָזיציעס און מ׳ווערט צו־ריק אַרויסגעשטויסן. — אויף אַ פרעמדן קבר. — דער לעצטער וועג...

שוין שפּעט. מ׳ווייסט נישט ווען, מ׳ווייסט נישט, ווי אַזוי ס׳איז געשען און די זון — אַ צעיאַכמעטע, אַ צעפּלאָשעטע — הענגט שוין דאָרט, איבער די פּאָ־וואָנזקער פעלדער. זי וואַרפט אַהער איר לעצטן, אָנגעברוגזטן בליק און ס׳דאַכט זיך, אָט־אָט, נאָך אַ מינוט — און זי לאָזט זיך אַראָפּ...

לויטן לוח איז שוין באַלד שבת. דאַרף מען שוין אַוודאי ליכט בענטשן. נאָר, אַ צייט אַזאַ — חול המועד. נאָר־וואָס די ערשטע טעג פּסח איבערגעקומען. דער־צו — אַזאַ שווערע, אַזאַ ביטערע מלחמה אויף דער וועלט. —

איז שטייט נאָך אַ יידענע, מיט אַ האַלב קוישל נישט אָפּגעלייזטע עפּעלעך, וועלכע קוקן אַרויס, מיט זייערע פּוכקע, געפּינטלטע אייגעלעך, אין דער נאָך טומלדיקער גאַס אַריין. טוליען זיך איינס צום אַנדערן און וואַרטן, אַ וואַרעמע האַנט זאָל זיי דאָך אַ גלעט טון... אַ ייִנגל שטייט, מיט אַ בינטל שוואַרצע און ברוי־נע שיכבענדלעך. די לעצטע שטראַלן פון דער זון לאַכן דעם ייִנגל אין פּנים אַריין און באָדן זיך אין דער פייכטקייט פון זיינע זוכנדיקע, בעטנדיקע אייגע־לעך... אַ ייד שפּאַנט מיט זיין איינגעהאַנדלט קוואַטירל וויין אויף קידוש. אַ מיידל לויפט מיט אַ פאַרשפּעטיקט טעפּל טשאָלנט צום בעקער און — אַ דאַר זקנדל, וואָס דערשלעפּט קוים די רחבותדיקע, ווייסע באָרד — פּאָכעט מיטן גרויסן, פאַר־ביקן נאָזטיכל אין גאַס אַריין:

— שבת... שבת...

קוקט מען אויפן הימל. קוקט מען אויף דער זון — ווי זי, די זון דאָרט, וואָלט עס אין אַלעמען שולדיק געווען...

און די לופט ציטערט אַזש —

— יידן, כאַפּטס אַוועק, כל־זמן ס׳איז צייט!... אַ יאָר ״ראָמאַן צייטונג״ פאַר

זעכציק קאָפּעקעס!... אַ קאָמפּלעט "שטראַל" פֿאַר אַ רובל!... גאַנץ ביאַליק פֿאַר פֿינף און פֿערציק קאָפּעקעס!...

ס'איז נישט קיין רופֿן. ס'איז אַ געשריי. אַן אַלאַרם. ווי מיט סכנות נפֿשות. ווי אָט־אָט ענדיקט זיך די וועלט...

— קומטס אַהער! קלייבטס אויס! כאַפּטס אַוועק!...

און מ'קומט. מ'רינגלט אַרום ס'וועגעלע. מ'קלייבט. מ'נישטערט...

נישט בלויז די "ראָמאַן צייטונג" מיטן "שטראַל" איז פֿאַראַן אויפֿן וועגעלע. נישט נאָר ביאַליקס ביכלעך קאָן מען דאָ קריגן. נאָך צענדליקער און הונדער־טער זשורנאַלן און ביכלעך פּרעסן זיך אויפֿן וועגעלע און וואַרטן אויף אַ תּיקון...

מ'קען זיי, די ברידער שלמה און לייזער גאָלדפֿאַרב. מ'ווייסט, אַז ביי זיי קאָן מען קריגן מציאות. מ'ווייסט, אַז אַ גאַנצע וואָך לויפֿן די ברידער אַרום אין אַלע רעדאַקציעס, צו אַלע פֿאַרלעגער, בוכהענדלער, שרייבער און סתם יידן. אַז אַ גאַנצע וואָך קויפֿן זיי אויף אַלץ, וואָס עס קומט זיי אין האַנט — כּדי זיי זאָלן האָבן פּרייטיק, מיט וואָס אַרויסצופֿאָרן אין גאַס.

קומט מען טאַקע צום וועגעלע. זוכט מען. קלייבט מען. דער עלטערער ברו־דער, שלמה — אַ בחור, וואָס שרייבט אַליין אויך. וואָס שפּייזט די הומאָריסטישע אָפּטיילונגען פֿון "היינט" און "מאָמענט" מיט זיינע וויציקע שטיקלעך — טענהט מיט די קונים. ער העלפֿט קלייבן, רעדט־צו און יאָגט. יאָגט... דער יונגערער ברודער, לייזער, קוקט בייז אויף דער זון, וואָס רוקט זיך כּסדר אַראָפּ נידערי־קער, און מיט דער זעלבער בייזקייט וואַרפֿט ער אין גאַס אַריין:

— אַ יאָר "ראָמאַן צייטונג" פֿאַר זעכציק קאָפּעקעס! אַ קאָמפּלעט "שטראַל" פֿאַר אַ רובל! גאַנץ ביאַליק פֿאַר פֿינף און פֿערציק קאָפּעקעס!...

---

— ט־ר־ר־ר — סטאָי!...

דער דראָשקאָזש — אַ הויכער, געזונטער ייד — בייגט זיך פֿון דער קעלניע אַראָפּ. קנייטשט די שוואַרצע, עטוואָס "פֿאַרגלייכטע" באָרד, אין דער צעכראַס־טעטקייט פֿונם דראָשקאַרסקן פּלאַשטש און ער לויפֿט מיט די בליקן איבער די אָנגעוואָרפֿענע ביכער:

— עפּעס דאָ פֿאַר מיר?

— וואָס דען, ס'איז נישטאָ? — טאַקע דאָס, וואָס איר זוכט.

— פֿון פּרצן?...

ער וואַרט נישט אויף ענטפֿער. שפּרינגט פֿון דראָשקע אַראָפּ. די באָרד נעמט גיך, גיך לויפֿן איבערן וועגעלע. און ער נעצט שוין די פֿינגער אין מויל... און ער מישט שוין די בלעטער...

— יאָ... יוד למד פּרץ...

און ער זיצט שוין צוריק אויף דער קעלניע. די בייטש ציטערט אין זיין האַנט. דאָס ווייס געפּלעקטע פערדל וואַרפט מיט דער גזשיבע, קלאַפּט צו מיט די פּאַדקעוועס — ס׳ווייסט שוין, אַז מ׳פאָרט אַהיים, דערקענט שוין ס׳געסל. טרעפט אַליין אין טויער...

עמיצער שרייט אַראָפּ דורכן פענצטער:

— אברהם! — אַזוי שפּעט?

אויף אברהמס פּנים רוט אַ קינדערישע צופרידנקייט. ער פאַררייסט די באָרד אַרויף צום פענצטער. אין די גרויסע, טונקעלע אויגן צעשפּילן זיך פייערלעך:

— געזוכט אויף שלמהס וועגעלע... געפּאַקט אַ ביכל פון פּרצן... גאָלד מיט בריליאַנטן...

מ׳קען אים, אברהם דראָזשקאָזש. מ׳ווייסט, ער איז אַ לייענער. מ׳ווייסט, אַז פּרייטיק פאַרנאַכט, אברהם פאָרט אַריין אין הויף, איז — צוזאַמען מיטן אַרבוז און מיטן שקאַרמעץ באַניעקערן — מוז ער פון אונטער דער קעלניע אויך אַרויס־שלעפּן דאָס ראַמשל אַלטע זשורנאַלן און ביכלעך, איינגעהאַנדלט אין ראַג, אויפן וועגעלע...

מ׳ווייסט, אברהם האָט שוין געלייענט זאַכן פון שלום־עליכם, שלום אַש, אבֿ־רהם רייזען און אַנדערע גרויסע שרייבער. נאָר צום ליבסטן האָט ער פּרצן. אַזאַ קאָפּ — זאָגט ער — ווי פּרץ האָט, דאָס איז שוין גאָר נישטאָ...

ער האָט ליב רעדן וועגן דעם, וואָס ער לייענט. דער עיקר, ווען ער לייענט עפּעס פון פּרצן. דעמאָלט ווערט ער נישט מיד רעדן. ווערט נישט מיד איבער־דערציילן.

און נישט סתם דערציילן. — ער זאָגט מבינות. גיט צו פאַרשטיין, וואָס פּרץ מיינט, און ער שיינט. און ער קוועלט פון נחת:

— אַזאַ קאָפּ... אַזאַ קאָפּ...

איז קען מען אים שוין. מ׳זאָגט, אַז אויך שרייבער קענען אים. אַז אויך זיי האָבן ליב מיט אים רעדן. און מ׳האָט אים דערפאַר געקרוינט מיטן נאָמען "לי־טעראַרישער דראָשקאָזש".

אויך איך האָב ליב רעדן מיט אים. רעדן וועגן די ביכלעך, וואָס ער לייענט. הערן זיין מיינונג. זען זיין ממש קינדערישע באַגייסטערונג...

כ׳האָב ליב הערן זיין באַרימטע מעשה, וועגן זיין באַגעגעניש מיט פּרצן. ווי ער האָט מיט פּרצן גערעדט.

ער ווערט דעמאָלט אויס אַברהם דראָשקאָזש. זיין האַרט, פון דער זון און ווינט אָפּגעברענט פּנים, ווערט ווי אויסגעלייטערט. זיינע אויגן קריגן אַזאַ מילדן גלאַנץ. ער רעדט אַזוי שטיל, אַזוי ווייך...

...פאַרנאַכט איז עס געווען... כ׳שטיי אויף דער סטאַציע... קומט צו אַ פּריץ, מיט אַזעלכע דיקע וואָנסן, אַ ברייטע פּאַלערינע און ער הייסט פאָרן אין טעאַ־טער אויף מאַגיושקי... מיר קומען־צו צום טעאַטער — יידן לויפן אַנטקעגן מיט

שמחה. מ׳גיט אים אָפּ כבוד. מ׳רעדט מיט אים יידיש און כ׳הער, אַז ס׳איז פּרץ... דער גרויסער שרייבער פּרץ... דער פּאַרפּאַסער פון אַזעלכע גאָלדענע זאַכן... פאַר איך שוין נישט אַוועק. וואַרט אָפּ, ביז ער גייט צוריק פון טעאַטער און נעם רופן: ״פּאַניע פּרץ! פּאַניע פּרץ!... כ׳האָב געוואַרט אויף אייך... כ׳וויל אייך פירן אַ היים... אָן געלד אייך פירן״... שמייכלט ער: — ״וואָס עפּעס אָן געלד?... זאָג איך: — ״ווייל איך וויל האָבן דעם כבוד... ווייל איך לייען אייערע מעשהלעך״... גייט ער... פרעגט אויס, וואָס כ׳האָב געלייענט... ווי ס׳געפעלט מיר... ער פרעגט, איך ענטפער, דער עולם אַרום שטופּט זיך און אַלע מאָל אַן אַנדערער:
— ש־ש־ש־אַ!... לאָזט הערן אַ וואָרט!...

און ער ווערט נישט מיד, אברהם. ער גיט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבער, וואָס ער האָט געזאָגט. וואָס פּרץ האָט געזאָגט. און מיט אַזאַ פרייד, מיט אַזאַ קינ־דערישער התפעלות, אַז ס׳דאַכט זיך, ער זעט נאָכאַמאָל פּרצן אים נאָכגיין. הערט נאָכאַמאָל פּרצן רעדן...

אינטערעסירט עס איצט טאַקע, וואָס פאַר אַ ביכל פּרצעס האָט עס אברהם געפונען, וואָס ער זאָגט דערויף, אַז ס׳איז גאָלד מיט בריליאַנטן?...

---

האַ, וואָס איז געשען?... אברהם דראָשקאַזש ביי אונז אין שטוב... אפשר טאַ־קע וועגן דעם ביכל, וואָס ער האָט נעכטן געקויפט?... ער וויל אפשר דערציילן... אפשר עפּעס פרעגן...

איז וואָס גראָד איצט — שבת, ביים עסן?... אין מיטן זמירות?...

און אַזאַ האַסטיקער קום אַריין?... אָן אַ ״גוט שבת״... אָן גאָרנישט...

און ס׳פּנים צעפּלאָמט... די אויגן אַזוי מאָדנע נישט קלאָר... נישט אַמאָל אַן איבעריקע כוסה?...

— זיצט רב אברהם!

ער טוט זיך אַ טרייסל. דער גרויסער, שטאַרקער קערפּער זיינער ווערט ווי איינגעשרומפּן:

— אַ דאַנק.. ווער קאָן זיצן?... כ׳בין צעבראָכן... ס׳האָט מיך ווי אַ דונער געטראָפן...

ער הייבט אויף די אויגן. די בליקן זיינע שפּילען זיך אָן ערגעץ אין דער ווייטקייט:

— ספּעציעל אַריינגעקומען... וואָס האָט עס געקאָנט געשען?... כ׳מיין, פון וואָס איז עס אים געקומען?...

— וועמען?

— האַ... כ׳זע, איר ווייסט נאָך נישט... כ׳האָב אויך נישט געוווּסט... געקו־מען איצט מיין שוועסטערס מיידל... זי זאָגט גאַנץ וואַרשע קאָכט...

— וועגן וואָס?
— פּרץ...
— וואָס!?...
— יאָ... נישטאָ מער פּרץ...

און אַ גרויסע טרער שפּאַרט זיך דורך אינם ווינקל פון זיין לינקן אויג. נעמט גיך, גיך זיך קייקלען איבערן פּנים און ווערט פאַרשלונגען אין דער גע־דיכטקייט פון דער באָרד...

---

— איר גייט אַהיין?
— יאָ.
— וואַרט... איך גיי אויך...

מ׳פרעגט נישט ווהין. מ׳פרעגט נישט, וועגן וואָס. אַלע ווייסן — פּרץ... נישטאָ מער פּר״ץ...

ס׳איז חול־המועד. ערב די צווייטע טעג פּסח. פון מעריב רוקן זיך דעם קיי־זער ווילהעלמס חילות. ביינאַכט האָט מען שוין געהערט ווייטע אָפּהילכן פון שטאַרקע האַרמאַטן־קלעפּ. נאָר ווער רעדט איצט דערפון? ווער האָט עס גאָר אין זינען?...

נישטאָ מער פּרץ...

ווו מ׳גייט און ווו מ׳שטייט. יונג און אַלט. פרייע און פרומע. אינטעליגענט און פּשוטער פאָלקסמענטש. — אַלע זענען דערשיטערט. אַלע טיף דורכגענו־מען —

— געהערט?...
— יאָ... געהערט...
— וואָס?... קראַנק געווען?...
— פּלוצלינג... מ׳זאָגט, זיצנדיק ביים טיש...
— ווען וועט זיין די לוויה?...

יאָ, ווען איז די לוויה? — עפּעס נישט קלאָר. איינער זאָגט, איצט. איינער זאָגט, נאָכמיטאָג. אַנדערע גאָר, אַז מאָרגן. אַז עפּעס וואַרט מען.

נאָר, מ׳גייט...

מ׳גייט און מ׳רעדט. מ׳גייט און מ׳דערמאָנט זיך. און מ׳דערציילט...

מ׳רעדט וועגן די ווערק, וואָס פּרץ האָט איבערגעלאָזט. מ׳רעדט וועגן זיין פּערזענלעך לעבן. וועגן זיין אַרבעט אין גמינע, אַלס לייטער פון דער בית־עולם־אָפּטיילונג. וועגן זיין שטענדיקן קאַמף, וואָס ער האָט קעגן זיינע אַסימילאַטאָרי־שע בעלי־בתים — די בערגסאָנס און די מוטערמילכס — געפירט...

מ׳רעדט וועגן די לעצטע וואָכן זיינע. וועגן זיין אינטערעסירן זיך מיט די

יידישע הימלאָזע, וואָס שטראָמען פון אַלע שטעטלעך. מ׳דערציילט, ווי ער האָט פאַר די הימלאָזע אַלע זיינע געקריגענע מתנות אַוועקגעשענקט. ווי מ׳האָט די אַלע מתנות, אין ״הזמיר״ — אויף ליציטאַציע פאַרקויפט...

מ׳רעדט און מ׳גייט...



בועז קאַרלינסקי

(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)



צבי פּרילוצקי

(צייכענונג פון ש. פייגענבוים)

און וואָס נענטער צו די יערוזאָלימער אַלייען — אַלץ געדיכטער דער עולם. אַלץ מער יידן שטראָמען צום הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט פּרץ. צום הויז, וווּ פּרץ איז אויסגעגאַנגען...

מענטשן גייען אויך צוריק. מ׳זעט: אַלטער קאַציזנע, נח פּרילוצקי, זיין ווייב פּאַולאַ, צבי פּרילוצקי, בועז קאַרלינסקי. מ׳ווייסט שוין, אַז די לוויה וועט היינט נישט פאָרקומען. אַז עפּעס זענען פאַראַן שוועריקייטן. נאָר, מ׳שטעלט זיך נישט אָפּ. מ׳גייט ווייטער...

צום טויער נישט לייכט צוצוקומען. דער טראָטואַר פול. אויך דעם אַנטקעגנ־איבערדיקן טראָטואַר שווער דורכצוגיין.

אברהם פּאָדלישעווסקי, לעווין־עפּשטיין, וואָלף גילמאָווסקי[21], דער שותף פון ״היינט״, נחמיה פינקעלשטיין, און יוגנט, יוגנט — מיידלעך, יינגלעך, סטודענטן, אַרבעטער, שילער. איינצלנע און גאַנצע גרופּן. מ׳קען זיי. מ׳ווייסט, ווער און פון וואַנען. —

״הזמיר״, קרינסקיס שולע, ״חינוך״, ציוניסטישע יוגנט, בונדישע יוגנט, גמינע־אַנגעשטעלטע, פּאָסאַצקע־לייגער, פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּעראָסן־פאַבריק...

מ׳גייט צום טויער. מ׳גייט פון טויער. מ׳קוקט זיך איבער. מ׳טוישט זיך מיט אַ וואָרט. און אַלץ אַזוי פיינלעך ערנסט. אַלץ אַזוי ווייטיקלעך שטיל.

21) וואָלף גילמאָווסקי — פאַרוואַלטער פון דער „היינט״־אָפּטיילונג, אויף נאַלעווקעס 34, היינט — אין ישראל. פאָטער פונם באַקאַנטן דזשאַינט־טוער אין אַמעריקע, נחמיה גילמאָווסקי.

## „אויב נישט נאָך העכער"...



אילוסטראַציע צו י. ל. פרצעס באַרימטע נאָוועלע.
צייכענונג פון ישראל ווײנלעז — אויף אַן אַדרעס פון דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט צום 25־יאָריקן שריפטשטעלערישן יובל פון י. ל. פרץ.

מ׳ווייסט —
פּרץ ליגט אין זאַל... ס׳פּנים אָפן... מ׳קאָן אַרויפגיין... מ׳קאָן אים זען...

---

צומאָרגנס —
אין שטוב אַ שטיקל מרידה. — ס׳איז יום־טוב. נאָך קידוש. נאָר־וואָס גע־וואָשן זיך — איז ווו איז עס געהערט געוואָרן?... מ׳זאָל נישט קאָנען איינזיצן ביים טיש?...

רעד, זאָג תירוצים, גיב צו פאַרשטיין און — לויף. שפּרינג פון צוויי טרעפּ. פון דריי טרעפּ. איבערן הויף. איבער דער גאַס —

שפּעט. מ׳זאָל נאָר קאָנען צוקומען...

דער טאָג אַ שיינער, אַ וואַרעמער. די באַוועגונג אַ גרויסע. מ׳גייט אין איין ריכטונג — נאָענט צו דער גענשע. נאָענט צום יידישן בית־עולם.

יידן, מיט גרויסע טלית־זעק אונטערן אָרעם, קוקן נאָך. פרעגן זיך אויס. טייל מיט אַ זיפץ — ״ברוך דיין אמת״. אַנדערע, אַ מאַך מיט דער האַנט — ״אַן אפּיקורס, רחמנא לצלן״...

נישט קלאָר, דורך וואַנען די לוויה וועט גיין. מ׳ווייסט שוין, אַז די צאַרישע פּאָליציי האָט פאַרבאָטן דורך די צענטראַלע גאַסן. אַז פון די יעראָזאָלימער אַליי־ען, וועט די לוויה נישט גיין דורך מאַרשאַלקאָווסקע, נאָר זיך אַריינדרייען אין אייזנגאַס...

איינער זאָגט, אַז פון אייזנגאַס וועט די לוויה גיין דורך לעשנא, פּשעיאַזד, נאַוואָליפּקי, נאַלעווקעס, גענשע. אַנדערע זאָגן, אַז נישט דורך לעשנא, נאָר דורך נאָוואָליפּיע און אַז פון נאַלעווקעס, וועט זי גיין גלייך ביז מוראַנאָוו, ברייטע מי־לע, דזשיקע און פון דאָרט ערשט אויף גענשע.

די צייט לויפט. דער זייגער, איבער ישראל זאָלבערגס געשעפט, ווייזט שוין איינס. נישטאָ לאַנג צו טראַכטן. מ׳קאָן נישט ריזיקירן לויפן דאָ און דאָרט. דער עולם וועט זיין גרויס. ס׳וועט זיין שווער זיך צוצוקריגן.

ס׳קומט אַנטקעגן שמואל אלי יודט. ער האָט זיך נאָך געדרוקט אין ״שטראַל״. דערנאָך אין ״מאָמענט״. קען זיך מיט אַלע שרייבער. קומט איצט פון יעראָזאָ־לימער אַלייען. דערציילט, אַז ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַז אויך דורך נאַלעוו־קעס וועט די לוויה נישט קאָנען גיין...

מ׳דענערווירט זיך. עמיצער לאָזט אַרויס אַ ביטערע קללה, אויפן אַדרעס פון דער צאַרישער פּאָליציי. אַנדערע זאָגן נאָך ״אמן״...

איך טרעף בן־ציון פרידמאַן[22]) און יעקב רייזפעדער. מ׳גייט צוזאַמען. מ׳דרייט

---

22) בן־ציון פרידמאַן — לעבט אין פּאַריז.

זיך אַריין אין פּאַוויע. דערנאָך אויף סמאָטשע. פון דאָרט — צו גענשע. נאָר, ווו? — די גאַס איז באַלייגט מיט מענטשן. די פענצטער און באַלקאָנען געפּאַקט. אויך אויף די דעכער שלייכן זיך מענטשן...

אין ראָג שטייט דער אַלטער יחזקאל קאָטיק. דער אייגנטימער פון דער "ליטעראַרישער" קאַוויאַרניע אויף נאַלעווקעס. מ'קען אים. מ'האָט געלייענט זיינע "זכרונות". מאַכט מען אים אָן אָרט. מ'וויל, ס'זאָל אים זיין באַקוועמער צו שטיין. ער זאָל זיך נישט דאַרפן שטופּן. נאָר, ער זעט נישט. ער הערט נישט, וואָס מען רעדט צו אים. ער לאָזט זיך שטופּן פון דער מאַסע און זיינע בליקן זענען געווענדעט אַרויף — צו די פענצטער, צו די באַלקאָנען, צו די דעכער...

דורך אַ פענצטער, גענשע דריי און זיבעציק, אָדער פינף און זיבעציק, איז אַרויסגעהאָנגען אַ גרויס בילד פון פּרצן. ס'בילד געהילט אין שוואַרצן. מענטשן ווייסן — אויבן וווינט אַ שוסטער. לייזער טוכמאַן הייסט ער. ער האָט ס'געוועלבל אונטן, לעבן טויער. שוין געווען דריי יאָר אין סיביר...

אַנטקעגן, מיט עטלעכע הייזער ווייטער, איז אַ באַלקאָן געהילט אין שוואַרצן. אויך דאָ, צווישן עולם, טראָגן אַסך מענטשן שוואַרצע שלייפלעך.

כ'קריג אויך אַ שלייפל. דעם שכנס מיידל — אַ שניידערין — האָט אַ צענדליק אַזעלכע אויפגענייט...

זי דערלאַנגט. שפּילעט עס אָן. כ'קוק אויף איר פּנים. ס'קומט אויפן זינען פּרצעס "דריי נייטאָרינס" —

די אויגן רויט,
די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט
אין באַק נישטאָ...

אַ טומל. צווישן עולם שטופּט זיך לייבעלע טענצער — אַ שטיקל משוגענער — אין אַן אַלטן פראַק. אַ צילינדער אויפן קאָפּ און שטעקעלעך אין האַנט:

— יידן, לאָזט מיך... כ'מוז אים זען...

אַלע קענען אים. מ'זאָגט, עפּעס אַ טראַגעדיע איבערגעלעבט. קומט אויף אַלע חתונות. שטייט לעבן די כלי זמרים. "שפּילט" מיט די שטעקעלעך, ווי אויף אַ פידל. זיין פאָטאָגראַפיע שוין געווען אין "וועג" געדרוקט. מאַוריצי מינקאָווסקי האָט אים, ווי ער "שפּילט" אויף די שטעקעלעך, געצייכנט...

מ'קוקט אָן. מ'פאַרשטייט נישט — וואָס שטופּט ער זיך דאָ? וועמען "מוז" ער דאָ זען? — נאָר, מ'רוקט זיך אָפּ. מ'לאָזט אים דורך:

— גייט, לייבעלע, גייט...

און ער גייט, און ער שטופּט זיך און ער זינגט מיט אַ ניגון:

— יידן, לאָזט מיך... כ'מוז אים זען...

נישט בלויז ער שטופּט זיך. קיינער שטייט נישט איין אויף אָן אָרט. יעדער

רוקט זיך. יעדער וויל צוקומען נענטער צום בית־עולם, פאַרכאַפּן אַ בעסערע פּאָ־זיציע, בעסער קאָנען זען.

און דאָס צוקומען איז נישט לייכט. ס׳קומט אָן מיט אַנגסטן. — שטופּט מען זיך, אַרבעט מען מיט די זייטן, מיט די עלנבויגנס און — מ׳רוקט זיך. אָן אייל אַ שעה — אָבער, מ׳רוקט זיך...

ס׳ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער. וואָס אַמאָל ענגער. מ׳הערט שוין אויף זיין אַ בעל־הבית איבער זיך. מ׳ווערט געשטופּט און געוואָרפן. געטראָגן דורך דער מאַסע.

און מיטאַמאָל:

— די לוויה... די לוויה גייט...

— יאָ, די לוויה... דאָרט, ביי סמאָטשע...

דער געדראַנג שטאַרקט זיך. דער טומל — גרויס. אַלע מאָל — אַנדערע געשרייען. עמיצער וויל זיך אַרויפכאַפּן אויפן פּאַרקאַן פון יאַנקל און ישראל בראַדאַטיס מצבה־קריצעריי און דער פּאַרקאַן נעמט זיך ברעכן. ביי עמיצן ציט מען אַרויס אַ פּאָרטפעל פון טאַש. אַ יינגל דראַפּעט זיך אויף אַ לאַמטערן און ער פאַלט צוריק אַראָפּ. אַ מיידל נעמט קוויטשען, אַז מ׳צעקוועטשט זי און דאָ הערט מען, אַז ביי פּאַוויע גאַס איז אַ מיליטערישער וואָגן אַריין צווישן עולם...

כ׳קריג זיך צו צום פּאַרקאַן פון בית־עולם. פאַרכאַפּ אויף אַ רגע אַ טרעפּל. קוק פון דאָרט — טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. ניין. נישט מעגלעך צו שאַצן. אַ ריזיקע מאַסע קעפּ. אַ פאַליעדיקער ים. און איבערן ים — אַ שוואַרצע, אַ באַ־וועגלעכע מיטה...

מ׳שטויסט מיך אַראָפּ. איך רוק זיך ווייטער. לעבן רעזערוו־טויער ווייניק מענטשן. עמיצער קלעטערט. מ׳העלפט אים צו. ער קריגט זיך אַריבער. ס׳טויער — אָפן...

אַ טומל. אַ געשטופּעריי. ס׳לויפן אָן וועכטער. מ׳שטופּט צוריק. מ׳פאַרמאַכט דאָס טויער. נאָר, — איך בין אינעווייניק. געוואָרן אַריינגעטראָגן. מיטן געדראַנג מיטגעשלעפּט...

און דאָ — געוואַלד, וואָס דאָ טוט זיך. פון וואַנען האָבן זיך דאָ שוין אַזוי פיל מענטשן גענומען?...

איך לויף אַהער, לויף אַהין, זוך אַ בעסערע פּאָזיציע, כ׳זאָל קאָנען שטיין, קאָנען זען.

נאָר, ווו? ווער לאָזט? — מיט דער מינוט וואַקסט די מענטשן־מאַסע. מיט דער מינוט ווערט יעדעס ווינקעלע, יעדעס פרייע אָרט פאַרצוקט. ווי אַ שטור־רעמדיקער ים, וואָלט דורכגעבראָכן אַלע דאמבעס, פאַרשלונגען יעדעס פיצל ערד. יעדן בוים. יעדע מצבה...

כ׳קען זיך נישט האַלטן. איך ווער געטראָגן דורכן שטראָם, געשלעפּט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. פאַרקוועטשט אויף אַ בערגל —

ס׳כאַפּט אַ שוידער — ווער ווייסט, צי איז עס נישט אַ קבר... צי אונטן ליגט נישט אַ מת...

ס׳ווערט הייס און קאַלט... דאַכט זיך די ערד איז ווייך... דאַכט זיך עפּעס נעמט זיך באַוועגן...



י. ל. פּרץ

(געצייכנט פון יוסף טרויבע — מיט די ווערטער פון פּרצעס „מאָניש״).

כ׳וויל אַוועק, אַרויס פון דעם געדראַנג, נאָר די מאַסע האַלט אין צוואַנגען. כ׳בין אין דער מאַסע איינגעוואַקסן. באַוועגט זיך די מאַסע, באַוועג איך זיך אויך. שטייט די מאַסע — שטיי איך אויך...

ס׳שלעפּט זיך. דאָ און דאָרט שוועבן פאַרביי באַקאַנטע פּנימער.

נאָמבערג, יוסף העפטמאַן[23]), שלמה גילבערט. די אַרטיסטן אברהם יצחק קאַ־מינסקי, ישעיה ראַטשטיין, זישע קאַץ...

יאָ, אברהם דראַשקאַזש איז אויך דאָ. ער שאַרט זיך צווישן עולם. ס׳זעט אויס, ווי זיין גרויסער קאָפּ, מיט דער שוואַרצער באָרד, שווימט פון אויבן...

ס׳געדויערט לאַנג. שווער זיך צו האַלטן. אַלע אברים טוען וויי...

און אָט:

— מאַכט אַן אָרט!... לאָזט דורכגיין!...

— וואָס איז געשען? וואָס דאָס פרישע שטופעניש?

— איר זעט דאָך... מ׳טראָגט דעם ארון...

אַ ציטער נעמט אַלעמען דורך. די מאַסע נעמט זיך וויגן, ווי צו אַ תפילה. די שטימונג ווערט אַ געדריקטע, אַ ווייטיקלעכע. ווי ערשט איצט וואָלט מען דערפילט דעם גאַנצן ערנסט. ערשט איצט דערפילט דעם גאַנצן ווייטיק — שוין...

דער לעצטער וועג...

ס׳רייסן זיך אַרויס זיפצן. פרויען ווישן די אויגן. אַ מיידל העשעט אויפן קול:

— פרץ... גרויסער פרץ...

דער קבר איז נישט נאָענט. שווער צו זען. שטרענג איך אָן ס׳געהער. וויל כאַפּן א וואָרט, כאַפּן אַ קלאַנג, אפשר אַ רעדע, אפשר אַ קדיש...

כ׳קוק אויפן הימל. זע, ווי דער טאָג שטאַרבט אָפּ, ווי די זון רוקט זיך אַ־וועק, ווי זי גייט אויס...

---

קאַלט. אין געסל איז טונקל. די לבנה יאָגט זיך נישט — שפּאַצירט נאָך אין די רייכערע, אין די ברייטערע גאַסן. די בלויע פייערלעך פון די שיטער אָנ־געוואָרפענע לאַמטערנעס, וואַרפן אַ קאַרגע ליכט— ס׳זאָל נישט צופיל בלענדן, נישט קאַליע מאַכן די אויגן...

אַ הויכער שאָטן שאַרט זיך ביי די ווענט. שאַרט זיך און ברומט עפּעס. שאַרט זיך און שעלט...

כ׳קום־צו נענטער — אברהם דראַשקאַזש...

די פיס אַביסל וואַקלדיק. דער קאָפּ אין אַ זייט. די הענט — געביילטע אין פויסטן — אויפגעהויבן, ווי צום שלאָגן זיך...

— גוט יום־טוב, רב אברהם!

23) יוסף העפטמאַן — היינט אין ישראל. רעדאַקטאָר פון „הבקר". פאָרזיצער פון העברע־אישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד.

ער בלייבט שטיין. קוקט ביין:

— יום־טוב... יום־טוב!...

און ער דערקענט:

— האַ... דאָס זענט איר?... גוט יום־טוב... גוט יאָר... פון שול?...

— ניין. געווען אויף דער לוויה.

— אַזוי? אויפן בית־עולם אויך?

— יאָ.

— געזען, ווי מ׳האָט אים אַראָפּגעלאָזט?

— ניין.

— און איך האָב געזען... כ׳האָב געזען, ווי דאָ האָט מען אַראָפּגעלאָזט פּרצן און דאָרט, אויבן, האָט אַפּערגעקוקט, מיט אַ קרום אייגל, אַ פּאַרדרויטלטע, אַ פאַר־שעמטע לבנה...

ער גראַבלט אויס פון טאַש אַ פּלעשל. בייגט זיך צו:

— איר ווילט אַ זופּ?... כשרער פּסחדיקער שנאַפּס... ניין?... און איך האָב געמוזט... פון בית־עולם, גלייך אַריין צו חיימען... גענומען אַ פּלעשל... איר פאַר־שטייט?... באַפאַלן אַזאַ אומעט... געוואָרן אַזוי ענג... אַזוי באַנג... אַזאַ פּרץ... און וואָס איז דער מענטש?... אַרבעט, פּאַרט, פאַדעט און מיטאַמאָל — ט־ר־ר־ר... סטאָפּ!... און שוין... די לעצטע יאַזדע...

ער בלייבט שטיל. פאַרקוקט זיך אינם פייערל פון דער לאַמטער:

— ווי גיך ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט... יאָ, זאָגט מיר, וואָס האָט פּרץ גע־מיינט מיט דעם לידל?

— וועלכעס לידל?

— ווי גייט עס דאָרט? —

גיסט אָן נאַפּט און פּוצט די קנויט,
ווייל שלאָף איז גיפט, — נאַכט איז טויט...

# אַריינגעשטופּט אין „היינט" *)

דער כישוף פון אַ לידל. — קייזער ווילהעלם שלאָגט זיך מיט „פּאַניעז". — אומזיסטע בלעטלעך פון „וואַרשעווער טאַגעבלאַט". — לייב מלאך ציילט שורות. — וואָס זאָגט ש. סטופּניצקי? — מ'שפּילט די פּיעסע „פּאָליטיק". — נח פּרילוצקי גייט מיטן פאָלק. — יאַצקאַן לאַכט און רופט מענטשן. — אין אַ רעדאַקציע מוז מען זיך אַריינשטופּן...

פּלוצעם, מיטאַמאָל — ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. ווי פון טרויעריקן געמיט אַליין דעם קאַלטן פרימאָרגן אין פּנים געשליידערט —

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען —
אוי וויי!...

און באַלד האָט עס אַלץ און אַלעמען, ווי דורך אַ כישוף אַרומגעכאַפּט...

בייטאָג און ביינאַכט. ווו מען גייט און ווו מען שטייט. אין אַלע גאַסן, אַלע היף, אין יעדן ווינקל.

ווער הויך, פאַר יענעם — כדי צו וועקן רחמנות. ווער שטיל, פאַר זיך — כדי זיך "אַראָפּזינגען" פון האַרצן...

און אומעטום דאָס אייגענע לידל. אומעטום דעם אייגענעם ניגון, דער אייגענער קרעכץ, די אייגענע טרערן...

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען —
אוי וויי!...

מ'דאַרף שוין זינגען "דאָס פופצנטע יאָר". שוין גאָר נאָענט "דאָס זעכצנטע יאָר". נאָר די דאַטע איז נאָך יענע אין זכרון. די דאַטע, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ווען קייזער ווילהעלמס זעלנער האָבן גענומען מיט "פּאַניעז" זיך שלאָגן. אָנגעהויבן "פּאַניעס" שטעט פאַרנעמען.

איצט זענען קייזער ווילהעלמס זעלנער שוין לאַנג אין שטאָט. שוין דאָ לאַנג זייער "אָרדנונג" איינגעפירט.

---

*) די צווייטע העלפט פון דעם פראַגמענט, איז געווען געדרוקט אין יובל־נומער פון „היינט", אין יאָר 1938.

איז —

— שענקטס אַ שטיקעלע ברויט!

— האָטס רחמנות אויף אַ מאַמע מיט דריי פּיצלעך שוואַלבן!...

אויף קאַרמעליצקע, אויף דזשיקע, נאַלעווקעס, פּשעיאַזד — נישט קיין חילוק, צי די, אָדער יענע גאַסן —

אומעטום האָט די מלחמה אירע פּאַרפּוילטע ציין איינגעביסן. אומעטום האָט דער אָקופּאַנט די פּעטליע איבערן האַלדז פֿאַרצויגן.

און עס ווערט ענגער. עס ווערט שווערער. די נויט וואַקסט. אין דער לופֿט טראָגט זיך אַ גרויסער, אַ טויזנט־פֿאַכיקער אוי...

מענטשן ווערן זיך. מ׳גיט זיך נישט לייכט אונטער. מ׳טוט אַלץ, אַבי די נשמה דערהאַלטן. אַבי נישט אויסגיין פֿאַר דער צייט...

אויפֿן טראָטואַר וויגט זיך אַ מיידל, מיט אַ בלעך צוגעברוינטע פּענעצלעך באַנע־ברויט און זי רופֿט אין גאַס אַריין:

— צוקער מיט אייער... צוקער מיט אייער!...

לעבן רינשטאָק פּירט אַ ייד אַ שוואַרץ, רויכערנדיק אייוועלע, מיט קאַרטאָ־פּעלעך, ווי ניסעלעך:

— מאַנדלען... הייסע, געבראָטענע מאַנדלען!...

אַ קליין ייִנגעלע, מיט אַ קעסטעלע חלבנע ליכטלעך אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלדז:

— גרויסע, סיינע סאַבעס־ליכט. גרויסע, סיינע סאַבעס־ליכט!...

און אַ בלייך, אויסגעטרוקנט ווייבל, מיט איין קינד אויף דער האַנט און נאָך אַ קינד ביי דער זייט — שאַרט זיך גלייך, אויסגעצויגן, כמעט נישט באַוועגלעך — ווי ס׳וואָלט זיך געשאַרט אַ מומיע, אָדער אַ בילד אויסגעהאַקט פֿון שטיין. בלויז די טיפֿע, ווייטיקלעכע אויגן־אַפּלען, ווי צוויי ברוינע פֿייערלעך, לויפֿן גיך, פּלאָנטערן זיך צווישן די דורכגייער:

— מיין מאַן אַוועק אין מלחמה... כ׳דאַרף דערנערן די קינדערלעך...

נאַר, ווער קוקט זיך אום? — איטלעכער האָט מיט זיך צו טון —

איינער קוקט אויס אַ פּעקל אָפּצוטראָגן, אַ צווייטער זוכט אַ קונה אויף אַ טישטוך, פֿון טיש אַראָפּגענומען, אַ דריטער לויפֿט נאָך אַ פֿור קוילן און קלייבט אויף די אַראָפּגעפֿאַלענע ברעקלעך.

און דאָ, ביים טויער, וווּ ס׳געפֿינט זיך די קהלה־קיך — אַ געשטופּעניש מיט טעפּלעך...

מענטשן קומען אַרויס, קוקן גיריק אין די טעפּלעך. טייל שטעלן זיך באַלד אַוועק דאָס חיות צו דערהאַלטן, אַנדערע לויפֿן דערמיט גיך צו די שטוביקע אַהיים. און אַ קליין מיידעלע לויפֿט, קוקט זיך כסדר אום, צי קיינער זעט נישט,

**שטעקט פלינק אַריין דאָס הענטל אין טעפּל און נעמט דערנאָך בלאָזן די אָפּגע־בריטע פינגערלעך...**

---

— לייענט יידן, וויכטיקע נייעס!...

די בחורים שטעלן זיך נישט אָפּ. גייענדיק שטעקן זיי יעדערן די געדרוקטע בלעטלעך אַריין:

— נעמט... אָן געלט...

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

— לייענט, וועט איר זען...

מ'נעמט די בלעטלעך. מ'לייענט גיריק. איינער אין דער שטיל, איינער אויפן קול:

"וואַרשעווער טאָגעבלאַט"... גרויסע יידישע צייטונג... די בעסטע זשורנאַ־ליסטן... טאַלאַנטפולע שרייבער... שפּאַנענדיקער ראָמאַן... הומאָריסטיש־סאַטירי־שע אָפּטיילונג...

צו פּרנסה העלפט עס נישט. שטילן דעם הונגער קאָן מען דערמיט אויך נישט. נאָר, יידן אינטערעסירט עס. — פּאָרט וועגן אַ יידישער צייטונג.

איז לייענט מען די בלעטלעך. מ'רעדט, מ'דיסקוטירט...

און כאָטש אין דעם געדרוקטן בלעטל, ווערט וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט — זענען אָבער נישטאָ קיין סודות ביי יידן. מען ווייסט אַלץ...

דערציילט מען, אַז די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער דייטשער אָקו־פּאַציע־מאַכט... אַז אַלס רעדאַקטאָר איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון לאָדזש דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, לאַזאַר קאַהן... אַז ה. ד. נאָמבערג, א. ל. יאַקובאָוויטש, ליפּא קעסטין און הלל מיימאַן זענען אַוועק פון "היינט" און אַריין אין "וואַרשע־ווער טאָגעבלאַט"... אַז אין "וואַרשעווער טאָגעבלאַט" פאַרדינט מען שטיקער גאָלד... אַז עמיצער האָט אַליין געזען, ווי נאָמבערג האָט געגעסן וויס ברויט...

אינטערעסאַנט — כ'בין שוין עטלעכע מאָל געווען אין רעדאַקציע. שוין אויך אַ פּאָר זאַכן געדרוקט, און כ'ווייס נישט, ווער עס גיט די צייטונג אַרויס. ווייס נישט, ווער אַלץ פון "היינט" ס'איז אין "וואַרשעווער טאָגעבלאַט" איבערגעגאַנגען.

כ'ווייס בלויז וועגן נאָמבערגן. ווייס אויך וועגן ליפּא קעסטינען.

נאָמבערג איז, אַזוי צו זאָגן, דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, ליפּא קעסטין פירט די הומאָרסטישע אָפּטיילונג. רעד איך בלויז מיט זיי, ווען כ'קום. נאָר, ווייטער? — וויסן אַלץ אַזוי גענוי?...

עמיצער נעמט אַ בלעטל. כ'זע פון ווייטן — לייב מלאך, מיט די דייטשע "שטיבלעטן", גרויער "בעקעשע" און די ברילן־גלעזער פאַרהעקלט אויף דער נאָז.

מיר קענען זיך. כ׳האָב מיט אים זיך באַקענט אין דער גרויסער פאָדערשטוב פון רעדאַקציע. ער איז געווען איבערגעבויגן איבערן קאָמפּלעט צייטונגען, גע־ציילט די שורות פון זיין באַלאַדע "דריי״...

שוין צוויי מאָל האָט ער מיך געזען אין רעדאַקציע. געמיינט, כ׳בין אַ מיט־אַרבעטער, זיך מיט דרך ארץ אַ נייג געטון, געזאָגט "גוט מאָרגן״ און ווי פאַר־ענטפערט זיך, אָדער גאָר — זיך געקלאָגט:

— די ערשטע זאַך געדרוקט... געקומען נאָך אַ פּאָר קאָפּיקעס... פריער גע־הייסן וואַרטן, דערנאָך — ציילן די שורות...

איצט קען מען זיך שוין גוט. מיר שפּאַצירן אָפט. ער האָט שוין זיין גאַנצע ביאָגראַפיע דערציילט. אויך פּאַרטרויט, אַז דאָס פריילן סאַלטשע, די קעלנערין פון דער "ליטעראַרישער״ קאַוויאַרניע, אויף דזשיקע דרייצן, געפעלט אים. אויב ער האָט נישט קיין טעות — איז ער אין איר פאַרליבט...

ער קומט צו:

— גוט־מאָרגן! — איר האָט געליייענט?

— יאָ, געליייענט.

— נו, וואָס זאָגט איר? ווי געפעלט אייך?

— ווי זאָל געפעלן? — איר האָט געדאַרפט הערן, וואָס יידן רעדן. ווי יידן ווייסן עס אַלץ...

ער קוקט אָן, דאַכט זיך, אַביסל בייז:

— וואָס אַזעלכעס? וואָס ווייסט מען? — זי קאָן יאָ געפעלן, אָדער נישט גע־פעלן. נאָר, איר זאָגט, מ׳ווייסט אַלץ? וואָס איז דאָ צו וויסן?

שווער צו פאַרשטיין. — וואָס מישט ער דאָ זי אַריין? ווער האָט איצט זיין מיידל אין זינען?

כ׳וויל זיך פאַרענטפערן. אים אויפקלערן, אַז מ׳האָט נישט גערעדט וועגן קיין שום "זי״. נאָר, ער לאָזט נישט רעדן. ער נעמט זיך קאָכן:

— כ׳האָב זי חלילה נישט געגנבעט... כ׳האָב אַ וואָך צייט געאַרבעט אויף איר... איבעריקנס, איז נאָמבערג אויך אַ מבין... נאָמבערגן געפעלט זי שטאַרק... ער זאָגט, אַז זי איז שענער און אָריגינעלער, ווי די ערשטע באַלאַדע מיינע...

כ׳פאַרשעם זיך. איך כאַפּ זיך ערשט, אַז דאָס מיינט ער זיין צווייטע באַלאַ־דע, וואָס ער האָט היינט געדרוקט. אַז וועגן דער באַלאַדע פרעגט ער עס, צי זי גע־פעלט...

פאַרפאַלן. מוז מען אים אויפקלערן, אַז מיר האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב געמיינט, ער פרעגט וועגן די בלעטלעך, אַז גערעדט האָבן יידן גאָר וועגן "וואַרשעווער טאַגעבלאַט״ און טאַקע וועגן דעם "וואַרשעווער טאַגעבלאַט״ ווייסט מען אַלץ...

ס׳קומען אַנטקעגן ש. סטופּניצקי און דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון "מאָ־מענט״, י. י. פּראָפּוס. מלאך קען זיך מיט זיי. מ׳שטעלט זיך אָפּ, מ׳באַגריסט זיך,

מ׳רעדט וועגן די געדרוקטע בלעטלעך, וואָס מען טיילט, וועגן די רעדאַקציעס, וועגן די מיטאַרבעטער.

ווי ער האָט עס נישט קיין מורא, מלאך. ווי ער שיט עס פּעך און שוועבל אויף די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון "מאָמענט". ער דערציילט, ווי זיי קעמפן דאָרט קעגן די יונגע, ווי זיי ציטערן פאַר קאָנקורענץ. קוקן אויף יעדן זייטיקן, וואָס ברענגט עפּעס אין רעדאַקציע — ווי יענער וואָלט אויף זייער לעבן געגאַנגען...

פּראַפּוס שמייכלט. ער גיט־צו מלאכן היץ. סטופּניצקי כאַפּט אַרויס די ליול־קע פון מויל, טוט אַ וויש די וואָנסן:

— הערט, חברה, וואָס איך זאָג אייך! — כדאי די הויזן פאַרזעצן און אין אַ רעדאַקציע זיך אַריינקריגן...

— און ווי קומט מען אָן?

— אָ, אין אַ רעדאַקציע קאָן מען נישט אַזוי לייכט אָנקומען. אין אַ רעדאַק־ציע מוז מען זיך אַריינשטופּן...

---

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען —
אוי וויי!...

שוין לאַנג אַוועק דאָס פופצנטע יאָר. מ׳האָלט שוין ביים מיט פון זעכצנטן יאָר. דחקות און הונגער — שוין מיט אַלע נעגל אין לייב זיך איינגעקלאַמערט. אַרויסרופן מאָטל פּינקערטן[24]) צו אַ פון הונגער געפאַלענעם — שוין קיין נייעס נישט.

דאָס פערצנטע יאָר איז אָנגעקומען —
אוי וויי!...

אויף לעשנא, ביים זייגער, וויינט אַ ווייבל:
— שענקט פאַרן קינד אַ שטיקעלע ברויט!
פון פּשעיאַזד — אַ געלויף:
— אַ גנבֿ! כאַפּט אַ גנבֿ! — פון וועגעלע אַ מייער אַראָפּגעכאַפּט!
דאָרט, אין ראָג, אַ טומל:
— גיכער! אַ ביסל וואַסער! אַ מענטש חלשט!...

און דאָ — ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער, צווישן די טירן, באַקלעפּט מיט פאַרביקע אַפישן — אַזאַ טומל. אַזאַ געגיי.

מענטשן וווּנדערן זיך. מ׳קאָן נישט פאַרשטיין —

24) מאָטל פּינקערט — באַאַמטער פון "חסד של אמת", אַ געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דורכפירן לוויות.

איצט? אינדערפרי אַ טעאַטער? און מ׳בעט קיין בילעטן נישט? ווער ס׳וויל קאָן אַריינגיין? — וואָס זשע איז געשען? וואָס פאַר אַ יום־טוב?

איינער קוקט אויפן אַפיש:

— טעאַטער צענטראַל... דירעקטאָרן: ס. ריבאַ און מאַקס ברין... אַרטיסטן: מיכאַל מיכאַלעסקאַ, דוד לעדערמאַן, לעאָן כאראז, באַרסקאַ־פישער, מאַטילדע סען־קלער... היינט און אַלע טאָג — די נייעסטע אָפּערעטע פון י.ל. וואָלמאַן[25]) "דער שטרויענער אלמן"...

און אַ בחור שמייכלט:

— ניין. איצט שפּילט מען נישט דעם "שטרויענעם אלמן". איצט שפּילט מען די באַרימטע פּיעסע "פּאָליטיק"...

— ס׳הייסט?

— וואָס פרעגט איר? — די דייטשן האָבן ישועות ונחמות אויף דער שטאָט וואַרשע געברענגט. דעם עולם מיט שטאָטראַט־וואַלן מזכה געווען...

— און דעריבער?

— דעריבער איז אויך אַ יידישער וואַל־קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן. מ׳רופט פאַרזאַמלונגען, מ׳רופט מיטינגען — מ׳דאַרף דעם עולם אויפקלערן, מאַכן באַוווסטזיניק...

ס׳קומען אָן די אַקטיאָרן מיכאַל מיכאַלעסקאַ, אייזיק ראַטמאַן, בערל שוואַרצשטיין[26]), דער דיריגענט וויינבערג און דער רעפּאָרטער פון "וואַרשעווער טאַגעבלאַט", שלמה פיינקינד. חברה דערקענט די אַקטיאָרן, מ׳רינגלט זיי אַרום. אַ מיידל פרעגט אין שפּאַס:

— איר שפּילט אויך אויף דער פּיעסע?

עמיצער העלפט זיי אַרויס:

— ניין. איצט שפּילן אַנדערע אַקטיאָרן... גייט אַריין, וועט איר הערן יענע וועלט־באַרימטע "שוישפּילער"... איר וועט הערן אַדוואָקאַט זיידעמאַן, נח פּרילוצקי, ד״ר יהושע גאָטליב, העשל פאַרבשטיין, מ. מוטערמילך, ד״ר קלומעל, ש. הירשהאָרן און נאָך און נאָך...

— אַזאַ אחדות? — טאָקע משיחס צייטן...

נאָר פיינקינד בייגט זיך צו:

— שוין... אויס אחדות... דער וואַל־קאָמיטעט צעריסן... די יידישיסטן מיט נח פּרילוצקין, זענען אַוועק... זיי שאַפן אַ באַזונדערן קאָמיטעט... די פּועלי־ציון ברוגזן זיך אויך... דער "בונד" גייט מיט דער לינקער גרופּע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי... איצט ווייסט מען נישט, צי די ציוניסטן וועלן אין קאָ־

---

25) מיכאַל מיכאַלעסקאַ — לעבט אין ניו־יאָרק, דוד לעדערמאַן — אין בוענאָס־איירעס און י. ל. וואָלמאַן — אין ישראל.

26) אייזיק ראַטמאַן — היינט אין אַרגענטינע, בערל שוואַרצשטיין — אין ניו־יאָרק.

מיטעט בלייבן מיט די אָרטאָדאָקסן און אַסימילאַטאָרן, אָדער — זיי וועלן אויך אַרויס...

— הייסט עס?

— ס'הייסט, - אַ קריזיס אין קאָמיטעט.

מ'דאַרף רחמים...

אַ ווייבל קומט צו:

— שענקט אויף אַ שטיקעלע ברויט!...

עמיצער וויזט איר אָן אויף דער טיר פון טעאַטער:

— גייט אַריין אינעווייניק. קיין עין הרע אַ סך יידן.

— וואָס איז דאָרט?

— אַ מיטינג.

— ווער האָט געלט?

— גייט אַריין. אָן אַ גראָשן געלט.

— אַזוי? — אָן געלט?...

און דאָס ווייבל שרייט אַריבער צו אַ מיי־דעלע, אויפן צווייטן טראָטואַר:

— חנהלע! גיכער! אָן געלט! אַ מיטאָק!...



נח פּרילוצקי
(צייכענונג פון ש. פייגענבוים)

---

אין גאָרטן איז שטיל. דער אנגענעמער ריח פון די נאַר־וואָס באַשפּריצ־טע בלומען אַרום — פרישן אויף.

פייגעלעך סווישטשען. פליען פון בוים צו בוים, פלאַטערן איבער די קעפּ, פּיקן אויס מיט די שנאָבעלעך זייער דערנערונג, שפּרינגען, שטיפן, פאַרגייען זיך אין זייערע ניגונים, אין זייער אויסטרילן די זומערדיקע געזאַנגען...

וואָס פעלט זיי? וואָס ווייסן זיי פון דעם האַרטן אַרום? — ס'איז זומער, ליכ־טיק, וואַרעם. אויף דיביימער און גראָזן איז דאָ אַ שפע — גענוג פאַר זיך, גע־נוג פאַר די קינדערלעך אין די נעסטן צו טראָגן...

ווערט טאַקע אַזוי גוט אויפן האַרצן. איז טאַקע אַ מחיה אַזוי פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, צו שפּאַצירן אין דער שאָטנדיקער אַלייע. שפּילעוודיק האַלטן צווישן די ליפּן אַ פרישן, צאַפּלדיק, נאַר־וואָס אָפּגעריסן בלעטל. מיט די בליקן זיך גליטשן איבערן האַלב מיט גראָז באַוואַקסענעם און האַלב פליכעוואַטן באָדן און — אין געדאַנק באַאַרבעטן און ״שלייפן״ אַ לידל...

אַ לידל, אַ וויציקס, אַ סאַטירע אויף די שטאָטראַט־וואַלן, אַ סאַטירע אויף

די גליקן, וואָס מען דערוואַרט פון דער געשענקטער אינסטיטוציע. אויף די גרוי־סע בייטלען, וואָס יידן נעמען שוין באַצייטנס זיך נייען...

וויציק איז עס, שאַרף איז עס אויך — איז טאַקע שווער זיך צו באַהערשן. מוז מען געבן אַ שמייכל...

מיט אַמאָל:

— וואָס איז די גדולה?...

כ׳הייב אויף די אויגן — ס׳איז דוד הימעלשטיין. אַ חבר. נאָך געשריבן אין "הצפירה". היינט — אַ גאַנצער מאַכער אין יידישן וואַל־קאָמיטעט.

ער קוקט אָן:

— אַ מענטש זאָל לאַכן צו זיך אַליין.

כ׳פאַרענטפער זיך:

— אַ לידל... זייער וויציק... אַ סאַטירע אויף...

נאָר ער שלאָגט איבער:

— לאָז איצט אָפּ מיט דיין לידל! זאָג בעסער, פאַר וואָס ביסטו היינט נישט צוגעקומען אויפן מיטינג? — אַ שאָד. נאָר גאָרנישט. — כ׳האָב דאָס דערליידיקט נישט ערגער, ווי דו אַליין וואָלסט דערביי געווען...

— וואָס אַזעלכעס?

— כ׳האָב זיך געזען מיט משה־גרשון פעלדשטיין. מיט דעם, וואָס שרייבט זיך אונטער "ר׳ משה". כ׳האָב מיט אים גערעדט וועגן דיר...

— וועגן מיר?

— הער! — זינט פנחס קאַץ איז קראַנק, מאַכט פעלדשטיין די הומאָריסטישע אָפּטיילונג אין "היינט". האָט ער זיך היינט פאַר מיר געקלאָגט, אַז ס׳איז אים שווער דאָס צו מאַכן און ער זוכט עמיצן, וואָס וואָלט דאָס געקאָנט איבערנעמען. בקיצור — כ׳האָב אים פאַרגעלייגט, דו זאָלסט עס איבערנעמען...

— איך?

— יאָ, דו. ער האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט. געבעטן, זאָלסט נאָך היינט צוקו־מען אין רעדאַקציע.

— אַלע וואָך אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג?... ווי וועל איך עס קאָנען?...

נאָר ער לאָזט נישט רעדן. ער נעמט אונטערן אָרעם. נעמט פירן:

— פאָלג מיך. איך בין עלטער פון דיר. כ׳קען בעסער ס׳לעבן. אַזאַ געלעגנ־הייט מוז מען אויסנוצן...

איך גיי און דאָס האַרץ קלאַפּט. כ׳נעם זיך דערמאָנען וועגן דעם גאַנצן הו־מאָר, וואָס כ׳האָב שוין געדרוקט. אויך וועגן די וויצן, אין "וואַרשעווער טאָגע־בלאַט" און אין "מאָמענט" צוגעוואָרפן. כ׳וועג און מעסט יעדע זאַך באַזונדער און — ס׳כאַפּט אָן אַ שרעק...

נעם איך זיך בעטן:

— אַליין מאַכן אַ גאַנצע אָפּטיילונג...

— נו, וואָס? — האָסט נישט קיין כּוח?
— אַ צו גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט... כ'האָב מורא...
— האָסט מורא, לייען קריאת שמע...
— ניין, ס'האָט דאָך קיין זין נישט...
— וואָס האָט נישט קיין זין? — דו ווייסט, וואָס עס הייסט אָנקומען אין "היינט"?... געדענקסט, האָסט מיר געהאַט דערציילט, וואָס סטופּניצקי האָט געזאָגט?... אין אַ רעדאַקציע איז נישט אַזוי לייכט אָנצוקומען. אין אַ רעדאַקציע מוז מען זיך אַריינשטופּן...

און באַלד:
— אָט זענען מיר שוין דאָ...
— שוין?...

ווי גיך מיר זענען געגאַנגען... יאָ, כלאָדנע אַכט... דאָ איז עס... די גרויסע, באַגילדעטע אותיות אויף דער גלאַנציק טונקעלער שילד, שרייען עס אַנטקעגן...

ער בלייבט שטיין:
— גיי אַריין. אויב פעלדשטיין איז נישטאָ, וועסטו רעדן מיטן רעדאַקטאָר יאַצקאַן.
— ניין... כ'וועל נישט אַריינגיין... אַ גאַנצע אָפּטיילונג... ס'הייסט, זיין רעדאַקטאָר... כ'ווייס אַליין נישט... כ'בין אינגאַנצן צעמישט... כ'בין...
— קום, איך גיי מיט אַריין...
— טאַקע?...

איך גיי און דאָס האַרץ קלאַפּט נאָך שטאַרקער. די פיס נעמען זיך וואַקלען, נעמען זיך בייגן, ווי דער באָדן, אויף וועלכן זיי טרעטן, וואָלט געווען אַ ווייכער, אַ נישט זיכערער...

נאָר ער פירט ווייטער פאַרן אָרעם. ער האַלט פעסט. ס'דאַכט זיך, ער היט. ער האָט מורא, איך זאָל חלילה נישט אַנטלויפן...

ער עפנט די טיר. שיקט מיך פאָרויס:
— גיי אַריין.
— און דו?
— איך גיי אויך.

נאָר ער לאָזט מיך אַריין, פאַרמאַכט גיך די טיר און אַליין בלייבט ער אין דרויסן...

כ'רייס אויף די טיר, וויל צוריק אַרויסלויפן — נאָר ער טוט מיך האַסטיק אַ שטופּ צוריק. אַלץ נעמט זיך דרייען און איך פאַל אַרויף אויף דער צווייטער טיר...

דער קלאַפּ אַ שטאַרקער. דאָס צעטומלעניש גרויס. נישט קלאָרע געדאַנקען נעמען זיך פּלאָנטערן, נעמען זיך פאַרטשעפּען איינער אין אַנדערן, איינער אין אַנדערן...

פון אינעווייניק דערהערן זיך טריט. כ׳קום ווי עס איז צו זיך. וויל אַנט־לויפן, נאָר די טיר פון צימער איז שוין אָפן. ס׳שטייען צווי מענטשן:

— וואָס איז?...

כ׳ווייס, אַז כ׳מוז עפּעס זאָגן. אַז כ׳מוז ווי עס איז זיך אַרויסדרייען. נעם איך פּלאָנטערן מיט דער צונג:

— כ׳בין... כ׳בין געפאַלן...

און כדי מ׳זאָל שוין מער דערפון נישט רעדן, פרעג איך:

— איז דאָ דער הער פעלדשטיין?

— ניין. ער איז נישטאָ.

— און דער רעדאַקטאָר יאַצקאָן?

— ביטע, וואָס ווילט איר?...

ערשט איצט כאַפּ איך זיך — ס׳איז טאַקע יאַצקאַן... דער רעדאַקטאָר אַליין... שוין אַמאָל אים געזען... יאָ, דער צווייטער איז נחמיה פינקעלשטיין... דער שותף פון "היינט"... אים שוין געזען בעת דער לוויה פון פּרצן...

— נו, וואָס ווילט איר?...

יאָ, וואָס וויל איך?... ס׳האָט דאָך קיין זין נישט... מ׳דאַרף דאָך עפּעס זאָגן... עפּעס ענטפערן...

נעם איך זיך אָן מיט מוט:

— כ׳האָב געוואָלט עפּעס רעדן...

קומט אַריין!

יאַצקאַן גייט אַריין. איך גיי נאָך...

ביי דער טיר פון צווייטן צימער, דרייט ער זיך מיטאַמאָל אויס:

— נו, רעדט...

זאָג איך:

— כ׳בין קוטשער... פעלדשטיין האָט געהייסן...

שלאָגט ער איבער:

— אַזוי? — זענט איר עס דער וויצן־שמירער? יאָ, פעלדשטיין האָט מיר דערציילט וועגן אייך... איז וואָס?... ווילט איר זיך אונטערנעמען מאַכן דעם "לייַ־דיקגייער"?...

כ׳וויל זאָגן, אַז אייגנטלעך ווייס איך נישט, צי כ׳וועל קאָנען, אַז אייגנטלעך האָב איך אינגאַנצן נישט געוואָלט אַהערגיין. נאָר כ׳זאָג:

— כ׳ווייס... כ׳וועל פּרובירן...

— יאָ, מ׳דאַרף פּרובירן. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר שרייבט גאַנץ פיינע שטיקלעך.

ער טוט נאָכאַמאָל אַ קוק אויף מיר. זעט, ווי כ׳דריי דאָס היטל אין האַנט. גייט ער צו, טוט מיר אַ גלעט:

— ברענגט אַ פּאַרציע... מ׳עט זען... נאָר זייט נישט אַזוי צעטומלט... כ׳בין נישט קיין בער... כ׳עס נישט קיין מענטשן...

---

יאַצקאַן זיצט אויפן פּאַטעל. די פיס אויף אַ שטול, דאָס בערדל פּאַרריסן, אין איין האַנט אַ סיגאַרעטל, אין דער צווייטער — מיינע בלעטלעך...

צוועלף בלעטלעך...

אַ פּאַראָדיע אויף אַ ענדעקישע וואַל־פּלאַטפאָרמע, אַ סאַטיריש לידל, אַ שארזש־בילדל פון אַ וואַל־מיטינג, אַ געשפּרעך צווישן יידן וועגן דעם, וואָס עס איז אַזעלכעס אַ שטאָטראַט און אַ צענדליק אייגענע און "גענאַשטע" וויצן...

איך שטיי אין אַ זייט, דריי נערוועז דאָס היטל אין האַנט, קוק אויף יאַצקאַ־נען, פּאַרש זיין יעדע באַוועגונג. — ס׳דאַכט זיך, ער זעט, ווי כ׳וואַרף זיך איינ־גאַנצן. ער הערט, ווי ס׳קלאַפּן ביי מיר די ציין...

נאָר, ניין. ער קוקט גאָרנישט אויף מיר. זעט אויס, ער ווייסט גאָרנישט, אַז כ׳בין דאָ. ער לייגט אַוועק איין בלעטל נאָכן אַנדערן, לאַכט זיך פונאַנדער, נעמט לייענען מיט אַ גמרא־ניגון. שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ יונג דאָס איז... אַ יונג דאָס איז...

טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף. מאַכט אויף די טיר פון קאַבינעט. נעמט שרייען:

— קומטס נאָר אַריין!... קומטס נאָר אַריין!... הערטס, וואָס אַ יונג קאָן!...

ס׳ווערט אַ געלויף אַריין. אין קאַבינעט שטייען: אהרן ריקליס[27]), אהרן איינ־האָרן, חנוך איש, אליעזר־דוד פינקעל און ב. אויערבאַך — מיט ווייסע הענטש־קעס אין האַנט...

זיי קוקן אויף יאַצקאַנען, קוקן אויף מיר און איך באַגיס זיך מיט אַ שוויס. איך ווייס נישט וואָס צו טון מיט זיך...

וואָס איז געשען?... וואָס האָט יאַצקאַן די מיטאַרבעטער צונויפגערופן?... וואָס וועלן זיי טון מיט מיר?...

כ׳קוק אויף יאַצקאַנען, קוק אויף די אַריינגעלאָפּענע, ס׳זעט אויס — אָט־אָט כאַפּט מען מיך פאַרן קאָלנער, מ׳וואַרפט מיך אַרויס פון רעדאַקציע, מ׳שליידערט מיך אַראָפּ פון אַלע טרעפּ...

יאַצקאַנס אויגן פינקלען:

— איר זעט אַ יונג?...

---

27) אהרן ריקליס (ס. ליריק) — היינט אין ישראל.

מ׳קוקט מיך נאָכאַמאָל אָן. איש נעמט זיך שאַרן נענטער צו מיר. ריקליס הייבט די אַקסלען:

— נו, וואָס?...

— ווער איר באַלד הערן...

און ער זעצט זיך צוריק אין דער פריערדיקער פּאָזע. נעמט לייענען אויפן קול דאָס בילדל. לייענט און לאַכט, לייענט און לאַכט. ער ענדיקט און טוט אַ קוק אויפן עולם:

— נו?...

קיינער ענטפערט נישט.

— ווי געפעלט אייך אַ יונג?...

מ׳שווייגט ווייטער.

— הייסט עס...

דאָ טוט אויערבאַך אַ זייטיקן קוק. נעמט אָנטון אַ הענטשקע:

— ע...

יאַצקאַן ווערט בייז. טוט אויף אים אַ קוק. וויל אים עפּעס זאָגן. נאָר דרייט זיך אויס צו מיר:

— ס׳שאַדט נישט... איר קענט שרייבן...

דער עולם ווערט ווייכער. מ׳נעמט רעדן. נאָר, כ׳הער נישט וואָס... אין קאָפּ רוישט. דער געדאַנק — אַ מיש־מאַש — — —

דער חבר שטופּט אַריין... כ׳ליג אַן אַרויפגעפאַלענער אויף דער טיר... סטופּ־ניצקי ווישט די וואָנסן... א י ן  אַ  ר ע ד א ק צ י ע  א י ז  נ י ש ט  אַ ז ו י  ל י י כ ט  אַ נ צ ו ק ו מ ע ן ...  א י ן  אַ  ר ע ד א ק צ י ע  מ ו ז  מ ע ן  ז י ך  אַ ר י י נ ש ט ו פּ ן !...

# דער ערשטער שטריך...

דער כוח פון אַ ביכעלע. — ר׳ אליעזר־דוד פינקעל „זעט״ געשעעניש. — מחלוקת צוליב אַ שטאָטראַט־בענקל. — דוד הולך ודוד בא. — ר׳ נחום־לייב ווייגאַט לערנט שרייבן. — ערשטע אַקציע פון ליטעראַטן־פאַריין. — זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהייב...

אַ קליין, דין ביכעלע, ווי אַ קינדעריש בענטשערל. צוויי טונקל בלויע טע־וועלעך, ווי פיצעלעך פאַרנאַכטיקער הימל. עטלעכע מיט גאָלד געליישטע אותיות, וואָס טראָגן גאַוהדיק אַנטקעגן צוויי שפּיציקע ווערטער —

רעדאַקציע ״היינט״...

און שוין. דאָס איז עס.

און וואָס פאַר אַ כוח דאָס האָט...

ווי מענטשן האָבן עס דרך ארץ פאַר דעם...

מ׳קאָן נישט זאָגן. — ס׳וואַרעמט שוין נישט, ווי פון אָנהייב. שוין נישט דאָס נייעס. נישט דאָס שיכרות...

און צוויי טנס —

מ׳זעט שוין, מ׳לייענט שוין. — הומאָריסטישע אָפּטיילונג, פעליעטאָנען אויף אַקטועלע טעמעס, גרייף אָן, זאָג אַריין, לאָך אויס...

און דער עיקר — כ׳בין מיט אַלע גלייך. האָב אָן אייגן טישל אין רעדאַק־ציע. אַ טישל צווישן אַלע מיטאַרבעטער. צווישן אַלטע באַקאַנטע שרייבער, זשור־נאַליסטן, גרויסע קעפּ...

אמת, שוין נישט יענע. נישט די אַמאָליקע —

י. ל. פּרץ שוין אַוועק אין זיין אייביקער רו, דוד פרישמאַן און ז. וואָנדראָף געבליבן שטעקן אין רוסלאַנד, מנחם זיך אַריבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע, הערש־דוד נאָמבערג אַוועק אין ״וואַרשעווער טאָגעבלאַט״. ש. י. סטופּניצקי סתם עפּעס ברוגז.

דאָך —

אהרן ריקליס, אברהם גאָלדבערג, אהרן איינהאָרן, מנחם קיפּניס, אהרן גאָרו־זע, יצחק שאַפּירא, משה־גרשון פעלדשטיין, בנימין קרעמער, משה כייקין, חנוך איש...

און ערשט ר׳ אליעזר־דוד פינקעל —
אַ ייד, וואָס אַז מען טוט אויף אים אַ קוק, דערזעט מען קודם־כל אַ באָרד.
אַ ברייטע, געדיכטע, כמעט שוואַרצע באָרד.
דערנאָך, ווען מ׳קוקט זיך גוט איין, זעט מען ערשט, אַז די באָרד האָט אויך אַ פּנים...
און דאָס פּנים — אַ פּאָר אָפענע, קלוגע אויגן...
און כאָטש די אויגן, דאַכט זיך, אַזעלכע גוטע, אַזעלכע מילדע, כמעט קינדערישע — דאָך שרעקן זיי עפּעס. זענען אין זיי עפּעס סודותדיקס פאַראַן...
מעגלעך אַ טעות. ס׳קאָן זיין, דאָס איז צוליב דער נייגונג זיינער צו טעלעפּאַטיע...
מ׳זאָגט, ער קאָן פּאַרויסזען געשעענישן... ער האָט וועגן דעם שוין אפילו אַ העברעיש ביכל אָנגעשריבן...
בעת דעם ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, האָט ער פּאַרויסגעזאָגט דעם טאָג, ווען ביילים וועט אַרויס אויף דער פריי...
דאָך אינטריגירט עס. ס׳ציט צו אים. — פּאַרט אַן אַלטער העברעיִשער שרייבער. אַ תלמיד־חכם, געלערנטער, קענער פון אַסך שפּראַכן, ווייניק רעדער...
און נאָך עפּעס —
אויך ער קומט נישט שבת אין רעדאַקציע. אויך ער כאַפּט אַריין אַ מנחה, טוט אָן דעם הוט צום טרינקען טיי...[28])

---

די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט שוין לאַנג פאַרענדיקט. נח פּרילוצקי זיצט שוין ברייט און באַקוועם אויף זיין ראַטמאַן־בענקל. נאָר יאַצקאַן קאָן זיך אַלץ נישט שענקען. ער קאָן פּרילוצקין אַלץ נישט מוחל זיין, פאַר זיין אַרויסטרעטן פון אַלגעמיינעם יידישן וואַל־קאָמיטעט. פאַר זיין באַזונדער גיין צו די וואַלן...
אין די מלחמה אַ פאַרביטערטע. יאַצקאַן מיט זיין חיל שיסן פון דער ״היינט״־פעסטונג, פּרילוצקי מיט זיין חיל — פון דער ״מאָמענט״־פעסטונג.ביידע צדדים — פאַרביסן. פון ביידע פעסטונגען — גיפטיקע פיילן...
און דאָס ״פאָלק״ אין רעדאַקציע איז שוין מיד פון די מלחמות. דאָס ״פאָלק״ איז פּאַציפיסטיש געשטימט. און דער ערשטער פּאַציפיסט — דער בעל הבית נחמיה פינקעלשטיין...

---

28) אליעזר־דוד פינקעל — פאָטער פון אינזשיניער ג. פינקעל (דירעקטאָר פון דער אַזוי באַקאַנט־געוואָרענער „פינקעלס גימנאַזיע״ אויף לעשנאָ גאַס).

— וואָס דאַרף מען עס? — טענהט ער. וועמען טויג עס? זאָל עס שוין אַמאָל אויפהערן...

אַ שטילער איז ער, נחמיה פינקעלשטיין. אַן אײדעלער. אײנער פון די אָנגע־זעענסטע און ריינסטע יידישע כלל־טוער.

י. ל. פּרצעס אינטימער פריינד געוועזן[29]).

נישט קיין הויכער. מיט אַ קליינטשיק בלאָנד קמץ־בערדעלע, אַן אײדל פּנים, בלויע גוטמוטיקע אויגן, אַ שטענדיק שמייכעלע אויף די ליפּן און צווישן די ליפּן — אַ דין ברוין ציגאַרל...

אַלץ אײנס, צי דאָס ציגאַרל איז אָנגעצינדן, אָדער נישט. צום מיינסטן טאָקע נישט...

וואָרן, נישט דער עיקר איז דאָס רייכערן. דער עיקר — די ליפּן זאָלן זיין פאַרנומען —

מ׳זאָל וואָס ווייניקער רעדן...

אויך גיין גייט ער שטיל. ווי ער וואָלט געשוועבט, ווי ס׳וואָלט אים געווען אַ שאָד מיט זיינע שיך אויפן דיל צו טרעטן...

מ׳הערט אַ סך וועגן די אַרויסגעבער — נחמיה און נח פינקעלשטיין. נח איז נישטאָ. נח איז צוליב דער מלחמה געבליבן שטעקן אין פראַנקרייך. מ׳זאָגט אָבער, אַז צווישן ביידע ברידער איז נישטאָ קיין אונטערשייד. ווי אַ געבוירענער צווי־לינג. אַזוי אין אויסזען, אַזוי אין התנהגות...

נישט קיין געשעפטסלייט ביידע. נישט מיט קיין קרעמערישע אויסרעכענונג, זענען זיי צוגעטרעטן אַרויסגעבן דעם "היינט". נאָר מיט ליבע צום יידישן אות. מיט יראת הכבוד צום געדרוקטן וואָרט. מיט אַן אַמביציע צו שאַפן אַ וואָס שענע־רע, אַ וואָס בעסערע יידישע צייטונג.

און מעגן זיין פאַרשידענע שטרויכלונגען. מעג עס זיין פאַרבונדן מיט גרויסע היזקות. מעג עס באַדראָען זייער פּריוואַטע פינאַנציעלע עקזיסטענץ...

און ערלעך. נישט חלילה באַעוולהן. נישט צופיל עקספּלואַטירן —

גאָרנישט, ווי דער שטייגער פון בעלי בתים...

מ׳זאָגט, אַ ירושה אַזאַ, פון טאַטן און אויך פון זיידן, ר׳ משהלע פינקעל־שטיין, אין בריסק דליטא.

אַסך, זייער אַסך דערציילט מען פון ר׳ משהלען —

ער האָט — דערציילט מען — אַ ברייט פאַרצווייגטן האַנדל מיט חלב גע־פירט. מיט אַ סך סוחרים אין דער גאָרער וועלט געהאַנדלט. איז איינמאָל, שבת, קומט אָן אַ טעלעגראַמע וועגן אַ גרויס באַשטעלונג חלב, אויף אַ באַשטימטן פּרייז. ס׳איז שבת. ר׳ משהלע עפנט אפילו נישט די טעלעגראַמע. קומט אָן אַ צווייטע

---

29) די לעצטע יאָרן פאַרן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט נחמיה פינקעל־שטיין געאַרבעט איבער אַ ווערק „צען יאָר מיט פּרצן".

טעלעגראַמע, מיט אַ העכערן פּרייז. דערנאָך נאָך אַ טעלעגראַמע מיט נאָך אַ העכערן פּרייז, אָבער ר׳ משהלע ענטפערט אַלץ נישט. ערשט שבת־צו נאַכטס, ר׳ משהלע עפנט אַלע דריי טעלעגראַמעס — ענטפערט ער גלייך, אַז ער האָט נישט געענטפערט, צוליב שבת און אַז ער באַשטייט אויפן ערשטן פּרייז...

און סיי נח, סיי נחמיה פינקעלשטיין, פאַרשעמען נישט די מידה פון זייער זיידן.

זינט דער "היינט" עקזיסטירט, איז נאָך קיין מענטש נישט אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט.

און ווערט עמיצער חלילה קראַנק, שיקט מען אים יעדע וואָך דאָס שכירות אַהיים. שטאַרבט עמיצער — קריגט די אלמנה ווייטער פינקטלעך דאָס שכירות אויסגעצאָלט.

אַזוי איז מיט דער אלמנה פון נח טריינין. אַזוי מיט דער אלמנה פון אליעזר אייזנשטאַט.

און נישט בלויז אלמנות פון "היינט"־מיטאַרבעטער —

אַלע דאַנערשטיק, ווען מ׳צאָלט אויס דאָס שכירות פאַר דער וואָך, איז — צוזאַמען מיט די מיטאַרבעטער פון אַלע אָפּטיילונגען — קומען אויך צו דער קאַסע נאָך אַ פּאָר מענטשן. צום מיינסטן פרויען פון פאַרדינסטפולע יידן...

דער "היינט" האָט פאַר זיי אַ וועכנטלעכן געהאַלט באַשטימט.

אַזוי קומט די שוועסטער פון דעם שעפער פון יידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדען.

אַ זקנה, שוין ווייט אין די זיבעציקער. אַ הויכע, אַ גלייכע, אַביסל טעאַטראַליש, — שטענדיק דאָס אייגענע קלייד און די אייגענע פאַלערינקע, מיט אַ סך שפּיצן און אַסך אויסגענייטע קרעלן. שטענדיק מיטן וואַל פאַרהאַנגען דאָס שטאַרק געפּודערט פּנים. שטענדיק מיטן ברוינעם הוט, מיטן גרינעם שירעמל, מיט די גרויע זאַמשענע הענטשקעס...

מ׳רופט זי "מאַדאַם גאָלדפאַדען". מ׳האָט פאַר איר דרך ארץ. מ׳לאָזט זי שטענדיק די ערשטע צו דער קאַסע און שטענדיק זאָגט מען איר אָן, זי זאָל למען השם איבעראַכטאָג ווידער קומען...

אַלץ ווערט געמאַכט אַזוי שטיל. אַלץ אַזוי באַשיידן. נאָר יענעם נישט וויי טון. יענעם קיין צער נישט פאַרשאַפן...

איצט האָט ער אַליין צער, נחמיה פינקעלשטיין.

ס׳איז אים נישט צום האַרצן דער קאַמף, וואָס יאַצקאַן פירט. נישט צום האַרצן דאָס אַרומרייסן זיך. מ׳וואָלט שוין געמעגט מאַכן אַ סוף...

זאָגן עס יאַצקאַנען קאָן ער נישט. ער איז נישט דרייסט. ער וויל אים נישט זאָגן קיין דעות. נאָר דער אַדמיניסטראַטאָר פון "היינט", יוסף־לייב לעבענבוים, גיט אים אונטער קוראַזש. זיי גייען ביידע אַריין צו יאַצקאַנען אין קאַבינעט. נע־

מען רעדן. און יאַצקאָן דענערווירט זיך טאַקע. מ׳הערט שוין זיינע געשרייען. מ׳הערט שוין, ווי ער קאַכט זיך:

— ניין!... איר וועט עס ביי מיר נישט פועלן... מ׳טאָר קיין הפקרות נישט דערלאָזן...

און די מלחמה גייט ווייטער. פון דער "היינט"-פעסטונג פאַלן שטיקער. דאָס שכירות ווערט איינגעשרומפּן. מ׳זוכט טירלעך אויף אַנטלויפן...

---

דער זומער — געטריי אָפּגעדינט זיין צייט, נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער — איז אַוועק אויף אָפּרו, ערגעץ אין די וואַרעמע לענדער. דער ווינטער — געהילט אין ווייסע פּערענעס — שלעפּט זיך נאָך אונטערוועגס. נאָר דערווייל — איידער וואָס וועז — האָט דער האַרבסט, אַ שווערער, אַ פּראַכיקער, זיך ברייט צעלייגט איבער די דעכער. פּאַכעט מיט די גרויע, נאַסע פליגל. שמייסט מיט אַ קאַלטן, עסנדיקן ווינט און גיסט, און פרישקעט מיט קליינע, שניידנדיקע טראָפּנס, וואָס קייקלען זיך איבערן פּנים, פאַרגנבענען זיך אונטערן קאָלנער, קריכן אין די ביי־נער...

איז ווי קאָן מען איצט, אין אַזאַ וועטער, גיין שלעפּן זיך אין נאַזשיקס שול?... אַזש אויף טוואַרדע זעקס?...

נאָר, ר׳ אליעזר־דוד פינקעל לאָזט נישט אָפּ:

— מ׳מוז צוגיין... מ׳דאַרף הערן... איר פאַרשטייט? — די דייטשע רבנים, פּנחס כהן און ד״ר קאַרלעבאַך...[30] זיי קלייבן זיך אַרויסגעבן אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג... איז אינטערעסאַנט צוצוגיין אין שול... מ׳דאַרף הערן, וואָס האָבן זיי צו זאָגן... און בכלל, וואָס עפּעס אין מיטן דרינען אַ פאַרזאַמלונג?... און וואָס גראָד אין נאַזשיקס שול?...

איך פרעג:

— אַ גרויסע שול, נאַזשיקס?

— וואָס? נאָך נישט געזען די שול? — אַ שאָד. אַ גרויסער שאָד. אַ שיינע שול. און ווי אַזוי ר׳ זלמן נאַזשיק האָט די שול געבויט?...

און ער גייט, ר׳ אליעזר־דוד פינקעל. און די ווערטער אַזוי צעצויגן. און די שטימע — אַזאַ סודותדיקע:

...ס׳איז געווען, דערציילט מען, פרייטיק־צו־נאַכטס. נאָך קבלת שבת. ר׳ זלמן נאַזשיק האָט געקריגן זיין אורח. ער וויל שוין אַרויסגיין פון בית המדרש. נאָר ער דערזעט אַ פּאָר אויגן. אַ פּאָר גרויסע, קינדערישע אויגן. און ס׳איז נישט קיין קינד. ס׳איז אַ זקן...

30) געקומען קיין פּוילן, צוזאַמען מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

דרייט ער זיך אויס צום שמש:

— מנחם...

— וואָס, ר׳ זלמן?

— אַן אורח?...

— וועלכער?

— יענער... ביים באַלעמער...

— יאָ, אַן אורח. ס׳ערשטע מאָל אין וואַרשע...

נעמט ר׳ זלמן אויך דעם אורח, מ׳קומט אַהיים, מ׳זאָגט שלום עליכם, מ׳מאַכט קידוש, מ׳וואַשט זיך, און מ׳שווייגט.

און דער ייד קוקט אַלץ מיט זיינע קינדערישע אויגן...

און ביי ר׳ זלמנען פּלאָנטערן זיך רעיונות...

וואָרן אַן עקרה איז ר׳ זלמנס ווייב... קיין קינד. קיין רינד. און דאָ... אוי וויי... ווי דער ייד וואָלט זיך חלילה געררייצט...

ערשט, מ׳גיסט אָן דעם כוס צום בענטשן — דער ייד שטעלט אָן די פינגער, ר׳ זלמן זאָל אים דעם כוס דערלאַנגען און ער קוקט, מיט זיינע קינדערישע אויגן:

— פּרנסה פאַראַן?

— אַדאַנק זיין ליבן נאָמען.

— טאָ, וואָס איז דאָס עצבות?

— אַליין... אָן אַ קדיש... אָן אַ זכר לדורות...

— בויט מען...

— איך בוי... שוין פיר מויערן געבויט...

— ווינציק... מ׳דאַרף בויען נאָך... מ׳דאַרף בויען אַ שול...

— ס׳הייסט?

נאָר דער ייד הייבט אויף די אויגן צום הימל:

— רבותי מיר וועלן בענטשן...

און מער האָט מען דעם ייד נישט געזען...

נישט געקומען שבת אין בית המדרש... נישט געזען אים אין שטאָט...

און אין דריי טעג אַרום, האָט מען שוין געוווסט, אַז ר׳ זלמן נאזשיק בויט אַ שול...[31])

---

ווער רבנים? וואָס פאַרזאַמלונג? — אומזיסט זיך געשלעפּט אויף טוואַרדע גאַס —

אַ געל צעטל אויף דער טיר פאַרענטפערט: אַזוי און אַזוי. נישט פאַרויסגע־זעענע טעמים. די פאַרזאַמלונג קומט נישט פאָר...

---

31 נאַזיקס שול — די איינציקע שול אין וואַרשע, וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָך דער גרוי־ליקער היטלעריסטישער פאַרניכטונג פון דער יידישער וואַרשע.

לייענט איינער, לייענט אַ צווייטער, אַ דריטער און ר׳ אליעזר־דוד פינקעל רוימט איין:

— מיר וועלן צוגיין אויף קראָכמאַלנע אַכט און דרייסיק...

— וואָס איז דאָרט?

— דאָרט וווינט נחום־לייב וויינגאַט...

— ווער איז ער?

— דער רעדאַקטאָר פון דער נייער צייטונג...

— נו?

— אפשר וועט איר אויך אָנקומען...

— נאָך וואָס?

— אין ״היינט״ איז שלעכט. מ׳צאָלט וואָס אַמאָל ווינציקער. חוץ דעם — פנחס קאַץ וועט צוריק איבערנעמען די הומאָריסטישע אָפּטיילונג. איר וועט בלייבן אָן אַרבעט...

— יאַצקאַן זאָגט, כ׳וועל שרייבן פעליעטאָנען.

— קומט...

אויפן דריטן שטאָק. אַ צי ביים גלעקל. אין טיר שטייט אַ הויכער, ברייטער ייד. די גלאַנציק אַלפּאַגענע קאַפּאָטע פונאַנדערגעשפּילעט, ווי צוויי פונאַנדערגע־רוקטע פּאָרהאַנגען. דער לאַנגער, ווייסער טלית קטן קוקט אַפּיר מיט זיינע צוויי שמאָלע, שוואַרצע פּאַסן. די באָרד, ווי אַ ברייטער, טונקעלער אָנלען, האַלט אונטער דעם גרויסן קאָפּ, מיטן קיילעכדיקן היטל פון אויבן. די לאַנגע ברעמען, ווי צוויי טונקעלע בערשטלעך — האַלטן אין איין באַוועגן זיך אַראָפּ און אַרויף, אַראָפּ און אַרויף...

— וועמען דאַרפט איר?

— איר זענט ר׳ נחום־לייב וויינגאַט?

— איך.

— דאַרף איך אייך.

לאָזט ער אַריין אין אַ גרויסע, ליידיקע שטוב. הייבט אויף די ״בערשטלעך״ איבער די אויגן:

— ביטע, וואָס וועט איר זאָגן?

— מיך האָט צו אייך געשיקט ר׳ פּיוול טראָקענהיים. דער, וואָס האָט דאָס הויז אויף נאַלעווקעס פינף און דרייסיק. ער האָט געזאָגט, איר דאַרפט מיטאַר־בעטער...

— ווי איז אייער נאָמען?

— איך הייס אליעזר־דוד פינקעל. כ׳אַרבעט אין ״היינט״.

— און ער?

— ער אַרבעט אויך אין ״היינט״.

— וויל אויך אַוועק פון דאָרט?

איך האָב מורא, פינקעל זאָל נישט זאָגן, יאָ. פאַרכאַפּ איך פריער:

— ניין... איך גיי נישט אַוועק...

הייבן זיך ווידער אויף די "בערשטלעך". די אויגן, ווי פון אַ גרויסן פיש, מעסטן אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ:

— מילא...

און צו פינקלען:

— קומט אַריין. ס'זענען גראָד די רבנים פאַראַן...

כ'בלייב אַליין. קוק אַרויס דורכן פענצטער. דער געדאַנק פייניקט — אפשר שלעכט געטון? אפשר געדאַרפט זאָגן, אַז יאָ? אַז כ'וויל יאָ אַוועק פון "היינט"...

נאָר ס'געדויערט נישט לאַנג. פינקעל לויפט אַריין אַ פאַרסאַפּעטער:

— קומט!...

— וואָס איז?

— גאָרנישט. זיי נעמען אויס אַ תנאי, כ'זאָל אין רעדאַקציע טראָגן דעם הוט...

— נו?

— וואָס, טראָגן דעם הוט, ווייל זיי הייסן?... ווייל זיי טויג עס צום געשעפט?... ניין. מיט פרומקייט האַנדל איך נישט... פרום בין איך, אויף אַזוי פיל, אויף וויפל איך בין פרום... אויף וויפל איך בין אַ ייד... נישט, ווי יענער דיקטירט...

— כ'פאַרשטיי נישט.

— וואָס זאָל איך טון, אַז איר פאַרשטייט נישט?... איבעריקנס, דאַרף מען דאָס נישט פאַרשטיין... דאָס דאַרף מען פילן... אָט, לאָמיר זאָגן, איך דאַוון יעדן טאָג, יאָ?... איז זאָל עמיצער קומען און זאָגן: קריגסט אַ גוטן פּאָסטן, נאָר בתנאי, זאָלסט יעדן טאָג זיך שאָקלען ביים דאַווענען... נו, איר פאַרשטייט שוין?...

---

מזל־טוב! — די אָרטאָדאָקסישע צייטונג גייט שוין אַרויס. "דאָס יידישע וואָרט" הייסט די צייטונג. זי גייט אַרויס אויפן אָרט פון "וואַרשעווער טאָגעבלאַט"...

אין לעצטן נומער פון "וואַרשעווער טאָגעבלאַט", האָט לאַזאַר קאַהאַן גע־שריבן, אַז די צייטונג הערט אויף אַרויסגיין, ווייל זי מוז אָפּטרעטן איר אָרט פאַר אַן אַנדערער צייטונג...

דור הולך ודור בא — אַ צייטונג שטאַרבט, אַ צייטונג ווערט געבוירן...

איז א. ל. יאַקובאָוויטש און הלל מיימאָן צוריק אין "היינט". נאָמבערג, זאָגט מען, זאָל אַריין אין "מאָמענט". די איבעריקע — בלייבן אָן אַרבעט.

יאָ, יצחק שאַפּיראָ און חנוך איש, זענען פון "היינט" אין דער נייער צייטונג איבערגעגאַנגען...

דאָרט אַרבעטן אויך שמחה פּיעטרושקע, גרשון ווייסבאָרד, יעקב רייזפעדער, אברהם זינגער, נתן מילנער...

חוץ זייערע נאָרמאַלע רעדאַקציע־אַרבעטן, זעצט שאַפּיראָ איבער אַ "פּרומען" ראָמאַן פון ד"ר לעהמאַן און רייזפעדער "באַאַרבעט" דאָס לעבן פון חתם סופר...

אין רעדאַקציע זיצט מען אין די היטן. מנחה און מעריב דאַוונט מען מיט מנין. נחום־לייב ווײַנגאַט קוקט דורך ס'גאַנצע מאַטעריאַל, שרייבט אַליין אַסך און האַלט אין איין געבן "לעקציעס", ווי אַזוי מ'דאַרף שרייבן...

שוין אפילו סיכסוכים פאַראַן.

ערשטנס, איז שווער זיך צוצוגעווינען שרייבן "ג־ט" און אַ פּאָר מאָל האָט דער נאַכט־רעדאַקטאָר און דער קאָרעקטאָר דורכגעלאָזט "גאָט"...

חוץ דעם, — עפּעס אַ מעשה מיט אַ נאָטיץ וועגן די אַרטיסטן לעאָן כאראז און מיצי אפּפּא, וואָס קיינער ווייסט נישט, ווער ס'האָט די נאָטיץ דורכגעשמוגלט...

ווײַנגאַט זיצט טאָג און נאַכט אין רעדאַקציע. ער שרײַט, דראָט, ער וועט אַלע אַרויסוואַרפן און יעדן טאָג מערן זיך די חסידישע יונגעלײַטלעך, וואָס ווײַנגאַט קנעלט מיט זיי די תורה פון שרייבן...

צי ווײַנגאַט וועט טאַקע וואַרפן, ווייסט מען נישט. נאָר דערווײַל, איז איש אַליין אַוועק פון רעדאַקציע...

וואָס איז? — קיינער ווייסט נישט. ער אַליין וויצלט זיך:

— ס'לוינט נישט... אויב עסן חזיר — זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד...

אויך אין "היינט" פאַראַן סיכסוכים. פאַראַן געלט־שוועריקייטן. מ'איז אונטער־שטעליק גאַנצע וואָכן שכירות. די שטימונג — אַ נידערגעשלאָגענע. נישטאָ, ווו זיך צונויפצוקומען. נישטאָ, פאַר וועמען ס'האַרץ זיך אַראָפּרעדן...

און מיטאַמאָל, אײַנגאַנצן אומגעריכט — ממש אַ גליקלעכער געדאַנק:

— אין ליטעראַטן־פאַריין...

מ'ווייסט נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. וועמען ס'איז צום ערשטן דער גע־דאַנק אײַנגעפאַלן. נאָר, ס'איז שוין אַ פאַקט. מ'גרייט זיך שוין צו דער גרויסער אַלגעמיינער שרייבער־פאַרזאַמלונג...

מילא, דעמאָלט, פאַראַיאָרן, אויף דער ערשטער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אין "מרכז"־זאַל, קרולעווסקע דרײַ און פּערציק — ווען ס'איז געשטאַנען די פראַגע פון גרינדן אַ יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין — האָבן ס'רוב "היינט"־מיטאַרבעטער זיך אַרויסגעזאָגט קעגן.

— וואָס איז?

אַזוי ווי די רוסישע רעגירונג האָט נאָך זיכער נישט רעזיגנירט פון פּוילן, — איז דאָ אַ סכנה, אַז ווען זי וועט צוריקקומען, קאָן זי זיך נוקם זיין פאַר דער גרינדונג פון פאַריין, אונטערן שוץ פון דײַטשן, און אײַנאָרדענען דערפאַר פּאָגראָמען אויף יידן.

נאָמבערג — דער הויפּט־איניציאַטאָר פון דער אידעע וועגן שאַפן דעם פאַריין — איז געווען דענערווירט. ער האָט געטענהט, אַז אויב רוסלאַנד וועט וועלן מאַכן פּאָגראָמען, וועט איר נישט פעלן קיין אַנדערע תירוצים. אויך וולאַדימיר מעדעם, נח פּרילוצקי און אַנדערע האָבן געשטימט פאַר דער גרינדונג פון פאַריין. נאָר, ס׳האָט נישט געהאָלפן. די "היינט"־מיטגלידער האָבן זיך געהאַלטן פעסט — ניין און ניין.

נאָר איצט איז עפּעס אַנדערש. איצט זעט מען שוין, אַז ס׳איז נישטאָ, וואָס מורא צו האָבן. אַז די רוסן וועלן שוין נישט צוריקקומען.

צווייטנס — ס׳מישן זיך אַריין מענטשן, מ׳טענהט, מ׳גיט צו פאַרשטיין — און עס געשעט —

מען גייט אַוועק אויף טלאָמאַצקע עלף, ווו די שרייבער האָבן אַ בשותפות־דיקן לאָקאַל מיט די יידישע אַרטיסטן[32]). ס׳קומט פאַר די אמתע, די גרויסע אַל־געמיינע פאַרזאַמלונג, וואָס טייל רופן עס די צווייטע "גרינדונג־פאַרזאַמלונג". די שטימונג איז אַ יום־טובדיקע. ס׳קומט די גאַנצע יידישע שרייבער־משפחה אין וואַרשע. מיטאַרבעטער פון "היינט" און "מאָמענט" — וואָס זיינט די וואָלן צום וואַרשעווער שטאָטראָט גייט צווישן זיי אַ פאַרביטערטע מלחמה — זיצן דאָ ביי איין טיש.

און מ׳קריגט זיך נישט. און מ׳זידלט זיך נישט...

ממש, ווי די טייבעלעך...

דער פאָרזיצער — יוסף העפטמאַן. די רעדנער — א. ל. שאַלקאָוויטש, א. ל. יאַקובאָוויטש, מאַגנוס קרינסקי, שלמה ביבער.

איין דיסקוסיע וועגן יידיש און העברעיש. ס׳הייסט, אין וועלכער שפּראַך עס זאָלן זיין די מיטגליד־ביכלעך, דער סטעמפּל, די דרוק־פּאַפּירן און דאָס שילדל ביי דער טיר. אַ צווייטע דיסקוסיע וועגן דעם, ווער ס׳האָט דאָס רעכט צו געהערן צום פאַריין. דער עיקר שטעלט מען זיך אויף רעדאַקטאָרן, וואָס זענען אויך בעלי בתים. נאָר, מ׳קומט דורך. פאָרט יידישע גזלנים.

וועגן דעם ערשטן, בלייבט יידיש און העברעיש. וועגן דעם צווייטן, כל דכפין ייתי ויכל...

ווער ס׳דורשט נאָך אַביסעלע כבוד, ווער עס שרייבט נאָר, איז — אדרבא ואדרבא. וואָס מער אַלץ בעסער...

און אַ פאַרוואַלטונג ווערט געקליבן.

די ערשטע גרויסע פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין וואַרשע —

---

32) אַביסל שפּעטער האָט דער ליטעראַטן־פאַריין זיך איבערגעטראָגן אין אַ באַזונדערן לאָקאַל אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

יעקב דינעזאָן, יוסף העפטמאַן, נח פּרילוצקי, א. ל. שאַלקאָוויטש, מנחם קיפּ־ניס, י. ח. זאַגאַראַדזקי, פּ. לאַכאָווער, חנוך איש, דוד דרוק.

צומאָרגנס גייט מען אַוועק צו פּרצעס קבר. קאָווע און ווייסנבערג רעדן. אַלטער קאַציזנע מאַכט אַ פאָטאָגראַפיע און ביי זיין ווייב, חנה, רינען טרערן פון די אויגן.

שפּעטער קומען אין פאַריין אַרטיסטן פון יידישע טעאַטערס. הערמאַן פישער ברענגט פון ערגעץ אַ פלעשל "היימישן" בראָנפן. פלעצלעך פון קאָרן־מעל איז אויך דאָ. מאַכט מען אַ לחיים, מ'ווינשט זיך מזל־טוב, דוד לעדערמאַן זינגט זיין באַרימט לידל "פאַרשטייט איר מיך". זמרה זעליגפעלד זינגט עפּעס אַ שפּאַס־לידל, וואָס מען זאָגט, אַז פּרץ זאָל עס האָבן אָנגעשריבן. חיים סאַנדלער און נתן שוואַלבע מאַכן דאָס ערשטע קערטל...

---


אַלטער קאַציזנע
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

יאַצקאַן איז אויסער זיך — ווו איז עס געהערט געוואָרן?... שרייבער, זשורנאַליסטן, ס'אייבערשטע פון שטייסל — זיי זאָלן שטרייקן?... פונקט, ווי די שניידערס, ווי די שוסטערס, ווי די סטאָלאַרעס, בעקערס...

און ווער פירט עס אָן? — טאַקע אָט אַ, דער ליטעראַטן־פאַריין?... די אינסטי־טוציע, וואָס דאַרף זיין אַ הייליקער טעמפּל?...

און וואָס? — אויב ס'איז נישטאָ קיין געלט, אויב מ'קאָן נישט דערצאָלן — דאַרף שוין דער "היינט" נישט אַרויסגיין? דאַרף מען שוין דעם "היינט" פאַר־מאַכן ס'מוילן?...

נאָר, ס'העלפן נישט יאַצקאַנס טענות. מ'רעכנט זיך נישט מיט זיין דענער־ווירן זיך. ס'קומט אַריין חנוך איש — אַזוי און אַזוי. אַ באַשלוס פון פאַריין. מ'דאַרף לייגן די אַרבעט...

— הייסט עס?... אַ שטרייק?...

— יאָ, מיר שטרייקן...

און אין פאַריין איז לעבעדיק —

אין "היינט" אַ שטרייק...

**דער ערשטער שטרייק...**

און נישט צו פאַרשעמען זיך טאַקע פאַר די שוסטערס, פאַר די שניידערס, פאַר סטאָלאַרעס, בעקערס...

אַ שטרייק מיט אַלע פּיטשעווקעס — מיט אַ שטרייק־קאָמיטעט, מיט פּאָדערונגען, מיט אונטערהאַנדלונגען און אפילו — אַ שטרייק־ברעכער, אַן אייגענעם...

וואָרן, די דרוקער זענען צום שטרייק נישט צוגעשטאַנען. די אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע אויך נישט. נו, מאַכט יאַצקאַן אַליין די צייטונג.

און עמיצער — ווייזט אויס, מיט אַ ווייך האַרץ, וואָס קאָן נישט צוזען, ווי יאַצקאַן האָרעוועט נעבעך איינער אַליין — העלפט אים אַ קאַפּעטשקע צו...

דאָס ווייסט מען. מ׳שטויסט זיך עס אָן. מ׳זעט אין צייטונג זאַכן, וואָס מען דערקענט, אַז ס׳איז נישט יאַצקאַנס אַרבעט...

אַז עמיצער העלפט אים צו...

אָבער, ווער? —

זיצט מען אין פּאַריין. מ׳זופּט די הייסע טיי. מ׳שטודירט די צייטונג. מ׳פּרובירט דערקענען דעם סטיל...

מ׳שפּאַרט זיך, מ׳קאָכט זיך, איינער זאָגט דאָס, אַ צווייטער זאָגט עפּעס אַנדערש...

און ר׳ אליעזר־דוד פינקעל וואַרעמט ביידע הענט אין דעם הייסן גלאָז טיי.



פנחס קאַץ
(צייכענונג פון זיין זון, שלום קאַץ)

די באָרד זיינע טיקט זיך אין דער שיטערער פּאַרע. די אויגן פאַרגראָבן טיף אין גלאָז...

— נישטאָ קיין סודות...

קוקט מען אים אָן:

— וואָס זאָגט איר?

— אַלץ קאָן מען וויסן...

— ווי אַזוי?

— קלאָר... ס׳איז איינער פון אונז...

— אָבער, ווער?

— דער סוד ליגט אין מיסט־קעסטל...

— ס׳הייסט?

— אין קעסטל פון דער דרוקעריי... מ׳דאַרף זוכן... מ׳קאָן אַמאָל געפינען שטיקלעך קאָפּיע...

ווייסט מען נישט, צי רעדט פינקעל סתם אין דער וועלט אַריין, צי האָט ער טאַקע זיך עפּעס דערוווסט, אָדער, גאָר...

פרעגט מען אים, מ׳וויל פון אים עפּעס אַרויסקריגן. נאָר פינקעל רעדט שוין גאָרנישט. ער טראָגט צו דאָס גלאָז צום מויל. מאַכט שטיל אַ שהכל. טוט אַ זופּ און שטעלט דאָס גלאָז צוריק אַוועק:

## ערשטע פאַרוואַלטונג פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין



פון רעכטס: בועז קאַרלינסקי, דוד דרוק, י. ח. זאַגאָראָדסקי, יוסף העפטמאַן, נח פּרילוצקי, מנחם קיפּניס, יעקב דינעזאָן, א. ל. שאַלקאָוויטש, פּ. לאַכאָווער, אהרן גאַווזע, חנוך איש.

— יאָ... מ׳דאַרף זוכן...

איז ווידער אַ טומל. איינער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט, אַ צווייטער האַלט פאַרקערט, אַז ס׳לייגט זיך דווקא יאָ אויפן שכל.

אין דעם — אַ טעלעפאָן צום שטרייק־קאָמיטעט. נחמיה פינקלשטיינען איז געלונגען שאַפן עפּעס געלד. ער וויל זיך דורכשמועסן. ער פאַרבעט צו זיך אַהיים אויף דריי אַזייגער נאָכמיטאָג.

און אַזוי ווי פינקעלשטיין ווינט אויפן זעלבן הויף, וווּ ס׳איז די רעדאַקציע, בלייבט, אַז חוץ דעם שטרייק־קאָמיטעט זאָלן מיטגיין נאָך צוויי מענטשן. זיי זאָלן אומבאַמערקט זיך אַריינקריגן אין דער דרוקעריי און כאַפּן אַ קוק...

— ווער־זשע גייט? —

דער גורל פאַלט אויף די צוויי יינגסטע — פּנחס קאַץ און איך...

מ׳גייט. ס׳קומט נישט שווער אָן. איינער פאַרשמועסט דעם זעצער. דער צווייטער נעמט נישטערן אין קעסטל...

און ס׳איז דאָ...

איבערזעצונגען פון דייטש...

די האַנטשריפט באַקאַנט...

אַ ווינק. מ׳שאַרט זיך אַרויס אין דרויסן. מ׳באַקוקט נאָכאַמאָל —

יאָ. נישטאָ קיין צוויי מיינונגען. די אייגענע האַנטשריפט. — איינער פון די ״היינט״־מיטאַרבעטער...

מ׳לויפט מיט דער מציאה אין פאַריין. מ׳וואַרפט זיך אויף די שטיקלעך פּאַפּיר. דער טומל איז גרויס. אַלע רעדן, אַלע שרייען.

נאָר, איך הער נישט, וואָס עס טוט זיך. איך זע נישט קיינעם. מיינע בליקן זענען אָנגעשטעלט אויף ר׳ אליעזר־דוד פינקלען —

וואָס איז מיט דעם יידן?...

זאָל טאַקע זיין, ער ״זעט״?...

זאָל טאַקע זיין, עפּעס אַ געהיימער כוח?...

און אָט קומט ער אָן, דער, וואָס מ׳האָט געפונען זיין קאַפּיע. מ׳לויפט אים אַנטקעגן, מ׳נעמט זיך צו אים — סטייטש, אַזוי און אַזוי, ווי געשיקט זיך עס? ווי טוט מען אַזאַ זאַך?...

לאַכט ער זיך פונאַנדער, שטעלט אַרויס אַ מויל גרויסע, ווייסע ציין:

— כ׳בין טאַקע געקומען וועגן דעם... פאַרשטאַנען, ס׳וועט זיך קאָכן...

— נו?

— אַלטע זאַכן... כ׳האָב זיי געגעבן נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק...

ווייסט מען נישט, צי יאָ גלייבן, צי נישט גלייבן. נאָר איידער, וואָס, איידער ווען —

— אַ בשורה —

די אונטערהאַנדלונגען פאַרענדיקט. מ׳וועט שוין צאָלן פינקטלעך. די ערשטע אַקציע פון ליטעראַטן־פאַריין, — געקרוינט מיט דערפאָלג.

גיט מען זיך די הענט. מ׳ווינטשט זיך ווידער מזל־טוב און ר׳ אליעזר־דוד פינקעל גיט זיין ברכה:

— זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהייב...

# רייזעלע דעם שוחטס...

מ. שניאור האָט אַ בענעפיס־קאָנצערט. — געוואַלד, ווו איז קיפּניס? — רייזעלע דעם שוחטס שטייט אויף תחית המתים. — שרייבער דאַרפן אויך עסן. — יידישע רעדאַקציעס פאַרשלאָגן מיט ברעטער. — טלאָ־מאַצקע דרייצן קלאַפּט אַלאַרם. — מיניסטער גראַבסקי האָט אַ מיטל. — אַזוי איז איר ווילן...

— אַן עקסטרע טעלעגראַמע!

— רוסיש־דייטשע שלום־אונטערהאַנדלונגען אין בריסק!

— פּוילן אויף דער שוועל פון איר זעלבסטשטענדיקייט!

גיך־גיך — איינס נאָכן אַנדערן, איינס אין אַנדערן, ווי אויפן פילם, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, נישט צו דערזען מיטן אויג, נישט צו דערכאַפּן מיטן געדאַנק —

יעדע ווײַלע נײַע בשורות. יעדע ווײַלע נײַע גליקן —

רעגענטן, מלוכה־ראַט, מיניסטאָרן, לעגיאָנערן, זעלנער...

און אַז זעלנער, איז — בויקערן יידישע פּלייצעס...

איז רייסן יידישע בערד...

מ׳ווייסט עס. מ׳קען עס. ס׳איז נישט פון היינט. די געשיכטע חזרט זיך איי־בער. — ערשט נעכטן אונטער די צאַרישע שטיוואַלעס, נאָך היינט אונטער דער דייטשער פויסט, נאָר — דער קאָפּ איז שוין פאַרדרייט. דער מוח שוין פאַר־שיכורט —

אומאָפּהענגיקייט, זעלנער, פירשטן, קעניגן...

איז —

הולאַי, יאַשו! — ווייז, וואָס דו קאָנסט!...

גייען יידן מיט פּחד. מ׳הערט דעם גרילץ. מ׳קוקט אויף די טומלדיקע צײַ־טונג־שקצים. מ׳שמעקט אין דער לופט:

— נו, וואָס?... מ׳קאָן גיין?...

— מ׳קאָן... מ׳זאָגט, אויף כלאָדנע איז יאָ ״עפּעס״ געוועזן... נאָר דאָ — דער־ווײַל שטיל...

גייט מען. די לבנה, אַ קײַלעכדיקע, אַ גלאַנציקע, שאַרט זיך מיט, איבער די דעכער. דער האַרטער שניי — אויסגעשפּרייט אויף די טראָטואַרן און וועגן —

סקריפּעט אונטער די פיס. דאָס פּרעסטל, אַ קליינס, אַ שאַרפס, טאַנצט שטיפע־ריש אַנטקעגן, טוט, עזותדיק, דעם אַ שנעל אין אויער, דעם אַ פּיק אין נאָז — גיכער... גיכער...

יאָ, מ׳דאַרף זיך צויאָגן. דער אָנהייב פון קאָנצערט איז אַנאָנסירט אויף האַלב ניין. ער הייבט זיך באַלד אָן. ס׳וועט מסתמא קומען אַ גרויסער עולם. פאַרט שניאורס אַ בענעפיס־קאָנצערט. דערצו נאָך — אין פילהאַרמאָניע, דער גאַנצער פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער, שניאור מיטן כאָר פון "מוזע", מיטן כאָר פון "גראַ־סער קלוב", קיפּניס, זעליגפעלד...



מ. שניאור
(צייכענונג פון וואָלף וויינטרויב)

און אַזוי לאַנג גרייט מען זיך דערצו. אַזוי לאַנג טומלט מען דערמיט.

וואָכן גאַנצע, ווי דער אימפּרעסאַריאָ, יאַנקעלע דאַנציקער — דער אָרגאַניזאַטאָר פון קאָנצערט — פאַרפּלייצט די רעדאַקציעס מיט אַנאָנסן און נאָטיצן, וואָס דערמאָנען, וואָס וועקן און רופן —

— קומטס יידן!... האָטס הנאה!...

וואָכן לאַנג, ווי אַרנאָלד גינזבורג — דער געהילף־אַדמיניסטראַטאָר פון זלאָטשעווסקיס "ווענוס"־טעאַטער און שניאורס פּערזענלעכער פריינט — שטייט אָפּ שעהן ביים טעלעפאָן און פאַרפּייניקט ממש די נאַכט־רעדאַקטאָרן, זיי זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן אַריינגעבן די נאָ־טיצן און למען השם — מיט גרויסע קעפּ...

און ערשט שניאור אַליין...

מ׳זאָגט, אַז די לעצטע צוויי וואָכן האָט ער, אין די נעכט, נישט אויסגעטון זיך. אַז אַזוי, אין די מלבושים, האָט ער, אויף די שטולן אין ליטעראַטן־פאַריין, די נעכט איבערגעדרימלט. אַז ביז צוועלף, איינס און צוויי ביינאַכט, האָט ער די בחורים און מיידלעך געמאַטערט, מיט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערזינגען די לידלעך.

ער האָט זיך דענערווירט, זיך געבייזערט און אפילו געזידלט. נאָר, מ׳האָט עס גענומען פאַר ליב. מ׳האָט געוווּסט, אַז ער מיינט גוט. — ער וויל די כאָרן זאָלן חלילה נישט האָבן קיין דורכפאַל.

מ׳קען אים, שניאורן, אַלס פּעדאַנט. מ׳ווייסט, ער איז אַזש קראַנק אויפן גע־ביט פון נגינה. אויפן געביט פון האַרמאָניע. אויף דער פּינקטלעכקייט פון ריטם, פון טאַקט.

מען דערציילט וועגן אים: איינמאָל, ער איז ביינאַכט דורכגעגאַנגען אויף לעשנאָ גאַס. אַרבעטער האָבן מיט האַמערס געקלאַפּט, ביים פאַרריכטן טראַמוויי־

שינעס. — שטעלט ער זיך אַוועק, נעמט זיך איינהערן און ער כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ:

— געוואַלד!... פאַלש!... פאַלש!...

---

אַ ברייטער פּאַס ליכט שפּאַרט זיך אַרויס דורך די פילהאַרמאָניע־טירן, פאַר־האַלט זיך אויף דעם שטיק צעטראָטענעם שניי, וואָס פאַר דער געבײַדע, און קוקט דעם עולם אין פּנים אַריין —

קיין עין הרע...

ביי דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע אַזוי פיל יידן...

און מ׳רעדט יידיש...

נישט בלויז מ׳רעדט — מ׳שרייט, מ׳טומלט, מ׳קריגט זיך...

— יידן, קויפט ״דאָס יידישע פאָלק״![33])

— לייענט די ״לעבנס־פראַגן״![34])

— אַ נייער נומער ״אַרבעטער־צייטונג״![35])

— לייענט ״דאָס פאָלק״![36])

און איידער, וואָס, ווען — מ׳שפּרינגט זיך שוין אַנטקעגן. ס׳צעהיצן זיך שוין די געמיטער:

— אַ סוף! טראָגט זיך אָפּ מיט דער געלער שמאַטע!...

— און איר, מיט אייערע אשר־יצר־בלעטלעך?...

— וואָס טענהסטו מיט אים? — גיב אים אין די ציין!...

— הע, חבר! איר זענט נישט אויפן ״וואָינע פלאַץ״!...[37])

— שטילער! אינעווייניק איז אַ קאָנצערט! אַ קולטור־יום־טוב! ווו איז עס גע־הערט געוואָרן?!...

און אַזוי כסדר — אין דרויסן, ביי די טירן, אין האָל —

ס׳שלענגלען זיך, קייקלען זיך און פלאָנטערן זיך קולות. מישן זיך צונויף אין איין טומלדיקן קנויל. אַ קנויל, וואָס קוילערט זיך אַהין און אַהער. וואָס הייבט זיך און פאַלט. וואָס רייסט זיך, טאַנצט, שפּרינגט און אָט־אָט פּלאַצט ער אויף. אָט־אָט ווערט ער צעשפּרינגען אויף פּיץ־פּיצלעך...

נאָר, ווער שטייט און הערט? — שוין גענוג שפּעט. דער קאָנצערט הייבט

---

33) „דאָס יידישע פאָלק״ — וואָכנבלאַט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

34) „לעבנס־פראַגן״ — וואָכנבלאַט פון בונד.

35) „אַרבעטער־צייטונג״ — צוויי־וואָכן־בלאַט פון פּועלי ציון.

36) „דאָס פאָלק״ — וואָכנבלאַט פון דער פאָלקספּאַרטיי.

37) וואָינע פלאַץ — פאַרגרייזט פון פּלאַץ וואָיענני (קריגספּלאַץ). אַזוי האָט מען אין וואַרשע גערופן אַ שטיק ליידיק פעלד, לעבן ציטאַדעל.

זיך באַלד אָן. קיין עין הרע אַזאַ עולם. מ׳דאַרף אַריינגיין. מ׳דאַרף פאַרנעמען אָן אָרט...

---

דער גרויסער פילהאַרמאָניע־זאַל פּראַכט פון איבערגעפּאַקטקייט. צופיל פּאַר אים. ער איז שוין נישט געווינט. זיין אינגעווייד קאָן עס שוין נישט פאַרנעמען...

חדשים כמעט געפּוסטעוועט. די ווייכסטע בענקלעך, שוין לאַנג קיין מענטש־לעכן גוף נישט געפילט. אויף אַנדערע האָבן שוין טונקעלע שפּינען זייערע נעסטן געוועבט.

און דאָ, מיטאַמאָל — אַלע בענקלעך באַזעצט. יעדעס פּיצל אָרט פאַרפולט. מ׳איז פאַרשפּאַרט אין די ווינקלען. מ׳קלעפּט אויף די ווענט...

אָבער, וואָס שלעפּט זיך עס? פאַר וואָס הייבט מען נישט אָן?

מ׳ווערט אומרואיק. מ׳פאַרלירט ס׳געדולד. מ׳נעמט פרעגן — פריער שטיל, דערנאָך העכער, צום סוף גאָר הויך...

און מען נעמט שוין פּאַטשן מיט די הענט. מ׳נעמט שוין קלאַפּן מיט די פיס:

— אַ סוף!... זאָל מען אָנהייבן!...

וואָס־זשע איז טאַקע געשען? — דאַכט זיך, גענוג שפּעט.

געגוי ווייסט קיינער נישט. עפּעס רעדט מען, אַז קיפּניס מיט זעליגפעלדן, וואָס דאַרפן אויפטרעטן, זענען נישטאָ. מ׳האָט שוין, זאָגט מען, צוויי מאָל געשיקט נאָך זיי און זיי קומען נישט.

טייל זאָגן, אַז קיפּניס איז קראַנק. אַנדערע זאָגן, אַז דאָס האָט ער זיך ספּעציעל געלייגט אין בעט. אַז דאָ זאָל גאָר זיין פאַרמישט עפּעס אַ כאַר־וויבל, וואָס געפעלט נישט קיפּניסן.

וואָס ער וויל נישט, זי זאָל זינגען...

שניאור איז דענערווירט. ער לויפט אום, הינטער די קוליסן, מיט אַ נאָס האַנטעך אויפן קאָפּ. ער שרייט, שעלט און איז הייזעריק ווי די וואַנט...

די מיידלעך און בחורים פון כאָר, שטייען אין די ווינקלען און סודן זיך. דער פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער זיצט שוין אויסגעזעצט אויף דער עסטראַדע און צימבלט אומגעדולדיק אויף די אינסטרומענטן...

אויך הערש־דוד נאָמבערג, ביינוש מיכאַלעוויטש, אהרן איינהאָרן, די אַר־טיסטן יצחק נאזשיק און שמואל לאַנדאָ, זענען הינטער די קוליסן. מ׳פרעגט, מ׳טענהט, מ׳רעדט אַריין אין שניאורן.

און מיטאַמאָל —

יאַנקעלע דאַנציקער, מיטן גראָבן בייכל און קורצע פיסלעך, קוילערט זיך אַריין:

— שוין... מ׳קאָן אָנהייבן!...

## דער גרויסער שניאור־כאָר אין וואַרשע



אין מיטן — מ. שניאור. רעכטס פון אים — משה דאַנציגערקראַן (היינט אין ישראל, גענעראַל־סעקרעטאַר פון העברעאישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד). לינקס — דער קאָמפּאָזיטאָר לעאָ ליאָוו (היינט אין אַמעריקע, ווו ער איז ווייטער ממשיך זיין מוזיקאַלישע טעטיקייט).

— וואָס? זיי קומען?

מ׳הערט נישט דעם ענטפער. יאַנקעלע לויפט־צו צו שניאורן. די כאָר־מיידלעך לויפן מיט. אויך אַנדערע שטעלן אָן אויערן — מ׳וויל הערן, מ׳וויל וויסן.

און דער עולם, אין זאַל, ווערט אַלץ מער אומגעדולדיק:

— וואָס איז דאָרט געשען? צי וועט מען היינט אָנהייבן?

און מ׳הייבט אָן —

אַ שוואַרץ מיידל, אין אַ ווייס בלוזקעלע, קומט אַרויס. זי הייבט אויף די האַנט. איר שטימע ציטערט:

— מיר הייבן אָן... באַלד וועט דער פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון הער זדיסלאַוו בירנבוים, שפּילן רימסקי קאָרסאַקאָוס "שעכערע־זאַדע"...

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן דריקט אויס די פרייד פון עולם. די דאַנקבאַר־קייט צום מיידל, פאַר דער גוטער בשורה.

מ׳קען דאָס מיידל. ס׳איז איידל טוגענטמאַן[38]). די ייִנגסטע זינגערין פון דעם "גראָסער־כאָר". דער איינציקער "אַלט" פון די מיידלעך.

שטורעמט חברה:

— בראַוואָ, איידל! בראַוואָ!...

און דאָס מיידל פאַרשווינדט. ס׳קומט אַרויס זדיסלאַוו בירנבוים. ער ווערט באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן און פריידיקע אויסגעשרייען.

די "שעכערעזאַדע" איז אַרויס שיין. דער עולם איז באַגייסטערט. מ׳הערט נישט אויף שטורעמען:

— בראַוואָ, בירנבוים! בראַוואָ!...

דעם צווייטן טייל הייבט אָן שניאור מיטן "מוזע"־כאָר. שניאור וואַרפט זיך אינגאַנצן פון אויפרעגונג. ער איז באַהערשט פון אַ געוואַלדיקער טרעמע, ענט־פערט נישט אויף די שטורמישע באַגריסונגען, ווייסט נישט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים.

נאָר, ער הייבט אָן. ער גייט אַריין אין טראַנס. באַהערשט דעם כאָר. די פּאָ־לעס פון זיין פראַק צעפליען זיך אין ביידע זייטן. די לאַנגע, שוואַרצע האָר, צע־שויבערט איבערן שטערן, די ווייסע מאַנקעטן פאַלן איבער די פינגער...

אַזוי פאַרענדיקט ער מיטן "מוזע"־כאָר. אַזוי הייבט ער אָן מיטן "גראָסער־כאָר". מ׳זינגט בענסמאַנען[39]), מ׳זינגט מענדעלסאָנען, לידער פון יהודה הלוי, פון ביאַליק, רייזען, מאָריס ראָזענפעלד.

---

38) איידל טוגענטמאַן — שפּעטער די פרוי פון דיכטער סאַשע (ישראל) טאָפּ. ער לעבט אין ישראל.

39) בענסמאַן — יידישער מוזיקער אין וואַרשע. אויך געשריבן לידער. גרינדער און פירער פון דעם „מוזע״־כאָר — נאָך פאַר שניאורן.

דער עולם איז אַנטציקט. דער זאַל שטורעמט. דער עקסטאַז איז אויף דער העכסטער מדרגה. שניאור און דער כאָר ווערט ממש פאַרשאָטן מיט בלומען...

דערנאָך קומט זמרה זעליגפעלד. איר פּיאַנאָ־באַגלייטער, איז פּראָפעסאָר קאַראַפּקאָוו.

אויך זי ״נעמט״ דעם עולם. איר שטימע איז פריש און שטאַרק. זי זינגט פּרצעס ״דריי נייטאָרנס״. זינגט זלמן שניאורס ״מאַרגאַריטקעס״, מנחם־מענדל הורוויצעס ״עלעגיע״ און נאָך עפּעס אַ פאָלקס־לידל. נאָר, מ׳לאָזט נישט אָפּ. מ׳וויל נאָך.

מ׳ווייסט שוין, אַז קיפּניס איז נישטאָ. אַז בלויז זעליגפעלד זינגט. — וויל מען זי נישט אָפּלאָזן. וויל מען נאָך הערן.

זעצט זיך קאַראַפּקאָוו ווידער צו דער פּיאַנאָ. זעליגפעלד נעמט זינגען יהודה הלויס ״ים־ליד״ —

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז:
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן —
טראָג מיך, ים, צו מוטערס שויס...

דער עולם הערט. דער עולם איז איבערגענומען. נאָר עמיצער שטעלט זיך אויף:

— רייזעלע?... פאַר וואָס זינגט נישט רייזעלע?...

און אַ צווייטער כאַפּט אונטער:

— יאָ, רייזעלע... זי האָט דאָך טאַקע דאָס ליד געזאָלט זינגען...

עטלעכע מאַכן מיט די הענט, ס׳זאָל זיין שטיל. יענער זעצט זיך צוריק אַוועק, זעליגפעלד ענדיקט דאָס ליד, מען אַפּלאָדירט איר, ווי פריער און יענער שטעלט זיך ווידער אויף:

— רייזעלע... זאָל רייזעלע זינגען!...

און אַ צווייטער:

— יאָ, רייזעלע... רייזעלע...

ווער־זשע איז די רייזעלע? —

---

זי קלאַפּט נישט אָן אין טיר. פרעגט נישט, צי מ׳קאָן אַריינגיין. טוט אַ האַס־טיקן מאַך אויף, אַ שאַרפן בליץ מיט די אויגן, פלינק, פלינק מיט די פיסלעך צום טישל און — כ׳קאָן זיך נישט באַפרייען פון געדאַנק — אַ קאַץ...

אַ קיילעכדיקע, מיט אַן אָפן, אַרויסרופנדיק פּנים, טונקל־גרינע אויגן, אַ פלאַך נעזל און איבער די שמאָלע ליפּן — ס׳ימנים פון דינינקע הערעלעך...

אויך דאָס פּוקסענע שאַלכל אַרום האַלדז גיט־צו. אויך דאָס פּוטערנע היטל טיף אויפן קאָפּ, דאָס שאַרפע, לויערנדיקע קוקן מיט די אויגן, דאָס גיכע באַוועגן מיט די דינע נאָז־לעכער, דאָס כסדרדיקע אָפּרוקן און צורוקן זיך צום טישל...



מנחם קיפּניס
(צייכענונג פון משה אַפּעלבוים)

ס׳דאַכט זיך, אָט־אָט און זי טוט אַ שפּרונג איבערן טיש...

כ׳פרעג גיך:

— ביטע, וואָס דאַרפט איר?

זי קוקט שאַרף אָן:

— קיפּניס איז דאָ?

— ניין. ער איז נישטאָ.

— אַ שאָד... מ׳האָט געזאָגט, ער דאַרף איצט זיין אין רעדאַקציע... עטלעכע מאָל געווען אים זוכן אין ליטעראַטן־פאַריין, אויף טלאָמאַצקע דרייצן... איצט זע איך, ער איז אויך דאָ נישטאָ... איז וואָס טוט מען?... ווי לויפט מען אים זוכן?... ווו קאָן מען אים געפונען?...

— וואָס דאַרפט איר עס קיפּניסן?

— גאָרנישט דאַרף איך אים... כ׳וויל אים פרעגן, פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט, איך זאָל זינגען?... כ׳וויל אים פרעגן, וואָס דאָס וואָלט אים געשאַדט?... כ׳מיין, אויף דעם נעכטיקן שניאור־קאָנצערט... כ׳האָב צוויי חדשים געאַרבעט איבער די לידלעך... געזאָלט נעכטן זינגען... איז געקומען קיפּניס...

— זענט איר עס אפשר די רייזעלע?

— יאָ, רייזעלע... איך זינג אין "מוזע"־כאָר... כ׳האָב אויפן קאָנצערט געזאָלט זינגען די סאָלאָ־טיילן... איז געקומען קיפּניס... געזאָגט, אַז אויב איך זינג, וויל ער מיט דער זעליגפעלדן נישט אַרויסטרעטן... שניאור האָט זיך דענערווירט, אָבער אים נאָכגעגעבן... באַפוילן, אַז איך וועל נישט זינגען... נאָר, ער איז אַליך נישט געקומען... בלויז געשיקט די זעליגפעלדן... וויל איך אים פרעגן... ס׳גייט נישט וועגן מיר... ס׳גייט וועגן שניאורן... ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען... ליגט קראַנק... כ׳בין פריער געווען ביי אים... אויך ישראל גלאַטשטיין[40] איז געווען... שניאור האָט מיך עקסטרע געהייסן זינגען... געוואָלט וויזן גלאַטשטיינען... כ׳האָב געזונגען מאָריס ראָזענפעלדס "מיטן וואַנדער־שטאָק", דוד עדעלשטאַטס "די מוזע" און אויך מיין אייגן ליד...

כ׳קוק זי אָן:

---

40) ישראל גלאַטשטיין — מוזיק־לערער אין גימנאַזיע „חינוך". אויך אָנפירער פון דעם כאָר ביים „צוקונפט".

— איר שרייבט לידער?
— ניין. כ'מיין, דאָס ליד וועגן מיר...
— ס'הייסט, וועגן אייך?
— אָ, אַנטשולדיקט... געמיינט, איר ווייסט... איך בין רייזעלע דעם שוחטס...
— ווער?
— איר האָט נישט געהערט פון רייזעלע דעם שוחטס?... די, וואָס סעגאַלאָ־וויטש האָט פון איר געמאַכט אַ ליד?...
— כ'פאַרשטיי נישט.
— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? — איך בין די רייזעלע, וואָס דער טאַטע האָט איר אָפּגעשוירן די לאָקן, כדי זי זאָל זיך נישט חברן מיט קיין יינגלעך... סעגאַ־לאָוויטש האָט מיך שוין אפילו אַוועקגעהרגעט... ער האָט אינם ליד געשריבן, אַז איך האָב זיך דערטרונקען... נאָר, ס'איז נישט אמת... מסתמא, שלעכט געהערט... איר קענט דאָס ליד? ניין?... אַ שאָד... ס'גייט אַזוי —

שיין איז רייזעלע דעם שוחטס,
האָט אַ יונגעס האַרץ, אָן זאָרגן,
זינגט און פרייט זיך מיטן לעבן,
ווי אַ שוואַלב מיט דעם פרימאָרגן...

---

גיך דערוויסט מען זיך אויף טלאָמאַצקע דרייצן. רייזעלע ווערט אַ סענסאַ־ציע. — די העלדין פון סעגאַלאָוויטשעס אַ ליד איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. זינגט אַליין דאָס ליד, וואָס איז וועגן איר אָנגעשריבן געוואָרן...

אמת, נישט אַלע גלייבן, אַז דאָס איז טאַקע די רייזעלע דעם שוחטס. טייל האַלטן, אַז זי איז אַ מאַניאַטשקע. פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז ס'איז בכלל קיין רייזעלע דעם שוחטס נישט געווען. אַז די מעשה, וואָס סעגאַלאָוויטש דערציילט אין דעם ליד, איז אויסגעטראַכט...

נאָר שניאור האַלט פון איר אַ וועלט.

שניאור איז נישט קיין שרייבער. ער איז נישט קיין מיטגליד אין פאַריין. ער איז אָבער אַ טאַלאַנטירטער מוזיקער. אַ פעיקער דיריגענט. און אַ שטילער איז ער. אַ שווייגער. קיין ווייב האָט ער נישט. קיין היים, קיין אייגענע, אויך נישט. טאָ, וווּ־זשע זאָל ער זיצן גאַנצע טעג, אַז נישט אין פאַריין?...

האָט מען אים ליב אין פאַריין. מ'האָט אים ליב פאַר זיין אמת. פאַר זיין אָפנקייט. אפילו פאַר זיין אויפקאָכן זיך, ווען ער הערט אַ פאַלשן טאָן...

און כאַפּן אַ פאַלשן טאָן קאָן ער.

אוי קאָן ער...

דערפאַר, זאָגט מען, האָט ער נישט חתונה. יעדע פרוי — זאָגט ער — האָט

אַ פֿאַלשן טאָן. זי מוז אים האָבן. זי איז דערויף געבוירן געוואָרן. ווען נישט, וואָלט זי קיין פֿרוי נישט געווען...

נאָר די מיידלעך און ווייבלעך פֿון כאָר, האָט ער דווקא יאָ ליב. ער האָט זיי ליב נישט ווי פֿרויען. ער האָט זיי ליב ווי קינדער. ווי שילער, וואָס באַגערן דאָס לערנען. ווי אײדעלע סטרונעס, וואָס מ'קאָן פֿון זיי די דינסטע, די פֿיינסטע טענער אַרויסקריגן...

אויך רייזעלען האָט ער ליב. אמת, שוין אַביסל צו אַלט פֿאַר אַ שילערין. שוין אַוודאי אַ דרייסיקער. נאָר איר שטימע איז נאָך יונג. אויך נאַיוו איז זי ווי אַ קינד.

און קיין מיאוסע איז זי נישט, רייזעלע. לידלעך קען זי אויך שיינע. איז דרייט מען זיך אַרום איר, הערט מען אַ לידל, כאַפּט מען אַ שמועס. בפֿרט — זי איז נישט אָרעם. — דער מאַן אין קריג געפֿאַלן. איר אַ פֿאַרמעגן איבערגעלאָזט — און קיין פֿאַרמאַכטע האַנט האָט זי אויך נישט. און די צייט איז אויך נישט איי־איי...

איז קומט זי רייזעלע אין פּאַריז. פֿריער צו שניאורן, דערנאָך סתם אַזוי, און יעדעס מאָל, ווען זי קומט, איז זי אַן אָנגעלייגטער גאַסט. דערפֿרייט מען זיך מיט איר.

ווערט אַביסל היימלעכער...

און עס רוקט זיך אונטער דער לאָקאַוט —

די דרוקער־פֿערסאָנאַלן פֿון "היינט", "מאָמענט" און "דאָס יידישע וואָרט", דערקלערן אַ שטרייק און שטעלן אַרויס עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען. די בעלי־בתים פֿון די צייטונגען ענטפֿערן מיט אַ לאָקאַוט און פֿאַרקלאַפּן די רעדאַקציע־לאָקאַלן מיט ברעטער. די שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע זענען אייגנטלעך אין שטרייק נישט באַטייליקט און זיי קומט שכירות — קריגן אויך פֿון אָנהייב אַ העלפֿט און וואָס אַ וואָך אַלץ ווייניקער און ווייניקער...

דער ליטעראַטן־פֿאַריין שלאָפֿט נישט. דער פֿאַריין אינטערווענירט, גייט אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט מיט זיין שאַרפֿן פּראָטעסט. נאָר די נויט וואַקסט. שרייבער און זשורנאַליסטן הונגערן און — רייזעלע ווערט גאָר חשוב —

מ'ווייסט נישט, צי בלויז אייגנס, צי אויך פֿון ערגעץ אַנדערש. זי קומט אין פֿאַריין. גייט אויך אין טייל שרייבערישע שטובן. זי קען שוין. ווייסט שוין ווער און וואָס. רוקט אַריין דעם אַ פֿאַר מאַרק, דעם אַביסל פּראָדוקטן.

און אַלץ בכבוד. אַלץ בסתר. זאָל קיינער נישט זען. קיינער נישט הערן...

די טעג זענען שטורמישע. די צייט אַ דענערווירנדיקע. אין פּוילישן פּאָליטישן לעבן רוקן זיך אָן אַנטשיידנדיקע מאָמענטן. עס דאַרף אויך געזאָגט ווערן דאָס יידישע וואָרט. ס'דאַרף געהערט ווערן די מוטיקע יידישע שטים.

און דאָ פֿאַרשלעפּט זיך דער לאָקאַוט. דאָס מויל פֿון דער יידישער פּרעסע איז פֿאַרמאַכט. דאָס קול פֿאַרשטומט.

מישן זיך אַריין מענטשן. ס׳מאַכן זייערע אָנשטרענגונגען: הלל צייטלין, אַב־רהם פאָדלישעווסקי, אינזשיניער קערנער און העשל פאַרבשטיין. אַביסל גיבן נאָך די דרוקער, אַביסל די בעלי־בתים און נאָך צוויי חדשים אָפּרו, נעמען די ראָטאַציע־מאַשינען ווידער קלאַפּן. ווערט די יידישע שטים ווידער דערהערט.

און דאָס לעבן גייט ראַשיק — אין דייטשלאַנד אַ רעוואָלוציע. ווילהעלם אַנטלויפט. צווישן די דייטשן אין פּוילן אַ דעזאָרגאַניזאַציע. פּוילישע לעגיאָנערן און ציווילע נעמען זיי טרייבן פון שטאָט. ווו מ׳טרעפט אַ דייטש, נעמט מען ביי אים צו דאָס געווער. טייל גיבן זיך אַליין אונטער. אַנדערע שטעלן זיך קעגן. אין די גאַסן — אַ שיסעריי.

אַ קויל פאַרבלאָנדזשעט אין דער ווױנונג פון יעקב דינעזאָנס שוועסטער, אויף קאַרמעליצקע ניין און צוואַנציק. אַ צווייטע קויל טרעפט איר שכנטעס טאָכטער, רבקה ליטעראַ[41]), אַ דריטע קויל דעם ציטונג־פאַרשפּרייטער הערשל גרינבערג, אַ פערטע קויל — רייזעלען...

---

קומען יאָרן און גייען אַוועק —

שוין דאָס אַכטע יאָר, זינט פּוילן איז אומאָפּהענגיק. דאָס אַכטע יאָר, ווי דאָס לאַנד לעבט איבער אַפינאַנציעלן קריזיס. מיניסטאָרן גייען אַוועק, מיניסטאָרן קומען און ערשט דער מיניסטער גראַבסקי געפינט דאָס אמתע מיטל —

שטייערן...

און אויב שטייערן, איז פאַרשטייט זיך — קודם כל ביי יידן...

וואַרפט ער זיך, מיט זיין גאַנצן גרימצאָרן, אויף דער יידישער גאַס. פרעסט ער און שטיקט דעם יידישן סוחר, דעם יידישן קרעמער, האַנטווערקער, בעל־מלאכה. שלעפּט ער פון די יידישע שטובן דאָס לעצטע אַרויס. יידיש האָב און גוטס ווערט אויף ליציטאַציעס פאַר גראָשנס פאַרקויפט...

דער חורבן איז גרויס. נעבעכדיקע בעלי פרנסה זענען היינט קבצנים. נויט און דלות הויזן אין דער יידישער שטוב.

יידישע צייטונגען אַלאַרמירן. יידישע דעפּוטאַטן אין סיים מאָנען יושר. כלל־טוער קלאַפּן די טירן אָפּ —

נאָר נישטאָ איז קיין קראַפט אויף אָפּשרייען גראַבסקיס גזרה. נישטאָ איז קיין שפּראַך אויף דיסקוטירן מיט גראַבסקיס ״עגלה״...

אָבער טון עפּעס דאַרף מען.

מיט וואָס עס איז לינדערן די נויט, מוז מען.

---

41) רבקה ליטעראַ — לעבט אין ישראל.

און די רעדאַקציע פון "היינט" נעמט די איניציאַטיוו אין האַנט. אין לאָקאַל פון רעדאַקציע ווערט אַ דרינגעוודיקע באַראַטונג גערופן.

די איניציאַטאָרן — נחמיה פינקעלשטיין, אברהם גאָלדבערג און ב. יאושזאָן — רעפערירן. די אנטיילנעמער — הרב מיכעלסאָן, הלל צייטלין, ד"ר יהושע גאָט־ליב, יעקב טראָקענהיים, מנחם עלענבערג און שלמה דינער — וואַרפן אָן פּראָ־יעקטן.

פאַר אַלע איז קלאָר — מ'טאָר נישט וואַרטן.

מ'מוז אַלץ טון, כּדי תּיכּף צוהילף קומען — אויב נישט אַלע — איז קודם כּל, די וואָס געפינען זיך שוין אופן נידעריקסטן שטאַפּל פון אונטערגאַנג.

די, וואָס קאָנען שוין נישט, מיט די אייגענע כּוחות, אויף די פיס זיך שטעלן...

און גיך פאַרשפּרייט זיך די ידיעה, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ רעטונגס־קאָמיטעט. —

דער ערשטער יידישער רעטונגס־קאָמיטעט אין פּוילן.

די לאָזונג — "די וואָס דאַרפן נישט נעמען, מוזן געבן" — ווערט אויפגענומען מיט סימפּאַטיע, ווערט אויפגעכאַפּט אין אַלע יידישע היימען, קלאַפּט אָפּ אין איטלעך יידיש האַרץ...

---

דאָס האַסטיקע צעקלינגען זיך פונם רעדאַקציע־טעלעפאָן, רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט פון צימער.

דורכן טעלעפאָן־טרייבל — אַ ווייכע פרויען־שטימע:

— צי וואָלט מעגלעך געווען, איר זאָלט אויף אַ ווײַלע זיך אַריבערכאַפּן צו מיר?

— ווער רעדט?

— ס'רעדט אייערס אַ באַקאַנטע...

— דאָך? — ווי איז אייער נאָמען?

— נישט וויכטיק... דער נאָמען וועט אייך גאָרנישט זאָגן... איך בעט אייך... זייער אַן ערנסטער ענין... אויב ס'איז מעגלעך, קומט באַלד...

— אָבער, ווו? צו וועמען קומען? אויף וועמען זיך פרעגן?

— פאַנסקע דריי און צוואַנציק... פרעגן צו דער ווירטין פון הויז...

דאָס אויער היצט נאָך פון האַלטן צוגעדרוקט דאָס טרייבל. די ווייכע שטימע גלעט נאָך מיט איר צאַרטקייט און אין קאָפּ האַקט. אין מוח אַ מיש־מאַש —

יאָ גיין, נישט גיין?... יאָ גיין, נישט גיין?...

כ'גיי —

די טיר עפנט אַ בלאָנד מיידל:

— צו וועמען, פּראַשען פּאַנאַ?
— צו דער ווירטן.
— ביטע זייער.
און זי פירט אין זאַל, וויזט אָן אַ שטול, ווערט פאַרשוווּנדן.
אַ שטוב, ווייזט אויס, אַ רייכע. אַלץ פון פיינסטן סאָרט. יעדע זאַך מיט גע־שמאַק אָוועקגעשטעלט.
דורך די גלעזערנע טירן פונעם ברייטן, מעכאַניאָון קרעדענץ, קוקן זילבערנע לייכטער אַרויס.
און אויבן, העכער — קידוש־בעכערס... אַ בשמים־ביקסל...
ווער־זשע וווינט דאָ?
די שווערע פּליושענע פּאָרטיערן שאַרן זיך פונאַנדער. ס'באַווייזט זיך אַ יונ־גע, נאָר שטאַרק צעוואָקסענע פרוי. רייך און מיט געשמאַק אָנגעטון. שוואַרצע, הויך פאַרקעמטע לאָקן־האָר.
זי גייט צו, שטרעקט אויס די האַנט:
— איר דערקענט?...
שווער צו זאָגן... אייגנטלעך יאָ עפּעס באַקאַנט... די אויגן, דאַכט זיך, ערגעץ געזען...
נאָר זי וואַרט נישט:
— איר געדענקט? — אין רעדאַקציע... אין ליטעראַטן־פאַריין...
— יאָ... דאַכט זיך... מ'רופט אייך?...
— רייזעלע...
— ווירקלעך... כ'דערמאָן זיך... אָבער...
— איר ווילט זאָגן אַן אַלטע יידענע. ס'מאַכט נישט אויס. איר דאַרפט זיך נישט זשענירן. שוין פאַרט אַכט יאָר. דערצו — אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן...
און זי דערציילט, אַז צוויי וואָכן האָט זי דעמאָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער קויל אין אַ זייט. דערנאָך זעקס וואָכן אין שפּיטאָל. שפּעטער אַרויסגעפאָרן קיין אָטוואָצק, צו וואַכמאַנען אין פּענסיאָנאַט. דאָרט זיך באַקענט מיט איר איצ־טיקן מאַן — אַ פרומער ייד, זייער אַ ווילער מענטש. ס'איז איר נישט שלעכט. פון אָנהייב געווען אַביסל שווער. דער עיקר — דאָס טראָגן אַ שייטל...
— אַ שייטל? — מ'דערקענט גאָרנישט. כ'וואָלט געשווירן, אַז...
נאָר זי שלאָגט איבער: מ'דאַרף נישט רעדן וועגן דעם. זי וויל זיך פאַר־ענטפערן, פאַר וואָס זי האָט מטריח געווען. פשוט, קיין אַנדער ברירה נישט גע־האַט. זי האָט נעכטן געלייענט אין "היינט" וועגן דעם רעטונגס־קאָמיטעט. היינט אויך געלייענט אין "מאָמענט" הלל צייטלינס אַרטיקל וועגן דעם זעלבן ענין. האָט זי דורכגערעדט מיט איר מאַן. ער האָט געזאָלט געבן דריי הונדערט זלאָטעס — האָט ער איינגעשטימט צו געבן פינף הונדערט און דאָס געלט זאָל גיין פאַר נויט־

באַדערפטיקע יידישע מחברים — אַלץ איינס, צי זיי שרייבן העברעיש, אָדער יידיש. צי זיי שרייבן ספרים, אָדער ביכער...

אַ קלונג אין טיר, רייסט איבער דאָס רעדן. אין שטוב קומט אַריין אַ שטאַרק באַיאָרטער ייד. — אַ הויכער, אַ פולער. אַ זילבער ווייסע באָרד באַצירט זיין ברייט, געלבלעך פנים. גרויסע, העלע אויגן קוקן, אַביסל פאַרלעגן, אַביסל פאָרשנ־דיק...

זי שטעלט זיך אויף:

— זייט באַקאַנט... מיין מאַן...

---

אויף לעשנא פערציק. דריטער שטאָק. דער זאַל העל באַלויכטן. אַרום לאַנגן טיש — אַן עולם יידן —



הלל צייטלין
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

די צווייטע, אויסגעברייטערטע זי־צונג פון דעם נאָר וואָס געשאַפענעם יידישן רעטונגס־קאָמיטעט.

כ׳זעץ זיך לעבן הלל צייטלינען. גיב איבער אַזוי און אַזוי — אַ ייד וויל געבן דעם קאָמיטעט פינף הונדערט זלאָטעס נאָר דאָס געלט דאַרף גיין פאַר אָרעמע שרייבער.

דערפרייט ער זיך, צייטלין:

— נאָך דאָ אַזאַ ייד?...

און ער רעדט מיט איינעם. רעדט מיט אַ צווייטן. — מ׳טעלעפאָנירט צום ייד. מ׳פאַרבעט אים צו דער זיצונג. ער קומט.

צייטלין וווּנדערט זיך:

— אָט אָ, דער ייד?... פאַר שריי־בער?...

נאָר, כ׳מוז שווייגן. רייזעלע האָט אַזוי געבעטן. פאַר קיינעם דעם נאָמען נישט דערמאָנען. מ׳דאַרף נישט וויסן ווער און וואָס...

זעצט ער זיך אַוועק, דער ייד. פון איין זייט הלל צייטלין, פון דער אַנדערער זייט הרב ר׳ יחזקאל מיכעלסאָן. ער קען אים, דער רב. טענהט מען מיט אים — אַזוי און אַזוי. קיין עין הרע אַ ייד, אַ גביר. די נויט איז גרויס...

דערלייגט דער ייד נאָך אַ פּופּציקער, דערנאָך נאָך אַ פּופּציקער און ער גיט־צו:

— נאָר בתנאי, פאַר נויטבאַדערפטיקע מחברים...

און צום רב — ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— פאַרפאַלן... אַזוי איז איר ווילן...

איר ווילן...

און קיינער — אפילו אויך נישט הלל צייטלין — האָט נישט די מינדעסטע אַנונג, אַז די, וועגן וועמען דער ייד רעדט, האָט מען אַמאָל אויף טלאָמאַצקע דרייצן גוט געקענט.

אַז די, וועגן וועמען דער ייד רעדט — האָט נאָך מיט אַכט יאָר צוריק, גע־האָלפן שרייבערישע שטובן.

אַז די, וועגן וועמען דער ייד רעדט — איז די העלדין פון סעגאַלאָוויטשעס באַקאַנטע פּאָעמע "רייזעלע דעם שוחטס"...

# די דריי שוועסטער...

נעסט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. — איבער נאַכט נייע צייטונגען. — אַ טעלעפאָן פון דוד פרישמאַן. — ווער זענען די דריי מיידלעך? — אין „מעכאַניאָוון“ ביבליאָטעק־צימער פון מאַדאַם פּערעץ. — אַ בריוו־לע פון אַמעריקע. — נאָמבערג מיט העפּטמאַנען שיילן קאַרטאָפל. — דריי ווייסע טיכעלעך דורכן פענצטער...

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן? וועמען האָט עס גאָר געקאָנט איפן זינען אַרויף? אַלע זענען דאָך שוין זיכער געווען, אַז אַט־אַט — הערש־דוד נאָמבערג שרייבט ווידער אין „היינט“. הערש־דוד נאָמבערג געפינט זיך ווידער צווישן דער גרויסער „היינט“־משפּחה...

און דאָ, פּלוצעם — אַזאַ זאַך... אויף אייביק איבערגעריסן...

און צוליב וואָס? —

צוליב דריי מיידלעך... דריי שוועסטער...

דער נאָמען נאָמבערג האָט אייגנטלעך אין „היינט“ נישט געטאָרט געדאַכט ווערן.

ער איז געווען טרייף.

און דאָס נישט פון היינט. דאָס ציט זיך שוין יאָרן.

זינט דעם ערשטן יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

זינט אין וואַרשע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין „דאָס וואַרשעווער טאַגעבלאַט“ און נאָמבערג איז פון „היינט“ אין דער נייער צייטונג אַריבער.

נישט נאָמבערג אַליין איז איבערגעגאַנגען אין דער נייער צייטונג. ס'זענען אויך איבערגעגאַנגען נאָך שרייבער. נאָר נאָמבערגן האָט עס יאַצקאַן נישט גע־קאָנט מוחל זיין. ער האָט זיך עס גאָרנישט געקאָנט שענקען:

— ער?... הערש־דוד?... אָט אָ, דער יונג?...

און שוין. מער האָט שוין קיינער וועגן דעם רעדן נישט געטאָרט.

אפילו דעם נאָמען נישט דערמאָנען.

ווי מען טאָר נישט דערמאָנען אַ קינד, וואָס איז אויף שלעכטע וועגן אַוועק...

אויך שפּעטער, „דאָס וואַרשעווער טאַגעבלאַט“ איז אינם הסידישן „דאָס יידי־שע וואָרט“ פאַרוואַנדלט געוואָרן, נאָמבערג איז געבליבן אָן אַרבעט, געהאַלטן ביי

אַרייַן אין "מאָמענט" און עמיצער האָט פּרובירט כאַפּן מיט יאַצקאַנען אַ שמועס וועגן דעם — איז געגוג געווען יאַצקאַנס איין קוק, אַז יענער זאָל גלייַך אַנט־שוויגן ווערן...

אַז נאָמבערגס נאָמען זאָל מער אויף זייַנע ליפּן נישט געבערענגט ווערן...

נאָר ווער קאָן דען אָפּשאַצן, אויף ווי ווייט עס זענען קאָמפּליצירט די מענטש־לעכע געפילן?

און ווען מען האָט דעם אייַנפאַלן געקאָנט, אַז ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון יאַצ־קאַנס שוואַך האַרץ, זאָל זיך נאָך פאַרוואַלגערן אַ ברעקעלע פון אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אים נייגן צו פאַרגעסן? וואָס זאָל אים נייגן מוחל צו זייַן?...

— אַ יונג... נייטיק געדאַרפט אַנטלויפן...

נאַטירלעך, פריער האָט ער זיך נאָך, ווייזט אויס, אַביסל געשעמט. געזאָגט אַזוי, האַלב פאַרשטעלט, מ'זאָל זיך קוים אָנשטויסן, וועגן ווען מען עס גייט. נאָר איצט, דער עולם האָט אָנגעהויבן צוריקקומען פון רוסלאַנד, אויך דוד פרישמאַן איז צו־ריקגעקומען — נעמט מען זיך דערמאָנען אין אַלטע צייַטן...

— אוי, אַמאָל... אַ פרייטיק־נומער... געעפנט אַ בלאַט... שלום אַש... שלום־עליכם... פּרץ... פרישמאַן... נאָמבערג...

ביים נאָמען נאָמבערג, פאַרטראַכט זיך יאַצקאַן. ער פאַרקוקט זיך אין דער ווייטקייט, ווי ער וואָלט ערגעץ, אין דער לופטן, יענעם שיינעם פרייטיק־נומער דערזען...

— מילא, שלום־עליכם לעבט נישט... פּרץ אויך נישט... אָבער נאָמבערג... דער יונג... ער אין "מאָמענט"...

לכתחילה לייגט מען קיין אַכט נישט דערויף. צו יאַצקאַנס שטימונגען איז מען געוווינט. מ'ווייסט, היינט אַזוי, מאָרגן אַנדערש. נאָר ווען דאָס הזרט זיך אי־בער איין מאָל און נאָך אַ מאָל — טראָגט מען עס שוין אָפּ נאָמבערגן...

און אויך נאָמבערג נעמט עס נישט אויף גלייַכגילטיק.

עפּעס פאַרבאָרגנס, איינגעשלאָפנס, הייבט אָן ביי אים דערוואַכן. אין זייַן זכרון נעמט אויפשווימען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער וויל פאַרגעסן און ער קאָן נישט. וואָס ער וויל נישט זען און ער זעט...

— אַזוי?... ער געדענקט, יאַצקאַן?...

זעט מען דערין אַן אָנדייט. מ'זעט אַ סימן...

מישן זיך אַרייַן מענטשן. מ'רעדט מיט נאָמבערגן, מ'רעדט מיט יאַצקאַנען. אַלץ גייט צו בסוד, פרעמדע אויגן זאָלן נישט זען, זייַטיקע אויערן זאָלן נישט הערן...

בכלל גייט אַ רעדעכץ אויף טלאָמאַצקע דרייַצן.

אַ שטיקל אויפלעבונג דאָרט —

אַלע טאָג נייַע געסט. אַלע טאָג פרישע פּנימער. — דער צוריק פון רוסלאַנד, דער סתם פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענער שטאָט.

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, י. מ. ניימאַן, אברהם זאַק, משה בראָדערזאָן, פּאָרטנאָי, זשיטניצקי, דניאל לייבל[42]) און נאָך און נאָך.

און איבער נאַכט פרישע צייטונגען. איבערנאַכט פרישע נייעס —

נעכטן די "לעבנס־פראַגן" אַ טאָגצייטונג. היינט "דאָס יידישע פאָלק" — אַ טאָגצייטונג. מאָרגן, זאָגט מען, זאָל די פועלי ציון אויך אַרויס מיט זייער "אַרבע־טער־צייטונג".

איז רעדט מען, האַנדלט מען, דינגט מען זיך...

דער גייט דאָ, דער גייט דאָרט...

סעגאַלאָוויטש, זאָגט מען, גייט אין "היינט", זאַק אין "מאָמענט", ניימאַן אין "יידישן פאָלק", פּאָרטנאָי — אין די "לעבנס־פראַגן", דניאל לייבל — אין דער "אַרבעטער־צייטונג", זשיטניצקי דינגט זיך נאָך, בראָדערזאָן פאָרט צוריק קיין לאָדזש...

און דאָ, זאָגט מען, אַז אָט־אָט... אַז יאַצקאָן האָט זיך שוין געטראָפן מיט נאָמבערגן...

אַז היינט, מאָרגן גייט נאָמבערג אין "היינט" אַריבער...

אָבער — — —

---

דאָנערשטיק אָוונט איז אַלעמאָל טומלדיק אין רעדאַקציע.

בפרט היינט. בפרט דעם אָוונט.

עפּעס אַ קלייניקייט? — דער פּרייטיקדיקער נומער איז שוין כמעט פאַרטיק און דאָ, אַ טעלעפאָן פון דוד פרישמאַן —

ער ציט צוריק דעם פעליעטאָן, וואָס ער האָט דערלויבט איבערדרוקן פון זיינס אַ שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען בוך.

און באַלד נאָך אַ טעלעפאָן —

ער שרייבט אַן אַנדער פעליעטאָן... ער ברענגט אים באַלד אין רעדאַקציע...

דער אָוונט איז אַ קאַלטער. אַ גאַנצן טאָג איז געגאַנגען אַ דריבנער רעגן, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. פרישמאַן איז נישט ביים גאַנצן געזונט. ערשט עטלעכע טעג, זינט ער איז געקומען פון רוסלאַנד. די גאַנצע צייט פון שטוב נאָך נישט אַרויס. אינדערפרי דער דאָקטאָר ביי אים געוועזן.

און דאָ זאָגט פרישמאַן, אַז ער קומט...

לייגט מען אים פאָר:

— אפשר עמיצן צושיקן נאָכן פעליעטאָן?

נאָר פרישמאַן ענטפערט קורץ:

---

42) י. מ. ניימאַן און דניאל לייבל לעבן אין ישראל. אברהם זאַק — אין בוענאָס־איירעס.

— ניין, איך ברענג אים אַליין...

איז מען נייגעריק — פאַרוואָס האָט פרישמאַן צוריקגעצויגן דעם פעליעטאָן, וואָס ער האָט פריער געהייסן איבערדרוקן?

וואָס פאַר אַ פעליעטאָן האָט איצט פרישמאַן פלוצעם זיך אָוועקגעזעצט שרייבן? און פאַר וואָס וויל ער עפּעס נאָר אַליין קומען אין רעדאַקציע?...

פּרובירט מען טרעפן. — איינער זאָגט דאָס, אַ צווייטער זאָגט עפּעס אַנדערש. און מ׳וואַרט.

ס׳וואַרטן די, וואָס מוזן וואַרטן. די, וואָס דאַרפן פאַרענדיקן דעם נומער. ס׳וואַרטן אויך סתם נייגעריקע —

גייט אַוועק איין שעה, גייט אַוועק נאָך אַ שעה. דאָס געדולד איז אָנגעצויגן, פרישמאַנען זעט מען נישט.

יאַצקאָן גייט אַרום איבערן רעדאַקציע־צימער און קוקט כסדר אויפן זייגער. אברהם גאָלדבערג זיצט ביי זיין טישל און בייסט דעם נאָגל פון פינגער. מנחם קיפּניס זיצט אויף אַ טישל און חזרט זיך אין דער שטיל עפּעס אַ פאָלקס־לידל. אהרן איינהאָרן שטייט ביים אויוון, וואַרפט אַלע מאָל אַריין אַ וואָרט און וויל דעם עולם איבערצייגן, אַז ס׳איז נישטאָ, וואָס צו וואַרטן. אַז פרישמאַן וועט נישט קומען...

און מיטאַמאָל —

שווערע טריט, אַ לייכטער גערויש, עטלעכע שטימען.

ווער זאָל דאָס זיין? —

מ׳עפנט די טיר, ס׳גייען אַריין דריי דאָרפישע מיידלעך, דוד פרישמאַן און אַ זעלנער מיט אַ ביקס...

די צייט איז, פאַר יידן, נישט קיין רואיקע.

פּוילן האָט נאָרוואָס צוריקגעקריגן איר אומאָפּהענגיקייט. די יונגע פּויליש ארמיי איז נאָך נישט שטאַרק דיסציפּלינירט. עס זענען פאַראַן "האַלערטשיקעס", "פּאָזנאַנטשיקעס" און סתם זעלנערלעך, וואָס האָבן ליב אַמאָל זיך אַ שפּילטון מיט יידן...

שפּרינגען אַלע אויף פון די ערטער. מ׳קוקט אויף די מיידלעך, מ׳קוקט אויף פרישמאַנען, מ׳קוקט אויפן זעלנער...

וואָס איז דאָס? וואָס וויל ער פון פרישמאַנען? וואָס וועט דאָ זיין?...

נאָר דאָס געדויערט בלויז רגעס. פרישמאַן אָריענטירט זיך, וועגן וואָס דאָ גייט. ער כאַפּט אויף די צעשראָקענע בליקן — דרייט ער זיך אויס צום זעלנער, זאָגט אין יידיש:

— ביטע... דאָ איז די רעדאַקציע...

מען אָטעמט אָפּ. מ׳זעט שוין — אַ ייד... אַ יידישער זעלנער...

נאָר רואיק איז מען נישט. דער ענין איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעקלאָרט. עפּעס סודותדיקס הענגט נאָך אין דער לופט...

ווער איז ער? וואָס איז ער עפּעס געקומען מיט פרישמאַנען? און וואָס ווילן די דאָרפישע מיידלעך?...

איצט?... שפּעט אין אָוונט?...

יאַצקאַן גייט־צו צום זעלנער:

— ביטע... וועגן וואָס גייט עס?...

דער זעלנער ענטפערט נישט גלייך. ער קוקט אויף יאַצקאַנען, קוקט אויף די איבעריקע רעדאַקציע־מענטשן, פינטלט מאָדנע מיט די אויגן און טוט פּלוצעם אַ זאָג:

— איך בין אַ ייד...

— נו?

— און די מיידלעך זענען אויך יידישע...

דערויף האָט זיך שוין קיינער נישט געריכט.

אַלע טוען מיטאַמאָל אַ קער די בליקן צו די מיידלעך, נעמען פאָרשן זייערע פּנימער. נאָר דער זעלנער באַמערקט עס נישט, אָדער ער באַמערקט עס יאָ און ער לייגט נישט קיין אַכט דערויף:

— זיי זענען פון אוקראַינע. פון דער שטאָט נאָוואָגראַד־וואָלינסק. זיי האָבן זיך פאַרשטעלט אַלס פּויערטעס. זיך געראַטעוועט פון פּעטלוראַס באַנדעס. איך האָב זיי געטראָפן ביי דער פּוילישער גרענעץ. געזען זייערע פאַרצווייפלטע בליקן. געכאַפּט אַ יידיש וואָרט. האָב איך זיי ״אַרעסטירט״. געזאָגט אויף יידיש, זיי זאָלן נישט קיין מורא האָבן. אַרויפגעזעצט זיי אויף דער באַן. זיי מיטגענומען מיט זיך קיין וואַרשע. דאָ, אין גאַס, געפרעגט ביי דעם ייד, ווו ס׳איז אַ יידישע רעדאַקציע און זיי אַהערגעבראַכט...

ער רוט זיך אַ ווײַלע אָפּ. טוט אַ קוק אויף די מיידלעך, קערט צוריק אָפּ די בליקן און זאָגט שטיל:

— איך מוז גיין... מיליטער־פליכט... איך גלייב, אַז איך לאָז זיי איבער אין זיכערע הענט...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער זאָגט נישט. ער טוט נאָכאַמאָל אַ קוק אויף די מיידלעך. קוקט אויף יאַצקאַנען, אויף די איבעריקע מענטשן. טוט זעלנעריש אַ קלאַפּ איין פוס אין אַנדערן. הייבט אויף צוויי פינגער צום היטל:

— אַ גוטע נאַכט...

און ער דרייט זיך זעלנעריש אויס, טוט ווידער אַ קוק אויף די מיידלעך און גייט גיך אַרויס.

די מיידלעך טוען זיך אַ ריס פון אָרט. ס׳זעט אויס, זיי ווילן אים נאָכלויפן. נאָר זיי בלייבן שטיין, קוקן איינע אויף דער אַנדערער און איבער זייערע באַקן נעמען זיך קייקלען גרויסע טראָפּנס טרערן.

דער עולם אין רעדאַקציע, איז ווי פאַרשטיינערט. איינער קוקט צו דער טיר,

ווו דער זעלנער איז אַרויס, אַן אַנדערער קוקט אויף די מיידלעך, וואָס טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער. אַלץ איז אָנגעשטרענגט. אַלץ איז געשפּאַנט.

נאָר דאָס געדויערט נישט לאַנג. פּרישמאַן רייסט דער ערשטער די שטיל־קייט איבער. ער טוט אַ כאַפּ צוויי שטולן מיטאַמאָל. שטעלט זיי אַוועק לעבן די מיידלעך:

— זיצט... איר זענט אַוודאי מיד...

און דאָס ווירקט. דער עולם כאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף. איינער טראָגט־צו אַ דריטן שטול, אַ צווייטער לויפט מאַכן טיי, די איבעריקע רינגלען אַרום די מיידלעך, נעמען זיי באַקוקן, נעמען אויספרעגן.

דריי מיידלעך... דריי שוועסטער... די יינגסטע פופצן יאָר... די עלטסטע — אין נײַנצעטן... די מוטער און אַ ברודער אומגעקומען... דערהרגעט געוואָרן דורך די פּעטלורא־באַנדעס... וואָס מיטן פאָטער איז געוואָרן, ווייסן זיי נישט... זיי זענען געלעגן באַהאַלטן... דערנאָך זיך אַרויסגעקריגן... זיך אַנגעטון ווי פּויערטעס... געלאָפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער... פון איין דאָרף אין אַנדערן... געזען, ווי מען שעכט יידן... מ׳ברענט יידישע הייזער... מ׳פאַרשוועכט יידישע הייליקייטן... מ׳שענדעט יידישע טעכטער...

ס׳רעדט בלויז די עלטסטע — לידא הייסט זי. די יינגערע שאָקלט בלויז צו, פון צייט צו צייט, מיטן קאָפּ, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען, און די דריטע, די יינגסטע — וויינט...

און נישט בלויז זי וויינט. אויך ביי יאַצקאַנען זענען טרערן אין די אויגן. אויך די איבעריקע, אויב זיי וויינען נישט מיט טרערן — זענען זיי סתם טיף צע־ווייטיקט.

פּרישמאַן נעמט גיין אַהין און צוריק. ער איז דענערווירט, מורמלט עפּעס אין דער שטיל, האַלט אין איין גלייכמאַכן די ברילן אויף דער נאָז.

מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין לעבן יאַצקאַנען:

—איך וועל נישט געבן דעם פעליעטאָן...

— פאַר וואָס?

— ער איז שוואַך... איך האָב אַזוי פיל נישט געזען... אויף אַזוי פיל נישט פאַרגעשטעלט זיך...

— הייסט עס, איר האָט געשריבן וועגן דעם?

— יאָ... וועגן צעיושעטע יונגען... וועגן אַ פאָלק, וואָס איז הפקר... נאָר — שוואַך... נישט גענוג תופס געווען...

---

אין דרויסן איז פינצטער און קאַלט.

הגם דער רעגן האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט, קאַפּען נאָך פון די דעכער

גרויסע, קאַלטע טראָפּנס, וואָס האַלטן אויף די פייכטקייט אונטער די פיס.

קיין דורכגייער זעט מען נישט. בלויז פון צייט צו צייט לויפט דורך, מיט געטומל, אַן אויטאָ און אַלץ אַרום ווערט באַשפּריצט מיט דער שוואַרצער פייכט־קייט פון ברוק...

אויף פּשעיאַזד, צו דער נאָוואָליפּקי, שלייכן זיך פינף סילועטן — די דריי שוועסטער, מנחם קיפּניס און איך.


הערש־דוד נאָמבערג
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

קיפּניס האָט אויף נאָלעווקעס אַ באַקאַנטע אַכסניא. אַן אָרנטלעכער ייד. פּאָר אַ קליינִי־קייט וועט ער די מיידלעך, אויף עטלעכע טעג, אָפּגעבן אַ צימער. דערנאָך וועט מען ווייטער זען. — דער "היינט" וועט שוין זאָרגן.

שאַרט מען זיך אין דער קעלט. — די מיידלעך טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער. איך רעד אין זיי אַריין, זוך אויס די פּאַסיקסטע ווערטער, וואָס זאָלן זיי ווי עס איז טרייסטן. קיפּניס שעלט דאָס וועטער...

— ווו שלעפּט איר זיך אַרום גאַנצע נעכט!?...

מיר דערשרעקן זיך. מ׳קוקט זיך אום — הערש־דוד נאָמבערג.

מיר בלייבן שטיין. ער קומט צו נענטער, קוקט אויף אונז, קוקט אויף די מיידלעך און אַ איראָנישער שמייכל צעשפּילט זיך אויף זיינע ליפּן:

— אַזוי?...

מיר פאַרשטייען זיין מיין. מיר ווילן נישט, ער זאָל טראַכטן שלעכט. דער־ציילט קיפּניס וועגן די מיידלעך, דערציילט ווער זיי זענען, ווי זיי קומען אין "היינט" און ווו מיר גייען איצט.

נאָמבערג האַלט האַלב פאַרמאַכט די אויגן. מ׳קאָן מיינען, ער הערט נישט, וואָס קיפּניס רעדט. אַז זיינע געדאַנקען זענען איצט גאָר מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען.

נאָר אָט עפנט ער די אויגן. בייגט זיך־צו צו דער עלטסטער פון די מיידלעך:

— ווי הייסט איר?

— לידאָ.

— לידאָ... לידאָ... און אייער שוועסטער?

— די הייסט זשעניא און די — בעסי. די פאַמיליע אונזערע, איז פּאַסיק.

— פּאַסיק... פּאַסיק... און איר זענט די עלטסטע?

— די עלטסטע.

— אַזוי... די עלטסטע...

און מיטאַמאָל:

— נו, גייט קינדערלעך. ס׳איז קאַלט. איר דאַרפט זיך אויסשלאָפן. מיר וועלן זיך נאָך זען. מיר וועלן נאָך רעדן...

---

— אָט אָ, דאָ איז עס... נומער זיבן און דרייסיק...

אין טויער צעקלינגט זיך הייזעריק דאָס גלעקל. שווערע טריט, אַ סקריפּנדיקער שליסל, דער סטרוזש רעדט יידיש:

— צו וועמען?

— צו מאָרגענשטערענען.

אין דער אכסניא שלאָפט מען שוין. נאָר קלאַפּן דאַרף מען נישט לאַנג. דאָ איז מען געוווינט צו ווערן איבערגעוועקט. כמעט אַלע נאַכט קומען געסט.

אָבער, דאָס מאָל זענען עס נישט קיין געוויינלעכע געסט. מאָרגענשטערן פּאָרעט זיך אַליין אַרום. נאָר־וואָס זיך אויפגעריסן פון דעם ערטשן שלאָף. דאָס קאַפּל פאַררוקט, די גרויסע, באַזילבערטע באָרד צעשויבערט, דער טלית־קטן אויף דער לינקער זייט:

— זייער גוט געטון, וואָס איר זענט געקומען צו מיר... צו וועמען דען זאָל דער "היינט" שיקן, אַז נישט צו וואָלף מאָרגענשטערענען?... אָט דאָ, אין דעם צימער, וועלן די מיידלעך קאָנען זיין... זיי קאָנען זיך דאָ פילן ווי ביי זיך אין דער היים... ס׳וועט זיי גאָרנישט פעלן... איי, זאָלט איר געזונט זיין — ווער רעדט וועגן געלט?...

און ס׳פעלט טאַקע די מיידלעך גאָרנישט.

שרהלע — מאָרגענשטערנס איינציקע טאָכטער — גיט זיך אָפּ מיט זיי, ווי אַן אייגענע שוועסטער. פון "היינט" קומט מען מיט פעקלעך. און ערשט — נאָמבערג.

יעדן טאָג קומט ער. אַמאָל אויך — צוויי מאָל אין טאָג.

גאַנצע שעהן זיצט ער אָפּ מיט די מיידלעך. שמועסט מיט זיי. לייענט פאַר זיי זיינע לידער און נאָוועלן.

און ער הערט זיי אָסך.

ער ווערט נישט מיד זיי הערן רעדן.

דער עיקר — לידען.

— רעדט, לידעטשקע... רעדט נאָך... איך האָב ליב אייך הערן רעדן... דאָס דערמאָנט מיר אָן עפּעס... דאָס דערוועקט אין מיר דערינערונגען...

קומט ער, נאָמבערג. טיילמאָל אויך נאָך עמיצער פון "מאָמענט". מ׳איז ניי־געריק די מיידלעך אָנקוקן, זיי הערן רעדן, דערגיין, פון וואַנען ס׳נעמט זיך נאָמבערגס התפעלות.

## די דריי שוועסטער



פון רעכטס: לידאַ, בעסי, זשעניאַ.

אָבער, גיך דערוויסט זיך יאַצקאָן דערפון. ער הערט, נאָמבערג אינטערעסירט זיך מיט די מיידלעך. הערט, מענטשן פון „מאָמענט" קומען צו לויפן. זיי וועלן אוודאי שרייבן...

און ער באַשליסט — ניין. מ'וועט נישט שרייבן. זיי געהערן דעם „היינט"...

---

אין „מעכאַניאָוון" ביבליאָטעק־צימער — אין דער פריוואַטער דירה פון דעם באַנקיר אַדאָלף פּערעץ — איז זיך צונויפגעקומען די פאַרוואַלטונג און די „הויפּט־אַפּיעקונעס" פון דער יידישער געזעלשאַפט „פּרויען־שוץ".

די זיצונג איז אַן עקסטרע. עס האָט זי גערופן די מאַדאַם פּערעץ — אויף דער ווענדונג פון דער רעדאַקציע „היינט".

אויף דער זיצונג: די בעל־הביתטע, מאַדאַם פּערעץ, איר מאַן אַדאָלף פּערעץ, דער באַנקיר ראפאל שערעשאָווסקי, מאַדאַם טרוסקער, פּרעזעס ווישליצקי, מאַדאַם טעאָפילא קאהן, מאוריצי מייזעל, מאַקסימיליאַן פרידע, די פּעדאַגאָגין און שריפטשטעלערין טערעזאַ ראָזענבוים און נאָך און נאָך — אַלץ פון דער יידיש אַריסטאָקראַטישער עליטע.

אַלע זיצן ביי דעם סאָליד געגרייטן טיש. אַביסעלע אָפּגערוקט זיצט דער פאַר־שטייער פון „היינט". מערער אָפּגערוקט — די דריי היימלאָזע שוועסטער...

די זיצונג איז אַ קורצע. די מיידלעך גיבן איבער וועגן זייערע פּיינלעכע וואַנדערונגען און וועגן דעם ווילדעווען פון די צעיושעטע פּעטלוראָווצעס. די „אַפּיעקונעס" זיצן ערנסט, שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ און שיילן שטיל פּאַ־מעראַנצן...

שטיל. טערעזאַ ראָזענבוים טוט אַ זיפץ. ראַפאַל שערעשאָווסקי קוקט זיך אי־בער מיט מאַקסימיליאַן פרידען. מאַדאַם טרוסקער רוקט אַוועק דאָס טעלערל מיט פּאָמעראַנצן־שאָלעכץ...

צום סוף פאַלט אַ באַשלוס —

די געזעלשאַפט נעמט־אויף די דריי שוועסטער אין איר „היים", אויף פאַנסקע נומער צוואַנציק. נישט געקוקט דערויף, וואָס קיין מאַנספּערשוין טאָר נישט אי־בערטרעטן די שוועל פון דער „היים", ווערט דאָך געמאַכט אַן אויסנאַם פאַרן פאַרשטייער פון „היינט" — וועלכער איז דער פאַקטישער אַפּוטרופּוס פון די מייד־לעך.

דער באַשלוס ווערט אַריינגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל־בוך. די דריי שוועסטער, מיט אַ פאַרחתמעטן בריוו, ווערן איבערגעשיקט אין דער „היים", אויף פאַנסקע צוואַנציק און —

דאָ הייבט זיך אָן דאָס, וואָס עס האָט אויף אייביק צעשטערט דעם שלום צווישן הערש־דוד נאָמבערג מיט דער רעדאַקציע „היינט".

און דאָס איז נישט חלילה, צוליב בייזקייט מצד יאַצקאַנען. פאַרקערט. פאַראַן סימנים — און נישט בלויז סימנים — אַז יאַצקאַן זוכט דערנענטערונג פון נאָמ־בערגן צום "היינט". אַז אָט־אָט דאַרף די דערנענטערונג אָננעמען טאַקע רעאַלע פאָרמען...

נאָר דאָ, אין דעם פאַל, עקשנט ער זיך, יאַצקאַן —

ניין און ניין! —

קיינער טאָר נישט וויסן, ווו די שוועסטער געפינען זיך. ס'איז אַ רעדאַק־ציע־סוד. און אַ רעדאַקציע־סוד איז הייליק...

נאָמבערגן פאַרדריסט עס. ער פאַרשטייט נישט יאַצקאַנס עקשנות.

רעדט ער, פרעגט, דענערווירט זיך, זאָגט שאַרפע ווערטער.

לסוף — אַ מאַך מיט דער האַנט:

— מילא...

---

נאָר די צייט רעכנט זיך נישט דערמיט, צי איז יאַצקאַן יאָ גערעכט, אָדער נישט. צי איז נאָמבערג יאָ צופרידן, אָדער נישט.

זי, די צייט, גייט זיך איר וועגס. — פון אַ באַשרייבונג אין "היינט", וועגן די דריי שוועסטער, דערוויסט זיך זייערס אַ ברודער אין אַמעריקע. ער שיקט פאַר זיי, אויפן אַדרעס פון "היינט" — אַ בריוו, געלט און אַרויספאָדערונג־פאַפּירן קיין אַמעריקע.

די מיידלעך וויינען. די מיידלעך ספּאַזמירן. פאַלן איינע אויף דער אַנדערער, קנוילן זיך אין פרייד און אין צער...

נאָר, פאַרפאַלן, נישטאָ קיין צייט צו וויינען. — מ'דאַרף לויפן אין באַנק, לויפן אין "האַיאַס", אין די אַמטן.

און די שוועסטער זענען נישט די איינציקע. אַלץ געדויערט. אומעטום דאַרף מען וואַרטן. און קיין געדולד איז נישטאָ.

אין "האַיאַס" קען מען זיי שוין, די שוועסטער.

אַדאָלף העלד, דער "האַיאַס"־דירעקטאָר אַליין, אינטערעסירט זיך מיט זיי. אויך אַלע באַאַמטע וויסן שוין, אַז די ענינים זייערע, דאַרפן וואָס גיכער דער־ליידיקט ווערן.

אויך פרוי העלד, די "מאַמע" — ווי די עמיגראַנטן אין "האַיאַס" רופן זי — גיט זיך מיט די שוועסטער אָפּ.[43]

פרוי העלד איז נישט קיין באַאַמטע אין "האַיאַס". זי איז פון אַמעריקע בלויז, אַזוי זיך, מיט איר מאַן מיטגעקומען.

---

43) אַדאָלף העלד — היינט פאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע. אויך פרוי העלד איז ווייטער טעטיק אין פאַרשידענע הילף־ און קולטור־אינסטיטוציעס.

אָבער זי איז אַ גאַנצן טאָג אין "האַיאַס". גיט זיך ספּעציעל מיט די עמיגראַנטקעס אָפּ. הערט זיי אויס. פֿאַראינטערעסירט זיך מיטן גורל פֿון יעדער באַזונדער —

און מיט וואָס זי קאָן העלפֿט זי.

מיט וואָס זי קאָן פֿאַרלייכטערט זי.

קלעפּן טאַקע אויך די שוועסטער אין דער "מאַמען". רעדן זיי זיך פֿאַר איר אַראָפּ פֿון האַרצן. דערציילן איר וועגן די בריוולעך, וואָס זיי קריגן פֿון ברודער. וועגן די שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן מיט דעם, אָדער יענעם.

און דער טאָג קומט. די "מאַמע" טראָגט זיי דעם שמייכל אַנטקעגן:

— מזל־טוב, קינדערלעך... איר זענט געהאָלפֿן...

זיי קוקן אָן:

— האַ?... שוין?...

— יאָ... איר דאַרפֿט גיין נאָך דער וויזע...

---

יאַצקאָן איז איבערראַשט. — וואָס? די שוועסטער? זיי פֿאָרן שוין? ווילן זיך געזעגענען?

און ער רייסט זיך אויף פֿון קאַבינעט. כאַפּט זיך אַרום מיט איינער, מיט דער צווייטער:

— פֿיין... זייער פֿיין...

אויך איינהאָרן, אויך קיפּניס, אויך משה־גרשון פֿעלדשטיין — מען באַקוקט זיי, די שוועסטער. מ׳פֿרייט זיך מיט זיי:

— פֿאָרט געזונט! קומט אָן געזונט!

איך האָב נישט קיין רו. לויף אַרום אַ גאַנצן טאָג, האַלט אין איין קלינגען דורכן טעלעפֿאָן —

כ׳געדענק נאָמבערגס אינטערעסירן זיך מיט די דריי שוועסטער. זיין שטענדיק רעדן וועגן זיי. זיין נאָכפֿרעגן און דערנערווירן זיך.

טאָ, פֿאַר וואָס זאָל ער איצט נישט זען זיי? פֿאַר וואָס נישט מיט זיי זיך געזעגענען?



יוסף העפּטמאַן
(צייכענונג פֿון ח. גאָלדבערג)

נאָר, ווו געפֿינט מען אים? ווו האָט ער געקאָנט אַהינקומען?...

שוין געזוכט אין שטוב. געזוכט אין רעדאַקציע. געזוכט אין ליטעראַטן־פֿאַריין. געפֿרעגט ביי וועמען נאָר מעגלעך —

— וואָס־זשע איז געשען?

אלעזר — נאָמבערגס זון — פאַרשטייט עס נישט. דער פאָטער איז ביי־טאָג אַרויס פון פאַריין. געזאָגט, ער גייט אין רעדאַקציע. געזאָלט פאַרנאַכט מיט אים צוגיין מבקר חולה זיין יעקב דינעזאָנען.

און נאָך עפּעס —

אויך יוסף העפּטמאַן איז נישטאָ...

מ׳ווייסט, נאָמבערג איז אַרויס פון פאַריין, צוזאַמען מיט העפּטמאַנען. עמי־צער האָט זיי ביידע געזען אַרויסגיין פון טויער טלאָמאַצקע דרייצן און אַריבער־גיין צו דער זייט פון פשעיאַזד. ביידע זענען נישטאָ. פון רעדאַקציע פרעגט מען זיך. העפּטמאַן האָט היינט דעם פעליעטאָן נישט געגעבן...

און אָט איז אויך דאָ העפּטמאַנס ווייבל, הדסה. זי איז אומרואיק. דער מאַן נישט געקומען אויף מיטאָג. נישט געקומען צום אָונטברויט. ווו־זשע האָט ער געקאָנט אַהינקומען? וואָס האָט מיט אים געקאָנט געשען? — מ׳דאַרף דאָך עפּעס טון. עפּעס געוויר ווערן.

איז דער פאַריין אויף די פיס. די רעדאַקציע אויף די פיס. מ׳לויפט אַרום אין אַלע ערטער, ווו ס׳איז נאָר דאָ אַ חשד. מ׳טעלעפאָנירט אין די פאָליציי־קאָ־מיסאַריאַטן. אין די שפּיטעלער — נישטאָ און נישטאָ.

ווערן שוין פאַרשידענע מעשיות דערציילט. איינער נעמט זיך דערמאָנען דאָס, אַ צווייטער עפּעס אַנדערש...

עפּעס איז נאָמבערג לעצטנס ארומגעגאַנגען פאַרטראַכט...

יאָ, און אין פאַריין איז עפּעס פאַר העפּטמאַנען אַ בריוו אָנגעקומען...

אַ בריוו מיט אַ ראָזען קאָנווערט...

און אויב אַ ראָזער קאָנווערט, איז — ווער ווייסט...

שפּעט ביינאַכט טעלעפאָנירט דער רעפּאָרטער שלמה פיינקינד:

— עפּעס האָט מען אין וואַלע צווי דערשטאָכענע מענטשן געפונען... מ׳ווייסט נאָך נישט, ווער דאָס איז... נישט געפונען קיין דאָקומענטן...

און לערמאַן קומט צו־לויפן:

— מ׳דאַרף טעלעפאָנירן קיין אָטוואָצק... ביי קלעפּפישן אין פּענסיאָנאַט, זאָל עמיצער האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

נאָר איידער וואָס, ווען — נאָמבערג פאַלט אַריין...

אַ פאַרמאַטערטער, אַ פאַרשוואַרצטער, אַ נישט אָפּגעוואַשענער, און הענט — ווי ער וואָלט מיט די הענט ערד געגראָבן...

— וואָס איז?

— גאָרנישט... געשיילט קאַרטאָפל...

— ס׳הייסט?

— געגאַנגען מיט העפּטמאַנען אויף פשעיאַזד. געשטאַנען צווי זעלנער. מיט געוואַלד אונז אַריינגענומען אין קאַזאַרמע. אַריינגעפירט אין אַ שפּייכלער קאַר־

טאָפּל. געגעבן מעסערס, געהייסן שיילן... פּראָטעסטירט, געזאָגט, מיר זענען שרייַ־בער, רעדאַקטאָרן, מ׳וואַרט אין רעדאַקציע. נאָר רעדט צו דער וואַנט. צען שעה געשיילט. פיר פעסער קאַרטאָפל אָנגעשיילט. און איצט, ערשט מיט פינף מינוט צוריק — געזאָגט אונז אַ שיינעם דאַנק. געהייסן גיין...

איצט איז שוין נישטאָ, וואָס צו רעדן. שוין נאָך האַלבע נאַכט. גיין צו די מיידלעך קאָן מען שוין נישט. פונדעסטוועגן וואַרט איך אָפּ אַ געלעגנהייט. זאָג שטיל:

— איר וואָלט געוואָלט זיך זען מיט די מיידלעך?

נאָמבערג קוקט אָן:

— וועלכע מיידלעך?

— די דריי שוועסטער.

— וואָס?

— זיי פאָרן אַוועק. פאָרן צו אַ ברודער אין אַמעריקע.

— ווען? ווען פאָרן זיי?

— מאָרגן באַלד אין דער פרי. כ׳האָב איך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט. געוואָלט מיט אייך אַרויפגיין צו זיי.

— איז ווען? — ווען קאָן מען זיי זען?

— איצט איז שפּעט. ס׳בעסטע, מאָרגן אין דער פרי ביי דער באַן. איך מיין, אויב איר ווילט זיי זען...

— אַ פראַגע, צי איך וויל? — איך בין אייך טויזנט מאָל דאַנקבאַר. מיר וועלן אַראָפּפאָרן. מיר וועלן זיי זען, כאָטש געזעגענען זיך מיט זיי. — אַ פראַגע דאָס איז, צי איך וויל?...

---

דער פרימאָרגן אַ וואַרעמער, אַ שמעקנדיקער. די לופט, ביים וואַסערל אין זאַקסישן גאָרטן, איז פריש און אָנגענעם. אַ מחיה דאָ צו זיצן —

אָבער, דער זייגער רוקט זיך. שוין גענוג שפּעט. צום אָפּגיין פון צוג, — קיין גאַנצע שעה נישטאָ. אפשר אומזיסט דאָס וואַרטן? אפשר קומט ער גאָר־נישט, נאָמבערג?

נאָר — ער איז דאָ. ער טראָגט אַ שיין פּאַרפּאַקט פּעקעלע. מיט אַ פאַרביק שטריקעלע —

אַ מתנה.

נאָמבערג פאַרענטפערט זיך:

— נישט אַלע געוועלבער זענען שוין אָפן...

נאָר, נישטאָ ווען צו רעדן. מ׳מוז געפונען אַ דראָשקע. מ׳מוז מינטערן דעם דראָשקאַזש, ער זאָל אונטעריאָגן. מ׳זאָל חלילה נישט פאַרשפּעטיקן.

נאָמבערג קען נישט איינזיצן:

— אַ שאָד... די לעצטע מינוט... נישט געוווסט פריער?...

— אייך געזוכט נעכטן אַ גאַנצן טאָג.

— און פאַר נעכטן?... און נאָך פריער?... איך פאַרשטיי... מורא געהאַט פאַר יאַצקאַנען...

און באַלד:

— זאָגט, איר האָט זיי געזען, די מיידלעך?... כ׳מיין, זיי ווייסן כאָטש, אַז איך קום איצט צו דער באַן ... ניין ... איז בעסער... וועט זיין אַ סורפּריז... נאָר, וואָס שלעפּט עס זיך אַזוי?... העי, דראָשקאַזש!... טוט נאָר אַ טרייב דאָס פערדל!...

פונקט גוט געקומען אויפן וואָקזאַל. נאָך פופצן מינוט צום אָפּגיין פון צוג. מ׳וועט נאָך באַוויזן. אָט איז דער צוג...

נאָר —

— ביטע, אייערע דאָקומענטן!...

דער זעלנער איז שטרענג. מ׳זוכט מיליטער־פּליכטיקע. נאָמבערגן לאָזט ער אָפּ. שוין נישט די יאָרן. מיין פּאַס פאַרהאַלט ער. מ׳דאַרף קאָנטראָלירן...

נאָמבערג גייט מיט. ער וויל נישט מיך לאָזן אַליין. ער טענהט מיטן זעלנער, אַז ס׳איז נישטאָ, וואָס צו קאָנטראָלירן, אַז מ׳האָט נאָך דעם יאָרגאַנג נישט גערופן.

דער זעלנער הערט נישט. ער פירט צום עלטסטן.

אויך יענער יאָגט זיך נישט. ס׳ברענט נישט...

מ׳קוקט נאָך, מ׳פרעגט, מ׳שרייבט — אַ הילכיקער פייף שניידט דורך די לופט...

אַ צוג רירט...

נאָמבערג טוט זיך אַ ריס פון אָרט.

אָבער — שפּעט...

דריי ווייסע טיכעלעך פאָכען דורך אַ וואַגאָן־פענצטער...

— זעט... דאָס זענען זיי... די דריי שוועסטער...

---

פאַרן איבערגעבן צום דרוק דעם פראַגמענט וועגן די דריי שוועסטער — פאַלט איין אַ געדאַנק: פאַר וואָס נישט אויסזוכן זיי? פאַר וואָס נישט דערוויסן זיך וועגן זייער לעבן?

כ׳שרייב צו מיינע נאָענטע פריינד, אין ניו־יאָרק, ראָזאַ און יצחק גאָטליב. דערצייל אַלץ. אפשר קאָנען זיי זיך עפּעס דערוויסן.

און זיי דערוויסן זיך. ס׳קומט אַ בריוול פון ראָזאַ גאָטליב. זי האָט, דאַכט זיך, געפונען. —

אין דעם שטעטל דאָרטשעסטער מאַס. נישט ווייט פון באָסטאָן. דאָרט וווינט אַ פרוי בעסי אייזער און די דאָזיקע פרוי אייזער דאַרף עס זיין איינע פון די שוועסטער פּאַסיק.

כ׳שרייב גלייך. די דערוואַרטונג איז גרויס. — וועט זי ענטפערן? איז עס טאַקע איינע פון די שוועסטער?...

און צי געדענקט זי נאָך?...

יאָ, זי געדענקט... ס׳קומט אַ בריוול... די ווערטער אָטעמען מיט פרייד און טרערן...

טייערער פריינד קוטשער,

איך בין איבערראַשט. איך וויין פאַר פרייד. איך לייען אייער בריוו און ס׳גלייבט זיך גאָר נישט. ס׳דאַכט זיך, ס׳איז אַ חלום. כ׳לייען און פרעג זיך — איז עס אמת? זאָל עס מעגלעך זיין, אַז נאָך אַזוי פיל טראַגישע יאָרן, האָבן מיר אַזאַ טייערן פריינט געפונען?

איך בין טאַקע איינע פון די דריי שוועסטער. איך בין די ייִנגסטע איינע פון אונז, זשעניע, איז שוין נישטאָ. שוין פינף יאָר, אַז זי איז גע־שטאָרבן. די עלטערע שוועסטער, לידאָ, איז ערשט ביי מיר געווען. זי וווינט אין סאַלעם מאַס. דאָס איז דרייסיק מייל פון מיר. זי האָט געלייענט אייער בריוו. אויך זי האָט געוויינט פאַר פרייד. איך האָב אַ ווילן מאַן. ער שטאַמט פון פוילן. פון דעם שטעטל שעראַדז. מיר האָבן דריי קינדער.

וואָס מאַכט איר? וואָס טוט איר? צי לעבט עמיצער פון אייער פאַמי־ליע? — איך האָב אַזוי פיל צו פרעגן, אַז איך ווייס נישט, וואָס פריער. איך ווייס נישט, פון וואָס אָנצוהייבן. שרייבט, שרייבט, שרייבט!...

אייער פריינדינע בעסי

און ס׳געדויערט נישט לאַנג. טאַקע דעם זעלבן טאָג — ס׳איז דאָ נאָך אַ בריוול —

...איך קום איצט פון מיין שוועסטער בעסי. כ׳האָב מיט גרויס איבער־ראַשונג און פרייד געלייענט אייער בריוו. איר פרעגט, צי מיר זענען עס די ריכטיקע פּאַסיקס? — יאָ, מיר זענען עס. דאָס שרייבט צו אייך לידאָ, די עלטסטע. איר געדענקט ווי איר האָט אונז, אין שפּעטן אָוונט, אַוועק־געפירט אין דער אכסניא אויף נאַלעווקעס? דערנאָך צו די ״אָפּיעקונקעס״? דערנאָך אין דער ״היים״ פאַר מיידלעך? — ווי איצט שטייט עס מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן...

**...שוין צוויי און דרייסיק יאָר... פאַר דער צייט פאַרשידענע חלומות געוועז. און איצט? — מיט דריי חדשים צוריק האָב איך מיין מאַן פאַר־לוירן. ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיט דריי קינדער, אַ שוואַך האַרץ און צערינענע האָפענונגען...**

# ר׳ יאַנקעלע און דוד פרישמאַן...

ווער איז ר׳ יאַנקעלע? — מלאכת חול און מלאכת הקודש. — גוטמאַרגן, ר׳ יואל. — דוד פרישמאַן האָט פּאַריבל. — אַ רעטעניש מיט זעקס בליי־ענע שורות. — אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז היימלעך. — ס׳וועט זיי נישט העלפן, די לאָבוסעס. — מרב יאַנקעלע השכלתי...

קודם כל: ווער איז ר׳ יאַנקעלע? —

פאַר דער וועלט איז ער אינגאַנצן נישט באַקאַנט.

ער איז נישט קיין רעדאַקטאָר. ער שרייבט נישט קיין אַרטיקלען. זיין נאָמען איז קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געדרוקט און זעלטן ווער פון די לייענער ווייסט גאָר, אַז עס איז דאָ אַ ר׳ יאַנקעלע.

אַ ר׳ יאַנקעלע, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע — מען קאָן זאָגן, די גרעסטע — ראָלע ביים מאַכן און אַרויסלאָזן די צייטונג.

עס ווייסן וועגן דעם בלויז מיר.

מיר — מיטאַרבעטער פון ״היינט״.

פאַר אונז איז ר׳ יאַנקעלע דער סימבאָל פון תקיפות. דער סימבאָל פון אַליינ־הערשערישקייט...

מ׳ווייסט, אַז אין רעדאַקציע איז ער דער פּוסק אחרון. דער, וואָס דעצידירט. דער, וואָס אַלע דאַרפן אָנקומען צו אים. וואָס אַלע דאַרפן לעבן בשלום מיט אים.

ווער זשע איז פאָרט ר׳ יאַנקעלע? —

אַ זעצער.

דער מעטראָמפּאַזש פון ״היינט״.

אַ זעצער, אָבער נישט ווי די זעצער, וואָס מען זעט אין די לעצטע יאָרן. אַ זעצער פון אַלטן טיפּ איז ער. אַ זעצער פון די, וואָס זענען געקומען פון די רומל־ספרים, פון די ספרי קודש דרוקערייען. אַ זעצער פון די, וואָס באַטראַכטן זייער אַרבעט ווי אַ מלאכת הקודש.

איינער פון די ערשטע זעצער אין ״היינט״.

אַ פרומער ייד, פון די אַלטע אַמשינאָווער חסידים — איז ער נישט מיט אַ לייכט געמיט איבערגעגאַנגען פון מלאכת הקודש צו אַזאַ וואָכעדיקער אַרבעט. ער האָט לאַנג זיך געוואָקלט, געפירט מיט זיך אַליין אַ קאַמף. דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט צום ר׳בין, געווען דאָרט דריי טאָג און געקומען צוריק אַ גע־לייטערטער...

אַלטע זיינע חברים דערציילן נאָך, ווי זיין פּנים האָט דעמאָלט געשיינט:
— און טאַקע אַזוי... ווי דען? מלאכת חול, קאָן מען אויך דערהייבן צו אַ מלאכת הקודש...
— וואָס נאָך קאָן מען זאָגן וועגן ר׳ יאַנקעלען?
— יאָ, ער איז אַ ייד מיט אַ באָרד.
מיט אַ ברייטער באָרד, וואָס איז אַמאָל געווען שוואַרץ און איז אין לויף פון יאָרן געוואָרן העלער, העלער — ביז זי האָט אָנגענומען די פאַרב פון דעם בליי, ביי וועלכן ער אַרבעט —
די פאַרב פון פריש געגאָסענעם בליי...
און שטייט ער מיט זיין ברייטער באָרד אַריבערגעבויגן איבער דעם עמוד זאַץ, איז פאַרן אויג שווער צו כאַפּן, וווּ עס ענדיקט זיך די באָרד און וווּ עס הייבט זיך אָן דער זאַץ...
זיין אַרבעט, אַלס מעטראַמפּאַזש, פירט ער אויס רואיק, נישט געאײַלט, זיך נישט דענערווירט. איז אַן אַרטיקל, אָדער אַ פעליעטאָן צו קליין — פילט ער אויס דעם בלויז מיט אַן אַנאָנסל. איז ווידער אַן אַרטקל, אָדער אַ פעליעטאָן צו גרויס — קירצט ער...
ער מאַכט נישט קיין גרויס ווען מיט די רעדאַקציע־מענטשן — אפילו מיט די גרעסטע. דענערווירט זיך אַמאָל עמיצער, קלאַפּט עמיצער אפילו אין טיש אַריין — נאַרישקייטן. אַבי דער עמוד איז אַרויס שיין, ״פאַרקיילעכדיקט״.
נישט איינמאָל קאָכט זיך יאַצקאָן אַליין. נישט איינמאָל דראָעט ער אפילו מיט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.
נאָר — ר׳ יאַנקעלע איז ר׳ יאַנקעלע...
ער נעמט זיך נישט איבער. ער שטייט רואיק, שטאָפּט פלעגמאַטיש אָן זיין ליולקעלע מיט טאַבעק און — צום סוף ערשט — וואַרפט ער אַריין, מער צו זיך, ווי צו יענעם:
— שטותים... מ׳עט נישט צוריקשיקן די צייטונגען...
און נאָך עפּעס —
ר׳ יאַנקעלע רופט נישט קיינעם, פון די מיטאַרבעטער, ביים פאַמיליע־נאָמען.
אַלע, פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן, רופט ער ביי די ערשטע, ביי די יידי־שע נעמען. נישט מער, די עלטערע, די אָנגעזעענערע — זיי גיט ער צו אַ ״רעב״...
יאַצקאָנען, למשל, רופט ער — רעב שמואל־יעקב, גאָלדבערגן — רעב אבּ־רהם. פרישמאַנען — רעב דוד...
מען דערציילט וועגן אַ קאָמישן אינצידענט, וואָס איז אַמאָל, צוליב דעם, אַרויסגעקומען צווישן אים און י. ל. פּרצן.
פּרץ פלעגט זייער וויניק קומען אין רעדאַקציע. די זאַכן זיינע פלעגט פּרץ כמעט שטענדיק צושיקן.

איינמאָל, ווען ר׳ יאַנקעלע האָט זיך דערוווסט, אַז פּרץ איז געקומען אין רעדאַקציע, איז ער גיך אַריינגעלאָפן און פּרצן דערלאַנגט די האַנט:

— גוטמאָרגן, רעב יואל...

ענטפערט אים פּרץ:

— גוטמאָרגן, ר׳ קאָפּל.

קוקט אים ר׳ יאַנקעלע אָן:

— פון וואַנען נעמט איר, אַז איך הייס קאָפּל?

— און פון וואַנען נעמט איר, אַז איך הייס יואל?...

---

ערב יום־טוב.

אין רעדאַקציע אַרבעט מען נישט.

יאַצקאַן זיצט פאַרמאַכט ביי זיך אין קאַבינעט. אהרן איינהאָרן שרייבט זיינס אַ פּריוואַטן בריוו. משה חייקין מאַכט זיין יערלעכע "אויפרוימונג" אין טישקעסטל. איך צייל די דרוק־פעלערן אין מיין הומאָרעסקע, וואָס איז געדרוקט אין ערב יום־טוב נומער...

ס׳איז שטיל. איינהאָרנס פעדער גליטשט זיך פּאַמעלעך איבערן בייגעלע פּאַפּיר. דער דינער שטויב איבער חייקינס טישקעסטל גייט זיך פלעגמאַטיש פונאַנדער איבערן צימער. דער "אומרו" פונם טונקעלעם וואַנט־זייגער — וואָס מען זאָגט, אַז ער האָט נאָך געקלונגען אין ר׳ חיים זעליג סלאָנימסקיס רעדאַקציע־קאַבינעט — באַוועגט זיך קוים־קוים, דאָ רעכטס, דאָ לינקס. אויך די צוויי טייבעלעך אין דרויסן, אויף דער "בלעך" פון פענצטער, שטייען שטיל אין זייערע ווינקעלעך, דרייען מיט די שנעבעלעך און פון גרויס לאַנגווייליקייט, טוען זיי, פון צייט צו צייט, אַ פּאַטש מיט די פליגעלעך.

מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר. ס׳פּאַלט אַריין דוד פרישמאַן.

מ׳קוקט אים אָן. אינגאַנצן נישט געריכט זיך אויף אים. חוץ דעם — דער אופן פון זיין אַריינקומען, עפּעס נישט דער אייגענער, וואָס שטענדיק. נישטאָ די געמיטלעכקייט, נישטאָ דער שמייכל, דאָס גלייכווערטל, וואָס ער וואַרפט שטענדיק צו ביים אַריינקומען — אנשטאָט אַ גוטמאָרגן.

ער קוקט זיך אַרום כמעט בייז:

— ער איז נישטאָ?

— ווער?

נאָר, איידער ער ענטפערט, ווען ער מיינט — עפנט זיך די טיר פון קאַבינעט, יאַצקאַן באַווייזט זיך און פרישמאַן גייט גלייך צו:

— פאַר וואָס האָט איר עס געטון?

— וואָס, געטון?

— איך מיין, אַז כ׳בין שוין געווען געיידישט. איר האָט מיך נישט געדאַרפט מל זיין...

יאַצקאַן טוט אַ שמייכל:

— כ׳האָב זיך דערשראָקן. געמיינט, איר רעדט ערנסט.

— איך רעד ערנסט. איר האָט נישט געדאַרפט קירצן דעם פעליעטאָן.

— וואָס?

— אַזוי איז. אויב די שורות זענען אייך נישט געפעלן — האָט איר געקאָנט מיר אָנקלינגען און נישט אַליין זיי אַרויסוואַרפן.

— סטייטש, הער פרישמאַן! ווער האָט דען אַרויסגעוואָרפן שורות? איך ווייס נישט, וועגן וואָס איר רעדט.

— אָבער עס פעלן שורות?

— איך ווייס? — אפשר האָט איר אַליין זיי אַרויסגעוואָרפן?

— הייבט זיך אָן אַ מעשה. פונקט ווי יענער ייד: ווער שרייט? איך שריי? ער שרייט — שרייט ער, איך שריי...

יאַצקאַנס פנים צינדט זיך אָן. דאָס גלייכווערטל, וואָס פרישמאַן האָט געזאָגט אויף זיין אַדרעס, געפעלט אים נישט. נאָר — ס׳איז דאָך פרישמאַן. ער וועט דאָך נישט גיין אים צוריק ענטפערן.

פאַרבייסט ער די ליפּן, גייט אַריין אין זיין קאַבינעט און קומט באַלד צוריק מיט דער צייטונג אין האַנט:

— אדרבא, ווו? ווו פעלן שורות?

פרישמאַן ענטפערט נישט. ער נעמט פאַמעלעך אַרויס אַ ווייס טיכעלע, ווישט דערמיט אויס די ברילן, נעמט פון יאַצקאַנען די צייטונג, גלייכט זי אויס אויפן טיש, קוקט נאָך זיין פעליעטאָן, שרייבט צו אין דער זייט עטלעכע שורות, ציט זיי דערנאָך אַריין אין סאַמע מיט פעליעטאָן און טוט אַ קוק אויף יאַצקאַנען:

— די שורות זענען געווען?

יאַצקאַן בייגט זיך איינמאָל אַריבער איבער דער צייטונג, בייגט זיך נאָכאַמאָל אַריבער. דערנאָך טוט ער אַ קוק אין פענצטער, ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַ לעזונג צו דעם רעטעניש, און מיטאַמאָל לויפט ער אינגאַנצן אַרויס פון רעדאַקציע.

פרישמאַן קוקט אים נאָך, פאַרריכט די ברילן אויף דער נאָז און נעמט אויף זיין שטייגער — האַלב פאַרענטפערן זיך און האַלב שפּאַסן:

— ס׳גייט דען וועגן די עטלעכע שורות? דער סדר העולם וועט דערפון סיי ווי נישט געענדערט ווערן. סיידן, כ׳ווייס — דאָס זאָל ווירקן אויף דער ריכטונג פון דעם ערד־קרייז אַרום דער זון...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר יאַצקאַן קומט צוריק אַריין, מיט עטלעכע שטיקלעך בליי אין האַנט:

— זיי זענען דאָ... די שורות זענען געלעגן אויפן טיש... דאָס איז זיכער דעם יונגס אַרבעט...

— וועלכער יונג?

— ר׳ יאַנקעלע...

— ווער? דער מעטראמפּאַזש?

— יאָ.

— פאַרוואָס? ווי פאַלט ער אויס?

— ווער ווייסט אים?

פרישמאַן לאָזט זיך צו דער טיר:

— אינטערעסאַנט... כ׳מוז אים פרעגן...

נאָר יאַצקאַן האַלט אים אָפּ:

— ווענען וועט איר פרעגן? ער איז נישטאָ. ס׳איז דאָך ערב יום־טוב...

---

אויף טלאָמאַצקע דרייצן איז היימלעך.

די אַרויסגעוואָרפענע זעקס שורות פון פרישמאַנס פעליעטאָן, זענען נישט קיין שווערע. דאָס שטיקל וועג, פון כלאָדנע אַכט ביז טלאָמאַצקע דרייצן, איז אויך נישט קיין מײַלן, מ׳דאַרף נישט פאָרן מיט קיין באַנען —

האָט מען עס גיך איבערגעטראָגן...

און נישט סתם איבערגעטראָגן.

מ׳האָט עס פונאַנדערגעלייגט אויף טעלערלעך, פאַרשאָטן מיט אַביסל פעפער, פאַרשמאַלצן מיט אַ קאַפּעטשקע בוימל, פונאַנדערגעטראָגן צו די טישלעך, צו איטלעכן באַזונדער —

נאָט...

און זאָל אונז ווויל באַקומען...

און מ׳רעדט שוין נישט וועגן זעקס אַרויסגעוואָרפענע שורות. מ׳רעדט שוין וועגן זעכצן, וועגן זעקס און צוואַנציק, וועגן זעכציק, הונדערט און זעכציק...

און מעשהלעך — איינע פאַנטאַסטישער פאַר דער אַנדערער...

ישעיה אוגער — רעדאַקטאָר פון ״לאָדזשער טאַגעבלאַט״, אַ גאַסט אין וואַר־שע — לויפט פון איינעם צום צווייטן. ער פאַרשטייט נישט. ער האַלט זייער שטאַרק פון יאַצקאַנען. ער וויל וויסן, דעם אמת, וואָס איז עס דאָרט געווען אין די שורות? פאַר וואָס האָט זיי יאַצקאַן געמוזט אַרויסוואַרפן?...

ד״ר לייפּונער האַלט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אויסרייד. פרישמאַן וויל אַוועק פון ״היינט״ — טשעפּעט ער זיך.

ישראל שטערן איז נישט מסכים. ווען פרישמאַן וואָלט געוואָלט אַוועק פון "היינט", דאַרף ער נישט קיין תירוצים.

סעגאַלאָוויטש גייט אַרום איבערן זאַל. ער האַלט אין איין אַריינגעמען און אַרויסנעמען די ליולקע פון מויל און ער איז בייז:

— שורות... שורות...

און מנחם־מענדל הורוויטש מיט יאַנקעלע דאַנציקערן פאַלן אַריין מיט גאָר אַ נייע מעשה:

— געהערט? — פרישמאַן האָט געפּאַטשט יאַצקאַנען...

ד"ר וויכערט דערהערט עס און רייסט אויף די אויגן:

— ממש געפּאַטשט? ווו? אין רעדאַקציע?

און יוסף טונקל בייגט זיך צו:

— ניין, הער דאָקטאָר, נישט אין רעדאַקציע. ער האָט אים געפּאַטשט — אין באַק...



מנחם־מענדל הורוויטש
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן

אַלע לאַכן זיך פונאַנדער, נאָר נאָמבערג שטעלט זיך אויף:

— נישט קיין געלעכטער! אַ שרייבערס שורות דאַרפן נישט זיין הפקר! הלוואי וואָלטן אַלע געהאַט דעם כוח, צוליב אַן אַרויסגעוואָרפענער שורה, געבן אַ קלאַפּ אין טיש...

---

מוצאי יום־טוב.

שוין געגנוג שפּעט. די שטערן האָבן שוין ברייט און באַקוועם זיך אויסגע־זעצט אויפן הימל, נאָר — אין רעדאַקציע האָט נאָך קיינער די פעדער נישט איינגעטונקט.

— יאַצקאַן איז דענערווירט

די זעצער וואַרטן אויף "קאָפּיע", מ'דאַרף מאַכן דעם נאָך־יום־טוב־נומער, ס'ברענט ממש די הויט, און דאָ — מ'רעדט, מ'רעדט און מ'רעדט.

עפּעס אַ קלייניקייט — פון פרישמאַנס פעליעטאָן זענען אַרויסגעפאַלן זעקס שורות.

לייענט מען דעם פעליעטאָן. מען פּרובירט צוריק "אַריינפּאַסן" די אַרויסגע־פאַלענע שורות, מ'פּרובירט מאַכן פאַרגלייכן —

צום ווינציקסטן רעדט פרישמאַן אַליין.

אים אַרט שוין נישט — זאָגט ער דער גאַנצער ענין. קיין גרויס אומגליק איז אייגנטלעך נישט געשען. פאַרקערט, ס'איז אפשר בעסער, וואָס די זעקס בליי־

# די דריי עלטסטע זעצער



## ר' משה האַזע

געבוירן אין יאָר 1846. צו 13 יאָר אָנגעהויבן אַר־בעטן אין דער דרוקעריי פון נ. שריפטגיסער, נאַלעווקעס 17. די ערשטע אַרבעט זיינע איז געווען אַ גרויסער תנך, וואָס האָט געדויערט 3 יאָר. נאָך 18 יאָר אַרבעטן ביי שריפטגיסערן, איז ער איבער־געגאַנגען אין גאָלדמאַנס דרוקעריי, מוראַנאָוו 30. דערנאָך אין שולדבערגס דרוקעריי, טוואַרדע 6. דערנאָך אין „וועג", אין „אונזער לעבן" און צום סוף אין „מאָמענט" — וו עס איז אין יאָר 1919 געפייערט געוואָרן זיין 60 יאָריקער יובל, זינט ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס זעצער.



## ר' יאַנקעלע אונטערהענדלער

געבוירן אין יאָר 1857. אין די יונגע יאָרן זיך געלערנט אַלס שוחט. ערשט נאָך דער חתונה, ער איז אָנגעקומען אויף קעסט צום שווער, אַ דרוקער — איז ער געוואָרן אַ זעצער און אָפּגעאַרבעט ביים שווער 13 יאָר. ווען די אַרויסגעבער פון „היינט" האָבן געשאַפן דעם פאַרלאַג „יהודיה", איז ער דאָרט אָנגעקומען אַלס מעטראַמפּאַזש פון די רימל־ספרים און שפּעטער איבערגעגאַנגען אַלס מעטראַמ־פּאַזש אין „היינט", וו ער האָט געאַרבעט ביי 30 יאָר. אין די לעצטע יאָרן (שוין געווען נאָענט פון 80 יאָר), האָט מען געוואָלט אים באַפרייען פון דער אַרבעט און אים ווייטער צאָלן דאָס שכירות. ער האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן און ווייטער געאַרבעט.



## ר' אברהם־יצחק האַלטער

(פּאָרטרעט געמאָלן פון זיין אייניקל מאַרעק האַלטער)

געבוירן אין יאָר 1868. ביז דער חתונה געלערנט אין ישיבה פון סאָכאַטשאָווער רבין, ר' אברהמעלע. נאָך דער חתונה אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער דרו־קעריי פון זיין טאַטן, ר' מאיר־יחיאל, נאַלעווקעס 7. נאָכדעם, ווי די דרוקעריי איז דורך דער צאַרישער פּאָליציי פאַרמאַכט געוואָרן, האָט אַבֿרהם־יצחק, מיט נאָך צוויי שותפים געעפנט אויף נאָוואָליפּיע 29 אַן אייגענע דרוקעריי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1918. דערנאָך איז ער אַריין אַרבעטן אַלס מעטראַמפּאַזש אין אַרטאַדאָקסישן „ייד" און אין די לעצטע יאָרן — אין „מאָמענט".

ענע שורות ליגן אויפן טיש... ווען זיי זענען אין פעליעטאָן, וואָלט דער פעליע־טאָן געווען אַסך שווערער...

נישט מער — ער וויל רעדן מיט ר׳ יאַנקעלען. ער וויל הערן, וואָס ר׳ יאַנ־קעלע וועט דערויף זאָגן.

וואַרט מען. יאַצקאַן קען זיך קיין אָרט נישט געפינען —

ער איז אין פאַרלעגנהייט. ער וואָלט געוואָלט נעמען אַ הויכן טאָן. ער וואָלט געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דעם גאַנצן טומל מיט די זעקס שורות, אַ סוף מאַכן צו דעם גאַנצן אַרומפּאַרען זיך אַרום פרישמאַנען.

נאָר, ער מוז זיך האַלטן. ס׳איז פאָרט פרישמאַן...

רעדט ער לייכט. אַביסל שוין צו לייכט — גאַרנישט די טבע יאַצקאַנס:

— נו, קינדער... די זעצער וואַרטן...

און מיטאַמאָל:

— אָט, גייט ער...

— ווער?

נאָר, מען פאַרשפּאָרט שוין זאָגן, "ווער" —

אין טיר שטייט ר׳ יאַנקעלע...

אַ יום־טובדיקער, אַ שיינענדיקער, מיט אַ חסידיש סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ. אַ גרויסן טונקל־רויטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם...

— גוט וואָך!...

אַלע קוקן אָן —

ר׳ יאַנקעלע... שבתדיק אָנגעטון... מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם... אַזוי איז ער געקומען צו דער אַרבעט...

נאָר ר׳ יאַנקעלע זעט נישט די פאַרחידושטע בליקן. ער איז פריילעך. ער איז אויפגערוימט:

— גוט וואָך, יידן!... גוט וואָך, רעב שמואל־יעקב... גוט וואָך, רעב דוד...

די לאַגע איז געשפּאַנט. אַלע וואַרטן. מ׳וויל זען, ווי פרישמאַן וועט רעאַגירן, וואָס פרישמאַן וועט אים זאָגן.

אָבער, ר׳ יאַנקעלע וואַרט נישט. ער גייט צו נענטער, אַ פריילעכער לייגט ער אַרויף די האַנט אויף פרישמאַנס אַקסל:

— נישט געזאָרגט, רעב דוד... מיר האָבן אַ גרויסן בורא אין הימל.. ס׳וועט זיי נישט העלפן, די לאַבוסעס... ס׳איז — עם ישראל חי!...

יאַצקאַן וואַרפט זיך איינגאַנצן:

— ער איז שיכור, דער יונג...

— יאָ, ער איז שיכור...

נאָר פרישמאַן קוקט זיי אָן:

— צו דעם דאַרף מען נישט זיין שיכור... דאָס קאָן זאָגן אפילו אַ ניכטע־רער אויך...

און צו ר׳ יאַנקעלען דרייט ער זיך אויס:

— גוט וואָך, ר׳ יאַנקעלע! — זאָגט מיר, איר האָט עס אַרויסגעוואָרפן די שורות פון מיין פעליעטאָן?...

— האַ?... פעליעטאָן... היינט איז יום־טוב... שמחת־תורה... כ׳גיי פון קידוש... כ׳בין געווען ביי רעב הערש גאַדינער... ביי רעב לייבוש מעלער... ביי... האַ?... וואָס האָט איר געזאָגט?... פון אייער פעליעטאָן?... אַרויסגעוואָרפן שורות?... זיי זענען דאָ... געלאָזט אויפן טיש...

— אַזוי? האָט איר זיי יאָ געלאָזט אויפן טיש? און פאַר וואָס, כ׳בעט אייך, האָט איר זיי אַרויסגעוואָרפן?

— פאַר וואָס?... ווייל ס׳איז געווען ענג... דער פעליעטאָן — אַ גוטער... אַ טייערער פעליעטאָן... נאָר... איר פאַרשטייט, רעב דוד... ס׳האָט געפעלט לופט... לופט האָט געפעלט...

יאַצקאָן קאָכט זיך אויף:

— האָט איר אים געדאַרפט רעדאַגירן?

— חלילה... נישט רעדאַגירן... איך בין נישט קיין רעדאַקטאָר... איך בין נישט קיין שרייבער... מיינע הענט זענען שוואַרץ פון בליי... אָבער, דאַנקען גאָט... זיי זענען ריין פון טינט...

יאַצקאָן קאָן זיך נישט באַהערשן:

— הייסט עס, אַז...

נאָר ר׳ יאַנקעלע הערט נישט. ער לייגט פּאַמעלעך אַוועק דעם טלית־זאַק, קוקט מיט חידוש אויף פרישמאַנען:

— און וואָס?... רעב דוד... דאָס איז עס?... אויף די זעקס שורות שטייט עס די וועלט?...

פרישמאַן הייבט אויף די אויגן. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך דער באַקאַנטער סאַרקאַסטיש־פרישמאַנישער שמייכל. מיטאַמאָל ווערט דער שמייכל פאַרשווונדן. ער טוט אַ באַוועג מיט די ליפּן. ס׳זעט אויס, ער וויל עפּעס זאָגן. נאָר — ער שווייגט. ער זאָגט גאָרנישט...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער, ווען עס איז אַמאָל צורייד געקומען וועגן ר׳ יאַנקעלען — האָט פרישמאַן געזאָגט:

— ר׳ יאַנקעלע? — דרך ארץ! — מרב יאַנקעלע השכלתי!...

# דער כוח פון דיבוק...

אין אַ האַרבסטיקן בין־השמשות. — נישטאָ קיין איבערנאַטירלעכע כו־
חות. — ש. אַנסקי לייענט זיין „דיבוק״. — צווישן די סאָסנע־ביימער
אין אָטוואָצקער וואַלד. נישט דערלעבט דעם נחת. — היום הרת עולם.
די „דיבוקיאַדע״ האָט דאָס וואָרט...

— מיט וואָס אונטערשיידן זיך יידישע פאָלקס־מעשיות פון די פאָלקס־מעשיות ביי אַנדערע פעלקער? למד־וואָווניק, אליהו הנביא און להבדיל — שדים און דיבו־קים...

נישט קיין רעפעראַט איז עס.

נישט קיין לעקציע, געהאַלטן פאַר אַ גרויסער אוידיטאָריע.

ס׳איז אַ פשוטער שמועס.

אַ שמועס אין אַ האַרבסטיקן בין השמשות, אין דער לעצטער שטוב פון לי־טעראַטן־פאַריין, ביי צוויי צונויפגערוקטע טישלעך, אין ווינקל, צווישן טיר און פענצטער...

דער הויפּטשמועסער — ש. אַנסקי, די מיטשמועסער — אייגנטלעך, הערער — איסר איינהאָרן, ד״ר י. ב. ציפּור, שלמה גילבערט, מנחם־מענדל הורוויטש, שלמה־לייב קאָווע, דער פּלאַסטיקער חיים האַנפט, דאָס בופעט־מיידל ליובאַ, די קאַץ ״פּיפּי״...

אַנסקיס פּנים פאַררויטלט, די אויגן לייכטן, ס׳גרויע בערדעלע באַוועגט זיך ריטמיש אַראָפּ און אַרויף —

ער איז אין טראַנס פון רעדן, אַנסקי. פאָלקלאָר — דאָס איז זיין באַליבטע טעמע.

אַרום איז שטיל. מ׳קוקט אַנסקין אין מויל. מ׳שלינגט איטלעך וואָרט.

אַזוי קענען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן. אַזוי פיל בקיאות אין דער יידישער און אין דער אַלגעמיינער פאָלקס־ליטעראַטור. אַזוי פיל מעשיות, לידער, גלייכ־ווערטלעך, סגולות און אָפּשפּרעכענישן — קעגן עין הרע, קעגן שדים, רוחות, דיבוקים...

און אַזוי פיל חכמה, אַזאַ איבערגעגעבנקייט און פאַרטיפן זיך אין דער יידי־שער פאָלקס־נשמה.

אַלע זענען אָנגעשטרענגט. אַלע געשפּאַנט. מ׳באַמערקט נישט, ווי דער אָוונט גנבעט זיך אַריין דורכן פענצטער. ווי טונקעלע שאָטנס נעמען איינהילן דאָס צי־מער, זיך צעלייגן אויפן דיל, אויף די ווענט, אויף די פּנימער, און ווי אַן אָפּשיין פון ערגעץ אָנגעצונדענע לעמפּלעך — נעמען שטיפעריש זיך הוידען אויפן סופיט...

מיטאַמאָל —

— וואָס עפּעס פינצטער? —

און עס ווערט ליכטיק.

ביים טיר שטייט — י. ב. זאַיאָנץ:

— זייט מוחל... נישט געוווסט, אַזאַ מסיבה... כ׳קום איצט פון שטשענשליווע גאַס... נאָך אַלץ די מעשה מיט די שדים... אויף פּאָליציי האָט זיך שוין צו „זיי" גענומען...



ש. אַנסקי
(צייכענונג פון ש. פייגענבוים)

מ׳קוקט אים אָן. ס׳איז שווער אין אָנהייב צו באַגרייפן, וואָס ער רעדט. אַ רגע דאַכט זיך, ס׳איז אַ המשך פון דער מעשה, וואָס אַנסקי האָט דאָ דערציילט. נאָך אַ רגע און — מען כאַפּט זיך, און מען דערמאָנט זיך —

יאָ, אַ מגפה לעצטנס, מיט שדים און דיבוקים־מעשיות אין שטאָט.

מ׳ווייסט, די צייט איז שלעכט — פיר יאָר וועלט־מלחמה, דריי יאָר דייטשע אָקופּאַציע. מ׳קאָן נאָך אַלץ נישט צו זיך קומען. מ׳איז נאָך אַלץ פיזיש און גייס־טיק דערשעפּט איז גלייבט מען אין איינרעדענישן, אין „יענע־וועלטישע" כוחות, אין שדים, דיבוקים, גוטע און שלעכטע רוחות...

אין פּאַוואָנזעק האָט אַ דריי־יאָריק קינד גענומען קרייען ווי אַ האָן, אין פּראַגע איז אין אַ ווייבל אַריין אַ דיבוק און דאָ — שדים אויף שטשענשליווע גאַס...

מענטשן דערציילן, צייטונגען שרייבן, רעפּאָרטערן לויפן און דער פלינקסטער פון אַלע — י. ב. זאַיאָנץ...

אַ הויכער איז ער, זאַיאָנץ. אַ דאַרער, שוין נישט קיין יונגער. נאָך אין טויזנט ניין הונדערט פיר — קאָרעספּאָנדענצן אין פּעטערבורגער „פריינט" געשריבן. שפּעטער אין וואַרשעווער ראָמאַן־צייטונג לידלעך געדרוקט. אַ צייט פאַר אַנסקין פאָלקלאָר געזאַמלט. איצט שרייבט ער רעפּאָרטאַזשן פאַרן „היינט"...

מ׳איז נישט צופרידן. מ׳האָט פאַריבל אויף אים, וואָס ער איז אַריין מיט אַזאַ רעש. וואָס ער האָט איבערגעריסן אַנסקין, אין זיין פערלדיקן שמועס.

נאָר אַנסקי קוקט אַזוי גוטמוטיק, אַזוי מילד:

— וואָס? — שדים, האָט איר געזאָגט?

— איך קום איצט פון שטשענשליווע עלף... אויפן הויף אַ חורבן... שכנים לעבן אין שרעק... שוין דריי נעכט, ווי יידן שלאָפן נישט... ווי נאָר דער זייגער

שלאָגט צוועלף, הייבט זיך עס אָן... מ׳ווייסט נישט, פון וואַנען... מ׳ווייסט נישט, ווער ס׳וואַרפט... מ׳הערט נאָר בוך־בוך און — אינדערפרי, אויפן הויף — פלע־שער, שערבלעך און ביינער...

— נו, וואָס?

— היינט ביינאַכט קומט אַראָפּ אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג... זיי ווילן זיין דערביי, בעת עס פּאַלט... זיי ווילן דעם ענין אויספאָרשן... יאָ, ווער ס׳וויל קאָן מיטגיין... קאָמיסאַר קורנאַטאָווסקי קומט אַליין אַראָפּ... ער האָט געזאָגט, אַז שרייבער און זשורנאַליסטן קאָנען אויך זיין...

---

דער טויער, שטשענשליווע עלף, איז שטרענג באַוואַכט. מונדירטע און נישט מונדירטע פּאָליציאַנטן אין יעדן ווינקל. אויסער שכנים פון הויף, ווערט קיינער נישט אַריינגעלאָזט. בלויז פאַר שרייבער און זשורנאַליסטן — אַן אויסנאַם. קור־נאַטאָווסקי האָט אַ חוש פאַר רעקלאַמע. ער ווייסט דורך וועמען ער קאָן עס קריגן...

פּאַראַן: י. ב. זאַיאָנץ, שלמה גילבערט, מנחם־מענדל הורוויטש, דער שליח פון "מאָמענט" דוד צוקערמאַן, דער פלאַסטיקער חיים האַנפּט, אַ רעפּאָרטער פון אַ פּוילישער צייטונג, קאַווע און איך.

אַנסקי וואָלט אויך געגאַנגען. פאַר אים איז עס אַ פּראָבלעם. — קלאָר, אַז ס׳איז איינרעדעניש. אַז אַ זאַך, וואָס איז געבוירן אין קראַנקע מוחות. נאָר, ווו הייבט זיך עס אָן? ווו איז דער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג?

יאָ, ער וואָלט געגאַנגען, אַנסקי. כדי דאָס צו פאָרשן, דאַרף מען זיין אויפן אָרט. דאַרף מען זיין מיטן פאָלק...

נאָר ס׳איז צו שווער פאַר אים צו גיין שפּעט ביינאַכט. ער פילט זיך שוואַך לעצטנס. נו, זאָל מען טאַקע גיין, ווער ס׳וויל. זאָל מען זיך צוהערן. זיך צוקוקן...

קיינער גלייבט נישט חלילה, מ׳זאָל דאָ האָבן צו־טון מיט עפּעס נישט ערדי־שע כוחות. מ׳ווייסט, אַז אַלץ וועט זיך אויפקלערן. נאָר, מ׳איז געשפּאַנט. — וואָס וועט דאָ זיין? ווי אַזוי וועט מען דאָס דערגיין?...

צו צוועלף ביינאַכט, נאָך גוטע צוויי שעה. דער אָוונט אַ קאַלטער, די פּאָלי־ציאַנטן פאַרשטעקט אין טויער און אין די קאָרידאָרן, דער קאָמיסאַר און דאָס ביסל שרייבער — ביים סטרוזש אין שטיבל.

מ׳זיצט ווי אין טראַנשייען. — מ׳וואַרט אויף געשעעניש...

קורנאַטאָווסקי איז אַן אַלטער פּאָליציי־קאָמיסאַר. נאָך אין די צאַרישע צייטן, געוועזן שעף פון דער קרימינאַל־פּאָליציי אין וואַרשע. פאַר דער דייטשער אָקופּאַ־ציע, אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. נאָכדעם, ווי פּוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק — צוריקגעקומען און זיך געמאָלדן צום אינערן־מיניסטער סטעצקי:

— איך בין אַ פּאָליאַק... איך וויל אַרבעטן פאַר פּוילן...

און ער אַרבעט —

די צייטונגען זענען מיט אים פול. יעדן טאָג נייע אויפטועך. אַ בריה אויף אַנטדעקן פאַרברעכנס. ווי דורך אַ כישוף קומען די שולדיקע אין זיינע אויסגע־שפרייטע נעצן.

אַ קליינער, אַ דיקלעכער, מיט אַ רויט אַנגעדראָלן פּנים, קליינע לויפנדיקע אויגן — איז ער אומעטום דאָ. האָט ער אויף אַלעמען אן אויג. קאָן ער פון יענעם די נשמה אַרויסקוועטשן...

און אַלץ מיט אַ שמייכל, אַלץ מיט אַ גלייכווערטל...

זיצט מען ביים סטרוזש אין שטיבל, קורנאַטאָווסקי דערציילט וועגן זיינע אויפטוען אין דער פּאָליציי, זאַיאָנץ דערציילט וועגן זיין ערשטער ליבע און וועגן דעם ערשטן ליבע־לידל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט.

און ער נעמט דאָס לידל דעקלאַמירן —

כ׳זע דיך, געליבטע, אין חלום,
דו ביסט אַזוי טרויעריק און בלאַס.
כ׳זע דיך מיט אויגן פאַרוויינטע —
צי ביסטו אויף מיר נישט אין כעס?...

ניין. קיינער איז אויף אים נישט אין כעס. אפילו קורנאַטאָווסקי און דער פּוילישער רעפּאָרטער, פאַר וועמען ער זעצט איבער דאָס לידל אין פּויליש...

אָבער, די וויזערס אויף דעם סטרוזשס אַלטמאָדישן זייגער רוקן זיך. די צוועלפטע שעה דערנענטערט זיך. קורנאַטאָווסקי לויפט אַרויס אָפּגעבן די לעצ־טע פאַראָרדנונגען. די שטימונג ווערט אַנגעשטרענגטער, נערוועזער.

מנחם־מענדל הורוויטש שטעלט זיך אויף, וואַרפט מיט כעס אַוועק דעם אויס־גערויכערטן סיגאַרעט:

— איין נאַר מאַכט אַלע צום נאַר...

מ׳קוקט אים אָן:

— וואָס מיינט איר?

— וואָס כ׳מיין? — פּוסטע קעפּ... אַ מעשה מיט שדים אויסגעטראַכט...

— יאָ שדים, נישט שדים — ס׳איז דאָך פאַרט נישט פּשוט. דריי נעכט כסדר. דער גאַנצער הויף שכנים הערט. חוץ דעם — ס׳ליגן דאָך אויפן הויף די שערב־לעך און ביינער...

— הייסט עס וואָס? גלייבט איר טאַקע?

— חלילה. ווער גלייבט? — נאָר, כ׳ווייס אַליין נישט. אַז כ׳קוק אָן די דער־שראָקענע פּנימער פון די שכנים...

— נאַרישקייטן! נישטאָ קיין שדים און רוחות. נישטאָ קיין איבערנאַטירלעכע כוחות.

דאָ שפּרינגט אויף גילבערט. אויף זיינע ביינערדיקע באַקן באַווייזן זיך רויט־לעכע פלעקן. די שפּילעוודיקע פייערלעך אין זיינע אויגן, ווערן שאַרפער, שטעכנ־דיקער:

— וואָס? איר ווייסט שוין אַלץ? איר האָט שוין אַלץ פעסטגעשטעלט?... און פון וואַנען ווייסט איר עס, וועלכע עס זענען נאַטירלעכע כוחות און וועלכע איבער־נאַטירלעכע?... און מיקראָבן זענען אַמאָל געווען נאַטירלעכע כוחות?... און אַז איר פאַרמאַכט ביינאַכט די אויגן און איר "זעט" אויסטערלישע באַשעפענישן, וואָס זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ — איז עס נאַטירלעכע כוחות?... און אַז דאָס האַרץ זאָגט אייך אַמאָל, אַז איר זאָלט דאָ, אָדער דאָרט נישט גיין, ווייל אַן אומ־גליק וועט געשען און עס געשעט טאַקע — איז עס...

— אָבער, וואָס ווילט איר זאָגן דערמיט?

— אַז נישט אַלץ ווייסן מיר. אַז נישט אַלץ איז שוין אויפגעקלערט. — יע־דער פון אייך גלייבט עפּעס... טיף אין האַרצן ליגט פאַרבאָרגן עפּעס אַ זאַך, וואָס איר קאָנט עס נישט אָנטאַפּן... נאָר איר ווילט זיך נישט מודה זיין... איר ווילט זיך מאַכן פאַר העלדן... פאַר פרייע, אויפגעקלערטע... נאָר, שאַ... זעט נאָר דאָרט... אַ דיבוק!...

אַלע קוקן זיך דערשראָקן אום און גילבערט לאַכט זיך פונאַנדער:

— כאַ־כאַ־כאַ! — זיך דערשראָקן... די העלדן, די פרייע, נישט גלייביקע, האָבן אַ צאַפּל געטון... געמיינט, הינטער דער פּלייצע איז אַ דיבוק פאַראַן...

קורנאַטאָווסקי קומט אַריין:

— קומט, פּאַנאָוויע. נאָך פופצן מינוט. ס'קאָן זיך באַלד אָנהייבן... יאָ, איר וועט זיך פאַרשטעקן אין טויער... מ'קאָן נישט וויסן... אויב ס'וועט נייטיק זיין — וועט מען שיסן...

אויפן הויף אַ פינצטערניש — ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן.

אַרום איז שטיל. די דערוואַרטונג — גרויס. די הערצער קלאַפּן...

וואָס וועט זיין?... צי וועט היינט אויך וואַרפן?... און אויב יאָ?...

האַנפּט גראָבט איין זיינע בליקן אין די פאָספאָר־ווייזערלעך פון זיין זייגערל. ער ציטערט אינגאַנצן...

נאָך זעקס מינוט...

נאָך פינף מינוט...

פיר... דריי... צוויי...

און מיטאַמאָל — בוך־בוך!...

מ'נעמט שרייען. אויפן דאַך שיסט מען אויס. פון אַלע זייטן צינדן זיך אָן טאַשן־רעפלעקטאָרן — דער פּוילישער רעפּאָרטער שטייט און צלמט זיך. חיים האַנפּט ליגט אַרויפגעפאַלן אויף גילבערטן...

— וואָס איז?

— כ'ווייס נישט... ער איז אומגעפאַלן...

טראָגט מען האַנפּטן אַריין צום סטרוזש אין שטיבל. מ׳נעמט אים מונטערן, מ׳נעמט פרעגן — מ׳מיינט אַ שטיין, אַ קויל...

נאָר, ניין. בלויז פון שרעק. אַ שוואַך האַרץ...

און יאָ, מ׳ווייסט שוין פון וואַנען. מ׳האָט געזען אַ פלאַש אַרויספאַלן...

אויפן דריטן שטאָק, מרדכי ראַצניק — אַן אייגנטימער פון פערד און וועגן.

אין דער דירה — אַ זייטיק, טונקל שטיבל, אין שטיבל — אַן אייזערן בעטל, אין בעטל — דעם בעל־עגלהס דריי און אַכציק יאָריקע מוטער, אין אַלע ווינקלען — פלעשער, שערבלעך און ביינער...

די זקנה — נישט אינגאַנצן ביים זינען. אַליין די פלעשער און ביינער אָנגעקליבן. מיט דעם "געוועזר" — די "נישט גוטע" געוואָלט פאַרטרייבן...

מ׳וואונדערט זיך — אין דער דירה איז פאַראַן אַ זון, אַ שנור, פיר דערוואַקסענע אייניקלעך — טאָ ווי האָט מען עס נישט אויף אַזאַ זקנה אַביסל מער השגחה?...

מילא, פירט מען דעם בעל־עגלה דערוויל אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, האַנפּטן פירט מען אָפּ אַהיים און קאַווע וואַרפט זיך אַזש פון כעס:

— אַנסקיס געשעפטן... זיך אָפּגעמאַטערט אַ נאַכט...

---

דער נאָכמיטאָג אַ שטאַרק טריבער. איבער דער שטאָט הענגען שווערע, טונקל־גרויע וואָלקנס, פול אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, און פון גרויס אָנגעזאַפּטקייט — קאַפּען פון צייט צו צייט אַראָפּ גרויסע, קאַלטע טראָפּנס.

אַראָפּגיין אין גאַס — נישטאָ קיין חשק. גיין אין רעדאַקציע — נאָך צייט. און דאָ, אין ליטעראַטן־פאַריין, אין קליינעם שטיבל — פרישע פּעקלעך אויסלענדישע צייטונגען.

צייטונגען, וואָס ליגן רחבותדיק צעלייגט אויפן טישל, וואָס רייצן מיט זייער פרישקייט, וואָס ווינקען מיט זייערע טויזנטער קאָנטיקע אויגן —

קום... בלעטער... נעם־אָפּ גרוסן פון דער גרויסער, ברייטער, שיינער וועלט...

נאָר, בועז קאַרלינסקי שטייט אין טיר:

— קומט אַריין אין קאַנצעלאַריע.

— וואָס איז?

— אַנסקי איז דאָ... פאַראַן ווינציק מענטשן... ער וויל לייענען אַ דראַמע...

אין קאַנצעלאַריע שוין דאָ — אַלטער קאַציזנע, אהרן איינהאָרן, שלמה מענדעלסאָן, מנחם קיפּניס. הערשעלע דאַניעלעוויטש, דער קינסטלער הענריק בערלעווי, דער אַרטיסט זשאַק לעווי און קאַווע.

אַנסקי מישט נערוועז די בלעטלעך פון אַ געשריבן ביכל. דאָס מיידל פון בופעט שטעלט אויס גלעזער טיי.

אַ שטילע פּויזע, אַ לייכט הוסטל, אַנסקי נעמט לייענען —
צווישן צוויי וועלטן... מיסטישע דראַמע...

אַ לאַנגער צעטל נעמען, גרויסע, פאַרפלאָנטערטע רעמאַרקע — אַ שול, אַ משולח, ישיבה־בחורים, בטלנים.

מ׳זינגט מיט אַ מיסטישן ניגון —

מחמת וואָס, מחמת וואָס,
איז די נשמה
פון העכסטער הויך
אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?...

און ווידער בטלנים, ווידער משולח.

חנן זינגט שיר השירים. שטאַרבט. גייט אַריין ווי אַ דיבוק אין דער בתולה לאה. מ׳לויפט מיט איר צום מיראָפּאָלער צדיק. מ׳ברענגט שופרות, ווייסע קיטלען, שוואַרצע ליכט...

דער דיבוק האַלט נישט אויס. הייסט זאָגן נאָך זיך קדיש. גייט אַרויס פון דער בתולה און די בתולה וויינט:

— קער זיך אום צו מיר, מיין חתן, מיין מאַן... איך וויל דיך, אַ טויטן, טראָגן אין מיין האַרצן און אין די חלומות פון נאַכט וועלן מיר צוזאַמען וויגן אונזערע נישט געבוירענע קינדערלעך...

און ווידער מיט דעם אייגענעם מיסטישן ניגון —

מחמת וואָס, מחמת וואָס
איז די נשמה
פון העכסטער הויך
אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?...

די ווערטער ציטערן אין אַנסקיס מויל. זיי גייען אַרויס פּאַמעלעכע, לויטערע, ווי צוגעקליבענע פּערל, קלאַפּן זיך אָן אין דער האַלב־טונקלקייט פון צימער, ווערן צעשטויבט אויף פּיצינקע, ווייכינקע, קילע שפּליטערלעך, וואָס דרינגען אַריין אין די ביינער, אין האַרץ, אין דער נשמה...

משולח... מת טהור... מיראָפּאָלער צדיק... דיבוק...

מ׳וויל זיך באַפרייען. אַרויספּלאָנטערן זיך פונם פחד־געוועב. טוט עמיצער אַ הוסט, אַ צווייטער — אַ רוק מיטן בענקל, אַ דריטער — דרייט אַרויף די עלעקטרי...

אַנסקי הייבט אויף דעם קאָפּ. אין זיינע גרויסע, ליכטיקע אויגן — אַ פאַר־מאַטערטקייט, דאָס פּנים — שיר נישט ווי די פאַרב פון זיין בערדל...

— נו, וואָס? — פאַרמאַטערט אייך?

— ניין... אדרבא...

נאָר קאָווע טוט זיך אַ שטעל אויף. די אויגן זיינע צינדן זיך מיטאַמאָל אָן,

און ווי שטענדיק, ווען ער דענערווירט זיך — הייבט ער אָן שפּריצן מיטן מויל:

— ס'הייסט, אדרבא?... אפשר אַ שיינע מעשה אויף שרעקן קינדער... צדי־קים, שדים, רוחות — כ'ווייס נישט, וואָס אַנסקי זעט אין דעם... כ'האָב שוין איין מאָל זיך אָפּגעמאַטערט אַ נאַכט אויף טשעשענשליווע עלף... איצט צוויי שעה אויף טלאָמאַצקע דרייצן...



שלמה־לייב קאַווע
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

אַנסקי הערט און שווייגט. זיינע גרויסע, מי־דע אויגן קוקן מיט חידוש. די ליפּן זיינע באַ־וועגן זיך פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט אין דער שטיל איטלעך וואָרט נאָכגעזאָגט, און די בליי־בע פינגער קלאַמערן זיך אינם פּאַרמאַכטן ביכל — ווי ס'קלאַמערט זיך אַ קינד אין עפּעס אַ זאַך, וואָס מען וויל עס ביי אים צונעמען.

קאַווע האַלט זיך פאַר אַ יחסן. ער איז דאָך עפּעס אַמאָל געווען דער פּערזענלעכער סע־קרעטאַר פון י. ל. פּרצן. רעדאַקציע־סעקרע־טאַר פון פּרצעס "וואָכנשריפט", רעדאַגירט אָט אַ, די אַלע שרייבער, וואָס זענען גאַנצע גדולים.

רעדט ער מיט זיכערקייט, מיט תקיפות, ווי ער און נאָר ער, האָט דאָס לעצ־טע וואָרט.

אָבער דאָ כאַפּט ער איבער די מאָס. מ'קאָן פאַרט וועגן אַנסקין און וועגן דער דראַמע זיינער, אַזוי נישט רעדן.

רופט דער ערשטער זיך אָן מענדעלסאָן. דערנאָך רעדט קאַציזנע, דערנאָך בערלעווי, קאַרלינסקי, זשאַק־לעווי.

אמת, שטאַרק אַנטציקט, ווייזט אויס, איז קיינער נישט. נאָר — עס געפעלט. אַ פיינע, פאָלקסטימלעכע דראַמע. און יעדער געפינט אָן אַנדער לויבוואָרט — פיין געשריבן... זאַפטיקער יידיש... אמתער פאָלקלאָר...

נאָר אַנסקי שמייכלט:

— ניין... נישט נייטיק... מען דאַרף נישט זוכן קיין לויבווערטער... מען וועט נאָכאַמאָל לייענען... עס וועלן אפשר זיין מער מענטשן... מילא, מ'וועט זען, אפשר...

וואָס "אפשר" זאָגט ער נישט. נאָר, די פינגער, וואָס האָבן פריער געקלאַ־מערט זיך אינם ביכל, גלעטן איצט די בלויע טעוועלעך. גלעטן מיט אַזוי פיל לי־בע, מיט אַזוי פיל מאַמעשער צאַרטקייט...

---

יאָ, ער איז גערעכט געווען, אַנסקי. מ'האָט נאָכאַמאָל געלייענט. ס'איז געווען די גאַנצע ווילנער טרופּע, אַ סך שרייבער.

## אַנסקי לייענט דעם „דיבוק" פאַר אַרטיסטן און שרייבער



זיצן (פון רעכטס): בועז קאַרלינסקי, ד״ר מ. ווייכערט, פרוי פון דוד איינהאָרן, מרים ווידע, מתתיהו קאָוואַלסקי, פּאָלאַ וואַלטער, ש. אַנסקי, נח נאַכבוש, זרובבל, דוד הערמאַן, פרידאַ מלומענטאַל, מרים אָרלעסקאַ.

שטייען: יעקב גערטנער, דוד איינהאָרן, יוסף טונקל, בעלאַ בעלערינע, מרדכי מאַזאָ, חיים שניאור, שלום טאַנין, קאַדיסזאָן (זון), שמואל שעפטל, בער ראָזען, הערץ גראָסבאַרד, י. מ. ניימאַן, ה. ד. נאָמבערג, י. מ. ווייסנבערג.

און איצט איז עס שוין זיכער. — די ווילנער טרופּע שטעלט אַנסקיס דראַ־מע.

די טרופּע איז שוין נישט די אייגענע. כמעט די גאַנצע יוגנט — חיים שניאור, בעלאַ בעלערינע, הערץ גראָסבאַרד, פרידע בלומענטאַל, נאַרוויד, ווידע, שידלאָ, גערטנער און מרים שיק — זיינען פון דער טרופּע אַרויס.

אָבער, ס׳זענען אַריין נייע. ס׳זענען צוגעקומען פרישע כוחות.

און עס קלאַפּט. און מען גרייט זיך —

מרדכי מאַזאָ דער דירעקטאָר, דוד הערמאַן — רעזשיסער, הענריק בערלעווי — קינסט־לעריש דעקאָראַטיווע ליטונג, וואָלף ווײַנטרויב — דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, מ. שניאור — מוזיק און ניגונים, מרים אָרלעסקאָ — די כלה, אברהם מאָרעווסקי — דער מיראָפּאָלער צדיק.

כמעט אַלץ ווי פון לאַנג אָנגעצייכנט. כמעט אַלץ לויטן אַלטן פּלאַן — דער דירעקטאָר, דער רעזשיסער, קינסטלער, אַרטיסטן.

נאָר איין זאַך פעלט — דער מחבר...

נישטאָ מער אַנסקי.

נישט דערלעבט דעם נחת.

נישט באַשערט אים ביים לעבן די זכיה צו האָבן.



הערץ גראָסבאַרב
(האָלצשניט פון אַרטור קאָלניק)

אַ צענדליק מאָל געהאַלטן ביים שטעלן די דראַמע, אַ צענדליק מאָל אָפּגעלייגט. וואָס אַמאָל אַנדערע שטרויכלונגען, אַנדערע מניעות.

און וויפל ווייטיק און פּיין האָט דאָס אַנסקין פאַרשאַפט. וויפל טעג פון עסע־ניש און עגמת־נפש...

ס׳דערמאָנט זיך אַ סצענע אין אָטוואָצק. —

אַ שפּאַציר אין וואַלד. ווייט אַוועק, נאָך דאָקטאָר פשיגאָדעס סאַנאַטאָריע. דאָרט, וווּ די אַלטע, שטאָלצע אָטוואָצקער סאָסנעס, מיט די סאָסנעס פון שווידער, טרעפן זיך צונויף, בייגן איינס פאַרן אַנדערן די קעפּ און זענען צוזאַמען מתפלל זייערע טעגלעכע תפילות.

פאַרנאַכט. דאָרט, ווייט, האָט די זון, מיט איר גליאיקן פלאַם, שוין אַרומגע־נומען, ווי מיט אַ גאָלדענער קרוין, די סאָסנע־שפּיצן. דאָ — צווישן איין בוים און צווייטן — שפּיגלט זיך אַ גאָלדענער מאָך.

מ׳גייט פּאַמעלעך. יעקב פּרעגער דערציילט וויציקע מעשהלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער און שמחה פּלאַכטע. שלמה גילבערט האַלט אין האַנט אַ שישקע און

איינציקוויז בּרעכט ער אָפּ פון איר די "ציינדלעך". אַנסקי האַלט דעם שטעקן אויפן אַקסל, ווי מ'האַלט אַ ביקס און אויפן שטעקן — דאָס היטל...

מיטאַמאָל — אַזוי קוקנדיק אויף דער "אָפּגעשיילטער" שישקע און טאַקע ווי ער וואָלט צו דער שישקע גערעדט — טוט גילבּערט אַ פרעג:

— וואָס איז אייגנטלעך מיט אייער דראַמע?... מ'האָט זי דאָך שוין געזאָלט שטעלן?...

מ'קוקט אים אָן. אין פלוג שווער זיך צו אָריענטירן, ווען ער מיינט. נאָר אַנסקי בלייבּט שטיין, די פאַרב אויף זיין פּנים ווערט פריער רויט, דערנאָך געל. די האַנט, מיט וועלכער ער האַלט צו דעם שטעקן, נעמט ציטערן און אין די אויגן — אַזאַ ווייטיקלעכער אָפּגלאַנץ:

— וואָס?... איר האָט עפּעס געהערט?...

— שוין לאַנג... נאָך מיט חדשים צוריק... מ'האָט דאָך געזאָגט, אָט־אָט.

אַנסקי נעמט ווייטער גיין:

— אָט־אָט... שוין צוואַנציק מאָל געווען דער "אָט־אָט"... עפּעס ווי דער גורל וואָלט ספּעציעל גערייצט זיך... דאָ קומט מען נישט דורך מיט די ראָלן... דאָ ברוגזט זיך דער דירעקטאָר... דאָ דער רעזשיסער... דאָ סתם איין תירוץ נאָכן אַנדערן... אַזוי נישט האַלטן קיין וואָרט... אַזוי נישט רעכענען זיך מיט די געפילן פון מענטשן...

ער בלייבּט ווידער שטיין:

— אָ, זייט מוחל... זיך צעקאָכט, ווי אַ יינגל...

און ער כאַפּט אָן גילבּערטן:

— קומטס... מיר גייען צוריק...

---

יאָ, מיר גייען צוריק —
נישטאָ מער אַנסקי...

ביים אָפענעם קבר, זאָגט מען, האָט דוד הערמאַן אַ נדר געטון, אַז צו די שלושים זאָל פאָרקומען די פּרעמיערע פון אַנסקיס "דיבוק".

און דאָס מאָל קומט זי פאָר. זי מוז פאָרקומען —

אַלע פאַלן שוין פון די פיס. טאָג און נאַכט פּראָבן. נישט מ'עסט, נישט מ'שלאָפט. — מאַזאָ קריגט זיך מיט די בינע־אַרבעטער און שרייט, ער וועט שפּאַלטן קעפּ. שניאור איז הייזעריק און קלאַפּט מיט אַ שטעקן אין טיש. דוד הערמאַן יאָגט די נשמה אַרויס. ער שרייט, זידלט, הערט נישט, וואָס מ'רעדט צו אים, זעט נישט, ווי זיין ווייב שרה, שטייט פאַר אים מיט אַ גלעזל מילך...

און ערשט אברהם מאָרעווסקי, יוסף בולאָוו, אליהו שטיין, מרים אָרלעסקאַ,

## אַ מעלקנדיקע קו...




(צייכענונג פון הענריק בערלעווי, אין יאָר 1921)

דוד הערמאַן: **צוגעגרייט זיי אַ קו... ס׳רינט אין די פּיסקעס... נו, און איך?...**

מתתיהו קאָוואַלסקי, נח נאכבוש, פּאָלא וואַלטער, יעקב און יוכבד ווייסליץ, **חיה בראז, לייב קאַדיסאָן, יהודית לאַרעס, ראָזאַ בירנבוים, שמואל שעפּטעל, שלום טאַנין.**

**יעדער אויף זיין אָרט, יעדער אין זיין ראָלע און אַלע צוזאַמען —**

**מחמת וואָס, מחמת וואָס**
**איז די נשמה**
**פון העכסטער הויך**
**אַראָפּ אין טיפסטן גרונט?...**

**היום הרת עולם! אויף היינט שטייט די וועלט? — אין אָוונט די פּרעמיערע,**
**אין אָוונט דער פסק דין —**


דוד הערמאַן
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

**איז נאָכאַמאָל איבערחזרן! נאָכאַמאָל דאָס אייגענע! — שטילער. איינגעהאַלטענער. געדעמפּטער!...**

**היינט אָוונט...**

**און די הערצער קלאַפּן. די טרעמע איז גרויס. אויף אַלעמענס פּנימער אַ זאָרג אויסגעוואַקסן.**

**און נישט בלויז אויף די פּנימער. אויך אויף די ליפּן. אויך אויף דער צונג...**

**מ׳רעדט, מ׳דענערווירט זיך, מען עסט זיך לעבעדיקערהייט —**

**— נייטיק געדאַרפט... אַזוי פיל געלט... אַזאַ האָרעוואַניע...**

**— און צי וועט עס כאַטש אָננעמען?...**
**— ווער ווייסט...**

---

נאָר אומזיסט די שרעק.
ס׳האָט "אָנגענומען"...
דער דיבוק איז אַזוי פעסט אַריין, אַז נישט דער מיראָפּאָלער צדיק און נישט די שופרות און חרמות קאָנען אים צוריק אַרויסטרייבן...
נישט געריכט זיך. קיינער האָט אפילו נישט געחלומט וועגן דעם — חדשים לאַנג דאָס טעאַטער פול געפּאַקט. אויף צוויי און דריי וואָכן פאָרויס

בילעטן אויספּאַרקויפט. אַקטיאָרן זאָט און אָנגעטון. טייל אפילו — צירונג און פוטערס...

דער דיבוק איז אַריין נישט בלויז אין לאהן, ר׳ סנדרס טאָכטער. נישט בלויז אין טעאַטער "עליזעום", ווו די "ווילנער" שפּילן. ער איז אַריין אין אַלע מענטשן, אין אַלעמענס הערצער, אין אַלעמענס געמיטער...

דער דיבוק איז געוואָרן אַ קולט. געוואָרן אַ פּסיכאָז...

און עס ציט זיך. און עס פאַרשפּרייט זיך. — פון דער ווילנער טרופּע, אין אַנדערע וואַרשעווער טעאַטערן. פון דאַנען אין אַלע עקן לאַנד, דערנאָך — איבער גרענעצן, איבער ימים...

נישטאָ אַזאַ כוח אין דער וועלט, ווי דער כוח פון דיבוק. האָט ער עמיצן אָנגעכאַפּט — זאָל שוין גאָט שומר ומציל זיין. מ׳קעמפט, מ׳ראַנגלט זיך און — מ׳קאָן זיך נישט באַפרייען...

אַ מגפה, רחמנא ליצלן. — די "דיבוקיאַדע" רופט מען זי.

און נישט צום פּטור ווערן. נישט צום אויסהיילן. —

אַקטיאָרן, שרייבער, קינסטלער — פון אַלע רעדט אַרויס דער דיבוק. אומע־טום און פון אַלעמען הערט מען די מיסטיש־דבקותדיקע דיבוק־ניגונים...

אויף קאָנצערטן, אין פאַבריקן, ביים אײַנוויגן דאָס קינד און — אויף די פּרייטיק־צונאַכטסן אין ליטעראַטן־פאַריין...

שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט —

מחמת וואָס, מחמת וואָס?...

און אָט נעמט סעגאַלאָוויטש זיך שוין אָן מיט כוח. ער שטעלט זיך אויף און זאָגט מיטן ניגון פון מיראָפּאָלער צדיק:

— אין נאָמען פון דעם גרויסן יידישן שרייבער, ש. אַנסקי, וועלכער האָט דיך באַשאַפן און אין נאָמען פון דער הייליקער עדה, וואָס האָט זיך דאָ פאַר־זאַמלט — בין איך, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, גוזר אויף דיר, האַרטנעקיגער דיבוק — דו זאָלסט אַרויסגיין פון טלאָמאַצקע דרייצן!...

אָבער, אַלע ענטפערן אין כאָר און טאַקע מיטן אמתן דיבוק־ניגון:

— איך וועל נישט אַרויסגיין!...

# אַבי נישט קיין רעדאַקטאָר...

**ווער איז הענרי מאָרגענטוי? — דער „דזשאָינט" נעמט זיך צו דער אַרבעט. — דאָס פֿאַלן פון אַ ריז. — אברהם פּאָדלישעווסקי זוכט אַ קאָמפּראָמיס. — שידוך צווישן „היינט" מיטן „יידישן פאָלק". — געוואַלד, וואָס שווייגט מען? — רדיפות אויף יידן און טישלעך אין די גאַסן. — די צייט מאַכט שפּרייזן. — רעדאַקטאָר יאַצקאַן און מאַנישעווי־טשעס מצות...**

געשעענישן איבער געשעענישן. — קוים געענדיקט איינע, קומט אַ צווייטע, דערנאָך אַ דריטע, אַ פערטע...

און עס איז לעבעדיק אין יידישן וואַרשע. — צייטונגען שרייבן, יידן פּילפּולן זיך — ס'איז ענג. מ'דאַרף הילף. איז אפשר... טאָמער...

קודם — הענרי מאָרגענטוי[44])... פּרעזידענט ווילסאָנס נאָענטסטער פריינט... פֿאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די יידיש־פּוילישע באַציאונגען.

אמת, קיין צו גרויסע האָפענונגען לייגט מען נישט דערויף. מ'ווייסט — קעגן דער "דוואַ גראָשע" און קעגן דעם פּראָפעסאָר טשערבאַק, מיטן גלח קריגער[45]), וועלן קיין קאָמיסיעס נישט העלפן. זייער טרייבן רכילות און העצן קעגן יידן, וועט פון דעם שוואַכער נישט ווערן.

נאָכמער — מ'ווייסט, אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט די קאָמיסיע געשיקט קיין פּוילן, טאַקע אויפן פאָרשלאַג פון דעם פּוילישן פּרעמיער פּאַדערעווסקי אַליין. מ'ווייסט אויך, אַז ווען פּרעמיער פּאַדערעווסקי זאָל וועלן פאַרבעסערן די פּויליש־יידישע באַציאונגען — דאַרף ער גאָר קיין קאָמיסיעס נישט...

דאָך, הענרי מאָרגענטוי איז אַ חשובער גאַסט. איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּערזענלעכקייטן.

איז מילא. פאָרעט מען זיך אַרום אים. מאַכט מען קאָנפערענצן, אויפנאַמען, באַגעגענישן.

---

44) הענרי מאָרגענטוי — פֿאָטער פון הענרי מאָרגענטוי, דעם געוועזענעם פינאַנץ־מיניסטער אין אַמעריקע און הייגטיקן ערן־פֿאָרזיצער פון די זאַמלונגען פאַר ישראל.

45) פּראָפעסאָר טשערבאַק און גלח קריגער — פאַרביסענע פּוילישע אַנטיסעמיטן.

און אַז ער, מאַרגענטוי, בעט מען זאָל אים פירן איבער אָרעמע יידישע גאַסן, איבער די גאַסן פון יידישער נויט — איז, פאַר וואָס נישט?

פאַרט מאַרגענטוי. פאַרט רעדאַקטאָר יאַצקאַן, אברהם פאָדלישעווסקי, איך. דער טאָג — נישט קיין געלונגענער. עפּעס אַזאַ ברוגזער. אַן אָנגעדרודלטער. דאָ ווערט טונקל, דאָ צוריק ליכטיק און דאָ גאָר, דאַכט זיך, אַז אָט־אָט נעמט ער גיסן מיט טרערן...

מ׳זיצט אויף דער דראָשקע. יאַצקאַן רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן וועגן דעם שלעכטן מצב אין ״היינט״. פאָדלישעווסקי טרייסט אים, גיט אים עצות און ער קוקט דערביי כסדר אויפן זייגער. — ער יאָגט זיך, ס׳איז פּרייטיק. די דראָשקע פאָרט אַזוי פּאַמעלעך...

נאָר מאַרגענטוי — ער יאָגט זיך נישט. ער הייסט פאָרן נאָך פּאַמעלעכער. אים אינטערעסירט דער טומל דאָ אין גאַס. ער בעט אפילו, מ׳זאָל זיך אָפּשטעלן. מ׳זאָל אַראָפּגיין...

קיין עין הרע. — דעם טראָטואַר נישט דורכצוגיין. ווי אַלע יידן פון די אַרומיקע געסלעך וואָלטן דווקא דאָ, דווקא אויף עק דזשיקע און מילע, זיך צו־נויפגעקוועטשט...

מ׳שטופּט זיך. מ׳האַקט זיך די זייטן אָפּ. —

ווער עס פּאַרקויפט, ווער עס קויפט און ווער עס קוקט סתם מיט גיריק־לעכצנדיקע אויגן, אויף די אַלע ״גוטע זאַכן״, וואָס מ׳קאָן דאָ אויף שבת ״פּאַר גראָשנס״ איינקויפן...

און קולות רופן, קולות רייצן, מישן זיך צונויף און פאַרפּלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן —

— ווייבער!...

— ציבעלעס!...

— מייערן!...

— ווייצענע חלות!...

— שמאַלצענע הערינגג!...

— חלבנע שבת־ליכט!...

און אַלץ אין געיעג. אַלץ אין דער גיך. — מ׳זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן. מ׳זאָל נאָר באַווייזן דעם שבת אין שטוב אַריינברענגען...

מ׳ווייסט — קיין גבירטעס קומען איצט נישט. גבירטעס האָבן שוין לאַנג דעם שבת אין שטוב. האָבן שוין לאַנג ביי די פישערס, ביי די פליישערס, ביי די בעקערס זייערע איינקויפן געמאַכט.

איז שטייען יידן און יידענעס, מיט פּיצינקע פישעלעך, וואָס מ׳רופט זיי סטינקעס און זענען זיס און שפּאָרעווודיק... שטייט מען מיט לינגלעך און גריישלעך,

וואָס זענען פעט און קאָכן זיך נישט לאַנג... מיט גרינע עפּעלעך און זיסע ״יעג־גאַלקעס״ — נאָר וואָס פון בוים אַראָפּ...

— אַ סוף, ווייבער! — קויפטס! כאַפּטס!...

מיטאַמאָל:

— ייִדן, אַ ״קנעפּל״!...

און די הענדלער נעמען לויפן. נאָך זיי — אַ פּאָליציאַנט.

און מען שלעפּט שוין אַ מיידלביים אָרבל. אַ ייִדענע פאַלט שוין איבער אַ קוישל רעטעכלעך. רויטע קאַרשן מיט גרינע אוגערקעס נעמען זיך קאָלערן, נעמען זיך יאָגן איבערן טראָטואַר. דאָס פערדל פון דער דראָשקע גלאָצט מיט די גלעזערנע אויגן און צעהירזשעט זיך, מיט אַ טעמפּ, פערדיש געלעכטער...

מ׳פאָרט צוריק. די שטימונג איז אַ שלעכטע. יאַצקאַן איז דענערווירט:

— איך וועל דאָ נישט זיין... איך פאָר אַוועק... וואַרשיינלעך קיין אַמעריקע...

— וואָס וועט איר דאָרט טון?

— איך וועל אַלץ טון. איך וועל ווערן אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ בעקער — אַבי נישט קיין רעדאַקטאָר...

---

שוין. מאָרגענטוי איז שוין צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מ׳זאָגט, אַז פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער פאַדערעווסקין אַ פּאָר שאַרפע ווערטער געזאָגט.



שמואל ניגער
(צייכענונג פון ח. גאָלדבערג)

אָבער די ״דוואַ גראָשע״־לייט שטייען נישט אָפּ. פּראָפעסאָר טשערבאַק האַלט ווייטער זיינע גיפטיקע פאַרלעזונגען קעגן ייִדן. פאַרקערט — איצט ווילדעוועט ער, אַז די אַמעריקאַנער קאָמיסיע איז געווען אַ ייִדישע פּראָוואָקאַציע, אַז ייִדן ווילן פאַרשוואַרצן פּוילנס פּנים...

און אין די גאַסן שלאָגט מען ייִדן.

דער וואָלאָצלאַווקער רב, הרב ר׳ יהודה־לייב קאָוואַלסקי און זיין איידעם, דער שרייבער י. ב. צפּור, ווערן אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי מוזן ליגן צו בעט.

בעת דעם געזעגענונג־אָוונט פאַר ש. ני־גערן, צו זיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע — שטייט אויף טלאָמאַצקע גאַס אַ באַנדע שלעגער.

אין געוועלב פון מתתיהו שומאָוויטש, מוראַנאָוו זיבעצן, וואַרפט מען אַריין אַ שטיין און מ׳האַקט אויס די שויבן.

טויבע זילבערשטיין — די פרוי פון קהלה־לערער ר׳ יצחק־מאיר זילבערשטיין

— ווערט אויף זאַמענהוף גאַס אומגעשליידערט, באַקומט שווערע ווונדן און גייט אויס אין שפּיטאָל אויף טשיסטע.

ד״ר יוסף קרוק גייט אַרום באַנדאַזשירט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַר יידן.

אויף רימאַרסקע גאַס, לעבן דער ״באַליע״, טשעפּען זיך זעלנער צו יידישע דורכגייער און אויך דעפּוטאַט יצחק גרינבוים און אַדוואָקאַט אַלשוואַנגער[46]) קריגן שיר נישט געשלאָגן...

און בינו־לבינו — ווידער אַ געשעעניש. —

ווידער אַמעריקאַנער יידן.

איינער זאָגט פּערציק יידן, איינער פופציק. אַנדערע זאָגן גאָר — ס׳וועלן קומען נאָך און נאָך.

אַלע טראָגן אַמעריקאַנער אוניפאָרמען. פאָרן אין אויטאָמאָבילן מיט אַמערי־קאַנער פענדלעך.

און זיי שטעלן זיך אָפּ מיט איטלעכן יידן. זיי רעדן אַזאַ פּשוטן יידיש....

וואַרשע קאָכט. מ׳זאָגט, פאַר יידן ממש אַן אויפריכטונג. — פאַרשטייער פון אַ גרויסער אַמעריקאַנער יידישער אינסטיטוציע. זיי זענען געקומען העלפן יידן...

און עפּעס אַזאַ לאַנגן אַמעריקאַנישן נאָמען רופן זיי זיך.

״אַמעריקען דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטי״...

נישט אַלע קענען עס נאָכזאָגן. טייל פאַרטשעפּען זיך אינדערמיט. אַנדערע פאַרלירן דעם סוף...

נאָר אין די רעדאַקציעס גיט מען זיך אַן עצה. — מ׳שרייבט בלויז די איני־ציאַלן ״ד. ד. ק.״ אָדער גאָר אינגאַנצן איין וואָרט —

״דזשאָינט״...

און די צייטונגען זענען ווידער פול. וואַרשע קען זיי שוין. מ׳ווייסט שוין זייערע נעמען —

דער הויפּט־דירעקטאָר — ד״ר באָריס באָגען, דירעקטאָר פון באַזונדערע אָפּטיילונגען — פּראָפעסאָר פייזער, מ. צ. טראָפּער, מאַדאַם טראָפּער, וויליאַם ביין, האַרי וויטעלעס.

אויף היימישע, וואַרשעווער יידן, ווערן אַנגאַזשירט. ס׳אַרבעט נחום סאָקאָ־לאָווס זון, פלאָריאַן. ס׳אַרבעט ד״ר לעאָן וואָלמאַן[47]), שמואל סטופּניצקי, אליעזר בערגמאַן, זאַיאָנץ.

46) יצחק גרינבוים, אַדוואָקאַט אַלשוואַנגער און ד״ר יוסף קרוק — היינט טעטיק אין ישראל. ש. ניגער — אין ניו־יאָרק.

47) מ. צ. טראָפּער און פרוי — היינט ווייטער טעטיק אין ניו־יאָרקער דזשאָינט. וויליאַם ביין — דירעקטאָר פונם דזשאָינט אין מאַראָקאָ. פלאָריאַן סאָקאָלאָוו — היינט אין לאָנדאָן. און ד״ר לעאָן וואָלמאַן — גענעראַל־סעקרעטאַר פון ״אָזע״ אויף אַמעריקע.

אין רעדאַקציע אַרבעט ער שוין נישט, זאַיאָנץ. בלויז פון צייט צו צייט — אַ פּאָר דזשאָינט־ידיעות.

און מען דערוויסט זיך פון אים אַ סך. מ׳וויסט שוין וואָס דער "דזשאָינט" וועט דאָ אַלץ טון. וואָס פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט ער אַנטוויקלט דאָ. וויפל צענדליקער וואַגאָנען נעסטל מילך, וויפל שאָקאָלאַד, מעדיקאַמענטן, מעל, וועש און פאַרשידענע קליידונג ס׳קומט אַלץ אָן פון אַמעריקע.

און דאָ קומט ער גאָר צולויפן —

— סחורה אויף מענער־אַנצוגן...

פיינער אַמעריקאַנער שטאָף. ספּעציעל פאַר אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ.

איז עס אַ נסיון...

בפרט פאַר די מיטאַרבעטער פון "היינט".

און בפרט פאַר די דאָזיקע מיטאַרבעטער, וואָס שוין יאָרן, אַז זיי האָבן זיך קיין מלבוש נישט געמאַכט. וואָס דאָס מלבוש, וועלכעס מען טראָגט, גלאַנצט שוין פון באַיאָרטקייט...

ניין. יאַצקאַן האָט דעמאָלט, אויף דער דראָשקע, גאָרנישט איבערגעטריבן וועגן דער לאַגע אין "היינט".

פאַרקערט — נישט אַלץ האָט ער דערציילט. אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז ס׳איז שוין נישטאָ ממש אויף דעם סאַמע נייטיקסטן — האָט אים זיין שטאָלץ נישט דערלויבט.

וואָרן, ווי לאַנג איז עס דען, אַז דער "היינט" איז געווען די רייכסטע, די אַמיינסטן פאַרשפּרייטע יידישע צייטונג?

ווי לאַנג איז עס דען, אַז יאַצקאַן איז געווען דער מעכטיקסטער יידישער רעדאַקטאָר?

אמת, דאָס איז געווען נאָך דעמאָלט. נאָך פאַר דער מלחמה, ווען צווישן פּוילן און רוסלאַנד איז נאָך קיין גרענעץ נישט געלעגן.

ווען דאָס גרויסע רוסלאַנד, מיט די באַלטישע לענדער אַרום, האָבן דעם "היינט" טאָג־טעגלעך אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשלונגען.

נאָר, וואָס איז דער חילוק? — איצט טויג נישט. איצט דאַרף מען אָנקומען צום "דזשאָינט" נאָך סחורה אויף אַן אַנצוג...

און נישט בלויז אַ מלבוש פעלט...

---

דער פראָסט — אַ שנייאיק ווייסער — קוקט אַריין, מיט זיינע גרויסע קאָסאָקע אויגן, דורכן פענצטער, גנבעט זיך פאַרזיכטיק אַריין דורך די ווינקל־שפּאַרעס

און נעמט הוליען איבערן צימער. נעמט שטעכן אונטער די נעגל, אַריינדרינגען אין די ביינער...

קלאַמערט מען זיך אַרום אויוון. מעסט מען, מיט די פינגער, די קאַפּליעס אויס. מען זוכט אַן אָרט, ווו די שטעכעניש אונטער די נעגל צו לינדערן —

און מען שווייגט...

און דאָס שווייגן איז אַ פּיינלעכס. אַ דערדריקנדיקס...

שוין דעם אַנדערן טאָג, ווי די רוימערין קומט אַריין, אַ נישט דרייסטע, מיט די פּאָר שטיקלעך קוילן, דעם אויוון איינצוהייצן.

זי ווייסט, די רוימערין, אַז די פּאָר שטיקלעך קוילן זענען נישט גענוג אויף צו דערוואַרעמען דאָס גרויסע רעדאַקציע־צימער. זי ווייסט, אַז אין רעדאַקציע קוקט מען זי שוין אויס. אַז די רעדאַקציע־מענטשן וואַרטן שוין, זיי זאָלן קאָנען ביים אויוון די דורכגעפרוירענע גלידער דערוואַרעמען.

פילט זי זיך נישט גוט. קוקט נישט אויף קיינעם — און ווי זי וואָלט צו זיך אַליין גערעדט:

— אין "היינט"־קעלער קיין קוילן נישטאָ... קוים אין גאַס דאָס ביסעלע געפּאַקט...

נאָר, ווער האָט דען חלילה צו איר? ווער רעדט איר דען אַ וואָרט? מ'שטייט שווייגנדיק ביים אויוון — אהרן איינהאָרן, צבי כהן[48]), יוסף טריוואַקס, פּנחס קאַץ. — מ'גלעט מיט די פינגער די קאַפּליעס און מ'איז דער רוימערין דאַנקבאַר, כאָטש פאַר די פּאָר שטיקלעך קוילן. כאָטש פאַר דער קאַרגער וואַרעמקייט, וואָס דער אויוון גיט אַרויס פון זיך...

אויך יאַצקאַן איז דאָ...

ער קומט מאָנען ביי צבי כהנען דאָס אַרטיקל, וואָס כהן האָט צוגעזאָגט געבן. נאָר דערווייל, ביים כאַפּן דעם שמועס — שטייט ער אויך ביים אויוון. האַלט ער אויך די פינגער אויף אַ קאַפּליע...

ער זעט די שטימונג ביים עולם, פילט די אומעטיקייט אַרום און ס'ווערט אים אומבאַקוועם. און ער וויל עפּעס זאָגן. מיט עפּעס דאָס געמיט בייטן:

— נישט קיין נאַר, דער אויוון... ער לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע... מ'גיט אים אַ קרענק — וואַרעמט ער אַ מכּה...

ער קוקט אַלע אָן, יאַצקאַן. ער וויל זען די ווירקונג פון דעם ווערטל זיינס. וויל זען, ווי מען רעאַגירט דערויף.

נאָר אַלץ בלייבט, ווי פריער. קיינער ענטפערט נישט. איטלעכער איז פאַר־נומען מיט זיך. איטלעכער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

---

48) ד"ר צבי כהן — היינט אין ניו־יאָרק. מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

מ׳קען אים, יאַצקאַנען. מ׳ווייסט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין זיין האַרץ. מ׳ווייסט, וויפל ער, דער שטאַלצער, דער אַליינהערשער אין רעדאַקציע, ליידט עס איצט פון דער ״היינט״-ירידה. פון דעם אָרימקייט דאָ...

מ׳ווייסט, יאַצקאַן האָט שוין אַלע אָנשטרענגונגען געמאַכט, דעם טיראַזש פון ״היינט״ צוריק צו הייבן. ער האָט שוין אַלץ געטון דעם מצב צו פאַרבעסערן. דעם ״היינט״ צוריק אויף די פיס צו שטעלן.

מ׳ווייסט, אַז אויך איצט ״טוט זיך״ עפּעס. אַז אויך איצט זיצט מען ערגעץ און מען האַנדלט, און מען דינגט זיך וועגן ״היינט״...

וועגן וואָס דאָס דינגעניש גייט, ווייסט מען נישט. מען האַלט עס נאָך בסוד. מען ווייסט בלויז, אַז אברהם פּאָדלישעווסקי פאַרעט זיך דערביי...

צו אים, צו פּאָדלישעווסקין, האָט מען אפילו צוטרוי. מ׳ווייסט, ער איז אַ אָנגעזעענער סוחר, אַ גרויסער כלל-טוער, אַ ליבהאָבער פון דער יידישער קולטור, נאָענטער פריינט פון נחמיה פינקעלשטיין, חבר פון נחום סאָקאָלאָוו, געווען פערזענלעכער פריינד פון י. ל. פּרצן.


אברהם פּאָדלישעווסקי
(שאַרזש-צייכענונג פון יהודה גאַרבאַרג)

נאָר אַלץ איינס, — די שטימונג איז אַן אַפּאַטישע. מען גלייבט שוין גאָרנישט אַז צום מצב פון ״היינט״ איז נאָך דאָ עפּעס אַ רפואה, אַז די אַלע ״טועכצער״ זאָלן אפילו איין פרישן לייענער ברענגען...

וואָרן דער ״היינט״ פאַלט כסדר. אַלע רייסן פון אים שטיקער. אַלע — דער באַלעבאַטישער ״מאָמענט״, די בונדישע ״לעבנס-פראַגן״, דער אָרטאָדאָקסישער ״ייד״ און צום מיינסטן פון אַלע רייסט דאָס ציוניסטישע ״יידישע פאָלק״.

זינט דאָס ״יידישע פאָלק״ האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אַלס טאָג צייטונג, קאָן שוין דער ״היינט״ נישט צוזיך קומען.

ציוניסטן, וואָס האָבן פריער געלייענט דעם האַלב-ציוניסטישן ״היינט״ — לייענען ליבערשט דאָס גאַנץ-ציוניסטישע ״יידישע פאָלק״...

יאַצקאַן קוקט נאָכאַמאָל אַלע אָן. ווייזט אויס, ער פאַרשטייט, וואָס דער עולם טראַכט. נעמט ער שפּאַנען איבערן צימער. שפּאַנט, שפּאַנט און בלייבט מיטאַמאָל שטיין:

— נו... אדרבא... איר זענט דאך עפעס גרויסע קעפ... חשובע שרייבער... געניטע צייטונגמענטשן...

ער האקט אפ. ס׳פאלט אריין דער אדמיניסטראציע־מיטארבעטער, ישעיה לעבנבוים:

— הער יאצקאן איז דא?

יאצקאן לויפט אים אנטקעגן:

— נו, וואס?

— גארנישט...

— ס׳הייסט גארנישט?

— ס׳וועט גארנישט זיין...

— וואס? — דער שידוך געפעלט זיי נישט?

— דער שידוך געפעלט. מ׳קאן זאגן, ער געפעלט גאר שטארק. זיי וואלטן נאך היינט תנאים געשריבן...

— נאר וואס? — דער נדן?

— אויך וועגן דעם קאן מען דורכקומען. ס׳גייט אבער וועגן א וויכטיקערע זאך. ס׳גייט וועגן מחותן...

— ס׳הייסט?

— וואס איז די נפקא מינה? — ס׳וועט גארנישט זיין דערפון.

— דאך?

— זיי ווילן, איר זאלט זיך נישט מישן אין רעדאקציע... ס׳הייסט, מישן זאלט איר זיך יא, נאר...

יאצקאן לאזט אים נישט ענדיקן:

— אלזא, וואס? כ׳מיין, וואס איז געווארן?

— פינקעלשטיין וויל אפילו נישט הערן דערפון. ער האט זיי קלאר און קאטעגאריש דערקלערט, אז...

נאר יאצקאן שלאגט אים ווייטער איבער:

— איז וואס? איבערגעריסן די פארהאנדלונגען?

— פינקעלשטיין האט שוין געוואלט אוועקגיין, נאר פאדלישעווסקי לאזט נישט. ער פרובירט ווירקן. פרובירט געפינען א קאמפראמיס.

יאצקאן טוט זיך א ריס פון ארט:

— גיכער! גיכער! גיט מיר דעם טעלעפאן!

לעבנבוים לויפט־צו צום טעלעפאן, כאפט דאס טרייבל, רופט אן א נומער, בעט צורופן נחמיה פינקעלשטיינען און באלד שרייט שוין יאצקאן אריין:

— נחמיה!... דאס דארף נישט זיין קיין אפהאלט... מאכט־אפ אויף א יאר... איך פאר אוועק...

---

די גרינדער און אַרויסגעבער פון „היינט"



נח פינקעלשטיין



ש. י. יאַצקאָן



נחמיה פינקעלשטיין

מזל־טוב!

שוין נאָך די תנאים...

דאָס "יידישע פאָלק" האָט מיטן "היינט" זיך משדך געווען. היינט, מאָרגן — די חתונה...

דאָס "יידישע פאָלק" טראָגט זיך איבער צום "היינט". מ'מאַכט שוין אַלע הכנות. מ'וואַשט טיר און פענצטער...

די חתונה — אַ שטילע; אָן סעודות, אָן כלי־זמרים, אָן בדחנים, אָן הויך אויסרופן דרשה־געשאַנק...

די רעדאַקטאָרן מיט די מיטאַרבעטער פון "יידישן פאָלק" נעמען טינט און פעדער, טוען אַ קוש די מזוזה אויף לעשנאַ צוויי און פופציק, פאַרקלאַפּן טיר און פענצטער און — ברוכים הבאים! — זיי זענען דאָ אויף כלאָדנע אַכט...

קיין עין הרע! — ווער ס'איז אַלץ געקומען — יצחק גרינבוים, יחזקאל־משה ניימאַן, יוסף גראַוויצקי, ד"ר יהושע גאָטליב, אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, חיים פינקעלשטיין[49], נתן שוואַלבע, אברהם קליינמאַן.

אַנשטאָט צוויי צייטונגען, גייט איצט אַרויס איין צייטונג — דער "היינט".

אויסערלעך דערקענט מען גאָרנישט. דער "היינט" איז דער אייגענער, וואָס געווען. נישט מער — ס'זענען צוגעקומען, קיין עין הרע, אַזוי פיל שרייבער. אַלע רעדאַקציע־טישלעך זענען פאַרנומען. ס'איז היימלעך, מ'הערט שוין אַ וויץ, אַ גלייכווערטל...

דער פירער, דער פאַקטישער טאָנגעבער פון דער צייטונג, איז יצחק גרינבוים. אָבער נאָר אין ענינים פון פּאָליטיק. אַנדערע זאַכן — מישט ער זיך נישט.

יאַצקאָן קומט ווינציק אין רעדאַקציע. מ'זאָגט, ער גרייט זיך אַוועקפאָרן. יאַצקאָנס אָרט אין רעדאַקטאָר־צימער, פאַרנעמט ביסלעכווייז ד"ר גאָטליב. אברהם גאָלדבערג, וואָס איז פריער געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר און איז געזעסן מיט יאַצקאָנען אין איין צימער — טראָגט זיך איבער אין מיטלסטן צימער אַריין. זעצט זיך אין ווינקל, ביים פענצטער.

אַזוי וויל ער...

ער וויל זיך אָפּרוען, זאָגט ער...

יאָ, צווישן די "גרויסע", צווישן די "קאַרפּנקעפּ" פון די אַלטע און נייע רעדאַקציע־מיטאַרבעטער, פילט זיך שוין עפּעס אַ מין קידער־ווידער שפּיל. אַ מין "ווער איז גרעסער־פּאָליטיק"...

אמת, צו אָפענע מרידות, צו רעוואָלוציעס, קומט עס חלילה נישט. פאַרקערט — אָפן רעדט מען צווישן זיך זייער איידל. ממש, ווי דורך זיידענע טיכעלעך...

---

49) יוסף גראַוויצקי — היינט אין ישראל. רעדאַקטאָר פון „אמר". חיים פינקעלשטיין — אין ניו־יאָרק. גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

און טאָמער אפילו יאָ, טאָמער קומט יאָ אַמאָל אויס עפּעס אַ מאָמענט, ווען איינער טרעט דעם אַנדערן שוין צופיל אָן אויף אַ היגעראָויג און ס׳קאָן חלילה עפּעס אויסברעכן — מישט זיך דעמאָלט אַריין נח פּינקעלשטיין...

מחמת, ד״ר גאָטליב, ביי זיין גאַנצער תקיפות, איז פאָרט נישט דער רע־דאַקטאָר, ווי ס׳איז יאַצקאָן — נישט די דעה, נישט די מאַכט, נישט דאָס דעצי־דירנדיקע וואָרט —

פאָרט נישט דער בעל־הבית. דערויף זענען דאָ נח און נחמיה פּינקעלשטיין.

אין רעדאַקציע — דער עיקר נח.

שטיל, באַשיידן, כמעט שוועבנדיק, קומט ער אָפּט אין רעדאַקציע. טוט דאָ אַ קוק, וואַרפט דאָרט אַריין אַ וואָרט.

און ווי זיין טבע, אויף זיין אופן — לייכט, מיט אַ שמייכל, אַ גלייכווערטל — נישט חלילה קיינעם צו באַליידיקן. נישט קיינעם מבייש צו זיין.

און עס ״קלאַפּט״. און מען געוויינט זיך צו. מ׳לעבט זיך איין — איטלעכער אויף זיין אָרט. איטלעכער לויט זיינע פעיקייטן.

הלוואי אויף לאַנגע יאָרן...

---

שוין. מ׳ווייסט שוין אויף זיכער. יאַצקאָן פאָרט קיין אַמעריקע. היינט אָוונט — דער געזעגענונג־באַנקעט.

ער וויל נישט, יאַצקאָן. מ׳דאַרף נישט קיין באַנקעטן, זאָגט ער. מ׳דאַרף נישט דעם טומל. נישט איצט די צייט דערויף.

נאָר, נחמיה פּינקעלשטיין און אברהם גאָלדבערג גייען אַריבער נאָך אים. סטייטש, אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט צוזאַמען. מען וויל זיך צונויפקומען. מ׳וויל ביי אַ גלעזל טיי זיך געזעגענען. ווינטשן אַ ״פאָר געזונט״ און אַ ״קום געזונט״. איז, פאַר וואָס נישט?

און ער קומט.

אין גרויסן אַדמיניסטראַציע־צימער איז וואַרעם און ליכטיק. אַרום דעם וויס־געדעקטן טיש — דאָס גאַנצע רעדאַקציע־פּערסאָנאַל, די אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע, טייל פון דער דרוקעריי און — אברהם פאָדלישעווסקי.

די שטימונג אַ אָנגעצויגענע, אַ שווערלעכע. עפּעס קלעפּט זיך נישט. עפּעס קאָן מען דעם פאָדעם נישט אָנכאַפּן...

ס׳רעדט פאָדלישעווסקי. ס׳רעדט נח פּינקעלשטיין, גאָלדבערג, גאָוזע, דער עקספּעדיטאָר פּרץ אַפּעלבוים, דער זעצער יעקב זבונסקי.

און אַלץ אַזוי ערנסט. אַלץ אַזוי אָפיציעל. מ׳רעדט וועגן ״גרויסע פאַרדינסטן״.

**וועגן אַ "נייעם טאָן", וועגן אַ "הויכע טריבונע", וועגן אַ "פרישן, הייסן, זשורנאַ־ליסטישן און געזעלשאַפטלעכן אָטעם"...**

יאַצקאַן איז נישט צופרידן. ער זיצט ווי אויף הייסע קוילן, ווייזט אָפּן אַרויס זיין אומגעדולד און ס'דאַכט זיך, אָט־אָט שטעלט ער זיך אויף. אָט־אָט טוט ער אַ קלאַפּ אין טיש, מ'זאָל שוין מאַכן אַ סוף. מ'זאָל אים שוין לאָזן צו רו...

נאָר אַנשטאָט יאַצקאַנען, טוט גאָר קיפּניס אַ קלאַפּ אין טיש. ער וויל — זאָגט ער — עפּעס זינגען. לכבוד יאַצקאַנען וויל ער זינגען.

און ער טוט אַ הוסטל:

אין דרויסן איז אַ זאַוויערוכע,
אין דרויסן גייט אַ רעגן,
מאַך איך מיר אַ רייזע איצטער —
זאָלט איר גאָרנישט פרעגן.
אוי, אוי, אוי, יאַצקאַן פאָרט אַוועק —
נאָך אַ קיכל, נאָך אַן עפּל — יאַצקאַן פאָרט אַוועק...

מ'קוקט אָן. מ'פאַרשטייט נישט. — ווען איז דאָס ביי אים געבוירן געוואָרן? ווען די נייע ווערטער צוגעטראַכט?

נאָר ער זינגט ווייטער. — דער ניגון, דער אייגענער, וואָס פון "יאַשקע פאָרט אַוועק". טייל ווערטער אויך די אייגענע. אָבער, דאָס איבעריקע איז ניי.

און די שטימונג ווערט אַן אַנדערע. עס צעפאַלט מיטאַמאָל די גאַנצע שווער־קייט. ס'ווערט אַזוי לייכט, ס'ווערט פריי. מ'לאַכט שוין, מ'וואַרפט שוין צו ווערט־לעך. און ווען ס'קומט צום רעפריין — זינגט שוין אפילו יאַצקאַן אויך מיט —

אוי, אוי, אוי, יאַצקאַן פאָרט אַוועק —
נאָך אַ קיכל, נאָך אַן עפּל — יאַצקאַן פאָרט אַוועק...

קיפּניס ענדיקט. דער עולם אַפּלאָדירט. מ'וויל הערן נאָך. נאָר משה־גרשון פעלדשטיין הייבט אויף די האַנט:

— וואַרט... כאַפּט נישט...

און ער שטעלט זיך אויף. מאַכט אַן ערנסטע מינע:

— הער יאַצקאַן פאָרט אַוועק... פאַראַן אַ סכנה, דער "היינט" זאָל חלילה בלייבן אָן די אַליאַרם־אַרטיקלען זיינע... אָן דעם קלאָרן, שאַרפן, דרייסטן וואָרט... האָב איך פּרובירט אַזאַ אַרטיקעלע אָנשרייבן... אפשר וועל איך קאָנען יאַצקאַנען פאַרטרעטן...

און ער פאַרלייגט די ברילן אויף דער נאָז, נעמט אַ שמאָל, ווייס בלעטל אין האַנט און לייענט מיט פּאַטאָס, מיט טומל, מיט געשריי —

פון טאָג צו טאָג

**"יידן, געוואַלד!... פאַר וואָס שווייגט מען?... פאַר וואָס טוט מען נישט עפּעס?...**

ווו איז די וואַרשעווער גמינע... ווו זענען אונזערע כלל־טוער?... ווו זענען אונזערע וואָרטזאָגער?... ווו זענען מיר? ווו זענט איר? ווו זענען זיי? —

ג־ע־וו־אַ־אַ־ל־ד!...

"ניין. מיר וועלן נישט שווייגן. מיר טאָרן נישט שווייגן. זינט די וועלט שטייט אויף די פיס. זינט צייטונגען גייען אַרויס אויף פּאַפּיר — ס'איז דאָך געוואַלד צו שרייען אין די יידישע גאַסן —

"די אָרעמקייט איז גרויס. אַלץ שרייט הילף. אַלץ זוכט רעטונג. און דאָ, אויף כלאָדנע אַכט, אין הויף, אויפן ערשטן שטאָק, זענען יידן זיך צונויפגעקומען און מען שיילט עפּל. און מען קייט קיכלעך. מ'טרינקט טיי...

"איז ווו־זשע איז די וואַרשעווער גמינע? ווו זענען אונזערע כלל־טוער? ווו זענען אונזערע וואָרטזאָגער? ווו זענט איר? ווו זענען מיר? ווו זענען זיי? —

"ג־ע־וו־אַ־אַ־ל־ד!...

---

ניין. מען שווייגט נישט. מ'קאָן נישט שוויגן. די קלעפּ זענען צו שטאַרקע, דער וויטיק צו גרויס. דער פּראָטעסט־געשריי רייסט זיך אַליין פון דער קעל אַרויס.

אויף די פראָנטן גייט די מלחמה מיט די באָלשעוויקעס. גלייך מיט די פּאָליאַקן, פאַרגיסן אויך יידישע זעלנער זייער בלוט. אויך אין היגטערלאַנד גיבן יידן פאַרן מיליטער, גיבן פאַר באַוואָפענונג, מ'רייסט פון טויט און פון לעבעדיק.

אָבער דאָס שטערט נישט די ווילדעסטע אָנפאַלן און די אָפיציעלע פאַרפאָלגונגען קעגן יידן.

דאָס שטערט נישט צו באַשולדיקן יידן אין לאַנד־פיינדלעכקייט, אין דעזערציע און אפילו — שפּיאָנאַזש...

איז שווייגט מען טאַקע נישט. שטורעמט מען. פּראָטעסטירט מען. דערציילט מען וועגן אַלע ווילדקייטן. וועגן אַלע פאַלשקייטן...

דער פּאָליציי שמעקט עס נישט. דער צענזאָר וואָרנט. די צייטונג ווערט קאָנפיסקירט. מען שרעקט מיט שווערע שטראָפן. נאָר, ווער קוקט? ווער לייגט אַכט אויף די אַלע דראָענגען? —

קאָנפיסקירט די פּאָליציי אין נומער פון דער צייטונג, גיט מען דעם זעלבן טאָג אַרויס אַ צווייטן נומער. קאָנפיסקירט מען דעם צווייטן נומער — גיט מען אַרויס אַ דריטן.

די צושריפט, אין פּויליש, "פּאָ קאָנפיסקאַטשע נאַקלאַד דרוגי", אָדער גאָר "נאַקלאַד טשעטשי"[50], איז אויף דער צייטונג שוין קיין נייעס נישט. פאַרקערט,

---

50) נאָך דער קאָנפיסקאַציע צווייטע אויפלאַגע, אָדער — דריטע אויפלאַגע.

טאָמער גייט די צייטונג אַ טאָג אַרויס אָן דער דאָזיקער צושריפט — דאַכט זיך טאַקע, אַז עפּעס איז נישט נאָרמאַל. אַז עפּעס פעלט...

די "לעבנס־פראַגן", איז דורך דער פּאָליציי שוין לאַנג פאַרמאַכט. יעדן טאָג, אָדער יעדע וואָך, גייט די צייטונג אַרויס אונטער אַן אַנדערן נאָמען און אַלס "איינטאָגיקע". איצט ריכט מען זיך, דאַרף קומען די ריי אויפן "היינט". דער צענזאָר האָט שוין עטלעכע מאָל "געעצהט", מ'זאָל נישט שרייבן אַזוי שאַרף. מ'זאָל אַביסל מילדערן דעם טאָן.

נאָר מען מילדערט נישט. מען קאָן נישט מילדערן. מען מוז אָפן און שאַרף אַרויסטרעטן קעגן די, וואָס פירן אַליין אָן, אָדער אפילו זיי טאָלערירן בלויז, אָט אָ, די מיאוסקייטן.

און עס געשעט —

דער "היינט" ווערט פאַרמאַכט. יעדן טאָג גייט די צייטונג אַרויס אונטער אַן אַנדערן נאָמען. יעדער טאָג — אַן אַנדער אָפיציעלער רעדאַקטאָר.

די אויסגאַבן ווערן כמעט אַלע טאָג קאָנפיסקירט. די אונטערגעשריבענע רעדאַקטאָרן — דורך דער פּאָליציי פאַרפאָלגט.

צבי כהן, דער רעדאַקטאָר פון "היינט און מאָרגן" — פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. אהרן גאָוזע, דער רעדאַקטאָר פון "טאָגנייעס" — שרייבט אונטער, אַז ביזן פּראָצעס וועט ער נישט פאַרלאָזן וואַרשע. איך, דער רעדאַקטאָר פון "טאָג" — באַהאַלט זיך אויס, ביז דער ענין ווערט "פאַרריבן"...

ס'ווערט ענג. די פּאָליציי ברענט די טריט. מיטאַרבעטער האָבן שוין מורא זיך אונטערצושרייבן אַלס רעדאַקטאָרן. יצחק גרינבוים שרייבט אַליין אונטער אַלע אויסגאַבעס. ער איז סיים־דעפּוטאַט. ער איז "אומבאַרירלעך"...

און דאָס לעבן גייט ווייטער. יידן גיבן זיך נישט אונטער. — דער בונד, ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן, פאָלקיסטן — זאָגן זיך ווייטער אַריין. די "דאָלאַר־פּרינצעסן", "דאָס שוואַרצע מיידל" און "פּייגעלע דעם רבינ'ס" — זענען ווייטער די "שלאָגער־אָפּערעטקעס" אין די יידישע טעאַטערס. סעגאַלאָוויטש, יואל מאַסטבוים, ישראל שטערן און לעאָ פינקעלשטיין — רעדן אויף טלאָמאַצקע דרייצן וועגן ליטעראַטור. דר. יוסף קרוק, בערל גוטמאַן, יצחק גאָרדאָן, שלמה זוסמאַן — רעדן ביי די פּאַרייניקטע וועגן "פּאַלעסטינע". אברהם פּאָדלישעווסקי און דער גמינע־דאָזאָר מאיר רונדשטיין — פרעגן זיך ביים שאַפן אַ באַזונדערן יידישן קאָמיטעט פאַר מלוכה־פאַרטיידיקונג...

וואָס איז די גדולה? וואָס דאַרף מען האָבן אַ באַזונדערן יידישן קאָמיטעט?

איז דער תירוץ: יידן גיבן סיי ווי געלט. דער אַלגעמיין פּוילישער "קאָמיטעט פאַר מלוכה־פאַרטיידיקונג" שלעפּט מיט אַלע מיטלען. — טאָ זאָלן כאָטש יידן געבן אָפיציעל. זאָלן טאַקע אַלע וויסן אַז יידן גיבן. אפשר וועט עס העלפן. — אפשר וועט דער פאַרשפּרייטער סם קעגן יידן נישט אַזוי ווירקן...

טייל זענען פאַר, טייל זענען קעגן, אָבער — דער קאָמיטעט ווערט געשאַפן.
אברהם פּאָדלישעווסקי, אַפּאָלינאַרי האַרטגלאַס, מאיר רונדשטיין, וואַצלאַוו ווישליצקי, רפאל שערעשאָווסקי, לייבוש דאַווידזאָן, הרב ניסענבוים, דר. ז. ביכאָווסקי, אליהו קירשענבוים, אַדוואָקאַט זיידעמאַן, דר. ש. פּאָזנאַנסקי, נתן מאָרגענשטערן, אברהם גאַרטנשטיין — ציוניסטן, מזרחיסטן, אָרטאָדאָקסן, סתם יידן — אַלע געהערן צום קאָמיטעט.
און יידן גיבן ווייטער...
מ׳שטעלט טישלעך אין די גאַסן, ווו זעלנער מאַרשירן דורך. מ׳טיילט די זעלנער זייף, סיגאַרעטן און זיסוואַרג. מ׳שיקט אין די קאַזאַרמעס צענדליקער טויזנטער שטיק וועש, טאָנען פּראָדוקטן, טעפּ, שיסלען, לעפל, מעדיקאַמענטן.
אָבער וואָס מער יידן גיבן געלט — אַלץ מער און אַלץ גרעסערע קלעפּ קריגן זיי.
ביז עס קומט דער אמתער קלאַפּ. דער גרויסער פּאַטש אין פּנים — יאַבלאָנע...
— וואָס איז דאָס אַזעלכעס?
יאַבלאָנע איז אַ שטעטל לעבן וואַרשע. דאָרט זענען אַלטע קאַזאַרמעס פאַראַן. האָט מען פון די קאַזאַרמעס אַ לאַגער געמאַכט און אין דעם לאַגער — דריי טויזנט יידישע זעלנער און אָפיצירן פאַרשפּאַרט...
פאַר וואָס? וועלכע זינד זענען זיי באַגאַנגען? אין וואָס באַשולדיקט מען זיי? —
מ׳לויפט, מ׳קלאַפּט אָפּ די טירן, מ׳שפּאַרט אָן ביי די גרעסטע מלוכה־מענער
— מען פרעגט, פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד? —
נישטאָ, וואָס צו פרעגן. ס׳איז קלאָר. זייער זינד איז גרויס — זיי זענען יידן...
מען איז דערשיטערט, מען איז צעווייטיקט. טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער, ברידער און פריינט פון די פאַרשפּאַרטע קלאַפּן אין קאָמיטעט די טירן אָפּ. לויפן צו די יידישע סיים־דעפּוטאַטן. קומען אין רעדאַקציע:
— יידן, געוואַלד!... פאַר וואָס שווייגט מען?... פאַר וואָס טוט מען נישט עפּעס?...
מען קוקט זיך איבער. מען דערמאָנט זיך אין פעלדשטיינס דעמאַלטיקע פּאַראַדיע אויף יאַצקאָנס אַרטיקל...
און ס׳גייט דורך אַ געדאַנק —
געוווסט, וואָס ער טוט, יאַצקאָן... פאַרשפּאַרט דאָס אַלץ זען... דאָס אַלץ הערן...

---

יאָ געוווסט, נישט געוווסט, אָבער דערווייל איז ער נישטאָ, יאַצקאָן. דערווייל איז מען אים מקנא. דערווייל קומען אָן ניו־יאָרקער צייטונגען מיט געדרוקטע

אַרטיקעלעך זיינע. ס׳קומען אָן גרוסן וועגן פלענער גרויסע. וועגן געשעפטן, אונ־טערנעמונגען...

און די צייט, ווי איר שטייגער, טוט זיך איר עובדה — זי מאַכט שפּרייזן...

און אין די שפּרייזן ווערט די מלחמה פאַרענדיקט. ווערט דער קאָמיטעט פונאַנ־דערגעלאָזט. "יאַבלאָנע" ליקווידירט.

און אָט אַזוי, בעת אַן אָטעם־פויזע, מ׳קוקט זיך אום — יאַצקאָן איז דאָ...

אַ מונטערער, אַ שמייכלדיקער, פון דעם היפשן בערדל — בלויז אַ סימן איבערגעלאָזט.

אַ סימן אויף צו דערקענען, וואָס פאַר אַ קאָליר בערדל דאָ איז אַמאָל געווען...

מ׳קוקט אים אָן. מ׳איז איבערראַשט —

— שלום עליכם!...

— עליכם שלום!...

דאָס יאָר שוין לאַנג אַריבער. לויטן אָפּמאַך דאַרף ער צוריק די רעדאַקציע איבערנעמען. נאָר דערוויל איז נח פינקעלשטיין רעדאַקטאָר און אויף פינקעל־שטיינען קאָן ער זיך פאַרלאָזן. איבעריקנס — ער האָט נישט קיין צייט. ער איז איצט מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען...

קיינער פרעגט נישט, מיט וואָס. מ׳ווייסט, ער וועט נישט זאָגן. מ׳דערקענט עס אין דעם טאָן זיינעם. אין דעם שמייכעלע זיינס.

אָבער, נייגעריק איז מען. וויסן ווילט זיך. — הייבט מען אָן טרעפן. זאָגט איינער דאָס, אַ צווייטער זאָגט עפּעס אַנדערש און איידער וואָס, איידער ווען — ווידער נייעס —

פון אַמעריקע קומט אָן אַ טראַנספּאָרט מאַנישעוויטשעס מצות...

איז דאָס חידוש גרויס. — דאָס ערשטע מאָל די דאָזיקע מצות אין פּוילן. ביז איצט נאָך דאָ בכלל די מצות נישט געזען. און נאָכמער — די מצות ווערן אין "היינט"־שפּייכלער אָפּגעלייגט. יאַצקאָן פאַרעט זיך דערביי און טאַקע ער אַליין ברענגט אַ פּאָר פּעקלעך מצות אין רעדאַקציע אַריין:

— נאַט, פאַרזוכט. דאָס איז דאָס ערשטע אַרטיקל מיינס, וואָס איר וועט האָבן הנאה...

און מ׳ווייסט שוין. מ׳רעדט שוין. — יאַצקאָן האָט אין אַמעריקע זיך באַקענט מיט מאַנישעוויטשן. מיט דעם בעל־הבית פון דער באַקאַנטער מצה־פאַבריק. יאַצקאָן האָט אים פאַרגעלייגט צו שיקן די מצות אויך קיין פּוילן און ער, יאַצקאָן אַליין — האָט די פאַרטרעטונג פון די מצות איבערגענומען...

יאַצקאָן אַליין דערציילט עס. דער טראַנספּאָרט מצות — זאָגט ער — איז נאָך נישט צום פאַרקויפן. די דאָזיקע מצות האָט די מאַנישעוויטש־פאַבריק געשיקט אומ־זיסט. געשיקט אויף פונאַנדערטיילן צווישן אינסטיטוציעס. פונאַנדערטיילן פאַר

אָרעמע לייט. נאָר די ווייטערדיקע, די טראַנספּאָרטן, וואָס דאַרפן ערשט אָנקומען — זיי וועלן זיין צום פאַרקויפן.

פון זיי וועלן שוין אַלע קאָנען געניסן...

קוקט מען, מ׳פאַרשטייט נישט. מ׳קאָן עס נישט תופס זיין. — ווי קומט דער רעדאַקטאָר יאַצקאַן צו מצות? ווי וועט ער זיך קאָנען פארען דערביי?

נאָר יאַצקאַן אַליין וויצלט זיך:

— אַז מען איז נישט קיין לייט — ווערט מען אַ בעקער...

כ׳קוק אים אָן:

— הייסט עס, וואָס?... געהאַלטן וואָרט?...

און יאַצקאַן דערמאָנט זיך. ס׳טוט אים הנאה:

— האַ?... וואָס האָב איך געזאָגט?... יאָ־יאָ... זיין אַ בעקער... האַנדלען מיט מצות... אַבי נישט קיין רעדאַקטאָר!...

# אויף טלאָמאַצקע דרייצן...

ליטעראַרישער שטויב. — משה אַפּעלבוים נייט זעק. — איר נאָמען איז קלאַראַ. — אַ יום־טוב אין טעמפּל פון ליטעראַטור. — מלך ראַוויטש און די טלאָמאַצקער דיכטונג. — מחלוקת צוליב פּאָרמען. — צו דיר מיינע לידער, צו דיר מיין געבעט. — א. מ. ווייסנבערג און די „פּאַר־פלאָנטערטע וועגן"...

ווייסע, געדיכטע שטויבעלעך — ווי מיליאַרדן פּיצינקע פליגעלעך — שפּאַרן זיך אַרויס פון דעם באַלקאָן־פענצטער, טלאָמאַצקע דרייצן. ווערן אויפגעכאַפּט דורכן ווינט. ווערן געיאָגט און געטריבן איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון דער גאַס, זעצן זיך אָפּ אויף די ווענט, קיצלען אין נאָז, פאַרקריכן אין דער קעל...

מענטשן לויפן, מענטשן יאָגן זיך — ווער פון רימאַרסקע, ווער פון לעשנאָ, פשעיאַזד, טלאָמאַצקע —

אַלץ איינס. נישטאָ קיין צייט. מ'כאַפּט בלויז אַ קוק אַרויף צום פענצטער, אַ קוק אַנטקעגן אויף עפּשטיינס זייגער און — מ'לויפט ווייטער . דער אימפּעט טראָגט. דער טאָג שטייט נישט...

בלויז דער צייטונגס־פאַרקויפער, אין ראָג, אונטערן זייגער — ער יאָגט זיך נישט.

ער דערלאַנגט פּאַמעלעך די געבעטענע צייטונג, כאַפּט אַ בליק אַנטקעגן צום פענצטער און ער שמייכלט סודותדיק:

— ליטעראַרישער שטויב...

— ס'הייסט?

— איר זעט דאָך... אין ליטעראַטן־פאַריין... מ'האַקט אַ וואַנט...

יאָ, ריכטיק. — אויף די טרעפּ אַ ווייסער שטויב. אינעווייניק, אין פאַריין — אַ געטומל, אַ געקלאַפּעריי. — ווער מיט אַ האַמער, ווער מיט אַ ברעכאייזן, אַ רידעל, אַ בעזעם —

מ'האַקט אַ וואַנט...

שוין צייט. ווי לאַנג מ'רעדט שוין דערפון. וויפל מאָל דאָס האַקן די וואַנט, איז שוין דורך דער פאַרוואַלטונג באַשלאָסן געוואָרן.

פינף שטובן האָט דער פּאַריין. שטובן קליינע, מיטעלע, גרויסע — נאָר נישט קיין זאַל. נישט קיין לייטיש אָרט פאַר אַ גרעסערער מסיבה. פאַר אַ ליטעראַרישן אָוונט, אַ פאַרלעזונג, אַן אויפנאַמע.

און געסט קומען. — ווער עס קומט אויף אַ טאָג, ווער אויף אַ וואָך און ווער גאָר להשתקע — צו פאַרבלייבן, צו הויזן, צו נעסטן אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

איז כמעט אַלע אָוונט צוזאַמענקומעכצער. אַלע אָוונט רעדעכצער, שמחהלעך אויפנאַמען.

און אַלץ אין די צוויי שטובן רעכטס. אין די צוויי שטובן, וואָס אין אָוונט עפנט מען פון איינער אין דער אַנדערער אַריין — אַ טיר.

אַ ברייטע, פּירפּאַכיקע טיר.

איז טאַקע גוט, וואָס מען האָקט שוין אויס די וואַנט. וואָס צווישן די צוויי שטובן וועט שוין נישט זיין מער קיין מחיצה. וואָס פון די צוויי שטובן וועט ווערן אַ זאַל...

---

— חברה, מיטאָג! רייסט איבער די אַרבעט. דער שטויב דרינגט אַריין אין אַלע שטובן. מ׳וועט נישט קאָנען איינזיצן.

צי מ׳וויל, צי מ׳וויל נישט. נאָר, אַז נאַמבערג הייסט, מוז מען פאָלגן.

הערט מען אויף האַקן. מ׳עפנט אין דער לאַנגער פאָדערשטוב אַלע פענצטער, מ׳ווישט די שטולן, מ׳ווישט די טישלעך.

און די טישלעך זענען שוין באַדעקט מיט ווייס פאַפּיר. אַברהם מאָרעוווסקי זיצט שוין ביי אַ קאַפּ פיש מיט כריין. בנימין קרעמער, מיט שמואל וואָלמאַנען כאַפּן דערוויל אַריין אַ שאָך. אַ בחור, מיט אַ האָרט, געלבלעך פּנים, ברוינע, כסדר פינטלענדיקע אויגן און פאַרשטויבטע מלבושים — קיבעצט אונטער און קרעמער בייזערט זיך אויף אים:

— וואָס ווילט איר דאָ? גייט אַריין און טוט אייך אייער אַרבעט!

יענער פרעגט רויק:

— וואָס פאַר אַן אַרבעט זאָל איך טון?

— מיין דאגה? איר זענט געקומען האַקן אַ וואַנט, האַקט אייך געזונטערהייט די וואַנט.

— וואָס פאַר אַ וואַנט?

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט? צוליב אייך האָב איך פאַרלוירן אַ פערד.

— איר האָט נישט פאַרלוירן... רוקט אַ בויער...

און דאָס איז שוין נישט פאַר קרעמערס נערוון געדאַכט. ער טוט האָסטיק אויס די ברילן:

— גייט פון דאַנען!

נאָר ס׳מישן זיך אַריין מענטשן. ס׳גייט אויך צו נאָמבערג. קודם באַרואיקט ער קרעמערן. דערנאָך פרעגט ער ביים בחור:

— איר האָקט די וואַנט?

יענער שמייכלט:

— איך האַק נישט קיין ווענט, איך האַק נישט קיין קאַסעס, איך האַק אפשר אַ טשייניק...

— מעגלעך... מסתמא, אַז איר זאָגט... נאָר, כ׳מיין, איר ווייסט דאָך — דאָ איז אַ קלוב פון שרייבער...

— איך ווייס, הער נאָמבערג. מען האָט מיר נאָך אין לאָנדאָן דעם אַדרעס געגעבן.

— איר קומט פון לאָנדאָן?

— איך קום פון אומעטום. שוין אפילו אין פאַריזער "ביטשעמו" אויף אַ באַנק געשלאָפן, אין לאָנדאָנער הײַדפּאַרק און אין בערלינער טירגאַרטן — אויפֿ־געקליבן ברעקלעך ברויט, וואָס שולקינדער האָבן אַוועקגעוואָרפן...

— איז ווער זענט איר?

— אַ מאָלער... איך הייס משה אַפּעלבוים...

און ער זיצט שוין ביי אַ טישל, אַפּעלבוים. ער עסט שוין אַ מיטאָג. נאָמבערג זיצט דערנעבן. נאָמבערג איז דער גאַסטגעבער.

— אפשר נאָך אַ זופּ? אפשר נאָך אַ שטיקל פלייש?

ער זאָגט זיך נישט אָפּ אַפּעלבוים. ער קאָן נישט זיך אָפּזאָגן. ער האָט צופיל געהונגערט אין די לעצטע יאָרן. צופיל תעניתים געפאַסט.

און מענטשן שטייען אַרום. מ׳זעט זיין אַפּעטיט. מ׳הערט די מעשיות וועגן זיין וואַנדער־לעבן. מען האָט הנאה פון זיין הומאָר. פון דעם געלונגענעם אָפּלאַכן פון זיך אַליין...

ער דערציילט, ווי אַזוי ער איז אַמאָל, אין הײַדפּאַרק, אַ שעה צייט נאָכגעגאַנגען אַ גרופּע קינדער. די קינדער האָבן מיט זיך געטראָגן פּעקעלעך עסן און ער האָט געוווסט, אַז קינדער האָבן אַ טבע איבערצולאָזן... איז ער זיי נאָכגעקראָכן טריט ביי טריט. געוואַרט, די קינדער זאָלן נעמען עסן און ער האָט זיך געבעטן ביים מאָגן, ער זאָל האָבן נאָך אַ ביסעלע געדולד... אַז באַלד, באַלד וועט ער אים עפּעס געבן... נאָר, ווען ער האָט זיך דערוואַרט, ווען ער האָט געזען, אַז אַ מיידעלע האָט לעבן אַ באַנק אַוועקגעוואָרפן אַ האַלבע זעמל און ער האָט שוין גענומען זיך צושאַרן צו דער באַנק — איז פון ערגעץ־ווו אונטערגעלאָפן אַ הונט...

און ער לאַכט זיך פונאַנדער, אַפּעלבוים:

— איך האָב אים נישט געשוויגן, דעם כלב. — איך האָב אים געצייכנט...

אַט אַזוי ווי ער לויפט מיט דער האַלבער זעמל אין פּיסק... פון זכרון האָב איך אים געצייכנט... דערנאָך — פון אַן אַלטער גויה דערפּאַר צוויי שטיקער ברויט געקריגן...

---

שוין, נישטאָ מער די וואַנט.

פון די צוויי שטובן איז געוואָרן אַ זאַל. מ׳זאָגט, ער וועט אויסזען לייטיש. אַפּעלבוים טאַקע זאָל די ווענט מאָלן.

דערווייל אָבער, איז דער זאַל מיאוס, אָפּגעלאָזן. די ווענט אָפּגעהאַקט. פון די טאַפּעטן הענגען נאָך שטיקער. דער דיל, אין מיטן, וווּ ס׳איז געשטאַנען די וואַנט — פול מיט ווייסע, קרומע לאַטעס.

נאָר ווער קוקט אויף די אַלע זאַכן? דער עולם קלעפּט אין זאַל. מ׳זיצט אויף די צעבראָכענע שטולן. מ׳רייבט זיך אין די נישט ריינע ווענט. מ׳טראָגט זיך אַרום מיט סימנים פון ווייסן שטויב...

און קיינער קלאָגט זיך חלילה נישט. מ׳קומט נישט אין פּאַריין אויף אָנקוקן שיינע שטובן. מ׳קומט צו שרייבער, צו באַהעמע־מענטשן. — איז מאַכט עס טאַקע מער איינדרוק.

וועקט עס מערער אינטערעס...

און געסט גייען, געסט קומען. די טירן פּאַרמאַכן זיך נישט. — מאָלער, אַקטיאָרן, קולטור־טוער, סתם־יידן —

ווער צו אַ שרייבער, ווער מיט עמיצן זיך טרעפן, ווער סתם קוקן...

די טירן אויף טלאָמאַצקע דרייצן זענען אָפן. מ׳פרעגט נישט ביי קיינעם קיין פּאַס. — אַבי זיך אויפפירן קאָרעקט. אַבי נישט צופיל וואַרפן זיך אין די אויגן.

נאָר, גאָרנישט. — אַז מען וואַרפט זיך יאָ אין די אויגן, איז אויך נישט חלילה קיין בייז.

וואָרן, גיי זיי אַ בריה, וואַרף זיך נישט אין די אויגן, אַז מ׳האָט אַזאַ פיגור...

אַז מ׳האָט אַזאַ מייסטעריש געשניצט, אַרויסרופנדיק פּנים. אַ קאָפּ זיך פּאַליענדיקע, פעכשוואַרצע האָר, אַ פּאָר שאַרפע גרינע אויגן, וואָס אַמאָל פּאַרמאָגן זיי שלאַנגישקייט, אַמאָל קעצישקייט און אַמאָל גאָר — דאָס גוטסקייט פון אַ מאַמע...

איז זי שיין? — ווי אַמאָל. זי איז אפשר מער ווייבעריש ווי שיין. דער עיקר — זי ציט אויפמערקזאַמקייט. דערזעט מען זי — קאָן מען דעם בליק אַזוי לייכט נישט אָפּרייסן...

ווער איז זי? צו וועמען קומט זי? — דאַכט זיך, קיינער ווייסט עס נישט.

און אפשר ווייסט עמיצער יאָ. נאָר, ווער וועט גיין פרעגן? —

בפרט, זי קומט אַריין אַזוי שטיל, זעצט זיך אַוועק אין סאַמע ווינקל פון שטוב, גראָבט איין דאָס פּנים אין ביכל.

נישט מער — פון צייט צו צייט — הייבט זי אויף דעם קאָפּ. טוט אַ וואָרף מיט די זיך פּאַליענדיקע האָר, אַ בליץ מיט די גרינע אויגן און שוין — ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען. זי לייענט שוין ווייטער...

אייגנטלעך, נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז זי קומט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. זי איז שוין דאָ געווען נעכטן, געווען אייערנעכטן. געשמועסט מיט קאַגאַנאָווסקין, מיט קאַרלינסקין, מיט סעגאַלאָוויטשן...

ד״ר אברהם גליקסמאַן דערמאָנט זיך אפילו, אַז נאָך יענע וואָך, האָט ער זי געזען אין צענטראַל טעאַטער, מיט סעגאַלאָוויטשן...

און ש. זאַקס, וואָס איז שוין קיין עין הרע אַ ייד אין די יאָרן — קוקט פון דערווייטנס, מעשה מבין, און סמאַטשקעט אַזש מיט די ליפּן:

— פּרעקראַסנע נושקי[51]...

---

מאַמעניו, ליובעניו, טייערע, האַרציקע,
גיב מיר שוין וועמען איך וויל...

אין דער גרויסער, ליידיקער שטוב, קלינגט עס אָפּ, דאָס לידעלע, ערנסט, סודותדיק און מיט געבעט.

מען קוקט אים אָן, אַפּעלבוימען. מ׳קאָן נישט פאַרשטיין. — ווי קומט עס, וואָס מיט זיין רויער, האַרטער שטימע, קומען די דאָזיקע ווערטער אַרויס אַזוי סענטימענטאַל, אַזוי ווייך?

מאַמעניו, ליובעניו, טייערע, האַרציקע...

פון דער הייך, די פיס פאַרפלאָכטן אין די לייטער־שטאַפּלען, די הענט פאַר־נומען מיט קלאַפּן טשוועקלעך אין גרויע לייוונטן, די אויגן אַריינגעטון אין דער סעמעטרישקייט פון די מיט גאָלד געליישטע האָלץ־לייסטלעך — איז ער אינגאַנצן אויסגעטון פון דער אַרומיקייט, דאַכט זיך אים, אַז קיינער זעט אים נישט. אַז קיינער הערט אים נישט...

און מיטאַמאָל:

— איר מאַכט דאָך אַ תל פון דעם לידל!...

מ׳קוקט זיך אום — דאָס איז זי. דאָס מיידל, מיט די שוואַרצע האָר. מיט די גרינע, בליצנדיקע אויגן...

---

51) הערלעכע פּיסלעך.

זי שטייט אין טיר. דאָס ווייסע, געפּאַסטע סוועטערל ציט נאָכמער איין די שלאַנקייט פון איר קערפּער. מאַכט נאָך בולטער די געפורעמטקייט פון אירע גלידער.

— אַ שיינע מויד...

מ׳זאָגט עס שטיל, זי זאָל נישט הערן. נאָר, דאַכט זיך, זי הערט עס יאָ. מען באַמערקט עס אין דער לייכטער רויטקייט, וואָס באַגיסט איר פּנים. אין די אויגן אירע, וואָס נעמען בליצן אַהין, אַהער און דערנאָך — אַרויף, אויפן לייטער, צו אַפּעלבוימען...

אַפּעלבוים קוקט אַראָפּ פון לייטער. מיט איין האַנט האַלט ער צו אַ שטיק זאַק־לייוונט, וואָס הענגט קרום אויף דער וואַנט. מיט די פינגער פון דער אַנדערער האַנט, נעמט ער אַרויס אַ טשוועקל פון מויל:

— איר האָט גערעדט צו מיר?

— יאָ.

— וואָס אַזעלכעס?

— איר צעדרייט אַזוי דאָס לידל, אַז ס׳איז פּשוט אַ רחמנות דערויף.

— אַזוי?

און מיט אַ טשוועקל פאַרטשעפּעט ער דאָס שטיק לייוונט אין דער וואַנט. נידערט אַראָפּ דריי שטאַפּלען פון לייטער און מיטן האַמער אין האַנט — שפּאַרט ער אונטער די זייט:

— איך זע דאָך שוין, אַז איר האָט נעבעך אַ ווייך הערצל... איז אדרבא, זייט־זשע טאַקע מתקן דאָס לידל... לאָמיר הערן, ווי אַזוי איר זינגט עס...

זי ענטפערט נישט. קוקט קרומלעך אויף אַפּעלבוימען. גייט פּאַמעלעך צו צום פענצטער, קוקט אַווילע אַרויס אין דרויסן. דרייט זיך מיטאַמאָל צוריק אויס און הייבט אָן:

מאַמעניו, ליובעניו, קרוינעלע, האַרצעלע,
זיי שוין אַ ווײלינקע שטיל,
זיי שוין אַ ווײלינקע שטיל...

פריער שטיל, ווי פאַר זיך. דערנאָך העכער, נאָך העכער און גאָר הויך. די פאַר מענטשן, וואָס געפינען זיך אין זאַל, אַפּלאָדירן. אַפּעלבוים גלייכט זיך אויס אויף דער לייטער:

— אמת, איר זינגט נישט שלעכט, נאָר איר האָט נישט קיין שטימע. און אַ זינגער אָן אַ שטימע, איז ווי אַ באַהעלפער אָן אַ טייטל...

נאָר, צי יאָ אַ זינגערן, צי נישט קיין זינגערן — אַן אַרטיסטקע, זאָגט מען, איז זי. זי האָט שוין אין צענטראַל־טעאַטער עפּעס אַ ראָלע געשפּילט. מ׳שמועסט אויך, אַז היינט, מאָרגן זאָל זי אָפּיציעל אין טעאַטער אַריין.

יאָ, מ׳ווייסט שוין אויך, ווי זי הייסט, דאָס מיידל.

מ׳רופט זי — קלאַראַ...

און מען ווייסט שוין אויך, אַז סעגאַלאָוויטש "גייט" מיט איר. טייל זאָגן גאָר, אַז זיי האָבן שוין ביים רב אַ חופה געשטעלט.

נאָר, וועמען אינטערעסירט עס? דאָ רעדט מען, דאָ הערט מען אויף. — ס׳איז פאַראַן, מיט וואָס אַנדערש די צייט צו פאַרנעמען. וועגן וואָס אַנדערש צו שמועסן —

אין פאַריין איז לעבעדיק. אין פאַריין קאָכט. אַן אמתער ליטעראַרישער יריד היינט.

שרייבער, פאַרלעגער, דרוקער — מען קויפט, מען פאַרקויפט, מ׳האַנדלט, מ׳דינגט זיך...

מ׳רייסט פון די הענט. אַן אַרטיקל געוואָרן יידישע ליטעראַטור. ביי אַ צענדליק ביכער דרוקן זיך. צענדליקער מאַנוסקריפּטן וואַרעמען זיך שוין אין די פאַרלע־גערישע טישקעסטלעך און ערשט זאַמלביכער, וואָכנבלעטער, חודשבלעטער — ליטעראַרישע, פּראָפעסיאָנעלע, סוחרישע, עמיגראַנטישע...

איבערן טאָג קומען־צו נייע פאַרלעגער. קומען צו "מעצענאַטן", שרייבער, קאַנדידאַטן אויף שרייבער, ליבהאָבער, דער עיקר — ליבהאָבערינס פון שרייבער...

און אַלץ טלאָמאַצקע דרייצן.

אַלץ אין דער ערשטער שטוב, אין קאַנצעלאַריע, אין קאָרידאָר, אויף די טרעפּ...

דער רעמאָנט אין זאַל נאָך נישט געענדיקט. שוין וואָכן לאַנג, ווי משה אַפּעל־בוים אַרבעט ביי די ווענט — קלאַפּט, צייכנט מאָלט און אַלץ מיט אַ לידל, אַלץ מיט אַ וויץ...

מאַמעניו, ליובעניו, טייערע, האַרציקע...

---

יום טוב.

אויף די טרעפּ אַ גרויסער מילכלאָמפּ. פאַר דער טיר אַ נייער שטרויענער טרע־טער, און אינעווייניק, די פרוי געבער, לעבן גאַרדעראָבע־צימערל — אין אַ בלוי שלייפעלע אויף דער ווייס זיידענער בלוזקע...

אַ גרויסער יום־טוב היינט. אַ יום־טוב צום אָנדענק פון דער וואַנט, וואָס איז דאָ געשטאַנען. אַ חנוכת הבית פון דעם נייעם זאַל, וואָס די וואַנט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט...

דער זאַל איז שיין. די מיט זעק באַשלאָגענע ווענט, זענען אָריגינעל. האָבן חן.

און דער חנוכת הבית, וואָס ווערט געפּראַוועט — אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן —

שמחהדיק, פריילעך, געמיטלעך, משפּחהדיק.

אַלץ בלאַנקט. אַלץ אַזוי יום־טובדיק ניי — די ווענט, די פאָרהאַנגען, לאָמפּן, שטולן.

אַפילו טאַנץ־פּליטן נייע געקויפט. דער דיל אַזוי געל־גלאַנציק געוואַקסט —

כאַטש נעם שוין דריי־אַן דעם גראַמאָפאָן. כאַפּ שוין ווען דיין האַרץ גלוסט און נעם זיך דרייען, נעם זיך גליטשן איבער דעם גע־וואַקסטן דיל.

נאָמבערג, סעגאַלאָוויטש, קיפּניס, איש — די אָרגאַניזאַטאָרן פונם אָוונט. די הויפּט־מחותנים פון דער שמחה. — זיי זענען פאַר־פאָרעט. זיי לויפן אום, גיבן אַרויס באַפעלן, העלפן אַליין אויסשטעלן שטולן, נעמען אויף די פאַרבעטענע געסט.



זוסמאַן סעגאַלאָוויטש

(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

און קיין עין הרע. ווען עמען אויפצונעמען איז דאָ. —

שרייבער, מאָלער, מוזיקער, אַקטיאָרן און סתם ליבהאָבער און ליבהאָבערינס פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער יידישער קונסט און פון ביידע צוזאַמען...

און אַלץ אַזוי היימיש יום־טובדיק, אַלץ אַזוי געמיטלעך פריי —

יוסף העפּטמאַן און זיין ווייבל הדסה. א. ל. יאַקובאָוויטש און זיין ווייבל פּאַני, זרובבל מיט פרידאַן[52]), בועז קאַרלינסקי און רוטאַ קאַרלינסקי, גאַוווזע מיט דער פרוי, בייניש מיכאַלעוויטש, ד״ר לייפונער, ד״ר ביכאָווסקי, יוסף טונקל, זלמן רייזען, א. ליטוואַק, די מאָלער אָסטשעגאַ און פרידמאַן, דער אַרטיסט סטרוגאַטש, דער דרוקער אלעזר קלאָג — ווער מיט מיידלעך, ווער מיט ווייבלעך, ווער אַליין.

און די טיר פאַרמאַכט זיך נישט. און עס שטעלט זיך נישט אָפּ. און מ׳גייט, און מ׳קומט —

הערץ פישמאַן — אַ ייד אַן אויסגעקנעטענער, אַ קיילעכדיקער, מיט קיילעכ־דיקע באַקן, אַ קיילעכדיק בייכל, קיילעכדיקע אויגן, אַ קיילעכדיקער שמייכל און אַפילו דאָס בערדל וואָלט געווען קיילעכדיק — ווען נישט דער שערער, וואָס האָט עס אים אונטערגעהאַקט אין דער ברייט און ס׳זעט אויס ווי אַ בערשטל... ער איז ר׳ משה פריוועסעס אַן איידעם. אַ ייד, קיין עין הרע אַ בעל פּרנסה. אַ ליב־

52) א. ל. יאַקובאָוויטש, זרובבל און פרידא — היינט אין ישראל.

האָבער פון יידישע קונסט און יידישע קינסטלער. העלפט אויך אַרויס, ווען מ׳דאַרף — איז אדרבא ואדרבא. הלוואי אויף אַלע יידישע גבירים געזאָגט געוואָרן...

אלעזר פינעס — אַ שוואַרצער, מיט שוואַרצע בליצנדיקע אויגן, אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, אַ שוואַרץ בערדל און אונטערן בערדל — אַ שוואַרצע ״ליטעראַרישע״ שלייף... ערשט מיט אַ וואָך פריער געווען אַן אָרימער לערער, געוווינט אין אָטוואָצק, זיך געבאָדן אין שווידערער טייכל. היינט — געווינען די ״מיליאָנוווקע״, דאָס גרויסע געווינס פון דער ערשטער פּוילישער נאַציאָנאַלער לאָטעריע. געוואָרן אַ גביר, טראָגט זיך אַרום מיט פּעקלעך באַנקנאָטן. ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט זיי[53])...

איטשע וואַגמאַן — חצי סוחר און חצי בטלן. האַנדלט מיט פוטערס פאַר ווייבער, איז פאַרליבט אין יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער און יידישע שמחות. נאָענטער פריינד פון וויסנבערגן און קאַגאַנאָווסקין. האַלט שטאָל און אייזן פון זשעלעכאָווער אויסלייגעכטס...[54]).

און נפּטלי פּריוועס — דער ״אייזערנער מעצענאַט״. דער, וואָס מיט אַ וואָך צוריק, האָבן שרייבער און קינסטלער אין זיינע גבירישע זאַלן אַ באַהעמישע כוסה געמאַכט...

און אפרים קאַגאַנאָווסקי — דער שטילער, באַהנטער. דער פאַנגער פון וויבערישע הערצער...

פּרץ מאַרקיש — דער שיינער בחור. דער מיטן גרויסן קאָפּ, גרויסער טשופּרינע און גרויסע ״פוטוריסטישע״ עלענבויגנס...

הענריק בערלעווי — דער צאַרטער, נישט בלויז אין דער מאָלעריי, נאָר טאַקע אויך אין זיין אייגענעם, נישט ״קוביסטישן״ אויסזען[55])...

און ערשט די צוויי ״פּרינצעסינס״, וואָס ביידע פאַרבליפן מיט זייער שיינקייט.

וואָס ביידע ציען־צו אַלעמענס בליקן.

איינע קען מען. ריווע גאָלעק. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז זי קומט אין פאַריין. נאָר די צווייטע? די העכערע? די בלאָנדע?...

איז מען נייגעריק. רינגלט מען אַרום. רעדט מען. פרעגט מען.

און מ׳ווייסט שוין. —

מינאַ באָרנשטיין...

אַ שנור פון סאָכאַטשאָווער רבין...

---

53) אלעזר פינעס — היינט אין ישראל.

54) איטשע וואַגמאַן — היינט אין פּאַריז.

55) אפרים קאַגאַנאָווסקי און הענריק בערלעווי — היינט אין פּאַריז.

די פרוי פונם יונגן שרייבער משה באַרנשטיין. דער, וואָס שרייבט זיך מ. ב. שטיין...

אייגנטלעך נישט קיין נייעס אַזעלכענע געסט אין ליטעראַטן־פאַריין. מ׳ווייסט — דער טעמפּל פון דער יידישער ליטעראַטור ציט־צו. מ׳ווייסט — דאָס אַרויפֿקומען צו די שרייבער, איז פאַר אַ יידיש־קולטורעלן בחור און מיידל אַ יחוס־זאַך, אַ כבוד.

מ׳ווייסט, אַז דער היפּנאָטישער צוציאונגס־שטראַל פון טלאָמאַצקע דרייצן, איז לעצטנס אַריינגעדרינגען אין אַ סך חסידישע, רבנישע און אפילו אויך רבישע הייזער.

אַז אויך איצט, צווישן די געסט אין זאַל, געפינט זיך די קלוגע, די געבילדעטע, די מזרח־שיינקייט, חוה־איטע קאַליש — די טאָכטער פון וואָרקער רבין אין אָטוואָצק. אַז צווישן די געסט דאָ געפינט זיך די צאַרטע, די דין־בויגעוודיקע מאַלע כהנא — די טאָכטער פון וואַרשעווער רב, הרב ר׳ שלמה דוד כהנא[56]).

נאָר דאָ, דעם סאָכאַטשאָווער רבינס שנור — מיט איר נישט יידישן אויסזען, מיט איר עקשנותדיקן רעדן פּויליש, מיט אירע אייגנאַרטיקע „הויף־דאַמישע" מאַניערן — איז עס טאָקע עפּעס אַנדערשדיק. וועקט עס אינטערעס. וויל מען זען, וויל מען הערן...

דער זאַל ווערט פול. טייל זיצן שוין ביי טישלעך. אַנדערע שטייען, דרייען זיך אַרום, אָדער זעצן זיך גאָר אויס אין אַ זייט, ביי די ווענט — אַלס „פרייע צושויער"...

אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך דאָ נישט „אַקלימאַטיזירט".

וואָס זענען מיט דער פרייער, באָהעמיש־היימישלעכער שמחה־שטימונג, נאָך נישט איבערגענומען...

נאָר ווען אויף טייל טישלעך באַווייזן זיך שוין פלעשלעך, עס הערט זיך שוין אַ זיס, יידיש פאָלקס־לידל, אַן אַלט ראָמאַנטיש טעאַטער־לידל, פיינע יידישלעכע גלייכווערטלעך, האַרציקע געלעכטערס — ווערט עפּעס אַזוי לייכט. פאַלט אַראָפּ דאָס גאַנצע ביסל אַנגעשטייפטקייט. און מ׳ווערט אַזוי היימיש. מ׳ווערט איין משפחה...

נאָמבערג, טונקל, ווייסנבערג, זינגער, אורי־צבי גרינבערג, ניימאַן, קאַגאַנאָווסקי, מאַרקיש, ברוך שעפנער, שמעון שפיגל, משה־דוד גיסער, משה אינדעלמאַן, נחמן מייזל. אהרן צייטלין, פנחס שוואַרץ, ד. ב. מאַלקין, ד״ר זילבערפאַרב,

---

56) מ. ב. שטיין, חוה־איטע קאַליש, מאַלי כהנא און הרב ר׳שלמה דוד כהנא — היינט אין ישראל.

בייניש זילבערשטיין, לייזער לעווין, מאיר טשודנער, ישראל שטערן חזן אלי הירשין, קלמן קאַמאַשנמאַכער, ד״ר אסתר מאַנגל[57]) —

נישטאָ קיין יונגע און אַלטע. נישטאָ קיין רעכטע און לינקע, קיין גרויסע און קליינע, גוט־באַקאַנטע, אָדער ערשט פריש פון דער נאָדל אַרויס — אַלע היימיש. אַלע איין משפחה. ס'איז יום־טוב היינט. ווער מיר זאָרגן? וואָס מיר טראַכטן? —

און אַז צום רימל פאַלט נאָך אַריין, אַ פאַרשפעטיקטער, מלך ראַוויטש — אין זיין גרינעם מיליטער־מאַנטל פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּ, דער לאַנגער, געלער גאַרטל זעכצן מאָל אַרומגעוויקלט אַרום די לענדן און דאָס היטל האַלב פאַרשטעקט אין אַרבל — ווערט שוין גאָר לעבעדיק, און אַ גאַנץ טישל, מיט טונקעלן, מיט זינגערן, מיט מאַרקישן, מיט פלאַקסערן — שטעלן זיך אויף און נעמען אַנט־קעגנזינגען —


מלך ראַוויטש
(צייכענונג פון חיים האנפט)

אַז דער רבי ראַוויטש מלך
איז געוואָרן לוסטיק, פריילעך,
איז געוואָרן לוסטיק, פריילעך —
ראַוויטש מלך!...[58]).

ראַוויטש איז נישט קיין פנים חדשות אויף טלאָמאַצקע דרייצן. נאָך פאַראַיאָרן דאָ געוועזן צו גאַסט. אפילו אַן אָוונט דאָ געהאַט. נאָר איצט איז ער שוין אַ וואַר־שעווער. געקומען להשתקע. מיטגעבערענגט אַ האַלב טוץ געדרוקטע ביכער זיינע. געוואָרן דאָ די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער גאַנצער וואָגן פון דער טלאָמאַצקער ״מאָדערנער״ דיכטונג...

האָט ער אָנהענגער. האָט ער אויך קעגנער. וואַרפט איינער אַריין אַ גלייכ־ווערטל, אַ צווייטער נעמט דעקלאַמירן עפּעס אַ לידל פון ראַוויטשעס בוך ״נאַקעטע לידער״...

נאָר סעגאַלאָוויטש ברענגט אַריין פון קיך עפּעס אַ האָלצערנעם האַמער. טוט

57) אורי־צבי גרינבערג, שמעון שפיגל, משה אינדלמאַן, ד. ב. מאַלקין — היינט אין ישראל. ברוך שעפנער, נחמן מייזל, אהרן צייטלין, פנחס שוואַרץ — אין ניו־יאָרק. אלי הירשין — פאַריז.
58) מלך ראַוויטש — היינט אין קאַנאַדע.

מיט דעם האַמער אַ קלאַפּ אין טיש, ס׳זאָל זיין שטיל, אַז ס׳הייבט זיך אָן דער אָפיציעלער פּראָגראַם, וואָס איז נישט אָפיציעל. וואָס קיינער האָט אים פון פריער נישט צונויפגעשטעלט...



יוסף טונקל
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

און עס ווערט שטיל. מנחם קיפּניס האַלט אַ וויציקע רעדע וועגן דעם פאַרלוסט פון דער וואַנט נעבעך, צוליב וואָס ס׳וועט שוין נישט זיין צו וועמען צו רעדן... יוסף טונקל האַלט אַ לעקציע וועגן דער זיבעטער מלוכה און אירע: עפּיגראַפישע, קלימאַטישע און אַקראָבאַטישע באַדינגונגען... בן־ציון כיליגאַוויטש מאַכט נאָך, ווי אַ בעלעמער חזן זאָגט ״לכה דודי״... דוד הערמאַן ווייזט ווי אַ קליינשטעטלדיקער נאַר ״כאַפּט״ שכל...

און ד״ר ש. יוריס — אַ פרישער אויף טלאָמאַצקע דרייצן, ערשט נאָר וואָס געקו־מען פון ערגעץ אַ גאַליציאַנער שטעטל — כאַפּט זיך גאָר צו צום עמוד מיט זיינס אַן אייגן לידל. ערשט נאָר־וואָס צונויפגע־שטעלט. אַ קיבעץ טאַקע אויף די שרייבער אַליין...[59]).

זינגט ער דאָס לידל, דער עולם זינגט מיט דעם רעפריין און ס׳איז לעבעדיק. דער עולם ווילט זיך —

ער: — נאָמבערג שרייבער, טאַנצט מיט ווייבער —
בים באַם באָם!
הלל צייטלין, זוכט נאָר שייטלען —
בים באַם באָם!

אַלע: — סעגאַלאָוויטש זייען
האַלט אין שרייען:
לאַפּיטוטן, שפּילט אין קאָרטן —
אוי, ווי, קליסקעלעך מיט באָב!...

ער: — גרינבוים איציק, האַלט דעם סמיטשיק —
בים באַם באָם!
דאָקטאָר שיפּער, אונטערשטיפּער —
בים באַם באָם!

---

59) ד״ר ש. יוריס — היינט אין ישראל.

אַלע: — סעגאַלאָוויטש זייען
האַלט אין שרייען
לאַפּיטוטן, שפּילט אין קאָרטן —
אוי, ווי, קליסקעלעך מיט באָב!...

און ס׳נעמט נישט קיין סוף. ס׳שעפּט זיך נישט אויס. כסדר נייע פערזן, כסדר נייע נעמען. נישט יוריס זינגט שוין. ס׳זינגט שוין דער גאַנצער עולם. אַלע "דיכטען". אַלע טראַכטן גראַמען —

ראַוויטש דיכטער, וועמען זוכט ער?
פּרץ מאַרקיש, שרייבט אויף טאַרקיש —
בערנאַרד זינגער, זויגט פון פינגער,
שוואַלבע נתן, אַן עק פון לויתן,
זרובבל מיט דער באָרד — אַ מלך פון דער קאָרט,
דאָקטאָר יוריס, איז אויף צרות!...

און שוואַלבע — דער יידיש־פּוילישער פּובליציסט, שוין אַביסל בגילופן — שטעלט זיך גאָר אויף, מיט צוויי פלעשער איןביידע הענט:

— יידן! טשעבאַ זראָביטש קידוש!...

נאָר מ׳וואָרט נישט אויף שוואַלבעס עצה. מ׳מאַכט נישט בלויז קידוש. מ׳מאַכט אויך הבדלה —

מ׳קאַרגט נישט ביים גיסן. ס׳גייט אַריין די ברכה. די גלעזלעך גייען איבער. שוין דאָ און דאָרט — גרינלעך־קלעפּיקע פלעקן אויף די טישטעכלעך...

נאָר, ווער קוקט? ווער נעמט זיך דערפון איבער? — מ׳איז דאָך אין טעמפּל פון ליטעראַטור און קונסט... פּאָעזיע פון וואָרט און פּאָעזיע פון פאַרבן... און אויב פּאָעזיע פון פאַרבן — איז פאַר וואָס נישט אויף די טישטעכער?...

זינגט מען ווייטער. מאַכט מען ווייטער גראַמען. און ס׳קומען די אַרטיסטן פון דער ווילנער טרופּע. אויך זיי קומען פריילעכע. קומען צעזונגענע. — ס׳איז היינט זייער צייט, אַנסקי האָט זיי אַ פיינע ירושה איבערגעלאָזט. ס׳איז אין זיי אַ דיבוק אַריין...

אויך די אַרטיסטן פון צענטראַל־טעאַטער קומען. ערשט נאָר־וואָס געענדיקט די פאָרשטעלונג. נאָך רעכט דעם גרים נישט אַראָפּגענומען —

זיגמונט טורקאָוו, אידאַ קאַמינסקאַ[60]), שמואל לאַנדאַ, דוד לעדערמאַן, אייזיק סאַמבערג, זינאַ ראַפּעל, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש...

---

60) זיגמונט טורקאָוו — היינט אין ישראל. אָנפירער פון דעם דאָרטיקן גאָלדפאַדען־טעאַטער. אידאַ קאַמינסקאַ — אין פוילן.

ווי זי האָט זיך עס געביטן, קלאַראַ. ווי זי האָט עס אויפגעלעבט. ווי פריי־לעך, ווי שטיפעריש זי איז עס געוואָרן, זינט זי האָט מיט סעגאַלאָוויטשן חתונה געהאַט. זינט זי איז געוואָרן די אַרטיסטקע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש...

קיין גרויסע ראָלן אין טעאַטער שפּילט זי נאָך נישט. אָבער זי ווייזט אַרויס פעיקייטן. מעגלעך, זי וועט שטייגן. סעגאַלאָוויטש איז זיכער דעריַן...

סעגאַלאָוויטש איז בכלל אין זיבעטן הימל. ער איז פול מיט התלהבות. שטענ־דיק און ביי איטלעכער געלעגנהייט — קלאַראַ און קלאַראַ...

ער זעצט איבער פאַר איר אַ פּיעסע. ווידמעט איר לידער. אויף זיין ביכל "צייטיקע טרויבן", איז געדרוקט: "קלאַראַ! צו דיר מיינע לידער, צו דיר מיין געבעט"...



הענריך בר־לעווי

לויפט ער איר איצט אַנטקעגן, סעגאַלאָ־וויטש. ער שטראַלט פון יום־טובדיקייט. טוט איר אַ קוש אין האַנט. נעמט אַראָפּ פון איר דעם מאַנטל, פירט זי־צו צו אַ טישל.

אין זאַל איז רוישיק־היימלעך. דער גראַ־מאָפאָן שפּילט. דער עולם זינגט־צו. פּאָרלעך וויגן זיך און גליטשן זיך איבערן דיל —

זינאַ ראַפּעל טאַנצט שוין מיט ד"ר זיל־בערפאַרבן. שוואַלבע מיט אידאַ קאַמינסקאַ, פלאַקסער מיטן רב כהנאס טאַכטער, קאַגאַ־נאָווסקי מיט דעם סאַכאַטשאָווער רבינס שנור, בערלעווי מיט קלאַראַן, סעגאַלאָוויטש מיט בעלאַ בעלערינאַ, ווייסנבערג מיט איטשע וואַג־מאַנס פרוי, רוזשע. נאַמבערג יאָגט זיך גאָר מיט פאַני יאַקובאָוויטש. — ער וויל איר דווקא טון אַ קוש...

מ'זאָגט, אַן אַלטע ליבע. אַז איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט יאַקובאָוויטשן, האָט נאַמבערג זיך צו איר געשאַרט.

יאָגט ער זי איצטער. לויפט ער צווישן די שטולן, צווישן די טישלעך. ער לויפט און פאַלט, לויפט און פאַלט...

און ב. איסוראָוויטש — שוין אַ בגילופנדיקער — שטעלט זיך אויף. נעמט פּאַמעלעך גיין אין מיטן זאַל אַריין און רעדט צעצויגן, מיט דעם מיסטישן דיבוק־ניגון:

— דער ליטעראַטן־פאַריין איז געוואָרן אַ טאַנץ־קלאַס!...

# אַ גרופּע יידישע שרייבער



פון רעכטס צו לינקס: מלך ראַוויטש, י. י. זינגער, יוסף אָפּאַטאָשו, פּרץ מאַרקיש, נחמן מייזל.

טאַנגאָ, שימי, פאָקסטראָט, וואַלס...

דאָס טאַנצן הערט נישט אויף. דאָס טאַנצן איז געוואָרן אַ קולט. געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. — ווי אַ מיטל צום שאַפן. ווי אַ לייטערונג פאַר דער מוזע...

און נישט בלויז אויפן חנוכּת הבּית טאַנצט מען. נישט בלויז אויף די פּייער־לעכע אונטן גליטשט מען זיך אויפן דיל —

שטענדיק און צו איטלעכער צייט —

טאַנגאָ, שימי, פאָקסטראָט, וואַלס...

און צווישן איין טאַנץ און אַנדערן — ניי־אַרויסגעגעבענע ביכער. פיינע ליט־עראַרישע זשורנאַלן.

און געסט, געסט...

אַזעלכע חשובֿע, אַזעלכע אַנגעלייגטע געסט —

שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, פּרץ הירשביין, אסתּר שומיאַטשער.



מ׳טאַנצט...

(קאַריקאַטור פון ת. גאָלדבערג)

און ערשט די קליינע, די וווּנדערבאַרע מאָלי פּיקאָן, מיט איר מאַן יעקבֿ קאַליך. עס קאָכט מיט איר די שטאָט. זי האָט איינגענומען וואַרשע מיט איר „יאַנקעלע״, איינגענומען מיט איר „ציפּקע״. געוואָרן דער ליבלינג. מען לויפט אין טעאַטער. מ׳זינגט נאָך אירע לידלעך. און זי — בייטאָג, פאַר דער פאָרשטע־לונג, ביינאַכט, נאָך דער פאָרשטעלונג — שפּילעווודיק, פלאַטערנדיק, דאָ ביי דעם טישל, דאָ ביי יענעם טישל. נישט וויכטיק איז „יאַנקעלע״. מ׳רעדט נישט וועגן „ציפּקע״. שרייבער האָבן ליב קונסט און מאָלי פּיקאָן איז בלויז קונסט.

געסט, געסט...

מען קומט מיט נייגער, מ׳קומט אויף וווּנדער. — וואַרשע... יידיש... טלאָ־מאַצקע... די שמועות דערגייען איבער גרענעצן, דערגייען איבער ימען. עס לאָקט,

מ׳וויל זען, מ׳וויל הערן, געניסן, אַנזאַפּן פולע הערצער מיט פרייד, אָנשעפּן פולע קעשענעס מיט כבוד...

און פונם טישל אַראָפּ, וואָס לעבן דער טיר, אין פּאַרייך, קוקן אַנטקעגן און באַגריסן איטלעכן אַריינגעקומענעם — די קינסטלעריש געצייכנטע הילעס טאָקע פון אַפּאַטאַשוס "פּוילישע וועלדער", פון עוזר וואַרשאַווסקיס "שמוגלער", פון מלך ראַוויטשעס "די וואָג", י. מ. ניימאַנס "שבת־אויבס", אורי צבי גרינבערגס "מעפיסטאָ", פישל בימקאס "רעקרוטן".

און צווישן אַלע — ווי אַ יונגער שקאַצעוואַטער האָן — פּרץ מאַרקישס "די קופּע"...

אמת, פּאָר טייל זענען מאַרקישס "קופּע"־לידער נישט צום פּאַרדייען. אויך די רעדעס זיינע — נישט לייכט צום אַראָפּשלינגען.

און ערשט דאָס זידלען זיך. דאָס אָנרופן אַלע — "שטויב", "שימל", "פוי־לעכטס"...

נאָר אין פּאַרייך זענען אַלע גלייך. אין פּאַרייך קאָן איטלעכער פאַרנעמען אַן אָרט. קאָן איטלעכער פריי און אָפן זיין מיינונג אַרויסזאָגן.

מ׳קריגט זיך אַביסל, צוליב פּאַרמען, מ׳זאָגט זיך אַריין, צוליב שיטות. אָבער — אַלע זיצן ביי די אייגענע טישלעך. אַלע אויף די אייגענע שטולן...

און די טירן זענען אָפן. איטלעכער פרישׂ אָנגעקומענער איז ליב. איטלעך ניי פּנים ווערט מיט פרייד אויפגענומען. ווערט צו דער משפּחה פאַררעכנט.

אמת, נישט שטענדיק גייט עס צו אַזוי גלאַטיק. ס׳טרעפט אויך אַ מכשול. שרייבער זענען אויך מענטשן. — און ביי מענטשן טרעפט אַלץ...

איז רוקט זיך קודם אונטער אַ מעשה רחל וואַלפינגער...

אַ זאַמאָשטשער ווייבל. אָפּגעדרוקט צוויי נישט שלעכטע לידער אין זשורנאַל "רינגען". שרייבט ווייטער. קומט איטלעכן טאָג מיט נייע לידער און די נייע לידער האָבן אַלע איין פּנים. אַלע איין טעמע —

זנות...

און אפשר דאָס אויך נישט... ס׳איז סתם עפּעס אַ מאָדנע שפּייען און טרעטן מיט די פיס אויף אַלעם און אפילו אויף זיך אַליין... סתם אַן אַרויסברענגען בלויז דאָס גראָבע, דאָס מיאוסע, דאָס סעקסועל־חיהשע...

און אָפן, הפקרדיק, אָן דעם מינדעסטן שלייער. אָן דעם מינדעסטן פייגן־בלעטל...

אַזוי וויל זי. אַזוי זעט זי. מ׳טאָר נישט דאָס מיאוסע פאַרהוילן. מ׳דאַרף דאָס גראָבע שמייסן אין פּנים...

איז טומלט זיך. שפּאַרט מען זיך. — איינער זאָגט — "קראַנק", אַ צווייטער — "פאַרדאָרבן", אַ דריטער גאָר — "רעאַלע קונסט"...

נאָר אַן אָנפאַנגערין. נישט קיין מיטגליד אין פאַריין נאָך. — זאָגט מען אַן דעם יינגל ביי דער טיר, אַזוי און אַזוי. נישט אַריינלאָזן און — שוין. דער ענין איז פאַרענדיקט. מ׳רעדט שוין נישט מער — ווי ס׳וואָלט גאָר קיין רחל וואָלפינגער אויף דער וועלט נישט עקזיסטירט...

איז מילא, נישט קיין גרויסער שאָדן. און אַז אפילו יאָ? — ווער טראַכט דען? ווער האָט דען צייט דערצו?

אָבער, וויסנבערגן?... דעם שוין אַזוי אָנערקענטן שרייבער וויסנבערג?... דעם מחבר פון ״שטעטל״ און פון דעם ״טאָטן מיט די בנים״ — אים זאָל מען אויסשליסן פון פאַריין?... ביי אים זאָל מען אויף אַ יאָר צונעמען דאָס רעכט פון זיין אַ מיטגליד אויף טלאָמאַצקע דרייצן?...

ניין. דאָס לייגט זיך שוין נישט אויפן שכל. דאָס איז גאָר שווער צום געדאַנק דערלאָזן.

דאָך... שוואַרץ אויף וויס... דאָס צעטל אויף דער וואַנט דערציילט עס...

ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט די פאַרוואַלטונג פון פאַריין זיך דעצי־דירט אויף אַזאַ זאַך?

מילא, איר זעט דאָך...

— און פאַר וואָס?

פאַר שמעון האָראָנטשיקס בוך...

און די מעשה איז אַזעלכע:

אין שמעון האָראָנטשיקס ראָמאַן ״פאַרפלאָנטערטע וועגן״, איז דער העלד, צוויק — וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ דראַמאַטישע ליבע — אויך געבענטשט מיט שרייבערישע פעיקייטן. איז אָט, אין איינעם אַ טאָג, פאַרט דער דאָזיקער שריי־בער־קאַנדידאַט אַראָפּ קיין וואַרשע, וועגן אַרויסגעבן זיין ווערק. ער וואַנדערט פון איין פאַרלאַג אין אַנדערן. פאַרבלאָנדזשעט אויך אויף טלאָמאַצקע דרייצן און דאָ גייט אַוועק אַ שילדערונג פון דעם פאַריין, מיט אַלע, וואָס קומען דאָרט אַריין — אַז פשוט ס׳כאַפּט אָן אַ רחמנות אויף זיך אַליין...

און ס׳איז קלאָר — געטון האָט עס וויסנבערג...

ער וויסנבערג, וועלכער האָט רעדאַגירט און אָפּגעגעבן צום דרוק האָראָנ־טשיקס בוך — האָט דאָס קאַפּיטל וועגן ליטעראַטן־פאַריין באַאַרבעט, אָדער — איינגאַנצן אַליין אָנגעשריבן...

איבעריקנס, לייקנט ער עס גאָרנישט, וויסנבערג. ער האָט עס טאַקע געטון.

פאַר וואָס? — ווייל אַזוי זעט ער דעם פאַריין... ווייל דער ליטעראַטן־פאַריין און באַזונדער, די ״בעלעטריסטן־גרופּע״ — לאָזן נישט צו קיין יונגע טאַלאַנטן... מאַכן זיי שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן זייערע ביכער... ווילן אַריינכאַפּן אַלץ פאַר זיך...

מ׳ווייסט, ס׳איז אַביסל איבערטריבן. מ׳ווייסט, אַז וויסנבערג האָט, אין דעם

צוגעשריבענעם קאַפּיטל, אַביסל צופיל „אַריינגעזאָגט”. מ׳קאָן פאַרט פון דעם ליטעראַטן־פאַריין, מיט די מיטגלידער זיינע נישט מאַכן אַזאַ קאַריקאַטור.

אָבער — אויסשליסן? אַזוי איינס־צוויי וויסנבערגן אויסשליסן פון ליטע־ראַטן־פאַריין?...

רעדט מען, פּראָטעסטירט מען, זאַמלט מען אונטערשריפטן, אויף צונויפ־רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און — ס׳איז לעבעדיק אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

און אַלץ אויף דעם „טלאָמאַצקישן” שטייגער —

לייכט, געמיטלעך, נישט געשריגן, נישט געקאָכט זיך.

און טאָמער טוט נאָמבערג דאָך אַ קלאַפּ אין טיש און זיין קול הערט זיך העכער, ווי מ׳איז עס געוווינט — האָט דאָך אַפּעלבוים די ווענט באַשלאָגן מיט זעק און די זעק — זיי זאַפּן אַלץ איין...

# די גרויסע וואַכנאַכט

הונדערט יאָר יידישע פרעסע. — „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסל״. — ווייסנבערגן געפעלט נישט דער „קוויטש״. — אפרים קאַגאַנאָווסקי וועגן י. ל. פרצעס „ווינקעלע״. — אַ וואַכנאַכט אויף טלאָמאַצקע דרייצן. — דער „היינט״ איז יאַצקאַן און יאַצקאַן איז דער „היינט״...

אָנהייבן הייבט זיך דער טאָג אָן, כמעט ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר —

ר׳ יחיאל פאַסענשטיין — דער אַדמיניסטראַטאָר פון הויז, ווו ס׳געפינט זיך די רעדאַקציע — קומט אַריין איבערזינגען דעם נייעסטן ניגון, וואָס ער האָט נעכטן געהערט אין מאַדזשיצער שטיבל... דער גלח קאַרפען — פון דער אַנט־קעגנדיקער קירכע — קומט נאָכן ״היינט״, וואָס ער לייענט אַלע טאָג און קיפּניס כאַפּט דערווייל מיט אים אַ שמועס אויף יידיש... עמיצער פרעגט דורכן טעלעפאָן, ווען עס פאַלט אויס עשרה בטבת... י. מ. ווייסנבערג קומט וועגן אַן אַרטיקל, וואָס איז וועגן אים אין ״היינט״ געדרוקט...

און אַז ווייסנבערג קומט אין רעדאַקציע, רעדט ער שוין נישט בלויז וועגן דעם אַרטיקל זיינס.

ווען ער קומט זיך צונויף מיט חברה שרייבער, קאָן ער זיך שוין נישט איינ־האַלטן, ער זאָל נישט רעדן וועגן ליטעראַטן־פאַריין און וועגן די ״ליטוואַקעס״, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פאַרוואַלטונג...

רעדט ער וועגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פרייטיק צו נאַכטס פאָרגעקומען און — לויט מ׳האָט אים איבערגעבן — האָט מען אויך אים געהאַט אויפן טיש...

רעדט וועגן די אַלע באַשלוסן, וואָס זענען אויף דער פאַרזאַמלונג געוואָרן אָנגענומען. וועגן דער אַקאַדעמיע און וועגן דעם יום־טוב פון דער יידישער פרע־סע, וואָס דער ליטעראַטן פאַריין גרייט צום הונדערט יאָריקן יובל, זינט אין וואַרשע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין די ערשטע יידישע צייטונג[61]). ער דערמאָנט אויך דעם ״פריינט״, דעם ״וועג״, ״אונזער לעבן״, ״היינט״.

61) „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסל״ — וואָכנבלאַט, האַלב אין יידיש און האַלב אין פויליש. אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע, פון דעם 7־טן דעצעמבער 1823, ביז דעם 29־טן סעפּטעמבער 1824 — אונטער דער רעדאַקציע פון אַנטאָני ראָזענבוים.

און דאָ הייבט זיך עס אָן. — דעם "היינט" אָנרירן איז אַן אידעלע זאַך.

מישט זיך שוין אַריין אהרן גאַוווזע. ער רעדט גיך, מיט ברען און אין די אויגן שפּילן זיך פייערלעך:

— איר האָט אַ באַגריף וועגן די חבלה לידה?... כ'מיין, ווען דער ערשטער נומער "היינט" האָט געדאַרפט געבוירן ווערן?... דריי נעכט איידער ס'איז אַרויס דער נומער, האָט קיינער פון אונז קיין אויג נישט פאַרמאַכט... אויך אין דער אמתער וואַכנאַכט, אַלע פיר זייטן זענען שוין געווען געשטעלט — האָט נאָך יאַצקאַן קיינעם נישט געלאָזט דעם קאָפּ אָנשפּאַרן. די געווינערינס — האָט ער געזאָגט — ווי די געווינערינס, נאָס ס'קינד דאַרף זיין אַ געראָטנס...

אַ רגע בלייבט ער שטיל, גאַוווזע. ער קוקט אַ טריומפירנדיקער אויף די מיט־שמועסער און טוט אַ פרעג:

— נו, אפשר נישט קיין געראָטן קינד?

— אַזוי געראָטן, ווי די געווינערינס...

דאָס פאַלט אַריין ווי אַ באָמבע. —

זאָגן זאָגט עס ווייסנבערג...

גאַוווזע טוט זיך אַ הייב פון אָרט און זעצט זיך באַלד צוריק:

— מיט וואָס טויגן מיר עס נישט?

— און איך האָב עס נישט געזאָגט... איך האָב נישט געזאָגט, אַז איר טויגט נישט... נאָר איך האָב פיינט דעם טאָן... איך האָב פיינט דעם קוויטש... איך וואָלט געזאָגט — דאָס יאַצקאַנישע אַראָפּלאָזן זיך צום געשמאַק פון דער גאַס...



איטשע־מאיר ווייסנבערג
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

אינסטינקטיוו ווענדן אַלע די בליקן צו דער טיר פון רעדאַקטאָר־צימער, דאָס פעלט נאָך — יאַצקאַן זאָל הערן וועגן אים אַזאַ לשון...

זינט יאַצקאַן האָט צוריק די רעדאַקציע איבערגענומען, איז ער אַזוי אויך שטענדיק אָנגעברוגזט. האַלט ער אַזוי אויך אין איין האָבן טענות. אין איין דענער־ווירן זיך...

ווערט שטיל. די שטימונג איז אַן אָנגעשטרענגטע. נישט קיין אָנגענעמע.

מיט דעם געדאַנק, ווייסנבערגס, איז אפשר נאָך ווער מסכים. אויך נאָך ווער וואָלט אפשר דאָס אייגענע געזאָגט. נאָר אויב ווייסנבערג האָט עס שוין געזאָגט — איז מילא, שווייגט מען...

וויגט זיך איינהאָרן אין דער ברייט, ביים אויוון און קוקט סתם אַזוי צום



1) ב. קאַרלינסקי, 2) א. איינהאָרן, 3) א. גאָלדבערג, 4) י. העפּטמאַן, 5) א. געלבערג, 6) מ. אַפּעלבוים, 7) ש. וואָלמאַן, 8) ד״ר י. גאָטליב, 9) מ. ראַקאָווסקי, 10) מ. חייקין, 11) ח. פינקעלשטיין, 12) וו. שולמאַן, 13) מ. ווידרעוויטש, 14) א. לערמאַן, 15) ב. כילינאָוויטש, 16) י. פּערלע, 17) יעקב באָרענשטיין, 18) א. ליטוואַק, 19) ז. סעגאַלאָוויטש, 20) אלחנן צייטלין, 21) הלל צייטלין, 22) פּועה ראַקאָווסקי, 23) מ. בערנהאָלץ (סעלים), 24) ב. קוטשער, 25) ב. קרעמער, 26) ד. תאומים, 27) נח פּאָרטנאָי, 28) ד״ר א. גליקסמאַן, 29) אהרן צייטלין, 30) עווא באָראָווסקי, 31) ח. גאָלדבערג, 32) י. קירמאַן, 33) ש. פיינקינד, 34) י. טונקל, 35) י. לעוו, 36) מ. ריבייזן, 37) מ. מ. הורוויטש, 38) י. י. פּראָפּוס, 39) ב. ראָזען, 40) י. בערקמאַן, 41) י. מ. ברוין, 42) מ. ראַוויטש, 43) ל. לעווין, 44) ש. זאַגאַן, 45) ש. שפּיגל, 46) א. קליינמאַן, 47) מ. לייזעראָוויטש, 48) ד״ר מ. קאַמעניעצקי, 49) ש. וואָלקאָוויטש, מ. מעטראָפּאָליטאַנסקי, 51) א. גראַפּמאַן, 52) ל. קעסטין.

סופיט... קרעמער צייכנט מיט אַ בלייפעדער קיפּניסן... קיפּניס שפּילט זיך מיט דעם קאָזעלע פון זיין "היסטאָרישן" שטעקן...

נאָר גאָלדבערג טוט אַ וואָרף מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פון זיך עפּעס אַ שווערע זאַך אַראָפּגעוואָרפן. מיט אַלע צען פינגער פוןביידע הענט, פאַרקעמט ער די הויכע, שוואַרצע "טשופּרינע" און טוט אַ זאָג, ווי סתם אַזוי, אין דער זייט אַריין:

— עט... נאַרישקייטן...

וויסנבערג קוקט אים אָן:

— און ביי אייך הייסט עס נאַרישקייטן?... און ביי אייך הייסט עס, אַז דאָס גאַנצע ביליקייט...

נאָר גאָלדבערג שלאָגט אים איבער:

— מען קאָן פונדעסטוועגן אַזוי נישט זאָגן. יאַצקאָן איז פּאָרט געווען דער ערשטער און אפשר דער איינציקער, וואָס האָט די צייטונג־אַרבעט ביי יידן דער־הויבן צו אַ קונסט. עס זענען געווען צייטן, ווען יאַצקאָן האָט אַליין איבערגעשריבן כמעט דעם גאַנצן טעכנישן מאַטעריאַל פון דער צייטונג. ער האָט געוואָלט צו־טראָגן דעם שטאָף פאַרן לייענער אין אַ לייכטער, פאַרשטענדלעכער, אָבער גלייכ־צייטיק — אין אַ ריינעם, געשליפענעם יידיש. יאַצקאָן האָט געשטרעבט צו געווינען נייע לייענער־קרייזן, געשטרעבט צו דערציען אַ יידישן לייענער.

— און מיט וואָס? — מיט סענסאַציע? מיט שונד־ראָמאַנען?

— נישט ריכטיק! — מיט זיין קינסטלעריש־ליטעראַרישן קרן פון דער צייטונג, פאַר וועלכן יאַצקאָן האָט אַזוי פיל אָרט אָפּגעגעבן. אונטער זיין רעדאַקציע האָט אין "היינט" מיטגעאַרבעט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס איז דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, אַש... אָט גייט אפרים קאַגאַנאָווסקי... ער קאָן אויך וועגן דעם עפּעס זאָגן...

יאָ, קאַגאַנאָווסקי איז דאָ, מיט זיין שטענדיקן שמייכעלע אויף די ליפּן, בלייבט ער שטיין אין טיר און באַלד מיט אַ וויץ:

— און וואָס איז אויף דער גרויסער אסיפה באַשלאָסן געוואָרן?

קיפּניס וואַרפט אַריין:

— וויסנבערג רעכנט זיך אָפּ מיט יאַצקאַנען.

נאָר גאָלדבערג לאָזט נישט אָפּ:

— אדרבא, זאָל קאַגאַנאָווסקי זאָגן. ער ווייסט דאָך יאָ, וויפל יאַצקאַנען האָט געקאָסט מי און מאַטער, איידער ער האָט אַריינגעקריגן פּרצן אין "היינט". אדרבא, קאַגאַנאָווסקי. מ'דאַרף עס הערן.

און קאַגאַנאָווסקי לאָזט זיך נישט בעטן. — רעדן וועגן פּרצן ווערט ער קיינמאָל נישט מיד.

נעמט ער אַ שטול, זעצט זיך דערויף רייטנדיק, פאַרלייגט ביידע הענט אויפן

אָנלען, פאַרזשמורעט די אויגן און הייבט אָן שטיל, פּאַמעלעך — ווי ס׳וואָלט אים געווען אַ שאָד צו גיך דאָס אַלץ אָפּצופּטרן...

— וועגן דעם, אַז יאַצקאַן ווענדעט אָן אַלע מיטלען, דאָס פּרץ זאָל אָנהייבן אַרבעטן אין „היינט", האָט מיר פּרץ עטלעכע מאָל דערציילט. איינמאָל בין איך אפילו אַליין געווען דערביי, ווען נח פּינקעלשטיין איז געקומען צו פּרצן, אויף צעגליאַנע איינס, ער האָט גערעדט העכער אַ שעה צייט, ביז פּרץ איז אַהיימגע־קומען אויף מיטאָג. דער שמועס איז געווען אַ קורצער. פּרץ האָט נישט געזאָגט יאָ און נישט געזאָגט ניין. ער האָט בלויז געענטפערט: — „דערווייל בין איך פאַרנומען. מ׳עט זען"... ערשט אין אַ דריי וואָכן אַרום, איך קום אַרויס אין גאַס, דערהער איך אַ סענסאַציע — פּרץ איז געוואָרן מיטאַרבעטער אין „היינט"... אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט זיך געקאָכט. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, פּרץ זאָל ווערן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין אַ טאָגצייטונג. די פרומע פּרץ־אָנהענגער זענען געווען אויפגעבראַכט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז פּרץ ווערט דערמיט וואָכעדיק...

גאָלדבערג טוט זיך אַזש אַ הייב אויפן בענקל:

— וואָכעדיק...

און קאַגאַנאָווסקי באַמערקט:

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויך אַזוי געהאַלטן. איך בין דעריבער אָן אַנגעלאָדענער מיט די אַלע טענות, גלייך אַוועקגעלאָפן צו פּרצן. איך קום אַריין — פּרץ גייט מיר אַנט־קעגן: — „איר האָט שוין געהערט די נייס"? — „וועגן וואָס"? — נו, וועגן מיין מיטאַרבעט אין „היינט". — „יאָ, כ׳האָב געהערט". און איך גיב אים איבער אַלץ, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין גאַס. איך גיב אים איבער די מיינונג אין די ליטעראַרישע קרייזן.



אפרים קאַגאַנאָווסקי
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

גאָלדבערג האָט נישט קיין געדולד:

— נו־נו?

— פּרץ הערט מיך אויס. שמייכלט. נעמט מיך אָן ביי דער האַנט. פירט מיך־צו צו אַ שטול. אויך אַליין זעצט ער זיך: — „איר פאַרשטייט?... איך האָב איינגעזען, אַז דער „היינט" האָט אַ שליחות... דער „היינט" האָט געפונען דעם וועג צום לייענער... ער איז אויפן וועג צום בעסערן יידן... צו דעם ייד, וואָס קומט אַרויס פון אַ בעסערער דערציאונג... וואָס קומט פון ספר... און דער, וואָס קומט פון אַ שטוב מיט אַ ספר — איז אַ גוטער לייענער... אַלע זשורנאַליסטישע

מיטלען, וואָס יאַצקאָן האָט אָנגעווענדעט צו פּאַראינטערעסירן און געפינען דעם לייענער — קאָנען מיר נישט שאַדן... צוליב דעם טאַקע עפן איך מיין ווינקעלע אין "היינט"... דורכן "היינט" וועל איך אין מיין ווינקעלע געפינען אַ ברייטן לייענער־עולם, מיט וועמען זיך צו טיילן מיט אַלע מיינע געדאַנקען און שאַפונגען... איך האַלט, אַז איך טו אַ גרויסע זאַך — וואָס איך וואָלט עס דאָך נישט געטון אין קיין אַנדער צייטונג, ווי אין "היינט"...

ווייסנבערג טוט זיך מיטאַמאָל אַ ריס פון אָרט:

— און איך האָב שוין נישט, וואָס צו הערן...

ער לויפט־צו צו דער טיר. בלייבט מיטאַמאָל שטיין, דרייט זיך האַסטיק אויס און וואַרפט אַריין:

— אַלץ איינס... דער "היינט" איז יאַצקאָן און יאַצקאָן איז דער "היינט"!...

---

דאַנקען גאָט. שוין נאָכן טומל. מ'קאָן עפּעס טון...

אַ נס, ס'איז דאָ אַ טעלעפאָן אויף דער וועלט און פרוי גאָלדבערג האָט געקאָנט דערמאָנען איר מאַן, אַז הגיע זמן של מיטאָג...

אַז שוין צייט מפסיק צו זיין דאָס "מוטלען"...

איצט וועט מען כאָטש רואיק קאָנען עפּעס אָנשרייבן...

נאָר —

דאָס רעדאַקציע־יינגל קומט אַריין:

— הער יאַצקאָן בעט אייך!...

יאַצקאָן איז אויפגעלייגט. ער זיצט אָנגעשפאַרט אין זיין ברייטן פאָטעל. ביידע פיס האַלט ער אויף אַ שטול און מיט דער הילצערנער ווירע פּאַטשט ער זיך איבער דער פלאַך פון דער האַנט:

— זיצט.

— אַ דאַנק.

— איר וועט מאַכן די הומאָריסטישע אָפּטיילונג.

— פאַרן "היינט"?

— יאָ.

— און פּנחס קאַץ?

— ווער? פּינקע? — פּינקע האָט גענומען אורלויב.

— מילא... אַז מען דאַרף...

— אָבער, נאָך היינט מוז איך האָבן די גאַנצע אָפּטיילונג.

— כ'וועל זיך באַמיען.

איך גיי אַרויס פון קאַבינעט. אָבער דער ענין איז מיר עפּעס נישט קלאָר.

יאַצקאַן האָט דעם "פּינקע" צופיל אונטערגעשטראָכן. עפּעס דאַרף דאָ זיין נישט גלאַטיק, מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

שאַר איך זיך צו צום טעלעפאָן, קלינג־אָן אין ליטעראַטן־פאַריין, בעט־צו דעם סעקרעטאַר רייכענבערג, גיב אים איבער די גאַנצע מעשה און רייכענבערג ענטפערט:

— פּנחס קאַץ האָט אונז געמאָלדן, אַז יאַצקאַן האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

— פאַר וואָס?

— דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַליין גענומען אורלוויב.

— הייסט עס, אַז ס'איז אַ סיכסוך?

— יאָ.

הייבט זיך אָן אַ מעשה. גיי זאָג יאַצקאַנען, אַז איך וועל נישט מאַכן די אָפּ־טיילונג. בלויז ביים געדאַנק, ווערט שוין קאַלט...

נאָר מען מוז זאָגן. זאָל ער נישט מיינען, יאַצקאַן, אַז איך וועל אים דינען. זאָל ער נישט מיינען, אַז...

האַ... ווען איז ער אַריינגעקומען, יאַצקאַן?... זעט אויס, ווי אַריינגעגנבעט זיך... אוודאי געהערט דעם שמועס דורכן טעלעפאָן...

ער קוקט שאַרף אָן:

— היינט איז מיטוואָך...

— נו?

— מוז איך היינט האָבן ס'גאַנצע מאַטעריאַל...

נעם איך זיך שוין אָן מיט מוט:

— איך וועל נישט שרייבן...

— וואָס!?

— מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז קאַץ האָט מיט אייך אַ סיכסוך.

יאַצקאַנס פּנים צינדט זיך אָן:

— מיט יאַצקאַנען האָט מען נישט קיין סיכסוכים! פּינקע וועט אין "היינט" נישט אַרבעטן. — ער וועט פליען!...

— טאַקע דערפאַר... איך וועל נישט שרייבן...

— וועט איר פליען צוזאַמען מיטן יונג...

— פאַרפאַלן... איבעריקנס, איז עס שוין אַן אָפיציעלער סיכסוך... קאַץ האָט וועגן דעם געמאָלדן אין פאַריין...

און ווי אַ באָמבע וואָלט מיטאַמאָל אויפגעריסן:

— וואָס?... וואָס האָט איר געזאָגט?... דער פאַריין איז מיר שוין בעל הבית? דער פאַריין איז מיר שוין רעדאַקטאָר?... יאַצקאַן לעבט שוין נישט?... יאַצקאַן איז געשטאָרבן?...

ער לויפט־צו צו דער טיר, אָבער קערט זיך באַלד צוריק:
— הערט, יונגנ!... אייער פאַריין האָט ביי מיר גאָרנישט, וואָס צו זאָגן... איר האָט דאָך פריער געהערט וויסנבערגס דרשה: — דער "היינט" איז יאַצקאַן און יאַצקאַן איז דער "היינט"... און אויב איר וועט נישט מאַכן די אָפּטיילונג...
איך הער נישט מער. איך טו זיך אַ ריס פון אָרט. לויף גיך אַרויס. לאָז זיך איבער דעם גרויסן אַספּאַלטירטן הויף און אין די אויערן קלינגט מיר נאָך אַלץ — דער "היינט" איז יאַצקאַן און יאַצקאַן איז דער "היינט"...

---

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן? —
מ'האָט דאָך געמיינט, אַז יאַצקאַן הערט נישט, וואָס מ'רעדט וועגן אים. געמיינט, אַז וויסנבערגס "רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען" דערגייען גאָרנישט צו זיינע אויערן.
און דאָ — אַזאַ קאָכעניש.
אין "היינט", אין "מאָמענט", "פאָלקסצייטונג", "ייד", טלאָמאַצקע דרייצן — ווער ערנסט, ווער מיט לייכטקייט. נאָר אומעטום הערט מען —
דער "היינט" איז יאַצקאַן און יאַצקאַן איז דער "היינט"....
צי האָט יאַצקאַן פאַראיבל אויף וויסנבערגן? — שווער צו זאָגן, טייל האַלטן, פאַרקערט — אַז יאַצקאַן איז גאָר צופרידן. אַז די דאָזיקע ווערטער, וויסנ־בערגס, שמייכלען אים גאָר...
ווען אַנדערש — וואָלט ער דאָך די ווערטער נישט אַזוי אָפּט איבערגעחזרט. וואָלט ער זיי — אין זיין שמועס מיטן פאַריין־סעקרעטאַר — נישט אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן...

און פון אים טאַקע, פונם סעקרעטאַר, ווייסט מען עס —
ס'איז געווען דער סאַמע ברען פון מיטאָג. אַלע טישלעך פאַרנומען.ביידע קעלנערקעס, אין ווייסע פאַרטעכלעך, לויפן אַהין און צוריק, מיט פולע און שוין אויסגעליידיקטע טעלער — פאַלט ער אַריין, דער סעקרעטאַר:
— אַ נייער סיכסוך...
— וואָס איז געשען?
— יאַצקאַן האָט געמאָלדן, אַז אויב קוטשער וועט נישט מאַכן די הומאָריס־טישע אָפּטיילונג — שטעלט ער מאָרגן אינגאַנצן אָפּ דאָס אַרויסגעבן דעם "היינט"...
— אַזוי גאָר?
דער סעקרעטאַר איז אינגאַנצן ווי צוטומלט:
— וואָס פאַר אַ גוואַלדן ער האָט עס געמאַכט, יאַצקאַן. "זאָגט זיי דאָרט,

אייער חברה — האָט ער געשריגן אין טעלעפאָן — אַז קיינער איז נישט קיין בעל הבית איבערן "היינט"... אַז קיינער האָט נישט צו זאָגן, וואָס מען זאָל אין "היינט" יאָ דרוקן און וואָס נישט... אַז דער "היינט" איז יאַצקאָן און יאַצקאָן איז דער "היינט"...

און שוין. דאָס איז עס. פון פאַריין טראָגט מען עס איבער אין די רעדאַקציעס, פון די רעדאַקציעס — ערגעץ אַנדערש...

דער עיקר — ס'איז לעבעדיק.

ס'טומלט זיך אין דער יידישער זיבעטער מלוכה...

---

שוין לאַנג נאָך מיטאָג. דער עולם איז אומגעדולדיק. אויף טייל ליגט דער שווערער עול פון רעדאַקציע־אַרבעט. אַנדערע דאַרפן סתם דאָס, אָדער יענץ דערליידיקן. נאָר ווי קאָן מען אַוועקגיין? ווי קאָן מען נעמען און דאָס אַלץ אָט אַזוי איבערלאָזן?...

עפּעס אַ קלייניקייט — יאַצקאָן שרעקט מיט אָפּשטעלן דעם "היינט"...

אמת, נישט אַלע נעמען עס אַזוי טראַגיש. טייל האַלטן, אַז יאַצקאָן וועט ווערן ווייכער. אַנדערע מיינען, אַז דער פאַריין וועט שוין געפונען עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי אים ווייכער צו מאַכן. נאָר — היימלעך איז, קאָכן קאָכט זיך און בייגעריק איז מען אויך אַביסל.

זיצט מען ביי די טישלעך. מ'לויפט פון איין זאַל אין צווייטן. מ'זאָגט, מ'פרעגט, מ'הערט און אַלע מאָל לויפט אַנאַנדערער צום פענצטער. כאַפּט אַן אַנ־דערער אַ קוק אַנטקעגן, אויף עפּשטיינס זייגער:

— אָ, שפּעט... מ'מוז גיין...

נאָר גיין גייט מען נישט...

מ'שטייט אויף אין פוס. מ'רעדט גיך. מ'כאַפּט אַריין נאָך אַ וואָרט, נאָך אַ וויץ...

מ'וויסט שוין — די פאַרוואַלטונג זוכט אַרום פנחס קאַצן. מ'וויל, ער זאָל קומען צו דער עקסטרע זיצונג, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען. נאָר קאַץ איז נישטאָ. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין אָטוואָצק.

אין פאַריין קומען ד"ר גרשון לעווין און פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן. טייל האַלטן, אַז זיי ווילן פאַרמיטלען. ד"ר לעווין טענהט, אַז מ'קאָן נישט צונעמען ביי אַ צייטונג אירס אַ שטענדיק איינגעפירטע רובריק. פאַר אים איז קלאָר, אַז אויב דער, וואָס פירט די רובריק גייט אין אורלויב — דאַרף עס מאַכן אַן אַנ־דערער... באַלאַבאַן האָט אפילו אַן אַנדער מיינונג. ער האַלט, אַז דאָס דערוויטערן קאַצן פון "היינט", איז אַ שרעקלעכע זאַך און מען טאָר עס נישט דערלאָזן. ער

מיינט אָבער, אַז מען דאַרף דעם ענין דערליידיקן "דעליקאַט" און מען טאָר אין קיין פאַל נישט דערלאָזן, אַז דער "היינט" זאָל זיך אָפּשטעלן...

הינטער די אויגן לאַכט מען פון זיי. מ'האַלט, אַז דער פאַריין טאָר זיך נישט אָפּשרעקן פאַר יאַצקאַנס דראָענגען. ער וועט די צייטונג נישט אָפּשטעלן.

און דער שטענדיק ערנסטער משה דוד ווידרעוויטש — וואָס האָט נאָך אין "המליץ" געשריבן הומאָרעסקן — ער פאַרשטייט בכלל נישט:

— וואָס איז? — מ'מוז האָבן וויצן?... מ'קאָן אָן דעם נישט לעבן?...

---

שפּעט. דער גרויסער לאָמפּ, אין מיטן זאַל, רוט שוין לאַנג, מיט מאַט אויס־געלאָשענע אויגן. די צוויי פּאָדערשטע ווינקל־לעמפּלעך וואַרפן נאָך אַ מאָגערן שיין אויף די טישלעך, וואָס לעבן דער טיר פון קאַנצעלאַריע. זיי קוקן אַראָפּ מיט מידקייט אויף די פּאָר מענטשן דאָרט און ס'דאַכט זיך — אָט אָט, שלאָפן זיי אויך איין...

ווייט נאָך האַלבע נאַכט. שוין לאַנג פאַרענדיקט מיט די קאָרטן, מיטן שאָך, מיט די אַלע דיסקוסיעס און קאַמפן איבער "אַלטע" און "נייע" פאָרמען.

נאָר מ'זיצט. —

אינעווייניק, אין קאַנצעלאַריע, גייט נאָך אַ פּילפּול. די פאַרוואַלטונג איז נישט אייניק.

פון פאַרנאַכט אָן — כסדרדיקע זיצונגען.

איבערגעריסן און צוריק באַנייט, איבערגעריסן און צוריק באַנייט.

און כסדר — בריוועלעך, טעלעפאָנען, "עצה־געבער", "פאַרמיטלער".

מ'ווייסט — די באַמיאונגען גייען אין דער ריכטונג, אַז יאַצקאַן זאָל קאַצן נישט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. נאָר יאַצקאַן איז האַרט. ער וויל דערפון אַפילו נישט הערן.

איז דאַרף די פאַרוואַלטונג איצט באַשליסן, ווי צו האַנדלען.

וואָרן, יאַצקאַן האַלט זיך ווייטער ביי זיינס — אָן אַ הומאָריסטישע אָפּטיילונג וועט ער דעם פרייטיק־נומער נישט אַרויסלאָזן.

נאַטירלעך — נישט אַלע, דאָ אין זאַל, זענען אין דעם ענין אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס דער גאַנצער ענין, מיט יאַצקאַנען און מיטן "היינט", גייט זיי אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. נאָר וואָס דען? — דער לאָקאַל איז אָפן, מאַקס נייקראָן — דער בופעט־אייגנטימער — דערמאָנט נישט וועגן שליסן די טירן. — וואָס זשע דאַרף מען זיך יאָגן?...

"אַנאַליזירט" משה לייזעראָוויטש אַ פּאַרטיע שאָך, וואָס ער האָט נאָך פריער פאַרשפּילט צו הערשל הימלפאַרבן. ברוך גלאַזמאַן דערציילט עפּעס אַן עפּיזאָד

פון זיינס אַ פאַרלעזונג אין דעם שטעטל קאָזשעניץ. דער מאָלער, ישראל טיקאָ־טשינסקי, מיט ה. ד. נאָמבערגס זון, אלעזר, שפּאַרן זיך וועגן עפּעס אַ ביבלישע "בלעך" פון מאַרק שוואַרצן און ישראל שטערנס ברודער, הערשעלע — וואָס בייטאָג איז ער אַ קאָמאַשנמאַכער און אין אָוונט אַן אַקטיאָר — נעמט גאָר "אי־בערזאָגן" אַ דרשה וועגן דער חברה ש״ס, נאָלעווקעס ניין און דרייסיק...

און דאָ, אינגאַנצן אומגעריכט, קומען גאָר אָן די אַרטיסטן שמואל לאַנדאָ, הערמאַן פישער און וולאַדעק גאָדיק.

זיי זענען, צוזאַמען מיט אסתר־רחל קאַמינסקאַס טרופּע, אַרויס פון צענטראַל־טעאַטער, גרייטן זיך פאָרן אויף אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ און פאַרן פאָרן איז די טרופּע זיך צונויפגעקומען אין "פּיקאַדילי", געמאַכט צוזאַמען אַ כוסה.

און איצט, גייענדיק אַזוי, פון "פּיקאַדילי", גיבן אַ קוק אין פענצטער — אין ליטעראַטן־פאַריין איז ליכטיק...

מילא, ווערט אין זאַל אַביסל היימלעכער. נייקראָן גיסט אָן פרישע גלעזער טיי. הערשעלע שטערן זאָגט נאָכאַמאָל איבער די פריערדיקע דרשה וועגן דער חברה ש״ס. גאָדיק פּרובירט די דרשה נאָכזאָגן. נאָר לייזעראָוויטש שלאָגט אים איבער. אים אינטערעסירט בעסער די הינטער קוליסן מעשיות. ער וויל הערן וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין צענטראַל־טעאַטער. וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס האָט שיר נישט דערפירט צו אַ מחלוקת צווישן אַרטיסטן־פאַריין מיטן ליטעראַטן־פאַריין...

און פישערן דאַרף מען נישט לאַנג בעטן. ער נעמט דערציילן, ווי די צוויי אַרטיסטקעס האָבן זיך געפּאַטשט, אַראָפּגייענדיק פון דער בינע. ווי די פאַרשטע־לונג האָט געמוזט אויף עטלעכע מינוט איבערגעריסן ווערן. ווי דער פירער פון דער טרופּע, זיגמונט טורקאָוו, האָט וועגן דעם אַריינגעטראָגן אַן אָנקלאַגע אין אַרטיסטן־פאַריין. ווי אייזיק סאַמבערג און העלענאַ־גאָטליב זענען אין מיטן סעזאָן אַוועק פון צענטראַל־טעאַטער און איבערגעגאַנגען צו די "ווילנער"...

דער עולם פאַרגעסט אין דעם פּילפּול, וואָס גייט איצט דאָרט אין קאַנצע־לאַריע. מען פאַרגעסט אינגאַנצן, אין וועלכן זכות דער בופעטניק נייקראָן האַלט אַזוי שפּעט דעם לאָקאַל אָפן. מען איז פאַרכאַפּט אין פישערס דערציילן. אין זיין איבערגעבן אַזוי גענוי אַלע פּרטים פון דעם פאָרגעקומענעם סקאַנדאַל. פון אַרויס־זאָגן זיין אייגענע מיינונג, ווער וואָס עס איז גערעכט. מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן...

נאָר לאַנדאָ טוט מיטאַמאָל פישערן אַ ציִ ביים אַרבל:

— הערמאַן!...

— האַ?

— מאַך אַ קנייטש...

דער זייגער פון דער קירכע, אויף לעשנאָ זעכצן, קלינגט פיר. אויף די

# אַ גרופּע יידישע אַרטיסטן מיט אסתּר־רחל קאַמינסקי



ערשטע ריי (פון אונטן אַרויף) פון רעכטס: י. מאַנדעלבליט, ד. בלומענפעלד, פּ. קערמאַן.
צווייטע ריי: באַרסקאַ־פּישער, אסתּר־רחל קאַמינסקי, אידאַ קאַמינסקי, מ. אַלטבוים, ש. לאַנדאַ.
דריטע ריי: א. דאַמב, א. אַלפּערן, א. לעווין, זיגמונט טורקאָוו, דוד לעדערמאַן, יאָנאַס טורקאָוו,
הערמאַן פּישער, וולאַדיסלאַוו גאָדיק.

פענצטער נעמען זיך לייגן גרוילעכע פלעקן. נייקראָן, הינטערן בופעט, גענעצט אויפן קול און א. לערמאַן בייגט־צו אַן אויער צו דער טיר פון קאַנצעלאַריע:

— שאַ... דאַכט זיך, געענדיקט...

יאָ, געענדיקט. מ׳רוקט שוין בענקלעך. קיפּניס און ד״ר זילבערפאַרב קומען אַרויס.

— נו, וואָס?

— גאָרנישט.

— ס׳הייסט, גאָרנישט?

נאָר דער סעקרעטאַר, רייכענבערג, קומט באַלד אַרויס מיט אַ בריוו אין האַנט:

— ביטע... פאַר אייך...

— וואָס אַזעלכעס?

— לייענט...

דאָס בריוול — קורץ:

חבר קוטשער!

לויטן באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין, אין וואַרשע — ווערט איר אויפגעפאָדערט צו מאַכן די הומאָריסטישע אָפּטיילונג, פאַרן פרייטיקדיקן ״היינט״־נומער...

און קיפּניס שלאָגט איבער:

— פאַרפאַלן. — איר ווערט שוין היינט נישט שלאָפן...

---

יאָ, ס׳איז שוין קלאָר. — אינם געראַנגל צווישן טאָג און נאַכט — קריגט די איבערהאַנט דער טאָג. טרעט די נאַכט ביסלעכווייז אָפּ און פּאַמעלעך, פּאַמע־לעך, קוים צו באַמערקן — שפּרייט זיך דער טאָג אויס איבערן הימל, איבער דער ערד, איבער הייזער, מענטשן...

— מ׳גייט

מנחם קיפּניס, אלעזר נאָמבערג, דער צייכנער ש. פייגענבוים, מנחם מענדל הורוויטש, איך.

ס׳איז קיל. די באַוועגונג אין גאַס אַ שוואַכע. דראָשקאַזשעס, אין ראָג, דרימ־לען אויף די געזעסן. אַ שווערער וואָגן, מיט אַש־פאַרביקע מילך־קאַנען, גליטשט זיך אויף דיקע, גומענע רעדער און פאַרדרייט זיך אין ראָג אַריין. אַ ייד יאָגט זיך מיט ליידיקע קוישן צו די האַלעס און דאַוונט דערווייל פון פאַרנט...

קיפּניס שטעלט־אויף דעם קאָלנער פון מאַנטל:

— אַ וואַכנאַכט געהאַט...

**און הורוויטש בייזערט זיך:**

**— אַז איר זענט אידיאָטן... באַשר בכן, יאַצקאַנען האָט זיך פאַרוואָלט וויצן...**

**— ס'איז דאָ נישט קיין פראַגע פון יאַצקאַנען. ס'גייט וועגן דעם, אַז דער "היינט"...**

**— היינט, שמיינט — ס'איז, כ'בעט אייך איבער דאָס און יענץ... איר האָט קיינער נישט קיין רוקנביין... ווען נאָמבערג וואָלט געווען אין וואַרשע, וואָלט היינט נישט געווען קיין וואַכנאַכט און איר וואָלט נישט געדאַרפט איצט שלעפּן זיך פון דער בודע...**

**אַן אייזערנע זאַלוזע רוקט זיך ערגעץ אַרויף מיט אַ געבראַזג. אַ פאַרמעלטער בעקעריונג שפּאַנט מיט אַ שוואַרצע בלעך קיכלעך אויפן קאָפּ. אַ דאַר, שלעכט־געפּודערט מיידל שלעפּט זיך, אַ מידע, און ווינקט קרום מיט אַן אויג. אַן אַלטער נאַכטסטרוש פאַרקייכט זיך אין זיין אַסטמאַטישן הוסט. אַ בלייך, אויסגעדאַרט ווייבל קומט אַנטקעגן, מיט אַ קוישל בייגל:**

**— קויפט, וואַרעמע בייגל... איצט אַרויס פון אויוון...**

**נאָר אין קעשענע ליגט און יאָגט דער בריוו פון ליטעראַטן־פאַריין און אין געדאַנק מאַטערן די ווערטער:**

דער "היינט" איז יאַצקאַן און יאַצקאַן איז דער "היינט"!...

# פֿאַרשטעלטע און נישט פֿאַרשטעלטע...

אויף אַ מאַסקנבאַל ביי די יידישע קינסטלער. — יאַנקעלע מינץ אַרבעט מעשים. — דריי בריליאַנטענע קעפּעלעך. — שמועס וועגן תורה אין די פּאַלעניצער וועלדער. — עקזעקוציע איבער אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט. — צום שלום זכר ביים גערער רבין...

קום!

איך וועל דיך אָפּוואַרטן ביים טריאומף־טויער פֿון אַלבאַטראָס... דיך פֿירן אין די וואונדערבאַרע לאַמפּיאָנען־זאַלן... צו די פֿאַרכישופֿטע עקסצענטרישע מי־מאָזע־טענץ... אונטער די פֿליגל פֿון דער שיכור־פֿאַרביקער אַראַבישער קאָקוס־קאַוויאַרניע...

דאָס איז נישט קיין ליבע־בריוול, געשריבן פֿון אַ "אין די הימלען פֿליענדיקן" בחור. דאָס איז אויך נישט קיין מאָדערנע שאַפֿונג פֿון אַ "באַגייסטערטן" פּאָעט. חלילה! — דאָס איז בלויז אַן אַנאָנס וועגן דעם קאָסטיומען און מאַסקנבאַל פֿון די יידישע קינסטלער...

אַ געוויינלעכער פּראָזאַאישער אַנאָנס, געשריבן מיט דער פּשוטער ערדישער כוונה — פֿונאַנדערצושפּילן די פֿאַנטאַזיע. צו באַווייזן די לייכטקייט און דעם שפּילעוודיקן כאַראַקטער פֿון דעם באַל.

נאָר מ׳נעמט עס נישט חלילה פֿאַר שלעכט. מ׳ווייסט — קינסטלער, באָהעמע־מענטשן, אַ גאַנץ יאָר פֿאַרהאָרעוועט — עקספּרעסיאָניזם, קוביזם, פֿוטוריזם, דאַדאַ־איזם...

איז מילא...

אין ליטעראַטן־פֿאַריין לאַכט מען. אויך קינסטלער לאַכן מיט. זיי ווייסן, די קינסטלער, אַז דער מאַסקנבאַל וועט האָבן אַ גרויסן מאַטעריעלן דערפֿאָלג. די קינסטלער־קאַסע איז געראַטעוועט. מ׳וועט קאָנען אַ סך לעכער פֿאַרריכטן. אפשר אויך — אַ פּאָר אָרעמע קינסטלער פֿון ענגשאַפֿט אַרויסשלעפּן...

איז וואָס נאָך דאַרף מען?

פּאָרעט מען זיך. גרייט מען זיך. דער עיקר, ווייבער — ווער אַ מאַסקע, ווער אַ קאָסטיום, אַזאַ קלייד, אַן אַנדער קלייד.

איזאַ וואַגמאַן, צעשאַ טונקל, עדזשאַ זשיטניצקי, פאַניע מלמד — מ׳רעדט, מ׳זאָגט מבינות, מ׳פרעגט עצות.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטשן אינטערעסירט עס נישט.

וויפל די ווייבער באַמיען זיך אויף קלאַרען אַריינצוציען אין דעם שמועס, העלפט עס נישט.

זי זיצט שווייגנדיק. די בליקן איינגעגעסן אין אַ בילדל אויף דער וואַנט. ציט האַסטיק דעם סיגאַרעט. לאָזט אַרויס קנוילן רויך. קלאַפּט אָפּ דעם אַש — אין מיין טעלערל קאָמפּאָט...

נישט קיין נייעס קלאַרעס זיצן אַזוי. מ׳איז עס שוין געוווינט. מ׳ווייסט — ס׳איז נאָך אַלץ אַזוי פריש.

אַזוי פריש...

יאָ, אַ פיינלעכער מאָמענט געווען דעמאָלט. —ביידע זענען געווען דענער־ווירט. ביידע האָבן גערעדט שטיל, אָבער — אַנטשלאָסן.

זיי ווילן זיך גטן... זיי בעטן, כ׳זאָל מיטגיין מיט זיי צום רב...

געוווסט, וועגן וואָס עס גייט. געוווסט, עס איז אַ מעשה מיט איפערזוכט. נאָר אַלץ איינס. מ׳טאָר עס נישט דערלאָזן. אפשר וועלן זיי פאַרט איינזען, אַז ס׳איז אַ משוגעת.

נאָר זיי האָבן נישט איינגעזען...

א. לערמאַן, וועלכער האָט זיך איבער זיי יאָ מרחם געווען און נאָך דעם אייגענעם טאָג אָוועקגעפירט זיי צום ווינקל־רב, אויף סטאַווקע אין און פערציק — דערציילט, אַז דער גט האָט געדויערט נישט מער פון צען מינוט...

אַז אַהיימגייענדיק, האָט סעגאַלאָוויטש זי געפירט אונטערן אָרעם. אַז ביים געזעגענען זיך, לעבן זייער טויער, אויף דלוגע גאַס — האָבן זיך איר באַוויזן טרערן אין די אויגן:

— וווּ וועסטו איצט גיין?... וווּ וועסטו איצט זוכן אַ געלעגער?...

ער האָט נישט געענטפערט. געזאָגט אַ "גוטע נאַכט". געקושט איר אין שטערן. און ביידע האָבן געוויינט...

היינט קומען זיי ווייטער אין פאַריין.

ער זיצט באַזונדער. זי באַזונדער. רעדן נישט צו זיך. מיידן זיך אויס. אָבער, מ׳זעט — ביידע לעבן עס שטאַרק איבער. מ׳זעט — זיי זענען נישט פריי איינער פון אַנדערן...

איצט איז ער נישטאָ, סעגאַלאָוויטש. נאָך אויף מיטאָג נישט געווען. מעגלעך, אַז אויך דאָס איז די סיבה פון איר איצטיקער אַביסל צו שטאַרקער צעטראָגנ־קייט. פון איר עקשנותדיקן קוקן אויפן בילדל — וואָס לעבן דער טיר...

זי רייסט מיטאַמאָל אָוועק די בליקן פונם בילדל. פאַררויכערט אַ פרישן סיגאַרעט. ציט, ציט דעם רויך און דרייט האַסטיק אויס דעם קאָפּ:

— איר ווילט מיר טון אַ טובה?
— למשל?
— איך וואָלט אייך געבעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין מיט מיר היינט צוגיין צו דער אַרטיסטין סאָניע שוואַרצבאַרד.
— וועגן וואָס?
— די פרוי שוואַרצבאַרד באַרגט אויס קאָסטיומען און קליידער... איך וויל עפּעס אָפּקלייבן... אָבער, ס'דאַרף הייסן, איך קליב עס פאַר אייער שוועסטער... ס'גייט מיר וועגן דעם — קיינער זאָל נישט וויסן, אַז איך גיי אויפן באַל...

---

סאָניע שוואַרצבאַרד איז אַמאָל געווען יונג און שיין, געשפּילט "הויפּטראָלן", געווען דער ליבלינג פון עולם און — צוזאַמען מיט איר מאַן מאַרקוס — אפילו אַליין טעאַטער געפירט.
היינט, וואָס איז איר פון דעם אַלעם געבליבן? — אַן אַלבאָם בילדער פון איר אַמאָליקער פּראַכט. אַ רעצענזיע אין אַ רוסישער צייטונג, ווו מען פאַרגלייכט זי צו אַ שמעטערלינג. עטלעכע אַפישן, ווו זי איז אַנאָנסירט אַלס "פּרימאַדאָנע". אַ באַרג פון איר און פון איר מאַנס גאַרדעראָבע...
יאָ, זי איז גליקלעך צו האָבן אַזעלכע געסט ביי זיך. זאָל מען איר מוחל זיין, וואָס אין שטוב אַזאַ אומאָרדנונג. ס'איז היינט ביי איר "הויכסעזאָן". — אין איין טאָג גאַנצע דריי מאַסקנבעלער...
— וואָס? אַ קאָסטיום, אָדער אַ קלייד פאַר אייער שוועסטער? קלאַרעטשקע וועט אייך העלפן אָפּקלייבן? — זייער פיין. אויף קלאַרעטשקעס "גוסט" מעגט איר זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן.
און זי נעמט אָנוואַרפן זאַכן. פאַרטייטשט איטלעכע זאַך. רעכנט אויס דעם יחוס:
— איר זעט? — דאָס איז אסתר המלכה... און דאָס איז פּאַפּוס פון גאָלדפאַדענס בר־כוכבא... דאָס איז יוזעף לאַטיינערס אשה רעה... און דאָ האָט איר בריינדעלע קאָזאַק... מאַריאַ שטואַרד... יוסף הצדיק... מאַדאַם פּאָמפּאַדור... שמענדריק... לואי דער פערצנטער...

---

קום!
איך וועל דיך אָפּוואַרטן ביים טריאומף־טויער פון אַלבאַטראָס...
ווו? ווען? — נישט קיין טריאומף־טויער, נישט קיין אַלבאַטראָס, נישט קיין

סימן אפילו פון עפּעס אַן אַנדער מין פויגל. דער איינציקער פויגל, וואָס מען באַ־געגנט יאָ אין זאַל — איז דער דיכטער י. מ. ניימאַן, וואָס שרייבט זיך "אַ פויגל"...

נאָר, יאָ פייגל, נישט פייגל — מ׳פליט. מ׳לויפט. מ׳האַקט זיך די זייטן אָפּ. גיך, ווי אין בהלה. ווי אין סכנות נפשות — פון ערשטן זאַל אין צווייטן, פון צווייטן אין דריטן, פון דריטן — צוריק אין ערשטן...

ס׳איז נאָך פרי. קיין האַלבע שעה נישט נאָכן עפענען די טירן. נאָר די זאַלן זענען שוין פול. דער עולם פלאַטערט שוין. מאַסקעלעך שלעפּן שוין קאַוואַלערן צו די בופעטן. קאָנפעטי שיט זיך שוין אויף די קעפּ פון די זיך ווייגנדיקע פּאָרלעך.

און דאָ און דאָרט קרייזט שוין אַ בלעכן הענדל. ציט זיך אויס, מיט אַ געפּייף, אַ פאַרביקע פּאַפּירענע שלאַנג. פּלאַצט אויף, מיט אַ הילך, אַ רויט, אָדער געל אָנגעבלאָזן באַלאָנדל.

און דאָס לאַכן, דאָס שטיפן, דאָס קלאַפּן פון די צוויי אָרקעסטערס. דאָס צו־זינגען לויטן טאַקט —

טיטינע, אַך טיטינע —
ס׳איז חנעוודיק דיין מינע...

מען קאָן נישט בלייבן גלייכגילטיק. מ׳ווערט אָנגעשטעקט. מ׳ווערט מיטגע־ריסן. מיט געוואַלד אַריינגעצויגן אין דעם מאַסקנבאַל־שפּיל, איינגעוועבט אין דעם אינ־טריגע־געפלעכט...



יחזקאל משה ניימאַן (א. פויגל)
(צייכענונג פון וואָלף וויינטרויב)

נפתלי פריוועס — אַ זון פון ר׳ משה פרי־וועסן — ראַנגלט זיך מיט צוויי מאַסקעלעך, וואָס ווילן אים דווקא אָנטון אויפן קאָפּ אַ פּאַפּירן קאַפּעלושל, מיט אַ האָרן... אַ מאַסקע פירט דעם איבערזעצער, מאַרק ראַקאָווסקי, אונטערן אָרעם און זיי זענען ביידע אַרומ־געוויקלט מיט געשלענגלטע, קאָלירטע פּאַ־פּיר־סטענגעס... עטלעכע מאַסקעס רינגלען אַרום דעם טעלעפּאַט ד״ר מעסינג, ער זאָל באַווייזן אַ קונץ, אַז די באָנבאָניערקעס פון בופעט זאָלן אַליין אַהערפליען... דער שול־טוער שלמקע זוסמאַן שטייט און בעט זיך ביי אַ מאַסקעלע, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן און זאָגן, ווי זי הייסט...[62].

מאַסקעס... מאַסקעס...

62) שלמקע זוסמאַן — היינט אין ניו־יאָרק, ווייטער טעטיק אַלס שולטוער.

געוואַלד, וואָסערע איינפאַלן! וויפל צייט, פלייס און ענערגיע מ׳האָט עס גע־דאַרפט פאַרטאַכליעוועןביים צוטראַכטן, ביים אויסקאָמבינירן אָט אָ, די אַלע מאַסקעס און קאָסטיומען —

י. ל. פּרצעס מאַניש, שלום אַשס מערי, סעגאַלאָוויטשעס ווילדע צילקע, יואל מאַסטבוימס מאַריטע...

און היסטאָרישע, און טעאַטער־העלדן, און סתם צוגעטראַכטע, כמעט גאָר־נישט זאַגנדיקע —

אַ גאַסן־הענדלערין. אַ קאַרטן־לייגערין. אַ יידענע, מיט אַ שילדל אויף דער פּאַטשיילע "יענטע די רייפּערקע". אַ דאַמע אין אַ שטאַרק דעקאָלטירט קלייד, אויסגעניים פון באַניע־קערן. אַ צניעותדיק אָנגעטון מיידל, מיט אַן אויפשריפט אויפן שטערן "ליטעראַרישע ביילאַגע" און אויפן בלוזקעלע — אַ פּאָר צענדליק נעמען פון יידישע שרייבער...

ווער קאָן דען אַלץ אויסרעכענען? ווער קאָן דען אויף איטלעכער זיך אָפּ־שטעלן? — אַז ווו מען גייט — מאַסקעס, ווו מען שטייט — מאַסקעס. יונגע און ווייניקער יונגע. טיף דעקאָלטירטע און צניעותדיק פאַרמאַכטע. — מ׳שטייט נישט אויף אַן אָרט. מ׳לויפט, מ׳יאָגט זיך — מ׳זאָל נאָר חלילה נישט פאַרשפּעטיקן...

די שרייבערין מאַלי ברוין, דאָס אַרטיסטקעלע אידאַ ראָזענצווייג, די מאָלערין טעאָפּיליאַ צענטנערשוואַר, ברכה איינהאָרן, פועה לעוו, רעגינע קאַגאַנאָווסקי, גיטל מייזל, רוזשקע מלמד, די אַרטיסטקע אַניעלאַ פּאָליאַקאָוו — איך דערקען זיי אַלע. טייל פּרובירן עס אפילו לייקענען. אַנדערע ווידער גייט עס גאָרנישט דערין, מ׳זאָל זיי נישט דערקענען. דאָס מאַסקעלע — זאָגן זיי — האָבן זיי אָנגעטון בלויז דערפאַר, ווייל עס איז אַ מאַסקנבאַל...[63]).

יאָ, קלאַראַ סעגאַלאָוויטשן דערקען איך אויך. איך דערקען זי אין דעם "מאַריאַ שטואַרד"־קלייד, וואָס זי האָט ביי דער פרוי שוואַרצבאַרד אָפּגעקליבן. זי זעט פיין אויס דערין. ווען נישט דאָס אַנטועכטס, וואָס איך האָב אַליין געזען, אַז זי האָט עס גענומען — וואָלט איך אין קיין פאַל נישט דערקענט, אַז דאָס איז זי.

און די "רייפּערקע" ווידער? וואָס פּלאָנטערט זי זיך עפּעס פאַר די פיס? — זי קומט צו. פאַרנייגט זיך דריי מאָל:

— גוטן אָוונט, ליבער הער! אפשר דאַרפט איר אַ דינסט?... זי קען וואַשן ברודיקע וועש, פאַרקאָכן אַ קאַשע, באַקן ליגנס — פאַר אייך, ווי אָפּגעמאָסטן... זייט נישט בייז. כ׳מיין נישט חלילה אייך צו באַליידיקן. איך וועל מיר קיינמאָל נישט נעמען די העזה... נאָר, איר ווייסט נישט? — מ׳איז אַ פאַרשטעלטער. אַריין אין אַ שייטל, מיט אַ ווייבערישע יאַקע... אמת, דאָס קול מיינס האָט נאָך אויך

---

63) אידאַ ראָזענצווייג און רעגינע קאַגאַנאָווסקי — היינט אין אַרגענטינע. פּועה לעוו און גיטל מייזל — אין ישראל. אַניעלאַ פּאָליאַקאָוו — אין פּאַריז.

באַדאַרפט זיין אַביסל ווייבערישער... נאָר ס׳שאַט נישט. דאָס איז לויט דער לעצ־טער מאָדע — ווייבער טראָגן קורצע האָר, שפּילן אין קאָרטן, רייכערן פּאַפּיראָסן, רעדן גראָב...

— איז וואָס ווילט איר ?

— גאָרנישט וויל איך. כ׳האָב בלויז געוואָלט איך זאָגן "גוטן אָוונט"!

— און ווער זענט איר?

— וואָס, איר ווייסט נישט, ווער איך בין? איר דערקענט מיך נישט? איז דאָך ווויל, ווי אַ ציבעלע־באָרשט... שאַ, איך מעג איך דאָך זאָגן. איך בין יאַנ־קעלע... יאַנקעלע מינץ... כ׳בין יענע וואָך געווען ביי איך אין רעדאַקציע...

— וואָס? יאַנקעלע מינץ? איר אויך אויף אַ מאַסקנבאַל?

— פאַר וואָס נישט? מיין נשמה איז געזיגן דורך אַ דורכשלאַג?... נאָר שרעקט איך נישט, כ׳בין נישט אַהערגעקומען זיך ווילן. ס׳האָט מיך עמיצער געבעטן. כ׳דאַרף דאָ עפּעס דורכפירן...

— ס׳הייסט?

— דאָ ווידזעניאַ... צום ווידערזען...

נישט צום פאַרשטיין. יאַנקעלע מינץ אויפן מאַסקנבאַל?

אַ חסידיש בחורל, פון אַ חסידיש־נגידישער שטוב, קען לערנען, איז אַביסל פרום אויך — האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף מאָדנע וועגן. — ער טוט אָפּ שפּיצלעך, זאָגט אָריין ביז אין דער זיבעטער ריפּ. רעדט אויס אסור לדבר. דער־ציילט פון אונטערן קישן אַפער...

און בלויז אויף חסידיש־נגידישע הייזער האָט ער זיך פאַרלייגט. אפילו רבני־שע און אויך רבישע הייזער שוינט ער נישט.

דער גט זיך מיטן ווייב. ביי דעם האָט די טאָכטער זיך פאַרליבט אין אַ שייגעץ. דער האָט ביי אַן אלמנה אויסגענאַרט אירע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. דער האָלט סתם ביי באַנקראָט —

אַלץ ווייסט ער.

נישטאָ קיין סוד פאַר אים.

און ער ווייסט אויך ווו "אָפּצוטראָגן".

ער ווייסט, אַז אין די רעדאַקציעס הערט מען אים אויס און צומאָרגנס — ווייסט שוין דערפון די גאַנצע וועלט...

טאַטע־מאַמע האָבן שוין וועלטן איינגעלייגט. ס׳האָבן זיך שוין אויך רבנים אַריינגעמישט. נאָר ס׳העלפט נישט. אויף אַלע זייערע טענות האָט ער איין תשובה:

— אַז מען עסט נישט קיין קנאָבל — שפירט מען נישט פון מויל...

## טיטינע, אַך טיטינע!...

דער אָרקעסטער קלאַפּט. משה אַפּעלבוימס ברודער, לייזער, שפּילט־צו אויף

## אַ גרופּע שרייבער און מאָלער אויפֿן מאַסקנבאַל פֿון יידישע קינסטלער



ערשטע ריי (פֿון רעכטס): מ. אָלשטיין, יוסף טונקל, ש. ל. קאַווע, דוד הערמאַן, י. מ. ניימאַן.
צווייטע ריי: מ. מ. הורוויטש, ש. פּאַליי, ח. שיחור.
דריטע ריי: מ. שיפּמאַן, וו. ווײַנטרויב, ש. פייגנבוים, א. אָסטשעגאַ, י. טיקאָטשינסקי, מ. אַפּעלבוים.

אַ מויל־האַרמאָנקע. אַ גרופּע מאָלער — מיט פעליקס פרידמאַנען, מיט יעקב אַד־לערן, ישראל ראַבינאָוויטשן, יצחק ליכטענשטיינען[64]), יצחק ברוינערן און אפילו דער שוין נישט יונגער טויבשטומער מאָריצי מינקאָווסקי — לאָזן זיך אין אַ טענצל. שלעפּן מיט נאָך און נאָך. אויך פרויען אין מאַסקעס און אָן מאַסקעס שליסן זיך אָן. אויך מינקאָווסקיס שיינע ווייבל, ריווע, שליסט זיך אָן. זי מיינט נישט צו טאַנצן. זי מיינט איר מאַן צו באַשיצן. איר מאַן ביסלעכווייז פון טאַנץ אַרויסצוציען...

זינט דעם פאַל, אויפן באַל פון די טויבשטומע "ספּאַניאַ" — ווען מינקאָווסקין איז בעתן טאַנצן נישט גוט געוואָרן — שטייט זיין ווייבל אויף דער וואַך. לאָזט זי אים נישט טאַנצן. זי מאַכט עס איידל. מאַכט עס מיט חן. קיינער זאָל חלילה נישט זען. זי זאָל נישט פוגע בכבוד זיין איר גרויסן מאַן.



מאָריצי מינקאָווסקי
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

מ׳זעט עס, דאָס געלונגט איר, מ׳טאַנצט ווייטער.

און דער אַלטער יוליוס אָסקאַר — דער שוין נאָענט פון אַכציק יאָריקער אַקטיאָר, וואָס איין גאָט ווייסט, ווער ס׳האָט אים אַהערגעבערענגט און נאָך וואָס ער מאַטערט זיך דאָ אַ נאַכט — ער פרייט זיך ווי אַ קינד. טופּעט־צו מיטן פוס. פּאַטשט מיט די הענט:

— אַט אַזוי!... אַט אַזוי!...

עמיצער נעמט ביי דער האַנט. — ס׳איז קלאַראַ סעגאַלאָוויטש. זי פירט אין אַ זייט:

— זייט מוחל... נישט געוואָלט אייך באַלעסטיקן... מ׳זאָגט אפילו, אַז דרכה של אשה, איז צו זיין אַ שטובזיצערין... נאָר ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט... מ׳דאַרף אַמאָל גיין אויף אַ באַל אויך...

כ׳קוק זי אָן — יאָ, "מאַריאַ שטואַרד". אַלץ גענוי, ווי מיר האָבן ביי דער פרוי שוואַרצבאַרד אָפּגעקליבן. אַלץ גענוי, וואָס עס דאַרף טראָגן קלאַראַ. נאָר — ס׳איז נישט קלאַראַ. נישט איר קול. נישט איר אופן רעדן...

און אפשר...

נאָר זי לאָזט נישט טראַכטן. נעמט אַראָפּ אַ פינגערל פון פינגער, האַלט עס אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט זען:

64) יצחק ליכטענשטיין — היינט אין ניו־יאָרק.

— איר וועט זיין אַזוי פריינטלעך ביי מיר נעמען דאָס פינגערל...
— כ׳פאַרשטיי נישט.
— איך וויל דאָ צוגיין צו איינעם אַ פּערזאָן, וואָס איך וויל נישט, ער זאָל וויסן, ווער איך בין...
— אָבער...
נאָר זי שלאָגט איבער:
— זייט נישט בייז פאַר מיין דרייסטקייט... אפשר גאָר חוצפּה... מ׳זאָגט, אַז אויף אַ מאַסקנבאַל איז מען אַלץ מוחל... דערצו נאָך — איך האָב נישט קיין אַנדער ברירה... דאָס פינגערל קאָן מיך פאַרראַטן...
— ווער זענט איר?
— איך בין אַ מאַסקע... מיין נאָמען האָב איך איבערגעלאָזט אין דער היים... איבעריקנס — איר וועט סיי ווי נישט וויסן... איר קענט מיך נישט...
— און איר מיך?
— איך אייך — יאָ... עטלעכע מאָל אייך געזען... כ׳קען אויך אייער משפּחה...
— הייסט עס...
נאָר זי טוט האַסטיק אַ הייב אויף די אויגן. קוקט זיך איין אין מיטן זאָל, ווי זי וואָלט דאָרט עמיצן דערזען. שטופּט גיך אַריין אין האַנט דאָס פינגערל:
— שווייגט... האַלט עס... כ׳וועל עס שוין ביי אייך אָפּנעמען...
כ׳קוק איר נאָך. וויל דערכאַפּן, וועמען זי האָט דאָרט דערזען. צו וועמען זי שטופּט זיך אַזוי צווישן עולם.
זע די ברידער מנשה און אפרים זיידענבייטל. זע דעם אַרטיסט מאַקס ברין, דעם אַרטיסט אהרן פּאָליאַקאָוו, שמעון שפּיגל, יחיאל אַראָנסאָן, זעליג מלמד. נאָר ניין. זי שטעלט זיך נישט אָפּ מיט קיינעם. זי ווערט פאַרשוווּנדן אין צווייטן זאָל.
כ׳בין ווי שיכור. ווייס נישט, וואָס צו טון מיט זיך. דריי דאָס פינגערל צווישן די פינגער. באַטראַכט עס פאַרזיכטיק —
אַ שיין גאָלדן פינגערל. פאַרנט אַ קריינדל, אין דער פאָרעם פון אַ ש. דריי קרומע קעפּעלעך. אין איטלעכן קעפּעלע — אַ בריליאַנטל...

---

— טיטינע, אַך טיטינע!
ס׳איז חנעוודיק דיין מינע!...

אָפּגעטאַנצט. מ׳קאָן שוין די פיס נישט שטעלן. דאָ און דאָרט טראָגן שוין פּרויען די מאַסקעס אין האַנט. אַנדערע טראָגן זיך אויך אַרום מיט זייערע "טראָ־פעען" — בלומען, שפּילזאַכן, באָנבאָניערקעס — טייל פון דעם און יענעם גע־קריגן. אַנדערע — בגנבה אַליין געקויפט...

אַלץ איינס. דערקענען קאָן מען נישט. קיין סימנים דערויף זענען נישט פֿאַראַן...

חברה מאָלער — די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון באַל — פּרובירן נאָך מאַכן לעבעדיק. פּרובירן אויפֿהאַלטן די שטימונג. — נאָך פֿאַראַן ביי די בופֿעטן אַביסל זאַכן צו פֿאַרקויפֿן...

נאָר אין די זאַלן ווערט גערוימער. טייל זענען שוין אַוועק. אַנדערע דרייען זיך סתם אַרום אין די מאַנטלען. כאַפּן נאָך לעצטע בליקן. וואַרפֿן נאָך צו ווערטלעך...

כ׳נעם זוכן איבער די זאַלן. שוין די זעקסטע צייט. מ׳קאָן דאָך נישט, צוליבן פֿינגערל, דאָ בלייבן דער לעצטער.

אין קליינעם זאַלכל. זי שטייט מיט עפּעס אַ פֿרוי. זי דערזעט. קומט אַנטקעגן:

— איר זוכט מיך? איר האָט געמיינט, איך וועל אייך צוּוואַרפֿן דאָס פֿינגערל?...

און זי נעמט דאָס פֿינגערל. באַדאַנקט. געזעגנט זיך. דריקט די האַנט.

איך פּרוביר כאַפּן אַ שמועס. רעד פֿאַרשטעלט. וויל פֿון איר עפּעס אַרויסקריגן וועגן קלאַרען. ווי עס קומט, וואָס זי טראָגט קלאַרעס "סטראַי". נאָר זי קוקט אָן. שמייכלט, דריקט נאָכאַמאָל די האַנט:

— איך ווייס, אַז איך אינטערעסירט עפּעס... איר ווילט עפּעס אַרויסקריגן... נאָר איר טויגט זיך צו דעם, פּונקט ווי איך... מיר זענען ביידע גלייכע בעל־מלאכות...

איך קוק איר נאָך. ס׳פֿאַלט איין, נאָך עפּעס צו פֿרעגן. נאָר עמיצער לאַכט אין אויער אַריין:

— כאַ־כאַ־כאַ!... אַ ליבע־טראַגעדיע?...

האַ?... קלאַראַ?... דאַכט זיך, איר קול...

יאָ, קלאַראַ. זי בעט איבער. זי האָט זיך דעמאָלט מיישב געווען. געוואָלט זיך אַנדערש אָנטון. אַליין אַרויפֿגעגאַנגען צו דער פֿרוי שוואַרצבאַרד. אויסגעביטן. גענומען דאָס, וואָס זי טראָגט...

און זי לאַכט זיך ווידער פֿונאַנדער:

— איר האָט געמיינט, אַז איך בין עס און דערווייל געמאַכט קאַנטשאַפּט מיט אַ דאַמעלע... איצט איז יענע אַנטלאָפֿן און איך איבערגעלאָזט מיט אַ צעבראָכן הערצל...

יאָ צעבראָכן, נישט צעבראָכן — פֿאַראינטריגירט איז מען.

געוואַרעמט אַ גאַנצע נאַכט דאָס פֿינגערל. מיטן פֿינגערל אויך געוואַרעמט אַ האָפֿענונג. געוואַרעמט עפּעס אַ אומבאַשטימטע, נישט קלאָרע דערוואַרטונג. אַ זיסן נייגער...

— און וואָס? —
"איר טויגט זיך צו דעם פונקט ווי איך"...

---

— מזל־טוב!
— מזל־טוב... מזל־טוב...
— איר האָט דאָך געזאָלט פאָרן נעכטן?
— מ'קאָן זיך דען אַרויסרייסן?...
— און איך האָב געזאָלט פאָרן אינדערפרי, מיט דער זיבעטער באַן. דערנאָך מיט דער אַכט צענער. און איר זעט דאָך — ערשט איצט פאַרטיק געוואָרן.

די יידן, וואָס פירן דעם שמועס, זיצן נישט, זיי שטייען נישט, זיי — הענגען...

הענגען אויף פלייצעס, הענגען אויף אַקסלען, אויף וואָס עס לאָזט זיך — אַבי מ'איז אין וואַגאָן. אַבי מען פאָרט...

קיינער האָט נישט קיין טענה. קיינער קלאָגט זיך נישט חלילה. ס'איז ליב דאָס שטופּן זיך. זיס דער ריח, וואָס פּילט אָן די לופט. מ'ווייסט — נאָך צען־פופצן מינוט און מ'וועט זיין אין פּאַלעניץ. מ'וועט נעמען שלום. זאָגן מזל־טוב...

שאול וואַגמאַן, דער רעדאַקטאָר פון "נאָש פשעגלאָנד", בייזערט זיך. — עמיצער האָט אים אָנגעטרעטן אויף אַ הינעראויג. ער איז בכלל דענערווירט. ער קאָן זיך נישט שענקען, וואָס ער האָט געפאָלגט. וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן מיטצופאָרן קיין פּאַלעניץ.

יוסף טונקל לאַכט פון אים. ס'פּאַסט נישט — זאָגט ער — אַז אַ רעדאַקטאָר פון אַ פּוילישער צייטונג זאָל זיך בייזערן אויף יידיש...

י. י. זינגער איז אויך נישט שטאַרק צופרידן פון דער נסיעה. ער וואָלט שוין ליבערשט געגאַנגען צו פוס...

בלויז יאַנקעלע מינץ שווייגט.

ער זיצט פאַרקוועטשט אין ווינקל, ביים פענצטער. דער קאָפּ זיינער שטעקט אַרויס פון צווישן די אָרעמס פון אַ הויכן יידן. שטעקט אַרויס, ווי דער קאָפּ פון אַ שעפּס, צווישן אַ צונויפגעקוועטשטער סטאַדע. ער שמייכלט זיגעריש, שמייכלט שדיש...

איז עס דאָך זיין אַרבעט, וואָס די "שראַבער" קוועטשן זיך איצט אין וואַגאָן. האָט ער זיי דאָך עס דערציילט וועגן דעם גערער רבין, ר' אברהם־מרדכי אַלטער, וועגן דער רביצין פייגע־מינדל — ר' מאיר בידערמאַנס טאָכטער[65]). אָנדערציילט, וואָס אין פּאַלעניץ וועט זיך אַלץ אָפּטון. ווי דער ברית ביים רבין וועט עס אויסזען...

---

65) די רביצין פייגע־מינדל אַלטער, מיט איר זון — היינט אין ישראל.

וואַווער, ראַדאָשטש, מיעדזישין, פאַלעניץ...

ביים אויסשטייגן אַ געדראַנג. דער פּעראָן געפּאַקט. אַ שטופּעניש, אַ זוכעניש —

— משה!

— יאַנקל!

— חיים!

וועגן קריגן ערגעץ אַ פּענסיאָנאַט, אָדער סתם אַן אכסניא, איז כמעט אַ חלום. אַלץ פאַרנומען. געקומען יידן נאָך נעכטן, געקומען אייערנעכטן. אַ סך האָבן גאָר פריער דורכן טעלעפאָן באַשטעלט.

נאָר ווער זאָרגט זיך איצט וועגן דעם? ווער איז דען געקומען אַהער "פּענסיאָ־נאַטעווען"? מ׳דאַרף קודם צוגיין צו דער ווילע, וווּ דער רבי שטייט איין. זען, ווי דאָרט זעט אויס.

אַהאַ, ווער ס׳גייט אַלץ. ווּעמען מ׳טרעפט אַלץ נישט אַן אויפן וועג. — מנחם קיפּניס, אלחנן צייטלין, דער מיטרעדאַקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן "ייד" אייזיק־מאיר עקערמאַן, דער סקולפּטאָר פעליקס רובינליכט, דער פירער פון די "פּועלי אגודת ישראל" אלכסנדר־זישע פרידמאַן און חסידים, חסידים — פון וואַרשע, פון לאָדזש, פון אַזוי פיל ווייטע און נאָענטע שטעטלעך.

מ׳ווייסט, דעם ברית וועט מען נישט פאַרשפּעטיקן. דער ברית וועט זיין ערשט מאָרגן. נאָר מען גייט גיך. מען יאָגט זיך. ווער ווייסט, וואָסער עולם שוין דאָרט דאָ.

יאָ, אַן עולם. — די גאַנצע גרויסע ווילע באַלייגט מיט חסידים. מ׳גייט, מ׳שטייט, מ׳זיצט אויפן גראָז. — ווער עס שמועסט, ווער עס קוקט אַריין אין אַ ספר, ווער ס׳כאַפּט סתם עפּעס איבער פון אַ וואַליזקעלע, פון אַ פּעקעלע, פון אַ פּאַטשיילעכל אַרויס...

נישט אַלע זענען דאָך די יאָסל קאָצס, די אלי קירשברוינס, די אפרים רונדאָס — וואָס כדרך הנגידים, איז פאַר זיי אומעטום אָנגעגרייט דער גרויסער כבוד, די פיינע באַקוועמלעכקייט און טאַקע אויך די גרייט געדעקטע טישן.

איז מילא, האָט מען מיטגענומען, וואָס מ׳האָט געקאָנט — אַן איי, אַ קיכל, אַ פּרוכט — אַבי עפּעס טועם זיין. אַבי ס׳האַרץ זאָל נישט פאַרחלשט ווערן.

און אויב עמיצער שלעפּט נאָך אַרויס אַ פלעשעלע "זעקס און ניינציקער" און אַ פאַרצעלייגן טעפּעלע האָט אויך עמיצער — ווערט טאַקע באַלד אַ מזומן, דערנאָך אַ מנין. מען נעמט צו קאַפּעטשקעס — טאַקע נישט מער, די ליפּן צו באַנעצן און פון גרויס חדווה ווערן אַלע איינס...

און שטיקער גאָלדיק־צעגליטע זון קומען צו לויפן אויף ווונדער, שליכן זיך דורך צווישן די אויסגעשטעלטע סאָסנעס, כאַפּן אַרום דאָ דעם, דאָ יענעם און פרייען זיך מיט...

— יידן, לאָזט נישט!...

און מ׳קוקט זיך אום. טייל פאַרשטעלן זיך די פּנימער, אַנדערע נעמען לויפן.

— וואָס איז געשען?

— אַ פאָטאָגראַפיסט... ער כאַפּט אַראָפּ...

יאָ, אַ פאָטאָגראַפיסט. ס׳איז יחיאל בוים. דער פּרעסע־פאָטאָגראַף. ער שטייט שוין אַרומגערינגלט פון אַ צענדליק חסידים:

— אַ חוצפה דאָס איז!

— אַזאַ עזות מחוצף פּנים!

— חוזק מאַכן פון יידן... אַרומשלעפּן אין די טעאַטערס...

און איידער וואָס, איידער ווען — אַ בחור מיט לאַנגע פאות רייסט שוין אַרויס ביי בוימען דעם אַפּאַראַט, טוט אים אַ שליידער אין דער ערד, נעמט אים טרעטן מיט די פיס:

— נאַ... ליג אין צרות...

בוים טוט זיך אַ ריס צום בחור. עטלעכע חסידים כאַפּן אים אָן. ס׳ווערט ערנסט מען מוז זיך אַריינמישן. ס׳לויפט אויך אָן אלכסנד־זישע פרידמאַן. מ׳שרייט, מ׳רעדט, מ׳שטילט איין — בוים זאָגט־צו, אַז ער וועט די קלישן נישט אויסנוצן און ער טראָגט זיך אָפּ מיטן צעבראָכענעם אַפּאַראַט. אַן אַלטער ייד שייגעצט אויס דעם בחור, וואָס האָט צעבראָכן דעם אַפּאַראַט און עובר געווען אויף בל תשחית. אַן אַנדערער טענהט, אַז ס׳שאַט נישט. אַז אברהם אבינו האָט אויך צעבראָכן געטשקעס...

און בינו לבינו — אַ פרישער טומל. אַ פריש געלויף —

— וואָס איז?

— דער רבי...

— דער רבי גיט שלום...

לעבן דעם גרויסן הילצערנעם הויז, ווו עס געפינט זיך דעם רבינס חדר, שטייט שוין אַ ריזיקער עולם חסידים. ס׳קומט אָן שווער דאָס מאַכן אָרדנונג. ס׳פּאַרען זיך דערביי דריי עלטערע יידן. ס׳שטעלט זיך אויס ביי דער וואַנט אַ ריי, וואָס הייבט זיך אָן ביים אַריינגאַנג אין הייזל און ציט זיך איבער דער גאַנצער ווילע.

נישט אַלע שטעלן זיך אויס. אַ סך האָבן שוין נעכטן גענומען שלום. אַ סך אינדערפרי. אַנדערע ווידער — ווייזט אויס אייגענע, אָדער מער חשובערע — גייען סתם אַריין און אַרויס.

עס געדויערט. דער רבי קומט נישט באַלד אַרויס. נאָר מ׳שטייט שטיל. מ׳שטייט ערנסט. מיט יראת הכבוד.

און אָט —



דער גערער רבי, ר׳ אַברהם־מרדכי אַלטער, מיט זיין משמש.

— דער רבי... דער רבי...

נישט קיין הויכער, אַ קיילעכדיקער, דאָס פּנים געדעמט אין טיף־גרויע באָרד און פּאות — בלייבט דער רבי שטיין אין טיר פון הייזל. שפּאַרט פאַמעלעך אַן דעם קאָפּ אין דער טיר־רעם. שטרעקט אויס די האַנט. מ׳גיט אַ צייכן. דער ערשטער פון דער ריי דערנענטערט זיך, רירט אָן דעם רבינס האַנטפלאַך:

— שלום עליכם!

— מזל־טוב!

אַזוי דער צווייטער, אַזוי דער דריטער, דער פערטער, דער פיפטער —

ס׳געדויערט לאַנג. קיין עין הרע אַן עולם חסידים. דער רבי ווערט מיד. מ׳האַלט אונטער דעם רבינס האַנט. — און ווייטער — איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן:

— שלום עליכם!

— מזל־טוב!...

---

דער אָוונט אַ קילער.

נאָך דעם שטאַרק הייסן טאָג, ווען די זון האָט, מיט אַזאַ ברייטער האַנט, געשאָטן איבער דער ערד אירע גליאיקע שטראַלן — איז דאָס ווינטל ממש אַ דער־קוויקונג.

כמעט אין אַלע פענצטער איז ליכטיק. דאָ און דאָרט הערן זיך נאָך שטילע פרייטיקצונאַכטיקע זמירות־ניגונים. נאָר חסידים, אין שוואַרץ־זיידענע, אין גלאַנ־ציק אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, שטראָמען שוין צו דעם ריזעדיקן, ספּעציעל־צוגעבויטן פליגל־זאַל — וווּ ס׳וועט זיין דער שלום־זכר. וווּ דער רבי וועט פירן טיש.

דער זאַל כמעט פול. הונדערטער, הונדערטער חסידים — אין מיטן, ביי די ווענט, אין די ווינקלען, אויף די פענצטער.

און אין דער לופטן... איבער די קעפּ...

געוואַלד, ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס? ווי אַזוי זענען זיי אַרויף? אַכטיאָריקע, צענ־יאָריקע, צוועלפיאָריקע און עלטערע, עלטערע — אונטערן סופיט, אויף די דאַך־בעלקעס, אויף די אונטערשפּאַר־בעלקעס, צוגעבונדן מיט גאַרטלען, קלאַמערן זיך מיט הענט און פיס.

כ׳קוק אַרויף. קאָן נישט אָפּרייסן די בליקן. — איינס לעבן אַנדערן. ווי צוגע־קלעפּטע צו די בעלקעס — קאַפּאָטקעלעך, היטעלעך, יאַרמעלקעלעך, פּאהלעך, אייגעלעך...

אַזעלכע לייכטנדיקע, אַזעלכע בלישטשענדיקע שוואַרצינקע, בלויענקע איי־געלעך...

און מיט אַזאַ מסירת־נפש. מיט אַזאַ התלהבות. איבער אַלעמענס קעפּ, איבער דעם רבינס טיש — אַבי צו זען דעם רבין. אַבי צו הערן תורה. הערן חסידות...

די טאַטעס זענען גליקלעך. די טאַטעשע הערצער ציטערן פון נחת. ציטערן פון פּאָרכטיקייט:

— יאָסעלע, האַלט זיך!...

— יאַנקעלע, נעם נאָכאַמאָל אַרום דעם גאַרטל!...

אַ באַוועגונג. דאַכט זיך, דער רבי קומט אָן. מ'דאַרף זיך צוקריגן נענטער צום טיש.

ס'קומט נישט אָן שווער. דער עולם איז נאָכגיביק. אפשר דערקענען זיי, אפשר עפּעס אַנדערש — מ'לאָזט דורך. כ'שטיי נישט ווייט פון טיש. כמעט דער ערשטער פון עולם.

— ש־ש־ש!...

— שטילער! דער רבי גייט!...

— דער רבי... דער רבי...

מ'נעמט זיך מיט דרך־ארץ אָפּרוקן. מ'קוקט מיט פּאָרכטלעכער דערוואַרטונג און מיטאַמאָל — אַלע צוזאַמען:

— גוט־שבת!...

דער רבי אינמיטן. דערנאָך חסידים, חסידים. דער עולם קען זיי. ס'רוב שטענדיקע טישזיצער. אויך אַביסל פריש צוגעקומענע. ספּעציעל צו דער שמחה פאַרבעטענע. מ'זעצט זיך אויס ביים טיש. מ'שטעלט זיך לעבן טיש. ווייזט אויס, פון פריער אַלץ אָפּגעשמועסט. פון פריער באַשטימט, ווער און וואָס.

דער רבי לייגט אַוועק די פּאַטשיילע אויפן טיש. טוט אַ קוק אויפן עולם. אַ קוק אַרויף צו די קינדער. דערנאָך ווידער צום עולם, שטעלט, דאַכט זיך, אָפּ די בליקן אויף מיר. און אפשר ווייזט עס זיך בלויז אויס. נאָר ס'איז שוין שווער צו זען. — צוויי הויכע, ברייטפּלייציקע יידן שטעלן זיך פאַר מיר. אַנדערע שטעלן זיך פאַר זיי.

די יידן שטייען גלייכע. שטייען פעסטע...

ניין, נישט זיי שטייען, זיי גייען. זיי באַוועגן זיך. זיי רוקן זיך אויף אונטערווילעכץ — רוקן זיך צוריק... צוריק...

פון הינטן אַ וואַנט מענטשן. קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. פון פאָרנט די צוויי יידן, ווי צוויי שווערע טאַנקען, און זיי רוקן זיך צוריק... צוריק...

כ'שטיי אין אַ פּרעס. נישט צו רירן זיך פון אָרט. נישט צו באַוועגן זיך מיט קיין אבר.

און די צוויי גלייכע ברייטע פּלייצעס, ווי צוויי גלאַנציקע שוואַרצע ווענט — זיי רוקן זיך צוריק... צוריק...

דער רבי, דאַכט זיך, נעמט עפּעס זאָגן. שווער צו כאַפּן אַ וואָרט. — אין קאָפּ רוישט, אין האַלדז ווערט ענג. ס׳פּעלט אָטעם...

— אָ... לאָזט... לאָזט אַרויס... כ׳ווער דערשטיקט...

נאָר די פּרעס קוועטשט, די פּרעס דריקט און די צוויי ברייטע פּלייצעס קוקן מיט אַזעלכע גרויסע, גלאַנציקע אויגן. און זיי רוקן זיך... און איך רוק זיך... און עס ווערט אַזוי לייכט... ס׳ווערט אַזוי... אַזוי...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ שטויס... אַ ווינטל בלאָזט...

— וואָס איז?...

— גאָרנישט...

— דאָ—דאָ... לייגט אים דאָ אַנידער...

---

כ׳עפן די אויגן. כ׳ליג אין דרויסן, לעבן אַ הייזל. פאַרן הייזל, איבער דער טיר — אַ גרויסע לאָמפּ.

צוויי בחורים דערוויטערן זיך. לעבן מיר אַן עלטערע יידענע. דערנעבן אַ יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרץ בערדל. אַביסל וויטער — ווייבער, מיידלעך, קינדער.

די יידענע בייגט זיך צו:

— ס׳איז אייך בעסער?

— האַ?... יאָ, בעסער... דער קאָפּ אַביסל שווער...

— ס׳וועט אייך גאָרנישט זיין. מ׳וועט באַלד אַרויסברענגען וואַלעריאַנקע. אָבער, וואָס האָט עס אייך געטויגט? וואָס האָט איר זיך געדאַרפט שטופּן? מילא, דער וואָס האַלט כאָטש דערפון...

נאָר דער יונגערמאַן שלאָגט איר איבער:

— מאַמע...

און די יידענע דרייט אויס דעם קאָפּ:

— וואָס ווילסטו? — כ׳רעד דען עפּעס?...

פון הייזל קומט אַרויס אַ מיידל, אָדער אַ ווייבל, מיט צוויי גלעזער אין ביי־דע הענט:

— נו, ווי פילט ער זיך?

— אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען.

— גוט. כ׳וועל זיי באַלד איינגעבן. נאָר מ׳דאַרף נישט אַזוי שטיין אַרום. מ׳דאַרף צולאָזן לופט.

זי קומט־צו. זעצט זיך אויף אַ שטול:

— איר דאַרפט זיך נישט שרעקן. ס׳איז אייך חלילה גאָרנישט. אַ שטאַרקע היץ דאָרט. ס׳פעלט לופט. איז אייך נישט גוט געוואָרן.

זי דערלאַנגט דעם יונגנמאַן דאָס גלאָז טיי:

— נעם. האַלט עס אַ רגע.

און ווידער צו מיר:

— איר וועט אויסטרינקען אַביסל וואַלעריאַן־טראָפּנס. דערנאָך אַ גלאָז טיי מיט ציטרין. אַביסל ליגן אויף דער לופט און איר זענט צוריק אַ מענטש... לאָזט, ליגט אַזוי...

די שיין פונם לאָמפּ, איבער דער טיר פאַלט אויף איר האַנט. ס׳טוט אַ בליץ אין מוח:

אויפן פינגער — אַ פינגערל... פאַרנט אַ קריינדל, אין דער פאַרעם פון אַ ש... דריי קרומע קעפּעלעך... אין איטלעכן קעפּעלע — אַ ברילייאַנטל...

# די „ליטעראַרישע ירושה"...

דאָס גנוינע געסל. — הרב ריטשעוואָל מאָנט יושר. — ווער איז איטשעלע איזאַקסאָן? — „סוואַי דאָ סוועגאָ" אויף די נאַלעווקעס. — אַש, לייוויק, אָפּאַטאָשו. — זישע ברייטבאַרד און זיין כוח. — אויפן הויף פון צירק און ביי די „פאַריניקטע קעלנער". — דער טויט פון אַ גיבור...

דער רב, ר' שכנא ריטשעוואָל, קומט אַרויס פון זיין טויער, גנוינע פינף ,כאַפּט אַ קוק רעכטס, אַ קוק לינקס, און טוט אַ זאָג, ווי סתם אין געסל אַריין:

— נו?... וויפל איז דער שיעור?...

יידן פאַרשעמען זיך. קוקן אויף די זייגערס. קוקן אויף דעם בין השמשות, וואָס האָט אַזוי ראַפּטעם געטון זיך אַ לאָז אַראָפּ, און — מען נעמט זיך יאָגן. מען נעמט פאַרמאַכן די געוועלבער:

— אָווּאַ... טאַקע שפּעט...

נאָר דאָרט, די פּאָר "ריזן סוחרים", וואָס די גאַנצע קרעמלעך זייערע טראָגן זיי אויף איין האַנט — זיי ווילן זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעבן...

זיי זען שוין, ס'איז שפּעט. זען, דער ערב־פּסח איז געענדיקט. דער טאָג פאַלט פון די פיס. נאָר, ווי זיי וואָלטן געוואָלט נאָך עפּעס אַריינכאַפּן. נאָך עפּעס אָפּ־ראַטעווען — נעמען זיי רופן, נעמען זיי שרייען, נעמען וואַרפן אין דער לופט אַריין:

— אַ "היינט", אַ "מאָמענט", אַ וויצבלאַט אויף פּסח!

— אילוסטרירטע הגדות, מיט שיינע משלים!

— חרוסת! ביליק חרוסת!...

דער רב — געראַמט אין דעם גרויסן טונקעלעם טויער, ווי אַ פּאָרצייטיש בילד, פון ערגעץ אַ וואַנט אַראָפּגענומען — שאָקלט מיטן קאָפּ. קוקט מיט רחמנות אַריבער צו די פּאָר אָרעמע הענדלער נעבעך. קוקט אויף דעם סטאָלער, וואָס שלעפּט זיך, אַ פאַרשפּעטיקטער, אַהיים, מיטן קעסטל און מיטן זעגל אויפן אַקסל. קוקט אַריבער צום ווייבל, וואָס דאָס "פּעקל" פון בית־לחם האָט זיך איר צעשאָטן אויפן טראָטואַר...

דאָס ווייבל וויינט. זי קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. — די מצות צעבראָכן. ציבעלעס און קאַרטאָפל איבערן טראָטואַר צעשאָטן.

ביז איצט האָט זי געשטופּט זיך אין בית־לחם נאָכן ביסל פּסח־פּראָדוקטן. זי איז דאָרט געווען אייערנעכטן, געווען נעכטן. נאָר ערשט איצט, מיט מזל, "גע־נעזן" געוואָרן...

ווונדערט מען זיך —

חדשים לאַנגע האָבן בית־לחם און תומכי עניים געגרייט די פּסח־אַקציע. בית־לחם — דורך אַ לאָטעריע, מיט טויזנט געווינסן. תומכי עניים — דורך אַ מאַסקנ־באַל, מיט וואַלן פון אַ שיינהייט־קעניגין...

אמת, טויזנטער אָרעמע יידן קריגן בחינמדיקע מצות, צוקער, קאַרטאָפל, ציבל, אייער, שמאַלץ. אָבער — צי וואָלט מען עס נישט געקאָנט מאַכן אַ ביסעלע אַנ־דערש?

יצחק שטיקגאָלד, אהרן וואָלאַדאַוער, הערמאַן ראַגאָוואַי, מאיר סאַדאָווסקי — אַלע, דאַכט זיך, געניטע טוער. אַלע פאַרנעמען זיך מיט דעם "פּאַך" שוין נישט פון היינט. איז — צי קאָנען זיי טאַקע נישט מאַכן, אַז ביים באַקומען די פּסח־שפּייזן, זאָל מען נישט דאַרפן דאָס געזונט פאַרלירן? אַז דער הונגעריקער ייד, וואָס מוז אָנקומען צו שטיצע — זאָל עס כאָטש נישט דאַרפן אַזוי שטאַרק פילן?...

— אַ "היינט", אַ "מאָמענט", אַ וויצבלאַט אויף פּסח!...

— אילוסטרירטע הגדות, מיט שיינע משלים!...

אַ דראָשקע שטעלט זיך אָפּ. אַ פאַרשוין, אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, שפּרינגט אַרויס. אַ שווערע האַנט פאַלט אויף מיין אַקסל:

— אייך זוך איך טאַקע!...

דאָס לשון — פּויליש. דאָס פּנים — קיילעכדיק און גלאַנציק. די אויגן — אַרויסשטאַרצנדיק און ווי אָנגעטרונקען. די וואָנסן — צוויי שטייפע בערשטלעך:

— גיכער, זעצט אייך איין... דעם רעדאַקטאָר נאַטאַן שוואַלבע, האָב איך אייך געפּאַקט אין גאַס... איצט, אַז איך האָב שוין אייך אויך — פיר איך אייך ביידע אַריין אין תפיסה...

— וואָס?

ער לאַכט זיך פונאַנדער און גייט איבער אויף יידיש:

— שרעקט אייך נישט... איך וועל אייך אַריינפירן אין דער מיליטערישער תפיסה... מ'פּראַוועט דאָרט אַ סדר פאַר די יידישע אַרעסטאַנטן... כ'מיין, ס'וועט אייך זיין אינטערעסאַנט... אָפיציעל מאַכט עס די חברה "תומכי אסורים", נאָר פּאַקטיש האָב איך עס אַליין דורכגעפירט... וואָס? — איר דערקענט מיך נישט?... איר קענט נישט איטשעלע איזאַקסאָנען?... איר געדענקט נישט, איך בין געקומען אייך בעטן אויפן ברית פון דעם אוקראַינער שייגעץ?...

ווער?... איטשעלע איזאַקסאָן?... יאָ, ריכטיק... ווי האָב איך אים פריער נישט דערקענט?... ער האָט זיך טאַקע געפּאָרעט ביי די בריתן פון גרים...

אַן עפּידעמיע געווען דעמאָלט די גרים־בריתן. אַן אָנגעלויף געווען — נאָך

דער מלחמה — פון די פאַרשידענע הימלאָזע אוקראַאינער שקצים. אַלע זענען זיי געלאָפן צו יידן. אַלע האָבן זיי געשריגן, אַז זיי חלשן ווערן יידן, אַז זיי זענען ממש פאַרליבט אין יידן...

איבעריקנס — אויף יענעם ברית האָט מען עס געזען...

דאָס בילד שטייט נאָך פאַר די אויגן —

דער ראַדזימינער רבי, אַלס סנדק, שטייט צוקאָפּנס. דער מוהל, ר' איטשע־מאיר פרנס, איז גרייט מיטן מוהל־מעסער. ד"ר לעאָן מישורסקי — דער איידעם פון ד"ר סאָלאָוויטשיק — גיט איין כלאַראָפאָרם. נאָר דער "רך הנימול" — שוין אַ האַלב שלאָפנדיקער — טוט זיך אַ ריס אויפן טיש:

— אָדסטופּאַי זשידו!... יאַ טעביאַ זאַסטרעליו!...[66])

יאָ, ער האָט ליב אַזעלכע זאַכן, איטשעלע איזאַקסאָן. — בריתן פון גרים, סדרים אין תפיסות...

זיצט מען אין דראָשקע. איזאַקסאָן יאָגט. די דראָשקע שניידט זיך אינעם פאַר־נאַכט אַריין —

— גיכער!... גיכער!...

דער איזאַקסאָן איז בלויז רעטעניש. — נישט צום דערקלערן. נישט צום באַשיידן.

דער "אַמאָל", זאָגט מען, איז געווען בלויז טומאה. שפּעטער, אַן איבערקע־רעניש אין אים. היינט — מיטגליד אין כמעט אַלע צדקה־חברות. טוט גוטס. העלפט מענטשן —

אַ שם־דבר אין וואַרשע.

איינער זאָגט — צוליב אַ חלום. אַ צווייטער — ער זאָל האָבן געגעבן תקיעת־כף. אַ דריטער — צוליב אַ מיידל, וואָס ער זאָל זי אַמאָל האָבן שלעכטס געטון און דערנאָך זיך געפּייניקט אויס חרטה...

און טאַקע, אין יאָרן אַרום, דאָס מיידל קומט צוריק פון בראַזיליע אַ רייכע — האָט איזאַקסאָן מיט איר חתונה. ציט זי אַריין אין זיין כלל־אַרבעט און אויך איר געלט גייט אַוועק פאַר אומגליקלעכע, פאַר אומבאַהאָלפענע מענטשן...

מ'קען זיי. מ'לויפט צו זיי. — איינעם וואַרפט מען אַרויס פון דירה. אַ צווייטן דאַרף מען אָפּפירן אין שפּיטאָל, באַפרייען פון תפיסה, חתונה־מאַכן אַ יתומה, דורכפירן אַ ברית, מאַכן אַ מעטריקע, חתונה־אַקטן, אַנדערע פּאַפּירן, וואָס פאַר אַן אָרעמאַן איז עס שווער צו דערגרייכן.

זי מאַכט עס שטיל. מיט שעמעוודיקייט. מיט נאָגנדיקע געדאַנקען וועגן איר טראַגישער פאַרגאַנגענהייט. ער — מיט מער טומל. מיט זיין פּראָסטן לשון. אומ־באַגרענעצטער דרייסטקייט...

---

66) טרעט־אָפּ, ייד!... איך דערשיס דיך!...

און אומעטום איז ער דאָ. מיט אַלעמען אויסגעקאָכט —
שרייבער, מאָלער, אַקטיאָרן, כלל־טוער, רבנים, רביים. — ווי זאָגט מען עס: הלוואי מ'זאָל אים נישט דאַרפן... ער קומט צונויף...

---

— יידן, פאַר וואָס שווייגט מען?...
דער ייד פאַלט אַרויס פון דער ברייט צעכראַסטעטער שווענטאָ יערסקע גאַס. די באָרד צעפּאַטלט, די אויגן צעשראָקן, די הענט צענומען — ווי עמיצן אָנצוכאַפּן:
— פאַר וואָס דערלאָזט מען עס?... אין מיטן העלן טאָג... אין סאַמע האַרץ פון די נאַלעווקעס...
מענטשן שטעלן זיך אָפּ:
— וואָס איז געשען?
— איר זעט דאָך... זיי זענען אַרויס פון קראַשינסקיס גאָרטן... אַ שקצים זעקס... מיט אַ שמאַטע אויף אַ שטעקן... "סוואָי דאָ סוועגאָ" — שרייבן זיי... "יידן קיין פּאַלעסטינע"...
און איידער וואָס, איידער ווען — מ'הערט שוין געשרייען. ס'לויפן שוין יידן. פון דער ווייטנס זעט מען אַן אויפגעהויבענעם שטעקן. אַ ייד יאָגט זיך נאָך זיין אַראָפּגעשליידערט היטל. עמיצער לויפט אַרויס פון אַ געוועלב, מיט אַ לאַנגן שטעקן און ער שטייט גרייט — אַראָפּצולאָזן די זאַלווע...
פון מלאָווערס הויף לויפט אַרויס אַ טרעגער. דערנאָך נאָך איינער:
— וואָס?... דאָ, אויף נאַלעווקעס?...
— אַ בראַנד אין זייערע נירן!...
— אַ טראַמוויי איבער זייערע קישקעס!...
און דער טומל ווערט שטאַרקער. די געשרייען העכער. נאָר — שוין אַן אַנדער טומל. אַנדערע געשרייען...
אַ גוי לויפט שוין מיט אַ פאַרבלוטיקט פּנים. אַנדערע ווערן סתם אין טומל אַנטרונען. בלויז צוויי ווערן זיך נאָך.
אַ טראַמוויי צעקלינגט זיך. צוויי פּאָליציאַנטן שפּרינגען אַראָפּ. רייסן זיך אַריין צווישן עולם. נעמען שרייען, נעמען שטויסן...
די גוים פאַלן־צו צו די פּאָליציאַנטן. זוכן ביי זיי שוץ. שרייען, אַז יידן האָבן זיי געוואָלט דערהרגענען. נאָר די פּאָליציאַנטן הערן נישט. די פּאָליציאַנטן שטופּן, שטויסן, געוואַלדעווען:
— אָפּטראָגן זיך! נישט שטערן די רו!
יידן פאַרשטייען נישט:
— וואָס איז געשען? מיטאַמאָל אַזעלכע צדיקים, די פּאָליציאַנטן?

נאָר ס'וואַקסט אויס איטשעלע איזאַקסאָן:

— ש—ש—ש... גייט זיך פונאַנדער... די "מליצים" זענען מיינע... כ'האָב געזען, ס'איז ביטער... די נאַלעווקעס... ס'קאָן ווערן אַ העצע... האָב איך אַריינגערוקט צוויי "יודעלעך"...

און ער דערזעט מיך:

— אָ, גוט מאָרגן!... קומט... שטייט נישט דאָ... איר האָט אים שוין געזען?... שטעלט איך פאָר, כ'בין גראָד געווען ביי דער באַן, ווען ער איז אָנגעקומען, מיט זיין פרוי און זון... איר ווייסט, וואָס כ'וועל איך זאָגן? — ער האָט אַ גאַנץ נישקשהדיק ווייבל...

— ווער?

— נו, ער, שלום אַש... כ'גיי צו, גיב אים שלום, קוקט ער מיך אָן: — "ווי הייסט איר?" זאָג איך: — "כ'בין אַ ייד... כ'הייס איטשעלע איזאַקסאָן"... זאָגט ער: — "פיין, זייער פיין"... ווי מיינט איר? — ער קאָן מיך אַמאָל אַריינשרייבן אין זיינע מעשיות?... זאָל איך קרענקען, צי ס'אַרט מיך... שאַדט נישט — ער איז יענער שרייבער...

— איר קענט אַשן? איר האָט עפּעס געלייענט?

— געלייענט? — כמעט אַלץ, וואָס ער שרייבט אין בלאַט... "מאָטקע גנב" האָב איך אויך געזען אין טעאַטער... איר ווייסט? — מיט דעם מאָטקע גנב קען איך זיך פּערזענלעך...

— וועמען מיינט איר?

— איך מיין טאַקע דעם אמתן מאָטקע גנב פון קוטנע... דעם, וואָס שלום אַש באַשרייבט אים... איך האָב זיך מיט אים באַקענט ביי אונז, אויף קראָכמאַלנע גאַס... ער קומט צו אַ שכן אויף מיין הויף... אין דער אמתן הייסט ער מרדכי פשורעק. מ'האָט אים גערופן "מאָטל פשאַדעק". נאָר זינט שלום אַש האָט אים אַ נאָמען געגעבן מאָטקע גנב — איז ער שוין ביי דעם נאָמען געבליבן...

— און דאָס איז טאַקע דער אייגענער מאָטקע גנב?

— געוויס. דער שכן מיינער, צו וועמען מאָטקע קומט, איז אַ קוטנער. ער קען מאָטקען זייער גוט. ער האָט אויך געקענט שלום אַשן, ווען אַש איז נאָך געווען אַ בר־מצווה ייִנגל... אויך מאָטקע אַליין ווייסט, אַז אַש האָט אים באַשריבן... ער איז אַזוי בייז אויף אַשן, אַז ווען ער פּאַקט אים — זאָגט ער — דרייט ער אים אויס אַ פוס...

---

יאָ, ער איז טאַקע געקומען, אַש. אַלע ווייסן עס שוין. ער דאַרף, זאָגט מען, באַלד קומען אין רעדאַקציע. פון דער דרוקעריי און פון דער אַדמיניסטראַציע קומט אַלע מאָל אַן אַנדערער זען, צי ער איז שוין דאָ.

ער קומט. אַלע שטעלן זיך אויף. מ׳גייט אים אַנטקעגן:
— שלום עליכם!
— עליכם שלום!
נישט אַלע דערקענט ער. דווקא אויף סעגאַלאָוויטשן און י. מ. ניימאַנען, פרעגט ער, ווי זיי הייסן...



חיים סאַנדלער (אַלס גאַרקיכער
אין שלום אַשס "יחוס")
(צייכענונג פון יעקב ראַטבוים)

טייל פאַרדריסט עס. מ׳איז חושד, אַז ער מאַכט זיך נישט דערקענען. אַז דאָס איז אַזאַ מין "פּאָזע". אַנדערע פאַרענטפערן אים. — עטלעכע יאָר נישט געווען. מ׳קאָן פאַרגעסן...

נאָר, מ׳בעט זיך איבער. אַש איז אין דער שטימונג. ער איז אַן אויפגעלייגטער. אַ באַרעדעוודיקער. עס געפעלן אים, זאָגט ער, די יידן דאָ. ער וויל דאָ פאַרבלייבן. זיך פאַרשאַפן אַ דירה. בויען אַ נעסט.

און עס ווערט טאַקע היימלעכער. ס׳ווערט באַוועגלעכער. יום־טובדיקער.

אין "היינט" גרייט מען זיך דרוקן אַשס נייעם ראָמאַן "דער טויט־אורטייל". די קולטור־ליגע פלאַנט אַרויסצוגעבן אַלע אַשס ווערק. אין צענטראַל־טעאַטער שטעלט מען אַשס "יחוס". אין צירק — אַ גרויסע אַש־אַקאַדעמיע.

דריי טויזנט יידן קומען דאָ אין צירק. קומען זען און הערן שלום אַשן.

דריי טויזנט יידן פולן אָן אַלע ווינקעלעך פון צירק, אַזש ביז אַרויף צו די אייבערשטע שטאַקן.

און ווען אויף דער צירק־אַרענע — אויף דער אייגענער אַרענע, וווּ נעכטן און אייערנעכטן זענען דאָ אַרויסגעטרעטן קלאָאונס, פערד־דרעסירערס, דראַטן־גייערינס און אַטלעטן — שטעלט זיך אַוועק רעדן שלום אַש — פאַלן דריי טויזנט יידן אַריין אין אַזאַ התלהבות, אַז מינוטן לאַנגע געדויערן די אַפּלאָדיסמענטן. דאָ און דאָרט הערן זיך געשרייען "זאָל לעבן שלום אַש" און העכער פון אַלע שרייט — איטשעלע איזאַקסאָן...

---

די גאַס פאַרשפאַרט. טויזנטער מענטשן — ווי צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערן — שטופּן זיך ווילד. שטופּן זיך, מיט טומל, מיט געפּילדער.

פון לעשנאָ, רימאַרסקע, פשעיאַזר — נישט אַריין, נישט אַרויס. טלאָמאַצקע — דער גאַנצער דרייעק, דער קניפּ פון די גאַסן — איין גרויסער מענטשנקנויל.

טראַמווייען קלינגען, אויטאָ־סירענעס פייפן, בעל־עגלות שעלטן. — דער פּאָליציאַנט, וואָס רעגולירט די באַוועגונג, איז אומבאַהאָלפן. ער קאָן מיטן עולם זיך קיין עצה נישט געבן.

און דער מענטשנשטראָם וואַקסט כסדר.

און אַלץ שטופּט זיך אַהין. אַלץ צו טלאָמאַצקע — צום הויז נומער דרייצן...

איזאַק גערטנער — דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן, לעשנאָ צוויי — קאָן עס זיך נישט שענקען:

— אידיאָטן... פינסטערע בהמות... זיי מיינען, ער עסט כאָטש געפּרעגלטע פּאָדקעוועס...

אָבער, וואָס איז דאָרט פּאָרט געשען? צוליב וואָס דאָס רייסן זיך אַהין?

דער ענטפער איז קורץ:

— זישע ברייטבאַרד...

און ס'ווערט קלאָר —

דער יידישער גיבור. דער, וואָס אַנאָנסירט זיך אַלס "אייזן־קעניג". אַלס "מאָדערנער שמשון הגיבור". — ער עסט איצט מיטאָג אין באַר "מעטראָפּאָל". ער איז צוגעפאָרן מיט פאַראַד. צוגעפאָרן מיט זיין אויטאָ. מיט זיינע מענטשן...

און דער עולם רייסט זיך. דער עולם איז פאַרשיכורט — ברייטבאַרד... ברייטבאַרד...

אפשר וועט ער גאָר באַלד אַרויס פון באַר... אפשר וועט מען אים קאָנען זען...

יידן זענען שטאָלץ. פּנימער לייכטן, אויגן גלאַנצן. — אַ יידישער גיבור. אַ ייד בייגט שינעס. אַ ייד רייסט קייטן. הייבט טויזנטער פונטן...

מען זאָגט, אַז בעת זיינע אויפטריטן אין די צירקן — שפּילט מען יידישע ניגונים. צווישן די גבורה־נומערן, וואָס ער באַווייזט — פאַרעמט ער אויך אויס פון אייזן אַ מגן־דוד. וויקלט ער אַרום דער האַנט אַן אייזערנע רצועה...

---

אַ־האַ, וואָס פאַר אַן עולם אין צירק! פינף אַזייגער פאַרנאַכט — זאָגט מען — איז שוין אין קאַסע קיין בילעטן נישט געווען. צוליב אַ גאַלעריע־בילעט, וואָס אַן "אויפקויפער" האָט נאָך פאַרמאָגט — האָבן גוים זיך געשלאָגן אויף מעסערס...

די לאָזשעס, דער פּאַרטער, די שטאַקן און די גאַלעריע, סאַמע אונטערן דאַך — אַלץ אָנגעשטאָפּט. ווי געפּרעסט איינער צום אַנדערן. ווי נישט קיין באַזונדערע מענטשן וואָלטן דאָס געווען, נאָר איין מאַסע, איין ריזעדיק באַשעפעניש, מיט טויזנטער קעפּ...

און קיין עין הרע — אַזוי פיל יידן.

און וועמען זעט מען אַלץ. — שלום אַש, אסתר־רחל קאַמינסקי, איר זון יוסף קאַמינסקי, פרוי העלענאַ פּרץ, דער פאַרלעגער ש. יאַטשקאָווסקי, קלאַראַ יאַנג, איר אימפּרעסאַריאָ שלמה ווינקלער, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער וואַרשעווער קהלה, ר׳ משה פעלדשטיין, דער ווילנער בעל־זכרון נחום ליפּאָווסקי, זיין פרוי אסתר, דער יידיש־פּוילישער דיכטער יוליאַן טובים, דאָס זינגער־פּאָרל — רות לעוויאַש און משה רודינאָוו[67]). —

אַ יידישער יום־טוב. ס׳טרעט אויף אַ יידישער גיבור.

און איטלעכער, דאַכט זיך, פילט זיך, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן אייגענער. ווי ער וואָלט דאָ, אויף דער שמחה, אַ מיטבאַטייליקטער געווען...

דער אָרקעסטער שפּילט אויף. עס קומט דאָס קלאָון־פּאָרל ״בים־באָם״. דער־נאָך — אַ טענצערין אויף אַ פערד. אַ שפּאַניער מיט דרעסירטע הינטלעך, אַקראָ־באַטן, ווידער פערד.

נאָר נישט דאָס איז עס, נישט צוליב דעם איז מען אין צירק געקומען. — דער עולם איז אומגעדולדיק. דער עולם וואַרט אויפן ״טשוואַק״. וואַרט אויף דעם יידישן גיבור...

און אָט — אַ הילכיקער פאַנפאַרן־שאַל זאָגט אָן, אַז עפּעס גרויסעס, עפּעס נישט געוויינלעכס קומט אָן. דער אָרקעסטער נעמט קלאַפּן אַ מאַרש. יידן קוקן זיך איבער. מ׳דערקענט יידישע טענער. מ׳נעמט בעסער זיך איינהערן. מ׳נעמט זיך דערמאָנען. — יאָ, פון ״בר־כוכבא״. דער אייגענער מאַרש, וואָס מ׳שפּילט אויף גאָלדפאַדענס ״בר־כוכבא״...

נאָר, נישטאָ ווען צו רעדן. נישטאָ אפילו ווען צו טראַכטן. — אַ צענדליק אוניפאָרמירטע ברייטבאַרד־דינער מאַרשירן אַריין לויטן טאַקט פון דער מוזיק, שטעלן זיך אויס איןביידע זייטן אַרענע און שוין פליט צווישן זיי אַריין — אויף אַן אַלטן ״רוימישן״ וואָגן, מיט פיר פערד ״נאַשפּיץ״ — זישע ברייטבאַרד...

איינגעהילט אין אַ ווייס־בלוי־גאָלדענער פעלערינע. אויפן קאָפּ אַ מין קיווער, אויף די פיס — גאָלד־געפלאָכטענע שטיוולעטן. — ווי אַ פאַרצייטישער העלד. ווי אַ לעגענדאַרער ריטער...

ער שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן. די דינער רינגלען אים אַרום. איינער פירט אַרויס די פערד. אַ צווייטער נעמט פון אים אַראָפּ די פעלערינע, אַ דריטער דעם קיווער, אַ פערטער — דעם מעש־גלאַנציקן פאַנצער...

עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די באַוווּנדערונג איז גרויס. דער עולם איז אין עקסטאַז. דאַמען שטעלן די לאָרנעטעס אָן:

— יאַקי פּיענקני!...

---

67) שלמה ווינקלער — היינט אין פּאַריז. רות לעוויאַש און משה רודינאָוו — אין אַמעריקע.

## זישע ברייטבאַרד צו גאַסט אין רעדאַקציע „היינט"



זיצן (פון רעכטס): ב. קוטשער, י. שלעזינגער (ברייטבאַרדס סעקרעטאַר), זישע ברייטבאַרד, א. קליינמאַן.

שטייען: משה חייקין, חיים פינקעלשטיין, י. מ. ניימאַן, מנחם קיפּניס, זמרה זעליגפעלד.

— ווי שיין ער איז!...

און ער וואַרט נישט לאַנג. ער לאָזט נישט אָפּקילן. אַ דינער טראָגט אים צו אַ שטאַבע אייזן. ברייטבאַרד נעמט אָן דאָס אייזן ביי ביידע עקן און אַלע גאַפן. מען איז איבערראַשט. — ער בייגט דאָס אייזן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ דין שטיקל בלעך. עטלעכע רגעס און דאָס שטיק אייזן איז געבויגן אין אַ האַלבקרייז. געבויגן, ווי אַ פּאָדקעווע...

ער האַלט די פּאָדקעווע אויף צוויי פינגער. גייט דערמיט צו די לאָזשעס. גיט עס צו באַטראַכטן, צי ס'איז אייזן. הייסט פּרובירן עס צוריק אויפבייגן. און דער עולם פּוילט זיך נישט. מען האָרעוועט.

מען פּרובירט די כוחות...

אויך שלום אשן טראָגט ער עס צו. נישט קלאָר, צי ער קען אשן. צי ער ווייסט, ווער דאָס איז. נאָר ער בייגט זיך צו, זאָגט עפּעס אַ וואָרט און גיט אַוועק די פּאָדקעווע...

און נאָך דער פּאָדקעווע נעמט ער ווידער אַ שטיק אייזן. נעמט עס ווידער בייגן און קנעטן, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ שטיק ליים, אָדער טייג...

דער עולם איז געפּלעפט. ס'איז איבערנאַטירלעך. מ'גלייבט די אייגענע אויגן נישט. איינער זאָגט נסים, אַ צווייטער — כישוף...

און ער ענדיקט. — ער האַלט פאַרן עולם אַ פיין אויסגעפּאַרעמטע אָרנאַ־מענטיק. אַן אייזערנע בלום...

דער עולם שטורעמט. איינמאָל "בראַוואָ", נאָכאַמאָל "בראַוואָ" און דער גיבור שמייכלט. ער האַלט די "בלום" אין דער הייך, אַלע זאָלן זי זען. גייט דערמיט צו צו דער לאָזשע, וווּ עס זיצט די מאַמע פון יידישן טעאַטער אסתר־רחל קאַ־מינסקי. פאַרנויגט זיך פאַר איר קאַוואַלעריש. דערלאַנגט איר די "בלום"...

און דער עולם שטורעמט. דער עולם איז דערשטוינט פון דער גבורה. מ'וויל נאָך.

און ער "דערלאַנגט" נאָך. — איין גבורה גרעסער און איבערראַשנדיקער פון דער אַנדערער. מענטשן זיצן, ווי עלעקטריזירט. עס שווינדלט אַזש פאַר די אויגן. — אייזן איז קיין אייזן נישט. פערד זענען קיין פערד נישט. הונדערטער פודן משא, איז ביי אים אַ גאָרנישט, אַ שפּילכל. ס'דאַכט זיך — אָט אָט כאַפּט ער דעם גאַנצן צירק, מיט אַלע מענטשן און נעמט זיך דערמיט דרייען. נעמט דערמיט מאַכן קאָזשעלקעס...

וואָס־זשע טוט זיך דאָ? פון וואַנען אַזאַ כוח?

און צי איז עס מעגלעך? צי איז עס ווירקלעך כוח? אָדער... אפשר...

איך גיי אַריין צו אים, הינטער די קוליסן. שטעל זיך פאַר — אַזוי און אַזוי. כ'וויל זיך זען. כאַפּן אַ שמועס.

פרייט ער זיך:

**זייער פיין. מאָרגן צען אינדערפרי. אויפן הויף פון צירק... ער וועט אָפּוואַרטן מיטן אויטאָ... מ׳וועט מאַכן אַ שפּאַציר הינטערן שטאָט...**

---

דער צירק־הויף איז נישט גרויס. — טירן צו די הינטערקוליסן, אַ גאַראַזש, איינריכטונגען פאַר פייערלעשער און אַ געמויערטער פּלויט, ווו אויף אַ געלן הינטערגרונט, טאַנצט אַ העלפאַנט אויף אויסגעשטעלטע פלעשער...

אויפן הויף — דער צירק־דירעקטאָר מראַטשקאָווסקי, דאָס מיידל, וואָס האָט געטאַנצט אויפן פערד, דאָס אַקראָבאַטן־פּאָרל, אַ דאַמע, מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און — שלום אַש.



שלום אַש
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

אַש קומט אַנטקעגן:

— האָ?... איר, דאָ?...

און ער וואַרט נישט אויף ענטפער:

— איך בין געקומען זען ברייטבאָרדן... אַ גרויסער גיבור... מיר האָבן זיך באַשטעלט... כ׳וויל, ער זאָל מיר אַביסל דערציילן וועגן זיין לעבן... ער וויל מיט מיר אַרויספאָרן הינטערן שטאָט... נו, און איר?... אַזוי? ...מיט אייך האָט ער זיך אויך באַשטעלט?... איז גוט... וועט טאַקע זיין הימלעכער.

אַש וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס׳קומט אָן ברייטבאָרד. מיר זעצן זיך איין אין אויטאָ. מיר פאָרן. ער נעמט דערציילן. נעמט מאָלן בילדער פון די ענגע געסלעך אין לאָדזשער באַלוט. פון די גרויע שטיבלעך. פונעם יידישן דלות.

בזשעזשינער גאַס פינף... יעראָזאָלימסקע דרייצן... שווענטאָ יאַקובאַ צוועלף...

דער טאַטע יצחק. איין ברודער גרשון. אַ צווייטער יוסף. די שוועסטער שרה. — אַלע גיבורים. די שטאַרקסטע אין דער געגנט. בלויז די מאַמע — אַ קליינע. די מאַמע — אַ שוואַכע. אַן איידעלע. נישט אַריינגעפּאַסט זיך אין דער אומגעלומפּערטער גבורהדיקייט פון דער שטוב. געציטערט פאַרן קוק פון דעם שטאַרקן, בייזן טאַטן. געלעבט מיט דער האָפענונג אויף נחת פון קינדער.

נאָר, נישט דערלעבט. — איבערגעלאָזט די קינדער נישט דערוואַקסענע. איבערגעלאָזט נישט קיין צייטיקע. רויע. ווי ווילדע גראָזן אויף אַ הפקרדיקן באָדן...

אים, זישען — נאָך פון יינגלוויז אָן געצויגן צו גבורות. געצויגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס איז, אויסצולאָדן זיין שוין דעמאָלט געוואַלדיקן כוח. זיך לסוף צוגעקלעפּט צו עפּעס אַ וואַנדער־צירק. דערנאָך אין אַ צווייטן צירק. גענומען וואַנדערן. גענומען שטייגן. דער וועג שטורעמדיק. אַ סך דערגנער. אַ סך אויסגעשטאַנען, צוליב זיין ידישקייט. נאָר — געוואַקסן. באַהערשט און צוריקגע־קלאַפּט אַלע אַנטיסעמיטישע ווילדקייטן קעגן אים. אָפן און שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען ייד. אומעטום זיך אַנאָנסירט אַלס יידישער גיבור. צעקלאַפּט די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג, אַז יידן זענען שוואַכע... ער איז גליקלעך. ער זעט די צע־שטראַלטע פּנימער פון יידן. פון יידישע פּאַלקסמענטשן, פון יידישע האָרעפּאַש־ניקעס, וואָס גרויסן זיך מיט אים. וואָס פילן זיך עפּעס ווי זיכערער מיט אים. זיכערער מיט זייער אייגענעם, זייער יידישן גיבור...

יאָ, ברייטבאַרד איז נישט בלויז אַ גיבור. ער איז אויך אַ מייסטער אויף דער־ציילן. אַ מייסטער אויף מאָלן בילדער. אויף איבערגעבן סיטואַציעס...

איך הער, מיט שפּאַנונג. אַש זיצט, מיט פאַרמאַכטע אויגן. — שווער צו זאָגן, צי הערט ער, אָדער נישט. נאָר צומאָרגנס, ער קומט אין רעדאַקציע:

— איר ווייסט? — זייער אינטערעסאַנט... איר וועט עס מאַכן נישט שלעכט... מ'דאַרף עס דערציילן...[68]).

---

ניין. שלום אַש נעסטיקט נישט דאָ.

שוין געהאַט דאָ איינגעאָרדנט אַ גאַר לייטישע דירה. געפירט אַ בעל־הבתיש־קייט. מ'האָט געמיינט, ער בלייבט שוין אַ וואַרשעווער. מיטאַמאָל — ער ליקווי־דירט די דירה. פּאַקט די טשעמאָדאַנען...

אמת, אַש זאָגט, ער פאָרט בלויז אויף אַ שטיקל צייט. ער וועט נאָך צוריק־קומען. נאָר, צי אַזוי, צי אַנדערש — מ'דאַרף זיך צונויפקומען. מ'דאַרף אים געזעגענען.

זענען די טישן פון באַנקעטן־זאַל ביי די "פאַרייניקטע קעלנער" — דלוגע ניין און דרייסיק — געדעקט, מיט כל טוב. אַרום די טישן — שרייבער, מאָלער, אַקטיאָרן, פריינט. די רעדעס קורצע. — נישט אָפיציעל. נישט אָנגעצויגן. סתם, אַזוי זיך. — מען שמועסט...

שמועסט מען אויך וועגן דער שפּראַכן־מלחמה, וואָס איז אַ צייט לאַנג געפירט געוואָרן אַרום די אויפשריפטן אויפן אוהל פּרץ. מ'שמועסט וועגן גאַטעספּעלדס

68) ב. קוטשערס „זישע ברייטבאַרד" האָט אין יאָר 1925 זיך געדרוקט אין „היינט" און אין דעם זעלבן יאָר — אויך אַרויס אין בוכפאָרעם.

"געוואַלד ווען שטאַרבט ער?", וואָס משה ליפּמאַן האָט געשטעלט אין צענטראַל־טעאַטער. וועגן דעם נייעם ליטעראַרישן קליינקונסט־טעאַטערל, "עזאזל", וואָס פרוי טעא אַרצישעווסקאַ האָט אָרגאַניזירט[69]). וועגן דער פיינער אַרבעט, וואָס דוד הערמאַן, הענעך קאָן און הענריק בער־לעווי האָבן אין דעם טעאַטערל אַריינגע־לייגט.



משה ליפּמאַן
(אַלס דירעקטאָר אין חנא גאָטעספעלדס
"געוואַלד ווען שטאַרבט ער")
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

און אַז מ'רעדט שוין וועגן "עזאזל" און דאָ, ביים טיש, זיצן די צוויי הויפּט־אַרטיסטן אָלאַ לילית און וולאַדעק גאָדיק — איז דאָך טאַקע קיין יושר נישט, זיי זאָלן נישט עפּעס דערלאַנגען[70]).

זינגט גאָדיק זיין "פּייגע סאָסע", לילית זינגט הענעך קאָנס שוין פּאָפּולערן "עזאזל־שימי" און אַז עס קומט צום רע־פריין, זינגען שוין אַלע מיט — אפילו אויך אַש —

גיי שוין, גיי — ביזט אַ שלימזל.
גיי שוין, גיי — לעזאזל...

עמיצער זאָגט אָן, אַז זישע ברייט־באַרד איז דאָ אין ערשטן זאַל. אַז עפּעס ברוגזט ער זיך.

כ'גיי אַריין — ברייטבאַרד זיצט טאַקע. לעבן אים — איטשעלע איזאַקסאָן.

יאָ, ער ווייסט, ברייטבאַרד, אַז מ'איז זיך צונויפגעקומען געזעגנען אַשן. אי־זאַקסאָן טענהט טאַקע מיט אים איין, ער זאָל אויך אַריינגיין.

— נו?

— איך גיי נישט.

— פאַר וואָס?

— ווייל מ'האָט מיך נישט געבעטן...

דער אָרקעסטער שפּילט אויף. פּאָרלעך נעמען זיך הוידען. פון באַנקעטן־זאַל קומען אַריין: מנחם קיפּניס, י. מ. ניימאַן, יוסף טונקל, משה אינדעלמאַן, שמעון שפּיגעל, סעגאַלאָוויטש, אלא לילית, שלום אַש.

---

69) טעאַ אַרצישעווסקאַ (מרים איזראַעלס) — קונסט־מעצענאַטין. געווען אַ נאָענטע פריינדין פון י. ל. פּרצן. היינט — אין פּאַריז.

70) אָלאַ לילית — היינט אין ניו־יאָרק.

## אַ גרופּע שרייבער און קינסטלער מיט ה. לייוויקן



ערשטע ריי (פון רעכטס): אַרכיטעקט הירשנבערג, ה. לייוויק, מאָלער יצחק ליכטענשטיין.
צווייטע ריי: י. מ. ניימאַן, לעאָ פינקעלשטיין, ד״ר א. גליקסמאַן, ב. קוטשער, שמעון שפּיגל.

בריטבאַרד שטעלט זיך אויף. מאַכט אַ טריט צו אַשן. ביידע דריקן זיך די הענט. פאָרלעך גליטשן זיך פאַרביי. איטשעלע איזאַקסאָן קוועלט פון נחת. פאַרהאַלט די זיך הוידענדיקע פאָרלעך:

— באַטשנאָשטש!... צוויי גיבורים...

---

צי אַש וועט קיין וואַרשע צוריקקומען, אָדער נישט, ווייסט מען נישט. נאָר, דערווייל — פרישע געסט.

קודם־כל — יוסף אָפּאַטאָשו, זיין פרוי אַדעלאַ, זיין ייִנגעלע דודל. דערנאָך — קוים אין אַ חודש אַרום — ה. לייוויק.

מילא, אָפּאַטאָשו, איז ער שוין דאָ געווען. מ'האָט שוין מיט אים זיך געפרייט. געמאַכט אַ קבלת פנים, באַנקעטן, דער עיקר — שוין נישט קיין גרויס נייעס, שוין אַ שטיקל אייגענער. כמעט אַ וואַרשעווער.



יוסף אָפּאַטאָשו

(געצייכנט פון יוסף טרויבע — מיט די ווערטער פון אָפּאַטאָשוס נאָוועלע „יוסף קאַרו")

— אָבער לייוויק?

גרייט מען זיך. גייט מען צו דער באַן. מ'פרייט זיך. מ'גיט זיך שלום.

און אין אָוונט — אַ באַראַטונג וועגן אָרגאַניזירן אַן אויפנאַמע, בעסער געזאָגט — אויפנאַמען, פאַר דעם ליבן, פאַר דעם טייערן גאַסט.

אין אַ פאָר טעג אַרום — אַ באַנקעט אין ליטעראַטן־פאַריין. אַ באַנקעט בלויז און אויסשליסלעך פאַר אייגענע, פאַר שרייבער, פאַר קינסטלער, אַקטיאָרן.

נאָך אין אַ פאָר טאָג אַרום — אַ גרויסער, אַ פייערלעכער ברוך הבא. דאָס מאָל שוין אין גרויסן קאַמינסקי־טעאַטער. דאָס מאָל שוין פאַרן ברייטן עולם. פאַר דעם דיכטערס לייענער. פאַר דעם דיכטערס פאַרערער.

עס רעדט הלל צייטלין. עס רעדט הערש־דוד נאָמבערג, יוסף אָפּאַטאָשו, מלך, ראַוויטש, א. ליטוואַק, ביינוש מיכאַלעוויטש, י. מ. ניימאַן, זרובבל, נחמן מייזל,

יצחק נאַזשיק — אין איטלעכן וואָרט פרייד. אין איטלעכן וואָרט ליבע און פאַר־ערונג פאַר דעם גרויסן דיכטער.

און ערשט לייוויק אַליין —

דער צווייטער טויזנט קעפּיקער עולם איז אין העכסטן עקסטאַז. מ'האַלט איין דעם אָטעם. אַ שאָד אַ וואָרט צו פאַרלירן.

אַפּלאָדיסמענטן, בלומען, פרייד־אויסרופן — מ'וויל נישט אָפּלאָזן. דער שטורעם הערט נישט אויף.

און פון טעאַטער ווידער אין פאַריין. ווידער געמיטלעך, אינטים, חבריש. מ'ווייסט נישט פון קיין שלאָף. ס'גלוסט זיך נישט צו שיידן. ס'איז אַזוי גוט, אַזוי אָנגענעם צו זיצן, צו שמועסן און דער עיקר — הערן. הערן דעם ליבן, דעם טייערן גאַסט.

און אינדערפרי, אין דער היים — אַ בריוול פון ווילנע. אַ בריוול פון זישע ברייטבאַרדן:

...ס'פאַרדריסט, וואָס איך קאָן נישט זיך באַטייליקן אין דעם יום־טוב פאַר דעם גרויסן דיכטער ה. לייוויק. איך האָב לייוויקן געזען אין אַמעריקע און איך וועל זיין גליקלעך, ווען איך וועל אים דאָ ווידער זען. איך האָף, אַז דאָס וועט בקרוב געשען...

---

נאָר, ס'געשעט נישט. ברייטבאַרד קומט נישט. —

פון ווילנע פאָרט ער אין נאָך אַ שטאָט. פון דאָרט אין אַ צווייטער. דערנאָך אין אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער.

מיטאַמאָל, — ער איז דאָ, ברייטבאַרד. אַ טעלעפאָן פון האָטעל. ער בעט, וואָס גיכער צוקומען צו אים.

אין האָטעל־צימער — אַ אומאָרדנונג. ברייטבאַרד זיצט אַ צעווייטיקטער. דעם רעכטן פוס אויסגעצויגן אויף אַ שטול. דאָס פּנים צעפלאַמט. די אויגן — ווי נישט אויסגעשלאָפן. זיין פרוי, ליזע, פאַרעט זיך ביים טישקעסטל. איטשעלע איזאַקסאָן פאַרשנורעוועט אַ טשעמאָדאַן...

— וואָס איז?

— מיר פאָרן אַהיים...

— אַזוי פּלוצעם?

ברייטבאַרד שווייגט. מ'זעט, ער האָט יסורים. די פרוי דערציילט:

— אין ראַדאָם... ער האָט געוויזן אין צירק דאָס אַריינקלאַפּן מיט דער האַנט אַ טשוואָק... דאָס ברעט געטון זיך אַ דריי... דער טשוואָק אַריין אין פוס... ווייזט אויס געווען פאַרזשאַווערט... איצט איז געווען ד״ר סאַלאָוויטשיק... ער זאָגט, מ'דאַרף שוין אָפּערירן...

— נו?

און ברייטבאַרד כאַפּט האַסטיק אונטער:

— איך וויל נישט... איך וויל פאָרן קיין בערלין... דאָרט זענען דאָ גרויסע ספּעציאַליסטן...

איך פּרוביר עפּעס זאָגן. פּרוביר גיבן צו פאַרשטיין, אַז אויף סאָלאָווייטשיקן קאָן מען זיך פאַרלאָזן. נאָר ברייטבאַרד לאָזט נישט רעדן. — מ'וועט ביי אים גאַרנישט פּועלן. ער וועט די היגע דאָקטוירים זיך נישט אָנפאַרטרויען. ער וויל נישט בלייבן קיין קאַליקע...

ער באַרואיקט זיך באַלד. ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון פּנים. בעט זיצן. פּרו־בירט אפילו טון אַ שמייכל. —

ניין. ער גלייבט בכלל נישט, אַז מיט זיין פוס זאָל עס האַלטן אַזוי שלעכט... ער מיינט, אַז אין בערלין וועט ער זיכער קיין אָפּעראַציע נישט דאַרפן... ער האָט נאָר נישט געוואָלט אָוועקפאָרן נישט געזעגנטערהייט... יאָ, ער וואָלט אויך געבעטן איבערצוגעבן זיין גרוס שלום אַשן, לייוויקן און דעם רב מיכעלסאָן...

וואָס עפּעס דעם רב מיכעלסאָן?

ווייל פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ווילנע, איז ער געוועזן ביים רב מיכעלסאָן. דעם רבס זון — דער מיטאַרבעטער פון "מאָמענט" — מאָטל מיכעלסאָן, האָט אים אַרויפגעפירט צום פאָטער. דער רב האָט מיט אים געשמועסט. אים געשענקט זיינס אַ ספר...

---

— וואָס הערט זיך?

— נישט גוט... היינט צום זעקסטן מאָל אָפּערירט...

און פרוי ברייטבאַרד כליפּעט אַריין אין טעלעפאָן־טרייבל:

— מיין מאַן, דער גיבור, האָט היינט געוויינט... ער בעט, מ'זאָל אַלאַרמירן קיין וואַרשע... זאָל הרב מיכעלסאָן בעטן פאַר אים... זאָלן יידן תהלים זאָגן...

איטשעלע איזאַקסאָן לייגט איין וועלטן. ער לויפט צו רבנים, לויפט צו גוטע־יידן. ער אַליין שטייט אין מלאַוועדס שול, מיט אַ מנין יידן, און זאָגט תהלים...

נאָר, די טרויעריקע בשורה קומט אָן —

זישע ברייטבאַרד לעבט נישט...

דער קלאַפּ איז גרויס. יידן זענען דערשיטערט. מ'וויל זיך עס נישט גלייבן. מ'קאָן זיך עס נישט שענקען —

— אַזאַ גיבור...

אַנדערע ווילן גאָר זען דערין עפּעס אַ מוסר השכל. — נישטאָ, הייסט עס, קיין צו שטאַרקע...

אָבער יידן טרויערן. מען באַוויינט דעם גיבור. מ׳שרייבט וועגן זיין לעבן. מ׳זינגט לידער וועגן זיין טויט —

שוין נישטאָ דער גרויסער גיבור —
וויינען הערט נישט אויף.
ס׳האָט אַ קלייך, פאַרזשאַווערט טשוועקל
אים געבראַכט דעם סוף...

צו די שלושים אָרדנט יאַנקעלע דאַנציקער איין, אין קאַמינסקיס טעאַטער, אַ ברייטבאַרד־אָוונט. — מ׳רעדט. מ׳זינגט לידער. מ׳ווייזט אַ פילם, וואָס איז געהאַט, אין אַמעריקע, מיט ברייטבאַרדן געדרייט געוואָרן.

און בעת די אַנטראַקטן, גייט איטשעלע איזאַקסאָן אַרום זיך באַווייזן, מיט די דריי ביכער, וואָס ברייטבאַרד האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, ביי אים איבער־געלאָזט —

שלום אַשס ״מאָטקע גנב״ מיט אַשס אייגנהאַנטיקע דעדיקאַציע פאַר ברייט־באַרדן, ה. לייוויקס ״גולם״ און הרב מיכעלסאָנס ״מראה יחזקאל״...

מענטשן זענען אים מקנא. פאַראַן בעלנים, וואָס ווילן עס ביי אים אָפּקויפן. נאָר איטשעלע וויל נישט הערן דערפון:

— דאָס איז ביי מיר דער גרעסטער און טייערסטער אוצר... זישע ברייט־באַרדס ליטעראַרישע ירושה...

# דער תיקון פון אַ שטענדער...

אויפן וואַרשעווער „פּאַטשעיאָוו". — נחום סאָקאָלאָוו און דער פּאַרוואַלטער פון „הצפירה". — מ׳שיסט אויף „בונטאָווטשיקעס". — אַ טישל גייט אויפן עולם האמת. — ר׳ שמואל זביטקעווער און זיין שנור טעמערל. — שלמה גילבערט געפינט זיין טוביהלען. — ווי אַזוי דער שטענדער ווערט נתגלה...

ווער איז דער שטענדער? — קיינער ווייסט עס נישט.

אין די לעקסיקאָנען און אין די ענציקלאָפּעדיעס, איז זיין נאָמען אינגאַנצן נישט דערמאָנט.

נאָר ע. נ. פרענק, וואָס איז געווען אַן איינגייער אין נחום סאָקאָלאָווס "הצפירה" — דערציילט וועגן דעם שטענדער אַזאַ מעשה:

איינמאָל, אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, ווען נחום סאָקאָלאָוו איז — צוזאַמען מיטן פּאַרוואַלטער פון "הצפירה" — דורכגעגאַנגען דעם "פּאַטשעיאָוו", אויף באַגנע גאַס — האָט ער, לעבן אַ געוועלב פון אַלטע מעבל, דערזען אַ שטענדער.

דאָס איז געווען אַ הויכער שרייבטיש, מיט אַ משופּהדיקע דעק, ווי אויף אַ שטענדער, אָדער אַן עמוד. אַרום און אַרום איז ער געווען פאַרמאַכט, ווי אַ קאַסטן און אויף די קליינע, גראָבע פיסלעך, האָט ער אויסגעזען, ווי אַן איבערגעפּרעסענער, מגושמדיקער בעל־גוף...

סאָקאָלאָוו איז געבליבן שטיין און מעשה מבין אָפּגעמאָסטן דעם שטענדער פון אויבן ביז אַראָפּ:

— אַט דער בחור געפעלט מיר...

דער פּאַרוואַלטער קוקט אים אָן:

— וועלכער בחור?

— אַט אָ, דער בעל־עבירהניק, מיטן לײדיקן בויך...

— ס׳הייסט?

נאָר סאָקאָלאָוו ענטפערט נישט. ער גייט צו נענטער. שטעלט זיך אַוועק האַרט לעבן שטענדער. מעסט־צו, ביז וואַנען דער שטענדער דערגרייכט אים. פּרובירט אויך אַרויפלייגן די הענט, ווי צום שרייבן און ער פרייט זיך, ווי אַ קינד:

— פונקט גוט... מען וועט קאָנען אַביסל שטיין... קיין שונא זאָל נישט וויסן פון דעם טעם... נאָך אַ דריי־פיר שעה זיצן — שטעלט מען זיך אויף... מ׳דערפילט ערשט, אַז מ׳האָט אַ שטיקל באָדן אונטער די פיס...

אין צען מינוט אַרום — דער שטענדער ליגט שוין, ווי אַ פריץ, אויסגעצויגן אויף אַ האַנטוועגעלע. דער פורמאַן, פאָרויס, איינגעשפאַנט במקום אַ פערד, און נחום סאָקאָלאָוו מיטן פאַרוואַלטער — פון הינטן, אויפן טראָטואַר...


נחום סאָקאָלאָוו
(צייכענער נישט באַקאַנט)

דאָס איז געווען נאָך אין פינפטן יאָר.

אין יענעם טאָג איז גראָד אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט אויף איינעם פון די געפערלעכסטע צאַרישע פּאָליציי־אַגענטן. די מיליטערישע פּאַטראָלן אין די גאַסן זענען געווען צענפאַך פאַרשטאַרקט. מ׳האָט כמעט נישט דורכגעלאָזט קיין מענטש, מ׳זאָל אים נישט אָפּשטעלן, מ׳זאָל נישט דורכנישטערן זיינע קעשענעס.

און פּלוצעם:

— רוקי נאַ ווֹיערך!...

שטעלט מען זיך אָפּ. מ׳הייבט אויף די הענט. דער זעלנער איז בודק סאָקאָלאָוון, בודק דעם פאַרוואַלטער, דעם פורמאַן. קוקט נאָך די דאָקומענטן, פרעגט פון וואַנען מ׳גייט.

און מיטאַמאָל:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַסטן?

סאָקאָלאָוו ענטפערט:

— דאָס איז נישט קיין קאַסטן. דאָס איז אַ שרייבטיש.

נאָר דער זעלנער פאַלט אַריין אין כעס. טוט אַ הייב אויף די ביקס מיטן אָנגעשפּיצטן באַגנעט:

— מאַלטשאַט!... נאָך איין וואָרט און איך שטעך דורך!... ווּעמען האָט איר דאָרט באַהאַלטן?...

— באַהאַלטן?

— יאָ, באַהאַלטן... מיר קענען זיך אויף די שטיקלעך... גיך אַראָפּנעמען פון וועגעלע!...

דער פורמאַן נעמט אַראָפּשלעפּן דעם שטענדער. סאָקאָלאָוו מיטן פאַרוואַלטער

העלפן צו. און דער זעלנער רוקט זיך אָפּ, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, דער שטענדער זאָל נישט אויפרייסן...

— אַ טיש... אַ טיש, זאָגן זיי... און וויפל בונטאָווּשטשיקעס ליגן אין דעם טיש?... איך וועל אייך ווייזן... אויפמאַכן!... שוין אויפמאַכן דעם טיש!...

דער פאַרוואַלטער נעמט אַרויס אַ שליסעלע. נעמט זיך פּאָרען ביים טיש. די הענט ציטערן אים. ער טרעפט נישט אין שלעסל אַריין. נאָר דער זעלנער נעמט מיטאַמאָל שרייען:

— ניעט!... ניעט!... נישט אויפמאַכן!... איך קען אייך, מאַשעניקעס... איר ווילט אויפמאַכן... יענע זאָלן אַרויס... יענע זאָלן נעמען שיסן... וואַרט... איך וועל זיי ווייזן...

און איידער וואָס, איידער ווען, איז —

טראַך!!

איין שאָס, אַ צווייטער, אַ דריטער. דער שטענדער טוט זיך אַ טרייסל. דאַכט זיך, אַט־אַט פאַלט ער...

— וואָט... איצט עפּנט... איצט וועלן מיר זען, וויפל זיי זענען דאָרט באַ־האַלטן...

און ער וואַרט נישט, מען זאָל עפענען. ער לויפט צו. דרייט איבער די ביקס. דערלאַנגט איין קלאַפּ, אַ צווייטן, אַ דריטן און — די דעק פון שטענדער שפּרינגט אויף.

נאָר ווען ער זעט, אַז אין שטענדער איז קיינער נישטאָ — טוט ער אַ שפּיי:

— וואָט, מאַשעניקי!...

---

ווי אַזוי און ווען האָט דער שטענדער איבערגעוואַנדערט פון "הצפירה" אין "היינט" אַריין? — שווער צו זאָגן. אָבער מיט עלף יאָר שפּעטער, כ'בין אָנגעקומען אין "היינט" — איז ער שוין דאָרט געשטאַנען.

אמת, שוין נישט דער אייגענער, שוין נישט יענער אָנגעפּרעסענער בעל־גוף — שוין פאַרעלטערט. אַ ביסל איינגעבויגן. אָן פאַרב. — אַ זכר פון שלעכטע טעג, פון שווערע איבערלעבענישן...

אָנגעזען האָט מען בלויז די דריי דינע לעכלעך, וואָס זענען, מיט עלף יאָר צוריק דורכגעשאָסן געוואָרן.

אויך דאָס לאָך, פון וואַנען ס'איז דעמאָלט אַרויסגעריסן געוואָרן דאָס שלעסל, מיט אַ היפּש שטיקל האָלץ...

ווי אַ יאַסלע, פון וואַנען עס איז, מיט די ציין, אויך מיטגעריסן געוואָרן אַ שטיק פלייש...

געשטאַנען איז דער שטענדער אין אַ ווינקל.

געשטאַנען אַוועקגעשטעלט, ווי מען שטעלט אַוועק אַן איבעריק שטיק מעבל. ווי מען שטעלט אַוועק אַן אַלטן גראַט, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. וואָס מען שעמט זיך שוין מיט אים. נאָר צוליב עפּעס אַ סענטימענט — וואַרפט מען אים נישט אַרויס...

עפּעס האָט ער געוועקט רחמנות, דער שטענדער.

אַ שווייגנדיקער. אַן אָפּגעזונדערטער. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. זיך נישט גערעכנט מיט אים.

.. און טאָמער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַ פרישער מענטש, וואָס האָט נאָך דעם שטענדער נישט געקענט און יענער האָט יאָ אַ קוק געטון אויף אים — איז עס געווען אַ בליק פון ביטול. אַ בליק פון חוזק:

— און ווער איז דער אַנטיק?...

אמת, ס׳האָט אויך אַמאָל געטראָפן — ווען עמיצער האָט געדאַרפט אויף גיך אָנשרייבן עטלעכע ווערטער — און מ׳האָט אויף אַ מינוט־צוויי זיך אַוועקגעשטעלט בײַם שטענדער. אָבער די דאָזיקע פּאָר מינוטן זענען געווען אַזעלכע זעלטענע. אַזעלכע קורצע.

און אפילו דאָס האָט זיך געענדיקט —

אַלס אַן איבעריקע זאַך, אַלס אַ זאַך, וואָס קיינער דאַרף עס נישט, וואָס פאַרנעמט סתם אַן אָרט און שטערט נאָך דערצו די איידעלע אויגן פונם פיינשמעקער, פונם בעל־מפונק — האָט מען דעם שטענדער סוף כל סוף איבערגעבעטן. מ׳האָט אים משלח געווען פון דער גרויסער מיטלסטער שטוב אַרויס, און אים אַריינגעשטעלט אין אַ קליין, זייטיק שטיבל.

אין אַ שטיבל, וואָס איז, דאַכט זיך, צו גאָרנישט באַנוצט געוואָרן און ווו עס האָט שוין אויף אים געוואַרט נאָך אַזאַ שטיק מעבל —

אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און איין פוס זיינער איז געלעגן פון אויבן, אויף דער דעק...

ווי אַ אינוואַליד, וואָס גייט אויף אַ קוליע און דעם קינסטלעכן פוס זיינעם — טראָגט ער אין האַנט...

---

שווער צו זאָגן, וואָס עס ציט אַזוי אין יענעם שטיבל אַריין.

צי די עטלעכע יאָרגענג פון אַלטע ״היינטן״, וואָס ליגן אין אַ ווינקל געבונדענע און וואַרטן, עמיצער זאָל זיך צו זיי אַמאָל אַריינכאַפּן. עמיצער זאָל זיי אַמאָל אַ בלעטער טון. אַ גלעט טון מיט אַ וואַרעמער האַנט. מיט אַ וואַרעמען בליק...

צי די ביידע שטיקער מעבל, וואָס הגם זיי שטייען אַזעלכע שווייגנדיקע — דערציילן זיי אַזוי פיל.

צי גאָר דאָס אַלטע אָפּגעריבענע בילד פון שלום־עליכמען אַלס יונגער בחור — וואָס הענגט אויף דער וואַנט און קוקט אויף אַלץ און אַלעמען מיט אַזאַ קלוגן, טרויעריקן שמייכל...

מעגלעך אויך — דער דראַנג צו רואיקייט. דער דראַנג זיך צו באַפרייען פון דעם צו שטאַרקן טומל אין די ערשטע דריי רעדאַקציע־צימערן.

סיי ווי — עס געשעט.

נאַטירלעך — נישט באַלד. ס'איז שווער זיך צו דעצידירן. נישט שטאַרק לייכט דאָס דורכצופירן.

אָבער —

די עטלעכע יאָרגענג פון "היינט" ווערן איבערגעטראָגן ערגעץ אין אַ שפּייכלער. דאָס טישל מיטן פוס אויף דער דעק, גייט דאַכט זיך אינגאַנצן אויפן עולם האמת. ס'בלייבט בלויז שלום עליכם'ס בילד אַלס יונגער בחור, דער אַלטער שטענדער און — איך...

און כאָטש מ'שטעלט אַריין אין שטיבל אַ ניי טישל און אַזש דריי שטולן — האָב איך אָבער אָפּט ליב צו שרייבן שטייענדיק און דווקא ביים שטענדער...

---

וואָס טוט זיך עס דאָ? ווו האָט ערגעץ געקאָנט אַהינקומען דער מאַנוסקריפּט?

נעכטן אָוונט געלאָזט אַ מאַנוסקריפּט אויפן טישל. היינט, איך קום — ער איז נישטאָ.

פרעג דעם, פרעג יענעם — ערשט די רוימערקע שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן:

— אַזעלכע לאַנגע בלעטלעך?

— יאָ, לאַנגע בלעטלעך.

— כ'האָב זיי אַריינגעוואָרפן אין שטענדער...

— אין שטענדער? וואָס עפּעס אין שטענדער?

נאָר וואָרט נישט אויף ענטפער. לויף צו. הייב גיך אויף די דעק פון שטענדער — יאָ, זיי זענען דאָ, די בלעטלעך. זיי ליגן באַלד פון אויבן. אָבער ניין. נישט בלויז מיינע בלעטלעך ליגן. געוואַלד, וואָס דאָ טוט זיך. כמעט ביז אַרויף — בלעטלעך, פּאַפּירן, אַזוי פיל, פון אַלערליי גרויסן, פון אַלערליי פאַרבן...

כ'קאָן זיך נישט איינהאַלטן. כאַפּ אַ גאַרשט בלעטלעך. נעם לייענען אין בלעטל — יוסף קירמאַנס אַ ליד "די גאַס". נאָך אַ בלעטל — יהושע פּערלעס אַ נאָוועלע "געסט", און אַזוי כסדר — יוסף פּאַפּיערניקאָווס אַ ליד, יעקב רייזפעדערס אַ גאַסנבילד, אַלעקסאַנדער פאַרבאַס אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע, ה. ל. זשיטניצקיס

אַ נאָוועלע, לייב מלאכס אַ באַלאַדע, שלמה גילבערטס אַ דערציילונג, קלמן הייַ־שעריקס אַ באַשרייבונג וועגן בעטלער, עפּעס עמעצנס אַן עסיי וועגן ר׳ שמואל זביטקעווער...

כ׳בין איבערראַשט. קאָן עס נישט פאַרשטיין. וואָס טוט זיך דאָ? ווי קומט דאָס אַלץ אַהער?

פאַרגעס אינגאַנצן אין מיין מאַנוסקריפּט. נעם לייענען די געפונענע זאַכן. עפּעס דאַכט זיך אַלץ גוטע, אַלץ פיינע זאַכן. איז ווי קומט דאָס אַלץ אַהער? ווי לאַנג ליגט עס שוין דאָ?

לייען וועגן ר׳ שמואל זביטקעווער — די גאַנצע מעשה וועגן דעם שטאַרק רייכן און שטאַרק פרומען וואַרשעווער יידן, ר׳ שמואל, וואָס האָט — ווי די לעגענדע דערציילט — אַרויסגעשטעלט אויף זיין הויף צוויי פעסלעך גאָלד, כדי אויסצו־קויפן די יידן פון סוואָראָווס קאָזאַקן... וועגן זיין שנור, די צדיקת טעמערל און די מעשה מיט דעם גאָרטן ״באַגאַטעלאַ״, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייל פון איר פאַרמעגן און זי זאָל אים האָבן אָוועקגעשאָנקען דעם פוילישן קעניג סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי, כדי אויסצופועלן פּריווילעגיעס פאַר יידן... וועגן איר זון מיכאַל בערגסאָן — דעם וועלטבאַרימטן קאָמפּאָזיטאָר... וועגן איר איינינקל, אַנרי בערג־סאָן — דעם גרויסן געלערנטן, פילאָזאָף, פּראָפעסאָר אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע, וואָרטזאָגער אין ״אַקאַדעמיע דע פראַנס״...

נישט צו פאַרשטיין. פאַר וואָס וואַלגערט זיך דאָס אַרום דאָ, אין די טיפע־נישן פונם שטענדער? ווער איז עס געווען דער, וואָס האָט אויף דעם אַזאַ האַרבן פּסק אַרויסגעגעבן?...

נעם אויך לייענען שלמה גילבערטס דערציילונג — אַ מעשה מיט אַ טוביהלען, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין נגידס טעכטערל. דאָס טעכטערל שטאַרבט. טוביהלע ווערט משוגע, גראָבט אויף דאָס קבר, נעמט אַרויס דעם טויטן קערפּער...

עפּעס איז דאָס אַלץ באַקאַנט. דאַכט זיך, שוין אַמאָל געלייענט. שוין ערגעץ געהערט...

און דערמאָן זיך —

שוין אַן אַלטע מעשה. שוין דאַכט זיך יאָרן — גילבערט איז געקומען אין רעדאַקציע. געמאָנט ביי יאַצקאַנען אַ דערציילונג. אַ דערציילונג, וואָס איז יאַצ־קאַנען נישט געפעלן געוואָרן. גילבערט האָט צוריק פאַרלאַנגט דעם מאַנוסקריפּט. יאַצקאַן האָט געטענהט, אַז ער האָט אים נישט.

גילבערט האָט זיך דעמאָלט דענערווירט. ער איז געווען פאַרצווייפלט. דאָס איז דער איינציקער עקזעמפּלאַר געווען. ער האָט פון דער דערציילונג קיין קאָפּיע נישט איבערגעלאָזט.

דערמאָן זיך אויך, אַז יאַצקאַן האָט טאַקע דעמאָלט געטענהט:

## רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „היינט" (1928)



ערשטע ריי (פון רעכטס): א. ל. יאַקובאָוויטש, ד״ר י. גאָטליב, נח פינקעלשטיין, י. גרינבוים, ש. י. יאַצקאַן, נחמיה פינקעלשטיין, ד״ר י. שיפּער, מ. קיפּניס, י. מ. ניימאַן.
צווייטע ריי: ח. פינקעלשטיין, ב. קרעמער, מ. לייזעראָוויטש, א. קליינמאַן, א. איינהאָרן, א. גאָלדבערג, ז. סעגאַלאָוויטש, א. גאַוווזע, מ. אינדעלמאַן, ב. קוטשער, ש. שפּיגל, ה. ל. זשיטניצקי, י. ש. גאָלדשטיין.
דריטע ריי: ה. מיימאָן, ש. שווערדשאַרף, ד. תאומים, ש. פיינקינד, ד״ר ר. לעמקין, ב. ווייסבאַרד, י. גראַוויצקי, ב. יאושזאָן, מ. חייקין, מאָטל באָקשטיין.

— מ׳טאָר אַזוינס נישט דרוקן... ס׳ווירקט נישט גוט... אויפגראָבן פון קבר... אַ נאַקעט מיידל...

כ׳לייען נאָכאַמאָל איבער — יאָ, דאָס איז עס. די אייגענע דערציילונג. איז וואָס טוט זיך דאָ? ווי קומט זי אַהער?...[71]).

---

יאָ, מ׳דאַרף עס אים צו וויסן טון.

כ׳שרייב אַוועק אַ בריוול צו גילבערטן קיין אָטוואָצק און צומאָרגנס — אַ טעלעפאָן פון זיין היים:

— גילבערט איז נישטאָ. ער איז אין וואַרשע.

נעם טעלעפאָנירן. נעם אים זוכן. ערשט אין אָוונט — ער איז דאָ. ער זיצט אין ליטע־ראַטן־פאַריין.

זעץ זיך צו צו זיין טישל:

— איך האָב אייך נעכטן געשריבן אַ בריוול...

— אַזוי? וועגן וואָס?

— סתם אַזוי... וואָס מאַכט איר?...

און כ׳גיי צו צום ענין:

— יאָ, וואָס איז געוואָרן מיט אייער דער־ציילונג?

— וועלכע דערציילונג?



שלמה גילבערט
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

— איך געדענק נישט, ווי זי האָט געהייסן. אויב איך האָב נישט קיין טעות, רעדט זיך דאָרט וועגן אַ טוביהלען, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דעם נגידס טעכטערל. דאָס טעכטערל שטאַרבט...

אויף גילבערטס באַקן שלאָגן מיטאַמאָל אַרויס צוויי ראָזע פלעקן. ער טוט זיך נערוועז אַ דריי אויפן בענקל:

— רעדט נישט, איך בעט אייך... דערמאָנט עס נישט...

— וואָס איז?

— אַ פּרעכטיקע דערציילונג... נישט געוואָלט צוריק אָפּגעבן... ווער ווייסט, אוודאי ערגעץ פאַרטאַכליעוועט... געמוזט נאָכאַמאָל אָנשרייבן פון זכרון...

71) אין שטענדער איז אויך געפונען געוואָרן אַ העלפט פון י. ל. פּרצעס אַ פעליעטאָן — פון וועלכן די ערשטע העלפט איז, אין יאָר 1911, געווען געדרוקט אין „היינט". אינטערעסאַנט, אַז יאַצקאָן אַליין פלעגט נישט איין מאָל זיך רימען, אַז ער האָט „געשניטן" — אפילו אויף פּרצן...

און מיטאַמאָל:

— יאָ, כ'מיין, וואָס עפּעס אין דער מיט?... כ'מיין, אַנטקעגן וואָס פרעגט איר עס?...

— גאָרנישט... סתם אַזוי... איך האָב זיך עס גראָד דערמאָנט, ווייל איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ דערציילונג...

— נו?

— איז דאַכט זיך מיר, אַז די דערציילונג מיינע איז אינגאַנצן ענלעך צו אייערע...

— אַזוי?...

— יאָ... אויף דער אייגענער טעמע... און דאַכט זיך, אויך די אייגענע פּער־סאָנאַזשן... איר ווילט אפשר לייענען?...

און כ'וואַרט נישט, ער זאָל ענטפערן. דערלאַנג אים זיין דערציילונג, וואָס איך האָב געפונען אין שטענדער. ער ווישט אויס אַן אויג, וואָס נעמט אים טרערן. קוקט אַריין, נעמט לייענען און — די אויגן ווערן אים עפּעס מאָדנע גרויס. די בלעטלעך אין זיין האַנט נעמען ציטערן:

— האַ... ס'הייסט...

און באַלד הייבט ער אויף די אויגן, דערזעט מיין שמייכל און ווי ער וואָלט זיך עפּעס געכאַפּט:

— וואָס?... דעם אמת... יאַצקאָן?... ער האָט עס אייך געגעבן?...[72]).

— — — — — — — — — — — — — — —

גיך דערוויסט מען זיך אין ליטעראַטן־פּאַריין וועגן דעם "נס ביים שטענדער".

און מ'נעמט לויפן.

און איטלעכס מאָל געפינט דאָרט עמיצער אַנדערש זיינס אַ זאַך. איטלעכס מאָל שלעפּט עמיצער אַנדערש פון דאָרט עפּעס אַרויס...

און דער שטענדער קריגט אַ תיקון.

מען קומט צו אים. מען רעדט פון אים. ער ווערט אַ טעמע. ווערט אַ סימבאָל...

און טרעפט איינער דעם אַנדערן — איז די ערשטע פראַגע:

— וואָס הערט זיך? — עפּעס געפונען אין שטענדער?...

72) די נאָוועלע — אגב אונטער אַן אַנדער נאָמען — איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין דעם יובל־בוך פון „היינט", אין יאָר 1928.

# אַ באָמבע אין רעדאַקציע...

אויף גזשיבאָווסקי זעקס און צוואַנציק. — דער מאַרש פון בעלוועדער. — גרוואַלד, ווו זענען די דאָזאָרעס? — דער מיטאָג אין סיים. — פּאַוואַנ־זעק, פּשיטיק און מינסק־מאַזאָוויעצק. — יחיאל וועגנראָווער קריגט מעדאַלן. — גיכער! די באָמבע קאָן אויפרייסן!...

ביים קהלה־טויער, גזשיבאָווסקי זעקס און צוואַנציק, שטעלט זיך אָפּ אַ דראָש־קע, מיט אַן אויפגעהויבענער בויד:

— יוזש!... מאָזשנאָ!...[73]).

און ווי נאָר דערויף וואָלט מען געוואַרט. — קיינער ענטפערט נישט. קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף דעם, וואָס האָט די בשורה געברענגט. מ׳לאָזט זיך, מיט אימפּעט, אין טויער אַריין און פון דאָרט — אויף דעם גרויסן, ליכטיקן הויף אַרויס:

— יוזש מאָזשנאָ!...

מ׳ווייסט נישט רעכט, אין וואָס עס איז געגאַנגען. מ׳ווייסט נישט, צוליב וואָס דער אָפּהאַלט איז געווען. מ׳ווייסט בלויז, אַז אַכט אַזייגער אינדערפרי, איז שוין דער הויף געווען פול. איז שוין אַלץ גרייט צום אָפּמאַרשירן געווען.

נאָר, מ׳האָט זיך נישט גערירט. עפּעס האָט געשטערט. מ׳האָט אויף עפּעס געוואַרט.

און אָט —

אין איין ווינקל די "מכבי"־יוגנט, מיט זייער אָרקעסטער און די ווייס־בלויע פאָן. אין אַ צווייטן ווינקל — ש. פּרילוצקיס מיידל־גימנאַזיע, אין ווייסע בלוז־קעלעך. דאָ — די קהלה־וואַרשטאַטן, דאָ — קרינסקיס גימנאַזיע, פינקעלס גימ־נאַזיע, "חינוך", "תרבות", קהלה־שולן...

מ׳שטעלט זיך גלייך, מ׳קאָנטראָלירט די רייען, מ׳גיט אַרויס באַפעלן —

— אַכטונג! אַכטונג!

דער פירער פון צוג הייבט אויף אַ פענדל. דער באַראַבאַנטשיק פון "מכבי" נעמט קלאַפּן אין פייקל. דער צוג רירט —

73) שוין!... מ׳קאָן שוין!...

— אחת! שתיים! שלוש! ארבע!

פאַרויס — דער קהלה־פּרעזעס העשל פאַרבשטיין, דער וויצע־פּרעזעס משה פעלדשטיין, דאָזאָר סטאַניסלאַוו ראָזענבערג, דאָזאָר יצחק שטיקגאָלד. אַלע אין צילינדערס אַלע אָנגעשטייפּט, ערנסט, פייערלעך.

דער טאָג דינט־צו. פריער האָט געפּרישעט אַ רעגן. מ׳האָט געמיינט, די שמחה וועט זיין אַ פאַרשטערטע. נאָר, פּלוצעם, אַזאַ אויסלייטערונג. אַזאַ קלאָרקייט. — ווי נאָר לכבוד דעם צוג האָט דער הימל אַזאַ לויטערן, אַזאַ העל־בלויען טעפּיך איבער דער שטאָט אויסגעשפּרייט.

ווי נאָר לכבוד דער שמחה, האָט די זון אין אירע שענסטע גינגאָלדענע יום־טוב־קליידער זיך אויסגעצירט...

דער עולם איז יום־טובדיק אויפגערוימט. די התלהבות שטייגט. דער אָר־קעסטער קלאַפּט.

און אַלע מאָל אַן אַנדערער:

— יחי!...

— ניעך זשיע!...

— זאָל לעבן!...

דאָס לעצטע נישט אַזוי אָפט. — נישט דער סאָרט יוגנט. נישט פון די קרייזן...

די "צישאָ"־שולן גייען נישט. די בונדישע דאָזאָרעס זענען בכלל קעגן דעם, אַז די קהלה זאָל יום־טובן דעם צענטן יובל פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט. אַז די קהלה זאָל לכבוד דעם יום־טוב, מאַניפעסטירן מיט דער שוליוגנט.

די אגודה־דאָזאָרעס — וואָס דאָס גאַנצע מאַניפעסטירן איז אייגנטלעך זייער פאָרשלאָג געווען — האָבן אויך אין דער לעצטער מינוט זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן די קינדער פון זייערע חדרים.

זיי ווילן מאַניפעסטירן באַזונדער.

ערשטנס, געפעלט זיי נישט דאָס מאַניפעסטירן פּרייטיק, ווייל מ׳קאָן חלילה, צוליב דעם מחלל שבת זיין. צווייטנס — און דאָס איז, דאַכט זיך, דער עיקר — האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז בראש פון דעם צוג גייט די "מכבי"־יוגנט, מיט דער ווייס־בלויער פאָן...

אָבער, דער יום־טוב איז יום־טוב. די גאַסן, ווו דער צוג גייט דורך, זענען פול. יידן שעפּן נחת. גויים שפּיזלען מיט די אויגן, אָדער שמייכלען אין אַרבל אַריין —

— שטופּן זיך יידעלעך, ווו מ׳בעט זיי נישט... פרייען זיך מיט אונזער אומ־אָפּהענגיקייט...

און הערשעלע דאַנילעוויטש, דער פאָלקסטימלעכער דיכטער, וואָס קומט אַנטקעגן — ער קאָן עס בכלל נישט פאַרשטיין:

— איז וואָס?... וועט מען שוין נישט שלאָגן קיין יידן?...

און גאַרנישט ווי זיין טבע. ער קוקט מיט איראָניע, מיט חוזק און אַ סאַרקאַס־טיש שמייכעלע רוט אויף זיינע קליינע, כמעט קינדערישע ליפּן...

אינגאַנצן איז ער ווי אַ קינד. — ער איז קליין, נאַאיוו, שפּילעוודיק. אויך זיין אופן רעדן, זיין רעאַגירן אויף געוויסע דערשיינונגען און אפילו די לידעלעך, וואָס ער שרייבט — קורצע, שפּילעוודיקע שורהלעך.

אַן אמתער פאַלקסדיכטער, הערשעלע. נאָר צו דער וועלט איז ער נאָך נישט דערגאַנגען.

אָדער, פאַרקערט — די וועלט איז נאָך נישט דערגאַנגען צו אים...

לאַנגע יאָרן געווען אַ בחור. עמיצער האָט זיך מרחם געווען. געשאַפן אים אַ מיידל פון הענריקאָוו, לעבן וואַרשע. אין ליטעראַטן־פאַריין געווען די חתונה. דער פאַריין געגעבן נדן, אים געעפנט אין הענריקאָוו אַ געוועלבל און אין אַ פּאָר חדשים אַרום — הערשעלע שלאָפט אין פאַריין, אויף די שטולן...

— וואָס איז, הערשעלע? פאַר וואָס פאָרסטו נישט אַהיים?

הייבט ער אויף דאָס קליינע קעפּל. שטעלט אַן זיינע פאַרחלומטע, קינדערישע אויגן:

— און פּרנסה?...

— ס'הייסט פּרנסה? האָסט דאָך אַ געוועלבל.

— איז נאָך ערגער... אַ געוועלבל דאַרף עסן... אַז אַ געוועלבל האָט אַ ליידיקן מאָגן, ווערט עס איינגעדאַרט, ס'זעט אויס שלעכט און דער עיקר — קיינער וויל נישט אַריינשמעקן...

— נו, וואָס?

— גאַרנישט... עמץ האָט דאָך אַזוי געוואָלט... עמץ האָט דאָך מיך חתונה געמאַכט... איז מילא... קיין גט וועט זי דאָך נישט נעמען... וועל איך איר שוין מוזן שאַפן אַביסל נאַפט...

אַ ברירה האָט ער? — ער מוז דאָך שאַפן. ער מוז דאָך אַמאָל אַהיימפאָרן צום ווייב.

דרוקט ער ערגעץ אָפּ, אַמאָל אין אַ יובל, אַ לידל. אַרבעט אַ טאָג אין אַ רע־דאַקציע, זעצט איבער פאַר עמיצן אַ פּאָר שורות, אָדער כאַפּט סתם ערגעץ אַ פּאָר גילדן און — פירט אַרויס אַביסל נאַפט...

די איינציקע זאַך, מיט וואָס ער קאָן "איינבעמען" זיין שטענדיק אָנגעברוגזט ווייב — איז נאַפט.

און טאָמער גליקט אים אַמאָל אָפּ און ער קאָן אַרויספירן אַ זעקס־אַכט ליטער נאַפט פאַרן געוועלבל, איז ער דעמאָלט אין זיבעטן הימל. דאַרף ער שוין נישט שלאָפן אויף די האַרטע שטולן אין ליטעראַטן־פאַריין. ער קאָן שוין דערנאָך אַ וואָך צייט אַהיימפאָרן — אפילו אָן נאַפט אויך...

יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ,
פּוקי מי זשיעמי!...[74]).

שוין, דאַכט זיך, אַלע פּויליש־פּאַטריאָטישע לידלעך אויסגעזונגען. אויך דעם אָפיציעלן פּוילישן הימן, שפּילט מען שוין צום צווייטן מאָל. נאָר, די טויערן פונעם שלאָס, ווו עס נעסטיקט דער מלוכה־פּרעזידענט, איגנאַצי מאָשטשיצקי, זענען נאָך אַלץ געשלאָסן.

מ׳פאַרשטייט נישט. מ׳ווייסט, אַז פון פּרעזידענטס קאַנצעלאַריע האָט מען פאַרזיכערט, דאָס דער פּרעזידענט אַליין וועט אויפנעמען אַ קהלה־דעלעגאַציע. ס׳איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ גענויע שעה, ווען די דעלעגאַציע דאַרף זיך מעלדן אין שלאָס. און דאָ — די וואַך ביי די טויערן ווייסט גאָרנישט. זיי האָבן נישט קיין באַפעל, זאָגן זיי.

און דער עולם וואַקסט. דער גאַנצער פּלאַץ, פאַרן שלאָס, באַלייגט מיט מענטשן. די פּאָליציאַנטן האָרעווען ביים איינהאַלטן די אָרדנונג. דער אָרקעסטער קלאַפּט. יונגוואַרג רופט אויס פּאַטריאָטישע לאָזונגען. אַנדערע כאַפּן אונטער.

קיין העברעיש הערט מען שוין דאָ נישט. קיין יידיש אוודאי און אוודאי נישט. — מען שטייט דאָך עפּעס פאַרן שלאָס. פאַר דער רעזידענץ פונעם פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט...

נאָר, פאַר וואָס נעמט ער נישט אויף, דער פּרעזידענט? מ׳קומט דאָך נישט ביי אים עפּעס בעטן. מ׳קומט דאָך בלויז אים לויבן. בלויז אים אויסדריקן גע־טריישאַפט. געבן אים ברכות צום יובל פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

שוין. מ׳קאָן שוין אַריינגיין. עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל. דער פּרעזידענט וועט אויפנעמען.

מען גייט. די דאַזאָרעס — אין נאָמען פון דער יידישער קהלה. אַ לערער, מיט צוויי מיידעלעך — אין נאָמען פון די יידישע שולן. אַ פאַרשטייער פון דער פּוי־לישער טעלעגראַפן־אַגענטור. אַ פאָטאָגראַפיסט...

אפשר אויך גיין? אפשר וועט מען אַריינלאָזן?

— נישטאָ, ווען צו טראַכטן. באַלד קאָן זיין צו שפּעט.

כ׳שטעל גיכע טריט. גלייך זיך אויס מיט די איבעריקע גייער און — יאָ, מ׳לאָזט אַריין. מ׳ציילט נישט די מענטשן, וואָס גייען דורך. מ׳פרעגט נישט קיין נעמען. די וואַך ביים טויער סאַלוטירט. די פאָרטיערן ביי די טירן פאַרנייגן זיך, נעמען צו די גאַרדעראָבע, פירן אַרויף אויף ברייטע, גלאַנציקע טרעפּ. פירן אַריין אין דעם אַזוי באַרימטן ״מאַלינאָוון״־זאַל...

74) נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן, כל זמן מיר לעבן (פּוילישער הימן).

שאַ, איך בין נישט אַליין... אויך פון נאָך אַ צייטונג איז מען אויף דעם אופן אַריין... און דווקא פון אָרטאָדאָקסישן "ייד"... דווקא דער חסידישער שרייבער משה מאַרק...[75]).

דער זאַל — גרויס און ליידיק. בלויז ביי די ווענט שטולן. איבער די שטולן — פרעסקעס און היסטאָרישע מאַלערייען.

נאָר נישטאָ, ווען צו זיצן. נישטאָ, ווען צו קוקן אויף די מאַלערייען. די אויפנאַמע קורץ. — דער פרעזידענט. מיט דער פרעזידענטין קומען אַריין. פאַרבשטיין לייענט אַרויס פון אַ פאַפּיר אַ באַגריסונג. די צוויי מיידעלעך טראָגן־צו בלומען. דאָס פרעזידענטן־פּאָרל דאַנקט, קושן די מיידעלעך און — שוין. די אודיענץ איז געענדיקט. מ׳קאָן שוין גיין...

און אַלץ שטייענדיק. אַלץ אויף איין פוס. אָפיציעל־ערנסט. טעאַטראַל־פייערלעך. — ווי אַ פּאַרטיקע סצענע פון עפּעס אַן אָפּערעטקע אויסגעשניטן...

אַראָפּ גייט מען גיך. מען יאָגט זיך. נאָר דער פּאַרטיער, וואָס איז דער ממונה איבער מיין גאַרדעראָבע — ער יאָגט זיך נישט. אים אַרט נישט, וואָס אַלע שאַרן זיך איינציקווייז אַרויס.

ער איז העפלעך. פאַרנייגט זיך צוואַנציק מאָל. טיטולירט "פּאַניע דאָקטאָזשע". פאַרענטפערט זיך פאַר עפּעס — וואָס איך ווייס אַליין נישט, פאַר וואָס...

נאָר ס׳ענדיקט זיך —

כ׳פאַרשפּילע גיך דעם מאַנטל. לויף אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך. קום אַרויס אין טויער — די צוויי מונדירטע שלאָס־וועכטער, איןביידע זייטן טויער, דערזען מיך און כאַפּן די פאַנפאַרן צום מויל...

אויך דער ריזעדיקער עולם אין דרויסן באַגעגנט מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן...

כ׳פאַרשטיי נישט. פיל זיך נישט גוט. ס׳נעמט מישן אין קאָפּ. — אַזאַ פּאַראַד... אפשר אַ טעות?...

נאָר די פאַנפאַרן שאַלן. דער עולם שטורעמט. מען קאָן דאָך נישט שטיין, ווי אַ גולם...

כ׳באַמי זיך גיין גלייך, נאָר, דאַכט זיך, איך וואַקל זיך. איך פיל, דאָס פּנים ברענט. אין קאָפּ רוישט. אַלץ — די פאַנפאַרן, דער עולם, די רייטער־פּאָליציאַנטן, וואָס מאַכן אָרדנונג — אַלץ דרייט זיך אין איין ראָד. אַלץ פּלאָנטערט זיך אין איין קנויל...

— אַכטונג!... פאַרזיכטיק!...

כ׳ווייס נישט, וואָס מען מיינט, ווייס נישט, וועמען מען מיינט. נעם אַריבער־

75) משה מאַרק — היינט אין ישראל.

לויפן צום עולם. וויל זיך אַריינקוועטשן אין דער מאַסע. — דער מאָלער נתן קאָזשען כאַפּט אָן ביי דער האַנט:

— ש־ש־ש... רואיק... שטופּט אייך נישט... דער פּרעזידענט שטייט דאָך...

— האַ?... דער פּרעזידענט?...

יאָ, דער פּרעזידענט... ער שטייט אויפן באַלקאָן, איבערן טויער... ער איז אַרויס זיך ווייזן פאַרן עולם...

הייסט עס, פאַר אים דאָס שאַלן פון די פאַנפאַרן... פאַר אים דער שטורעם פון עולם...

כ'פאַרשעם זיך. נאָר קיינער קוקט גאָרנישט צו מיר. אַלעמענס בליקן זענען אָנגעשפּיצט אַהין, צום פּרעזידענט.

און די פאַנפאַרן שאַלן...

און דער עולם שטורעמט...

---

ענדלעך. אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. — שוין באַגריסט, אין שלאָס, דעם פּרעזי־דענט מאָשטשיצקי!... באַגריסט, אין בעלוועדער, דעם מאַרשאַל פּילסודסקי. מאַ־ניפעסטירט איבער די גאַסן, מיט פויליש־פּאַטריאָטישע לידלעך. דערפילט דעם בירגערלעכן חוב, נישט ערגער ווי די פּאָליאַקן אַליין.

דערצו נאָך באַצייטנס. — צוגעיאָגט זיך. אין סאַמע ערשטן טאָג פון די דריי אָפיציעלע יום־טוב טעג.

אמת, די קהלה־דאָזאָרעס האָבן זיך געהאַט זייער חשבון, מיט דעם נישט וועלן מאַניפעסטירן זונטיק, צוזאַמען מיט די גויים. זיי ווייסן, די דאָזאָרעס, אַז בעת אַ גויאישער חתונה, איז גלייכער, מ'זיצט אין שטוב...

נאָר, וואָס איז דער חילוק? — אָפּגעיום־טובט. איבערגעקומען. מ'גייט שוין צוריק פון בעלוועדער. קינדער זענען מיד. אפשר הונגעריק אויך. נאָר מ'גייט. מ'שטאַרקט זיך —

— אחת! שתים! שלוש! ארבע!...

אַ געשריי, אַ טומל. — אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס פאָרט פון פּרוזשנע גאַס אין דער מאַרשאַלקאָווסקע אַריין, שניידט זיך אַריין אין צוג. עטלעכע קינדער פאַלן. אַנדערע לויפן זיך פונאַנדער.

— העי! האַלט איין!...

עמיצער כאַפּט אָן דאָס פערד ביים צוים און נעמט עס שטופן צוריק. ס'מישט זיך אַריין דעם פערדס בעל־הבית און נעמט אַרבעטן מיט דער בייטש איבער די קעפּ.

פרישע געשרייען, פרישע געוואַלדן. ס'לויפן אָן צוויי פּאָליציאַנטן. דער

טענהט דאָס, דער טענהט יענץ און שוין — מ׳האָט שוין די "שולדיקע". מ׳שלעפּט שוין צוויי יידישע בחורים...

— געוואַלד, ווו זענען די דאָזאַרעס?

— דאָרטן, ביים אָנהייב פון צוג.

— גיכער! מ׳דאַרף צולויפן!

נאָר, צו די פּאָליציאַנטן גייט צו האָסטיק אַ יונגערמאַן. ער איז שטרענג און בייז. זאָגט, ווי ער הייסט. דערקלערט, אַז ער האָט אַליין געזען דעם פאַרלויף פונעם געשעעניש. אַז ער קאָן זיך נישט באַרואיקן פון אויפרעגונג. — די קינדער גייען פון בעלוועדער, ווו מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי האָט זיי אויפגענומען און פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע. זיי גייען פריילעכע, זינגען פויליש־פּאַטריאָטישע לידער — נעמט דער פורמאַן און שניידט זיך אַריין צווישן די קינדער. אַרבעט מיט דער בייטש איבער די קינדערישע קעפּלעך. — דאָס איז אַ אומדערהערטער סקאַנדאַל. אַ פאַרשוועכונג פאַרן מאַרשאַל פּילסודסקי. אַ פאַרשוועכונג פאַר דעם גרויסן יום־טוב פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט.

די פּאָליציאַנטן פילן זיך שולדיק. מ׳האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט. דערוויל קומט אויך צו העשל פאַרבשטיין. מ׳ברענגט אויך צו אַ מיידעלע, מיט אַ צעבלוטיקט פּנימל. — די פּאָליציאַנטן פאַרצייכענען דעם יונגענמאַנס נאָמען. פאַרצייכענען אויך פאַרבשטיינס נאָמען. הייסן דעם פורמאַן זיך אויפזעצן אויף דער פּלאַטפאָרמע. הייסן פאָרן אין קאָמיסאַריאַט.

קוקט מען נאָך דעם יונגענמאַן — ווי פיין ער האָט עס גערעדט. מיט וואָסער ענערגיע ער האָט זיך עס אָנגענומען פאַר די יידן.

ווער־זשע קאָן דאָס זיין? קיינער ווייסט נישט?

יאָ. מ׳ווייסט יאָ. אַ מיידל האָט אונטערגעהערט, ווען יענער האָט זיך לעגיטימירט. — ער איז דירעקטאָר פון אַ איטאַליענישער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט. ער הייסט מיענדזיזשעצקי.

— אוודאי אַ איטאַליענער.

— וואָסער איטאַליענער? — אַן עכט פּוילישער נאָמען.

— אַלץ איינס. אַבי אַן אָרנטלעכער גוי...

---

ניין. נישט קיין גוי. — ער איז אַ ייד.

און נאָך וואָסער ייד? —

אַ זון פון הרב מנחם מיענדזיזשעצקי. שוואָגער פונעם רעדאַקטאָר פון "ייד" און גרינדער פון די "בית יעקב"־שולן, ר׳ יהודה־לייב אָרלעאַן. חברט זיך מיט יידישע שרייבער און צוזאַמען מיט שמואל שוויץ — פינאַנסירט און געהאָלפן משה בראָדערזאָנען ביים גרינדן זיין קליינקונסט־טעאַטער "אַראַראַט" — וואָס האָט אַרויס־

געגעבן אַעלכע טאַלאַנטירטע אַרטיסטן, ווי שמעון דזשיגאַן, ישראל שומאַכער, שמואל גאָלדשטיין.

און די אַנטפּלעקונג קומט צופעליק. אינגאַנצן אומגעריכט. ביי האָלצבערגן אין קאַוויאַרניע...

האָלצבערג איז דער בעל הבופעט אין ליטעראַטן־פאַריין. ער האָט אויך אין אייגענעם הויז, טלאָמאַצקע דרייצן, בשכנות מיטן באַר "מעטראָפּאָל", אַ קאַוויאַר־ניע. אייגנטלעך — אַ מילכיק רעסטאָראַנדל. אַ רעסטאָראַנדל, וואָס שמט מיט זיין היימיש שטיקעלע געפילטע פיש. מיט דעם מחיהדיקן גלעזעלע בורקע־באָרשט, פּאָזשעמקעס מיט סמעטענע, בלינצעס מיט קעז...

זיצט מען ביי אים. כמעט אַ שטיקל פיליע פון ליטעראַטן־פאַריין געוואָרן. כאַפּט זיך אַריין אַ שרייבער, כאַפּט זיך אַריין אַ קינסטלער, צי סתם אַ גאַסט, וואָס איז שוין, אָדער פּרעטענדירט ערשט צו ווערן, אַ קולטורמענטש. — ס׳איז היימיש, געמיטלעך, קולטורעל. דערצו נאָך קאָן אַמאָל טרעפן, אַז דאָס שטיקעלע פיש, אָדער דאָס גלעזעלע באָרשט, דערלאַנגט טאַקע זי אַליין — האָלצבערגס טעכטערל...

דער ליטעראַטן־פאַריין האָט מזל צו זיינע בופעטניקעס. כמעט אַלע, וואָס זענען ביז איצט געווען אין פאַריין — האָבן באַטעמטע טעכטערלעך...

אַזוי יאַדזשע גאַנדז, וואָס נאָמבערג האָט זי ממש פאַרגעטערט. וואָס ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער גערעדט פון איר... דערנאָך — לאָלאַ נייקראָן, וואָס בער האָראָוויץ האָט וועגן איר געשריבן אַ ליד, מאָוריצי מינקאָווסקי האָט געמאָלן איר בילד און יוסף שליווניאַק האָט פון איר "געקלאַפּט" קופּער־שפּילקעס, וואָס די שרייבערישע ווייבער טראָגן אויף די הערצער.

נאָר אויב די ביידע זענען שיין, איז זי, האָלצבערגס טעכטערל, מער ווי שיין. זי פאַרמאָגט אין זיך טויזנט חנען און איטלעכער געפינט אין איר אַן אַנדער חן...

עטלעכע שרייבערישע בחורים האָבן שוין אפילו פּרובירט זיך שדכנען צו איר. נאָר ס׳גייט נישט. אַ סברא, שוין צו שפּעט. מ׳שמועסט, זי זאָל שוין בקרוב ווערן אַ כלה פאַר דעם יונגען זשורנאַליסט משה דאַנציגערקראָן.

און טאַקע דאָ, ביי האָלצבערגן אין קאַוויאַרניע, איך קום אַריין — ער איז דאָ...

ס׳זיצט סעגאַלאָוויטש, ס׳זיצט משה לייזעראָוויטש, יאַנקעלע דאַנציקער, הער־שעלע דאַנילעוויטש און — ער, דער גוי...

יאָ, דאָס איז ער. מען שטעלט פאָר — מיענדזיזשעצקי...

איך וווּנדער זיך:

— איר רעדט יידיש?

און לייזעראָוויטש לאַכט זיך פונאַנדער:

— ווי דען זאָל רעדן יחיאל ווענגראָווער?...

— ס׳הייסט?



יחיאל ווענגראָווער (נהרי)

**פֿאָטאָגראַפֿירט נאָכן פֿאַרלאָזן די ישיבה.**

נאָר מיענדזיזשעצקי אַליין קלערט עס אויף —

יחיאל װענגראָװער האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן און אַזוי האָבן אים אַלע גערופן, װען ער איז — אין יאָר טויזנט ניין הונדערט צװיי און צװאַנציק — אָנגעקומען קיין װאַרשע, אין דער נאָװאַרדיקער ישיבה, אויף פּראַנציסקאַנער עלף. אַזוי האָבן אים חברה גערופן אויך דעמאָלט, װען ער איז — אין דריי יאָר אַרום — אַרויס פון דער ישיבה און אָנגעקומען אַלס באַאַמטער אין דער איטאַליענישער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט "ריאוניאַנע אַדריאַטיקאַ", אויף מאַניושקע צען. אַזוי רופט מען אים אפילו היינט, װען ער איז אין דער דאָזיקער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט — דער דירעקטאָר...

און רופן רופט מען אים יחיאל װענגראָװער, װייל ער איז אַ װענגראָװער. װייל אַלע אין זיין משפחה זענען װענגראָװער.

דער עיקר — מיענדזיזשעצקי איז אַ גויאישער נאָמען. דערצו — אַביסל שװערלעך צום אַרויסרעדן. איז — צו װאָס זיך מאַטערן?...

און נישט בלויז זיינע אַמאָליקע חברים פון ישיבה, נישט בלויז יידן, נאָר אפילו עטלעכע פון זיינע באַקאַנטע גויים װייסן װעגן דעם נאָמען. אפילו זיי רופן אים אַמאָל "װענגראָװער"...

הערשעלע װאַרפט אַריין:

— אוודאי אַנטיסעמיטן.

נאָר מיענדזיזשעצקי שמייכלט:

— חלילה. גאַנץ װוילע מענטשן. דער עיקר — װען מען טרינקט אַ גלעזל...

---

װען מען טרינקט אַ גלעזל...

אמת. מ׳זעט עס אויך דאָ, אין סיים, אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ פון פּוילישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט.

װי קומט אַ קאָנפערענץ פון זשורנאַליסטן צו אַ גלעזל? —

ס׳קומט.

װאָרן די רעגירונג, די פּוילישע, האָט אָפּט צרות פון די זשורנאַליסטן. זיי, די זשורנאַליסטן, האָבן אַ טבע אומעטום אַריינצושטעקן די נאָז. האָבן אַ טבע אַמאָל אויך צו שרייבן דאָס, װאָס מען דאַרף נישט. דאָס, װאָס עס איז דעם, אָדער יענעם מיניסטער נישט אויף דער האַנט...

דאַרף מען זיי, פאַרשטייט זיך, אַנטקעגנקומען. מען דאַרף מיט דער חברה לעבן בשלום.

איז קומט אַ ספּעציעלער רעגירונגס־פאַרשטייער באַגריסן די קאָנפערענץ. אַ צװייטער פאַרשטייער קומט מעלדן, אַז די רעגירונג פאַרגרעסערט די צאָל ביכע־

לעך אויף אומזיסטע באַן־נסיעות פאַר זשורנאַליסטן. אַ דריטער — פאַרבעט אין זאַל פון סיים־בופעט אויף אַן אָפיציעלן רעגירונגס־מיטאָג...

און אַז מען דערהערט אַ רעגירונגס־מיטאָג — קוקט מען שוין אויף די זייגערס. קלעפּן זיך שוין נישט די רעדעס. קריכן שוין נישט אין קאָפּ אַריין די באַריכטן.

וואָרן מ׳ווייסט — דאָרט, אין דעם גרויסן בופעט־זאַל, שטייען געדעקטע טישן. אויף די טישן — אַ ים פלעשער. לעבן די פלעשער — אַ ים גלעזלעך...

גלעזלעך, וואָס לאַנגווייליקן זיך דאָרט. וואָס וואַרטן, מ׳זאָל זיי אָנפילן. וואַרטן, מ׳זאָל זיך מיט זיי דערוואַרעמען...



ד״ר יהושע גאָטליב
(סאַרזש־צייכענונג פון יהודה גאַרבאַרג)



נתן שוואַלבע
(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

אויך די יידן — די פאַרוואַלטונג פונעם יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט — לאָזט מען נישט אָפּ.

ד״ר יהושע גאָטליב, וויקטאָר שולמאַן, נתן שוואַלבע, ברוך שעפנער, מאַרק טורקאָוו, בערנאַרד זינגער, איך — אַלע מוזן אַריינגיין. אַלע מוזן ״מיטהאַלטן״[67]).

נישטאָ דאָ קיין רעכטע און לינקע. נישטאָ קיין רעאַקציאָנערן און ליבעראַלן. קיין אַנטיסעמיטן און יידנפריינט —

---

76) מאַרק טורקאָוו — היינט אין אַרגענטינע. רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום״. בערנאַרד זינגער — אין לאָנדאָן.

ס׳איז דאָ אַ גלעזל...

זיצט מען ביי די טישן. לויפן קעלנער. מ׳ליידיקט אויס טעלער. מ׳קערט איבער גלעזלעך:

— נאַ זדראָוויע!

— וויוואַט!

— לחיים!...

דער בילדונג־מיניסטער איז דער גאַסטגעבער. ער זיצט אויבן אָן. „פירט טיש״, זאָגט חכמות —

הערינג, לאַקס, ציבל, בוימל, פעפער, מושטאַרדע, אַזאַ סאַלאַטקע, אַן אַנדערע סאַלאַטקע, שוואָמען מיט אַרבעס, קרופּניק מיט פלאַקעס, פיש, פלייש — נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל — אָן אַ סוף, אָן אַן איבעררייס...

און נאָך איטלעכן מאכל אַ גלעזל און נאָך איטלעכן גלעזל — נאָך אַ גלעזל...

און דער פּרעזעס פון פּוילישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד טרינקט שוין אויף „ברודערשאַפט״ מיט ברוך שעפנערן. דער רעדאַקטאָר פון „קוריער וואַרשאַווסקי״ קושט זיך שוין מיט מאַרק טורקאָוון. שוואַלבע כאַפּט אויס ביים בילדונג־מיניסטער אַ חכמה. אַ פּויזנער רעדאַקטאָר שווערט זיך ביי זיין „איינציק וויב״, אַז איך מוז טרינקען דווקא פון זיין פלעשל, און ד״ר גאָטליב לייגט אַוועק דעם גאָפּל. בייגט זיך־צו צו מיר:

— הערט... איך לייד אויף די נירן... נאָר ס׳פּאַסט נישט... מען מוז מיטהאַלטן... אויב איך וועל מאָרגן שטאַרבן — זאָלט איר חלילה נישט דערציילן מיין וויב...

און שוין. —

ווידער אין קאָנפערענץ־זאַל.

דער זאַל — שוין איצט האַלב ליידיק. עפּעס אַ קראָקעווער רעדאַקטאָר שטייט אויף דער טריבונע, נאָר קיינער הערט אים נישט. אַ הויכער גוי זיצט אָנגעשפּאַרט אויף זינגערן און כאַפּט אַ דרימל. אַ צווייטער וויינט זיך פונאַנדער, מען זאָל אים געבן אַ וואָרט. אַ דריטער — אין אַ שוואַרצן פראַק — ליגט אין אַ ווינקל אויפן דיל און ער שנאָרכט, ווי אויף נאָטן...

ס׳שווינדלט פאַר די אויגן... כ׳האָב אפשר אויך איבערגעכאַפּט די מאָס?... אפשר... נאָר דער עיקר שווינדלט, ווייל איך קוק אויף זיי, אויף די חשובע רעדאַקטאָרן, וואָס ליגן אין זייער „פּראַכט און גלאַנץ״ אויפן דיל... ווייל איך טראַכט וועגן דעם סם, וואָס ס׳רוב פון די דאָזיקע לייט גיסן עס אויס אַ טאָג...

יאָ, ווילע מענטשן... דער עיקר — ווען מען טרינקט אַ גלעזל...

---

ווען מען טרינקט אַ גלעזל...
אָבער, ס׳ווענדט זיך ווער...

ס׳וועגדט זיך ווער עס זענען די טרינקער...

וואָרן זיי, די אין די שוואַרצע פּראַקן, די פון די קאָנפערענצן, פון די רעדאַק־ציע־קאַבינעטן, ביוראָס — זיי קאָנען זיך עס דערלויבן. זיי מעגן זיין העפלעך, מעגן זיך בייגן אין דרייען, מעגן שמייכלען, שנאָרכן, זיך קושן...

זיי מעגן, ווייל דאָס איז זייער באַרוף. ווייל זיי זענען בלויז די ״מדריכים״, בלויז די ״דערציער״, די פאַרשפּרייטער פון דעם אידעלעם, פון דעם ריטערלעך, בלוי־בלוטיקן קולט זייערן...

זיי מעגן — ווייל די פּראָסטע, די ״שוואַרצע אַרבעט״ טוען זיי נישט. די ״שוואַרצע אַרבעט״ טוען אַנדערע. טוען זייערע תלמידים. די, וואָס פרעסן זיך אָן מיט זייערע תורות.

וואָס זויפן זיך אָן מיט זייער סם...

אויף אַ הוליאַנקע ביים סטרוזש, זשעלאַזנע זיבן און פערציק, נעמט מען ״צו ביסלעך״, ס׳ווערט פריילעך אויף דער נשמה און מ׳גייט אַרויס אין גאַס שלאָגן יידן...

פון רעסטאָראַן שעראַקאָווסקע איינס, גייען אַרויס צוויי שיכורים, דרייען איבער אַ וועגעלע מיט אַ יידיש קינד, שלאָגן דער מוטער און שפּאַלטן דעם קאָפּ ביים שוסטער יאַנקל פישלער...

קומט קיין וואַרשע חיים־נחמן ביאַליק. דאָס יידישע וואַרשע פרייט זיך מיט אים. אַן אופנאַמע פאַר אים אין ״היינט״. אַן אופנאַמע אין ליטעראַטן פאַריין, ביי די העברעישע שרייבער, סתם אין קולטור־שטיבן. איז גייענדיק מיט פריינד פון ״היינט״־לאָקאַל, קומט אַנטקעגן אַ שיכורער, הערט רעדן יידיש, כאַפּט אַ שטיין און — דער אַרטיסט זשאַק לעווי דאַרף זיך לייגן אויז צום פּנים...

איז דען מעגלעך אַלץ אויסצורעכענען? איז דען מעגלעך אַלץ צו פאַרצייכע־נען? — אַז מען איז שוין דערצו געוווינט. ס׳דאַכט זיך דאָך, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַ מוז־זאַך. אַז אַנדערש קאָן עס שוין גאָרנישט זיין.

און דאָס אַזוי נעכטן, אַזוי היינט, אַזוי מאָרגן, איבערמאָרגן, איבעראַיאָר — און איטלעכס מאָל, ווען אין רעדאַקציע קומט אָן אַזאַ ידיעה — דערמאָנט לייזעראָוויטש יחיאל מיענדזיזשעצקין:

— דער עיקר — ווען מען טרינקט אַ גלעזל...

אגב מיענדזיזשעצקי הייסט שוין נישט מיענדזיזשעצקי. ער האָט שוין לאַנג דעם נאָמען זיינעם פאַרהעברעיִשט —

ער הייסט שוין — נהרי...

און ער איז שוין לאַנג אַוועק פון דער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט. געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אַריינגעפירט אַהין פוילישע בוי־מאַטעריאַלן. מיט זיינע האַנדלס־אויפטוען געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פוילישער רעגירונג. געוואָרן באַשטימט אַלס פאַרטרעטער פון דער פוילישער האַנדלס־קאַמער אויף אויסלאַנד...

## „אַראַראַט" אין יאָר 1927



ערשטע ריי אויבן (פון רעכטס) : ישראל שומאַכער, יעקב ריינגלאַס, שמואל גאָלדשטיין, חנה פאַבריקאַנט, שמואל בלום, מאַשע פעטערמאַן, מאָטל קאָן, משה בראָדערזאָן, העלענאַ יאָקיש, ד"ר י. מאַנדעלבוים, ל. זשיטניצקי.

צווייטע ריי : לאָלאַ זילבערמאַן, שמעון דזשיגאַן, משה פולאַווער.

דריטע ריי : י. יערוזאַלימסקי, חיהלע הויער, אָלאַ שליווקאָוויטש, (נאָמען נישט באַקאַנט), שיינע מרים.

און ער איז דער אייגענער יידישער ייד. דער אייגענער — יחיאל וועגנגראָוער.

ער דערציילט, אַז אין זיין קאָנטראַקט מיטן פוילישן אויסערן־מיניסטעריום, איז בפירוש איינגעשריבן, אַז ער אַרבעט נישט שבת. אַז אויף זיינע רייזעס, ווו ער פאָרט, אין נאָמען פון דער פוילישער האַנדלס־קאַמער — גייט פריער אַוועק אַ טעלעגראַמע, מען זאָל פאַר אים באַזאָרגן אַ כשרע קיך...

און קומט ער אויף עטלעכע טעג קיין וואַרשע, איז נאָר — אין ליטעראַטן־פאַריין, נאָר ביי די קינסטלער, אין יידישן טעאַטער, ביי סעגאַלאָוויטשן, ביי יאושזאָנען, העפטמאַנען.

יאָ, מ׳שמועסט אויך, אַז ער "גייט" מיט שלום אַשס ברודערן־טאָכטער. אַז בקרוב זאָל ער ווערן ישעיה אַשס אידעם.

אדרבא, זאָלן זיין שמחות ביי יידן.

נאָר דערווײַלע איז ער נישטאָ, נהרי. נעכטן האָט לייזעראָוויטש געקריגן פון אים אַ בריוול פון דרום־אַפריקע. פון דער שטאָט קעיפּטאָן. — ער קומט ערשט אין צוויי וואָכן אַרום.

מילא, וואַרט מען —

לייזעראָוויטש האָט עפּעס אַ נייעם וויץ פאַר אים אָנגעגרייט. כילינאָוויטש האָט אָפּגעלייגט דאָס פראַוועןדעם געבוירן־טאָג פון זיין עסטושאָן. נאָר דער עיקר וואַרט הערשעלע. ער ווייסט, אַז ווען יחיאל קומט — פאָרט ער, הערשעלע, אַהיים מיט אַ פולער בלעך נאָפּט...

---

ווען מען טרינקט אַ גלעזל...

ווער? וואָס? — כדי פריי און אומבאַשטראָפט צו שלאָגן יידן, דאַרף מען זיך שוין נישט אָנזויפן. מ׳דאַרף שוין אפילו נישט מאַכן דעם מינדעסטן אָנשטעל, אַז מען איז בגילופין...

פשוט, מ׳נעמט אַ שטעקן, אַ מעסער, אַ דראָנג און — הוראַ נאַ זשידאַ!

נישט מער — מ׳דאַרף האָבן אין קעשענע אַ מיטגליד־ביכל פון דער נייער פויליש־פּאַטריאָטישער "נאַראַ"־פּאַרטיי...

דעמאָלט איז מען שוין אינגאַנצן געדעקט. דעמאָלט ווערט עס אַ נאָרמאַלע, אַ לעגאַלע זאַך.

ווייל דאָס שטימט מיט די לעגאַליזירטע סטאַטוטן פון דער פּאַרטיי. דאָס שטימט מיט אַלע אָנגענומענע רעזאָלוציעס. מיט אַלע לאָזונגען און מיט דעם גאַנצן אני־מאמין זייערן...

שלאָגן יידן — ווייל יידן פאַרכאַפּן ביי פּאָלאַקן אַלע פרנסות. ווייל יידן נעמען

צו ביי פּאָלאַקן די לופט. ווייל, ווען נישט די יידן — וואָלטן די פּאָלאַקן געלעבט אין שווילטאָג.

אונ ווער וויל עס נישט לעבן אין שווילטאָג?

איז טאַקע אַ מחיה צו זיין אַ גוי. —

מ׳פאַרשרייבט זיך אין דער "נאַראַ"־פּאַרטיי. מ׳קריגט אַ פּאַרטיי־לעגיטי־מאַציע און מען איז אַ פרייער פויגל. מ׳קאָן זיך לאָזן ווילגיין.

און מען איז נאָך דערצו "געלויבט און געאַכט" אין די הויכע פענצטער...

און עס קומט פּאָוואָנזעק, פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק...

פון דאָרט טראָגט זיך עס איבער קיין וואַרשע. טראָגט זיך עס איבער אין די גאַסן, אין די גערטנער, אין די הויכשולן. — ס׳הייבט זיך אָן מיט אַ נומערוס קלאַוזוס. דערנאָך — געטאָ־בענק, דרענגער, אייזערנע הענטשקעס...

און ווי עס פּאַסט פאַר סטודענטן, פאַר קומענדיקע טרעגער פון דער וויסנשאַפט, טרעגער פון דער קולטור — וואַרט מען אָפּ יידן ביים קינאָ־טעאַטער "פּאַמאַ", ווו ישראל שאַיעוויטש, מיט אַ יידישן סימפאָנישן אָרקעסטער, שפּילט בעטהאָווענס "פינפטע סימפאָניע". מ׳וואַרט אָפּ ביים קאַמינסקי־טעאַטער, ווו מאָריס שוואַרץ, אייזיק סאַמבערג, משה ליפּמאַן, דאָראַ בלומענפעלד, אברהם קורץ, דבורה שאַיע־וויטש, יאָנאַס טורקאָוו, נאַטאַליאַ ליפּמאַן, דבורה לערער — שפּילן י. י. זינגערס "יאָשע קאַלב". ביים עלדאָראַדאָ־טעאַטער, ווו בן־ציון וויטלער, לאה ראָטבוים, שלמה קוטנער, מאָריס לאַמפּע, נאַדיאַ קאַרעני, שמחה ראָזען, יצחק לאַטאָוויטש, דאָראַ רו־בין — שפּילן ב. קוטשערס "ציגיינערין". פאַרן נאָוואָשטשי־טעאַטער, ווו זיגמונט טורקאָוו, מאַקס באָזשיק, דינע האַלפּערין, אסתר פּערעלמאַן, יוסף סטרוגאַטש — שפּילן חנא גאָטעספעלדס "מחותנים". פאַר דער פילם־אַטעליע "פאַלאַנגאַ", ווו מאַלי פּיקאָן "דרייט" איר "יידל מיטן פידל"...[77])

און די הערן אין שוואַרצע פראַקן. די פון די "גאַזעטאַ צאָדזשענניס", פון די "דזשענניק נאַראָדאָוויס", פון די "אַבעצעס" — זיי גיבן־צו מוט. זיי באַזינגען די שלעגער מיט לויב. זוכן אויס אויף יידן אַלץ נייע חטאים קעגן דעם פּוילישן לאַנד.

דער ליבער ד״ר רפאל לעמקין, וואָס איז אַ צייט געווען פּראָקוראָר, דער איינציקער יידישער פּראָקוראָר אין פוילן — ער רופט נישט אַ מינוט. אַ געניטער אַדוואָקאַט. גרויסער קענער פון רעכט־ענינים. און דאָ אַזוי פיל חטאים אויף יידן. אַזוי פיל זינד...[78])

---

77) מאָריס שוואַרץ, דאָראַ בלומענפעלד, יאָנאַס טורקאָוו, דבורה לערער, בן־ציון וויטלער, דאָראַ רובין, מאַקס באָזשיק, דינע האַלפּערין, מאַלי פּיקאָן — היינט אין ניו־יאָרק. משה ליפּמאַן, נאַטאַליאַ ליפּמאַן, נאַדיאַ קאַרעני — אין ישראל. יצחק לאַטאָוויטש — אין פוילן.

78) ד״ר רפאל לעמקין — היינט פּראָפעסאָר אין ניו־יאָרק. מחבר פון דעם „גענאָסיד״־געזעץ, וואָס איז אָנגענומען דורך דער אָנו און שוין אונטערגעשריבן דורך אַ פּאָר צענדליק לענדער.

## באַנקעט פאַר חיים נחמן ביאַליק
(אין דער דירה פון ד״ר יוסף דאַווידזאָן)



זיצן (פון רעכטס) -- ד״ר יצחק שיפּער, פרוי שיפּער, שרה דאַווידזאָן (יוספס פרוי), אינזש. משה קערנער, יצחק גרינבוים, חיים נחמן ביאַליק, ד״ר מאיר קלומעל.
שטייען — משה דאַנציגערקראָן, פרוי ד״ר יאָז, אברהם גאָלדבערג, ד״ר יוסף דאַווידזאָן, עווא דאַווידזאָן (אַלעקסאַנדערס פרוי), ד״ר אַלעקסאַנדער דאַווידזאָן.

**אונ אַט, גאָר אַ שפּאָגל נייער חטא —**
**נהרי...**

**וואָרן אָנערקענענדיק זיינע פעיקייטן, האָט די פּוילישע רעגירונג אים באַ־שטימט אַלס איר אָפיציעלן האַנדלס־פאָרשטייער אין דרום און אין מערב־אַפריקע. פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן לטובת דעם פּוילישן האַנדל, אים באַשאָנקן מיט אַ סך מעדאַלן און לסוף אויך מיט דעם מעדאַל "פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ".**

**איז דאָס שוין צופיל. —**

**אַ ייד זאָל קריגן די העכסטע פּוילישע אויסצייכענונג? דערצו נאָך אַזאַ ייד, וואָס האָט זיין עכט פּוילישן נאָמען פאַרביטן אויף אַ העברעישן? — דאָס איז דאָך דער בעסטער באַווייז פון די יידיש־פאַרכאַפּערישע כוונות...**

**דער בעסטער באַווייז, אַז יידן דאַרף מען שלאָגן.**

**אַז יידישע סטודענטן אין די הויכשולן, טאָרן נישט זיצן אויף די אייגענע בענק, מיט די גויים...**

## פּאָטאָ־קאָפּיע פון אַ נאָטיץ

## אין דער פּויליש־אַנטיסעמיטישער צייטונג „אַ. בע. צע".

(פון מיטוואָך, דעם 7־טן אָקטאָבער 1936)

**Żyd kierownikiem**
**„polskiej" misji handlowej**

**Na ostatnim zebraniu Związku**
**Izb Przemysłowo - Handlowych**
**postanowiono wysłać misję han-**
**dlową do Południcwej Afryki. Na**
**czele misji stanąć ma, jak podaje**
**„Haint", — żyd, niejaki Między-**
**rzecki, który „reprezentował inte-**
**resy polskiego eksportu w Pale-**
**stynie i na bliskim wschodzie".**
**Czy naprawdę nie ma Polaków,**
**którzyby mogli reprezentować pol**
**skie interesy i czy handel polski**
**nie może się obyć bez żydowskie-**
**go nachciarza?**

איבערזעצט אין יידיש —

### אַ ייד שעף פון אַ „פּוילישער" האַנדלס־מיסיע

**אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פון פאַרבאַנד פון די האַנדלס און אינדוסטרי־קאַמערן, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויס־צושיקן אַ האַנדלס־מיסיע קיין דרום־אַפריקע. בראש פון דער מיסיע, ווי עס גיט איבער דער „היינט' — דאַרף שטיין אַ ייד, עפּעס איינער מיענדזיזשעצקי, וועלכער האָט „רעפּרעזענטירט די ענינים פון פּוילישן עקספּאָרט אין פּאַלעסטינע און אויפן נאָענטן מזרח". צי זענען אויף אַן אמת נישטאָ קיין פּאָלאַקן, וואָס וואָלטן געקאָנט רעפּרעזענטירן די פּוי־לישע אינטערעסן? און צי דער פּוילישער האַנדל קאָן זיך טאַקע נישט באַגיין אָן אַ יידישן פאַכטשאַזש?**

**נאָר, וואָס איז דער חילוק? — אַזאַ תירוץ, אַן אַנדער תירוץ — מען שלאָגט... אמת, יידן שלאָגן שוין אויך צוריק. פאַראַן פאַלן, ווען די "העלדן" אַנטלויפן**

מיט חרפה. אַנטלויפן מיט אונטערגעהאַקטע זייטן. נאָר — מ׳העצט ווייטער. מ׳שלאָגט ווייטער. מ׳האַקט שויבן. מ׳לייגט אונטער באָמבעס...

שוין אונטערגעלייגט אַ באָמבע פאַר אייזיק קאַפּנערס בוכהאַנדלונג. אונטערגעלייגט אַ באָמבע פאַר דער רעדאַקציע ״נאַש פשעגלאָנד״. אויך אין ״היינט״ ריכט מען זיך. שוין געקריגן וואָרענונגען...

---

פאַרנאַכט.

דער פּראָווינץ־נומער פון ״היינט״ — נאָר־וואָס פאַרענדיקט. די ראָטאַציע־מאַשין נעמט קלאַפּן. די עקספּעדיציע פּיבערט. דער רעדאַקציע־אויטאָ שטייט גרייט אויפן הויף און גיט כסדר סיגנאַלן, אַז ער איז דאָ. אַז ער שטייט שוין מיט אַן אָפן מויל, גרייט צו פאַרשלונגען די אָפּגעדרוקטע נומערן, וואָס מ׳וועט אים דערלאַנגען.

דער שאָפער קוקט אויפן זייגער. עפּעס געדויערט עס היינט. מ׳זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן.

— העי, וואָס שלעפּט עס זיך?

— שוין!

און מען טראָגט שוין פּעקלעך. דאָס עקספּעדיציע־יינגל גייט שוין אין רעדאַקציע אַריין, מיט פריש אָפּגעדרוקטע נומערן.

אָבער, וואָס איז געשען? ער קומט אַריין אַזוי פּאַמעלעך. דאָס פּנים אויסגעבלייכט.

און ער ציטערט אינגאַנצן.

מ׳קוקט אים אָן:

— וואָס איז?

— כ׳ווייס נישט... עפּעס אַ בלעך...

— אַ וואָס?

— דאָרט... אין קאָרידאָר... אין סאַמע ווינקל... אַזאַ שוואַרצע בלעך...

— ס׳הייסט, אַ בלעך?

נאָר, מ׳וואַרט נישט אויף ענטפער. מ׳לויפט אַרויס אין קאָרידאָר. מ׳שטייט פון ווייטן. מ׳האָט מורא זיך אַ ריר צו טון...

יאָ. אין ווינקל. אין דער האַלב־טונקלקייט — עפּעס אַזאַ מגושמדיקע, אַזאַ שוואַרצע בלעך.

און עפּעס אַזאַ מאָדנער, אַזאַ נישט אַנגענעמער ריח...

אַלע זענען בלייך. אויף אַלע ציטערט די הויט. און מ. בערענהאָלץ טוט זיך אַ ריס פון אָרט:



מאַלי פּיקאָן אין „יידל מיטן פידל"

## אַ סצענע פון חנא גאָטעספעלדס „מחותנים"



פון רעכטס: יוסף סטרוגאַטש, זיגמונט טורקאָוו, מאַקס באָזשיק.

— וואָס שטייט מען? וואָס באַלעמוטשעט מען? ס׳איז דאָך... ס׳איז דאָך...

ער ענדיקט נישט. ס׳זעט אויס, ער האָט מורא פאַרן מויל צו ברענגען. ער לויפט אַריין, כאַפּט דאָס טעלעפאָן־טרייבל, דרייט נערוועז דאָס רעדל און נעמט כמעט אַריינשרייען:

— מ׳רעדט פון דער רעדאַקציע ״היינט״... כלאַדנע אַכט... גיכער!... מ׳האָט אונטערגעלייגט אַ באָמבע... זי קאָן אַ ליאַדע רגע אויפרייסן...

ער וואַרפט אַוועק דאָס טרייבל. נעמט לויפן איבערן צימער. לויפט אַהער, לויפט אַהין:

— וואָס טוט מען?...

מ׳שרייט אַריבער אין דער דרוקערײַ. מ׳לויפט צום פענצטער מיט אַ בענקל... נישט קיין הויכער פּאַרטער...

און דער קאָמיסאַריאַט איז נישט ווייט. זיי מאַכן עס גיך. — דריי פּאָליציאַנטן צוויי ציווילע, ספּעציעלע אַפּאַראַטן. מ׳נעמט אָן אַלע פאַרזיכערונגס־מיטלען. — אַזאַ כלי...

נאָר פון דער אַדמיניסטראַציע לויפט אַראָפּ הערשעלע. ער רייסט אויף די טיר. כאַפּט קוים דעם אָטעם:

— ווו... ווו איז זי?...

— ווער?

— כ׳בין אויף אַ מינוט אַרויפגעלאָפן אין דער אַדמיניסטראַציע... כ׳מוז שוין אַהיימפאָרן... כ׳האָב זי דאָ געלאָזט שטיין...

— וועמען האָסטו געלאָזט שטיין?

— מיין בלעך...

— דיין וואָס?

— וואָס איז? נאָך נישט צייט?... קוים זיך דערוואַרט אויף יחיאלן... כ׳קאָן שוין מיט מזל אַהיימפירן אַ בלעך נאָפּט...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

שווער צו זאָגן פאַרוואָס. — ביים שרייבן דעם דאָזיקן פראַגמענט, איז דער נאָמען מיענדזיזשעצקי, אין זכרון מיינעם, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מענשיצקי. אַזוי האָב איך געדענקט, אַזוי האָב איך געשריבן און ס׳איז אויף אַ רגע נישט איינגעפאַלן, אַז דאָ קאָן גאָר מעגלעך זיין אַ טעות.

נאָר סוף טויזנט ניין הונדערט צוויי און פופציק, מיין ליבער חבר יוסף העפּט־מאַן קומט קיין פּאַריז. איך טרעף זיך מיט אים אין אַ קאַפע. ער זיצט מיט נאָך

פריינד און צווישן זיי — אויך נאָך אַ ישראל־ייד.

אַ ייד, וואָס דאָס פּנים זיינס קומט אויס זייער באַקאַנט.

דער ייד קוקט אָן. שמייכלט:

— איר קענט מיך?

כ׳בין אין פאַרלעגנהייט. קאָן זיך נישט דערמאָנען. איך בין זיכער, אַז יאָ. אַז איך קען דעם ייד. אַז איך האָב אים ערגעץ געזען. נאָר ווו? ווען?

נאָר העפטמאַן וואַרט נישט. ער שטעלט פאָר:

— מיענדזיזשעצקי...

און איך בין נאָכמער אין פאַרלעגנהייט. — אויך דער נאָמען איז מיר באַקאַנט. אויך דעם נאָמען, בין איך זיכער, האָב איך ערגעץ געהערט.

און ווידער די אייגענע פראַגע — ווו? ווען?

נאָר, ווער וואַרט דען אויף ענטפער? ווער לאָזט דען טראַכטן? — אַז זיצן זיצט מען נישט אַליין. נייעס פון ישראל וויל מען אויך הערן — זאָגט דער אַזאַ וואָרט, דער אַן אַנדער וואָרט און שוין. — מ׳רעדט שוין וועגן עפּעס אַנדערש...

ערשט נאָכן געזעגענען זיך. שפּאַציר אַליין אויף די גרויסע בולוואַרן. טראַכט־נאָך. חזר איינמאָל איבער אין געדאַנק דעם נאָמען מיענדזיזשעצקי. חזר נאָכאַמאָל איבער. און עס טוט אַ בליץ אין מוח —

יחיאל ווענגראָווער...

# אַ שטערן איז געפֿאַלן...

דער „סבאָר״ אין קאַמינסקיס טעאַטער. — ווער איז אורקע נאַכאַלניק? — דער „פּוטש״ אין יידישן אַרטיסטן־פאַריין. — יאַקובאָווסקי זינגט אַ יידיש פאָלקסלידל. — איין צייטונג מיט הונדערט און פינף בעלי בתים. — דער לעצטער וועג פון אַ פּיאָנער...

דער געהילף־רעזשיסער שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, לייגט־צו דאָס לינקע אויג צום לעכל פון פאָרהאַנג, כאַפּט אַ קוק אין זאַל אַריין און טוט זיך מיטביידע הענט אַ פּאַטש אין הינטן:

— מאַמעלעך מיינע! האָבן זיי עס אָנגעצויגן אַ סבאָר...

מ׳קוקט אים אָן:

— אַ סך?

— אַלץ הייסט...

און ס׳ווערט אַ געלויף צום פאָרהאַנג. איטלעכער באַמיט זיך וואָס פריער כאַפּן אַ קוק אין זאַל אַריין. ס׳ווערט היימלעך. די אויגן שיינען. אפילו דער גרים אויפן פּנים קריגט חן.

ס׳איז דער סאַמע מיט יוני. דער טאָג געווען אַ חמימהדיקער. פאַר אַכט טאָגן אין דער צייט, קיין האַלבער זאַל נישט געווען. און דאָ — אַזאַ געגיי. שוין באַלד קיין ליידיק בענקל נישטאָ.

מ׳ווייסט, ס׳איז נישט אין זכות פון דער טרופּע. אויך דער סטאַר מיט זיין האַרצרייסנדיקער אַמעריקאַנער דראַמע האָט דאָ גאָרנישט צוגעהאָלפן. קלאָר — געהאָלפן האָט דאָ נאָר דער שטרייק אין ״היינט״...

וואָרן כדי צו שטאַרקן דעם שטרייק־פאָנד, האָבן די ״היינט״־מיטאַרבעטער אָפּגעקויפט ביי דער טרופּע פון קאַמינסקיס טעאַטער צוויי פאָרשטעלונגען, מיט דעם אַמעריקאַנער סטאַר לודוויק זאַץ בראש. אויף נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען אַנאָנסירט אַ גרויסן קאָנצערט מיט די בעסטע אַרטיסטן אויך פון די אַנדער׳ע יידישע טעאַטערס און — די טירן רוען נישט. אין קאַסע שוין באַלד קיין בילעטן נישטאָ...

די שטימונג אַ יום־טובדיקע. די פאָרשטייער פון ״היינט״־פּערסאָנאַל — משה

אינדעלמאַן, גרשון ווייסבאַרד, משה דאַנציגערקראַן און י. ש. גאָלדשטיין — פּאַ־רען זיך, לויפן פון זאַל צו דער קאַסע, פון דער קאַסע הינטער די קוליסן, פון דאָרט צום טעלעפאָן.

עפּעס קלאַפּט נישט. נישט מיט אַלע אָנאָנסירטע אַרטיסטן פון די אַנדערע טעאַטערס איז מען זיכער, אַז זיי וועלן קומען. לויפט מען. קלינגט מען. דינגט מען זיך...

אויך סתם מענטשן פון פּובליקום זיצן נישט איין אויף די בענקלעך. — נאָך פּרי. נישט געווען נאָך דער ערשטער קלונג און דאָ איז פאַראַן אַזוי פיל צו זען, אַזוי פיל צו הערן...

שוין באַלד פיר וואָכן, ווי דער "היינט" און אַלע אַנדערע אויסגאַבעס ביים "היינט" גייען נישט אַרויס. נאָך נישט פאַר אַלע איז עס קלאָר, אין וואָס עס גייט. וואָס עס זענען אייגנטלעך די סיבות פון שטרייק און בכלל — פאַרוואָס שלעפּט עס זיך אַזוי לאַנג?

איז מען נייגעריק. וויל מען כאַפּן אַ קוק. הערן אַ וואָרט.

און עס שאַפן זיך אויך צדדים. —

ווער ס'איז פאַר די שטרייקנדיקע, ווער פאַר די בעלי בתים און ווער גאָר — פאַר ביידע צוזאַמען...

רעדט דער ציין־דאָקטאָר פון זאַמענהאָף דרייצן סימאָן לעווין. רעדט דער קהלה־באַאַמטער הערשל סאַלאַמאָן, דער סעקרעטאַר פון יידישן קליינהענדלער־פאַרבאַנד מאיר ווערעמקרויט.

יאָ, אורקע נאַכאַלניק קאַכט זיך אויך עפּעס. ער שטייט אין פּאַיע, לעבן די מיטלסטע טירן, דענערווירט זיך, רעדט הויך.

ניין. נישט דער שטרייק אין "היינט" אינטערעסירט אים איצט. נישט וועגן דער פאָרשטעלונג, אָדער וועגן די אַרטיסטן, מישט ער זיך. דאָ האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַנדערש. —

פאַרגעקומען דאָ אַ קליינער פאַל, מיט אַ גנבל, וואָס האָט פּרובירט ביי עמיצן אַרויסציען אַ בייטל. דאָס יינגל האָט מען געכאַפּט און צעשלאָגן. אורקע נאַכאַלניק איז גראַד אָנגעקומען, געזען, ווי דאָס יינגל האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון די שלעגער.

נו, האָט ער עס זיך אַ ביסל אויפגעקאָכט:

— שלאָגן גאָר?...

און ער קאָן זיך נישט באַרואיקן. אַפּנים דאָס צעשלאָגענע גנבל האָט אים אין עפּעס דערמאָנט...

וואָרן ער אַליין באַשרייבט דאָך, אין זיין ערשטן בוך, ווי מען האָט אים אַמאָל, אַלס יונג גנבל, געכאַפּט ביי אַ נישט געלונגענער "אַרבעט" און טאַקע גוט צע־שלאָגן...

ער, אורקע נאַכאַלניק, אָדער וועלוול פאַרבאַראַוויטש — ווי ער הייסט אין דער אמתן — איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען באַקאַנט אַלס גנב...

טאָמער איז ערגעץ ווו, אין זיין שטעטל, אויסגעליידיקט געוואָרן אַ שטוב, פאַרשווונדן געוואָרן אַ בוידעם וועש, אָדער אַ פערד האָט, אין מיטן העלן טאָג "זיך אויסגעשפּאַנט" פון אַ פריצישער דראָשקע — האָט מען שוין געוווסט, אַז דאָס איז וועלוולס אַרבעט...

ווי קומט עס, אַז אַט, אַ דער וועלוול, וואָס קומט אַרויס פון אַ פיינער משפּחה און האָט אַליין יאָרן געלערנט אין ישיבה, זאָל ווערן אַ גנב? — דאָס איז געווען דאָס רעטעניש פון גאַנצן שטעטל.

נאָכמער — ער איז עפּעס ווי שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס ער איז אַ גנב...

מיט אַ סך געלונגענע שטיקלעך "אַרבעט" זיינע — פלעגט ער דערנאָך אַליין זיך באַרימען...

דערפאַר איז ער מער געזעסן אין תפיסה, ווי געווען אויף דער פריי.

און טאַקע דאָ, בעת זיינע לעצטע יאָרן זיין פאַרשפאַרט — האָט ער אין תפיסה אָנגעשריבן זיין ערשט בוך...

אַ בוך וועגן זיינע ערשטע טריט אַלס גנב און וועגן די סיבות, וואָס האָבן אים אויף די דאָזיקע וועגן געשטויסן.

און, צי בדרך צופאַל, אָדער ער אַליין האָט זיך וועגן דעם באַמיט — געגנוג, אַ קאַטויליש־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שוץ איבער אַרעסטאַנטן, באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון זיין בוך, מאַכט באַמיאונגען, ער זאָל באַפרייט ווערן פאַר דער צייט. גיט דאָס בוך אַרויס, און אַלס שרייבערישן פּסעוו־דאָנים, קלייבט דער מחבר אויס דווקא דעם נאָמען, מיט וועלכן עס האָבן אים גערופן זיינע אַמאָליקע פאַך־קאָלעגן — "אורקע נאַכאַלניק"...

היינט איז ער אַ שם־דבר, אורקע נאַכאַלניק. ממש אַ סענסאַציע. מען רעדט פון אים, מען דערציילט וועגן אים מעשהלעך, זיינע ביכער ווערן אינסצעניזירט פאַרן טעאַטער, און טאָמער ווערט ערגעץ געדרוקט זיינס אַ שורה — שלינגט מען ממש איטלעכס וואָרט.

שטייט מען דאָ אַרום אים. מען באַטראַכט אים מיט נייגער. מ'הערט מיט אינ־טערעס, וואָס ער רעדט.

און קיין רייד קאַרגט ער נישט. ער זעט ווי דער עולם איז געשפּאַנט, ווי מען הערט אים מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — לאָזט ער נישט נאָך. רעדט ער וואָס אַמאָל העכער. די ווערטער קומען ביי אים אַרויס שווערע. קומען אַרויס האַרטע. — אונטערוועלט... אויבערוועלט... פריווילעגירטע קאַסטע... סאָציאַלע פאַרשטוי־סענע...

שוין, געענדיקט דער שטרייק. — נאָך זעקס וואָכן, איז מען ענדלעך דורכגע־קומען. —

די צייטונג "היינט", מיט אַלע אירע אויסגאַבעס, גייען איבער צו די מיטאַר־בעטער —

ווערט אַ קאָאָפּעראַטיוו.

דער געדאַנק איז ד"ר יצחק שיפּערס. ער, ד"ר שיפּער, שלאָגט עס פאָר, די בעלי בתים כאַפּן עס באַלד אונטער און אַלע דריי פּערסאָנאַלן גיבן דערויף זייער הסכמה.

די פאַרזאַמלונג אויף טלאָמאַצקע דרייצן.

די שטימונג — אַ יום־טובדיקע. נישט קיין רעדעס, נישט קיין דיסקוסיעס. — איך, אַלס פאַרזיצער פון שטרייק־קאָמיטעט, פיר די פאַרזאַמלונג. משה אינדעלמאַן, אַלס פירער פון דער דעלעגאַציע אונטערצוהאַנדלען מיט די בעלי בתים, גיט אָפּ אַ באַריכט. דערנאָך — וואַלן פון אַ פאַרוואַלטונג, וואַלן פון אַן אויפזיכטסראַט, פון אַ רעדאַקטאָרן־קאָלעגיע און שוין —



יצחק שיפּער
(צייכענונג פון ש. פייגענבוים)

אַנשטאָט דריי — האָט איצט דער "היינט" גאַנצע הונדערט און פינף בעלי בתים.

און ממש אַן איבערקערעניש. — דער רעדאַקטאָר אברהם גאָלדבערג, דאָס רע־דאַקציע־ייִנגל שלום בערגמאַן, דער אַדמיניסטראַטאָר דוד באַכראַך, דער לינאָ־טיפּיסט יעקב לעדערמאַן, דער גיסער מאיר הערשבערג, דער "אָפּציער" הלל ראָ־כאָוו — אַלע רעדן איצט ווי גלייכע. אַלע הימיש. חבריש.

נישטאָ קיין גרויסע און קליינע. ס'איז דאָ אַ קאָאָפּעראַטיוו.

און אין אַ קאָאָפּעראַטיוו זענען אַלע גלייך. האָט איטלעכער די גלייכע דעה. איטלעכער די גלייכע רעכט צו ווילן און אפילו — צו ווערן געוויילט...

און פעדערס סקריפּן, לינאָטיפּן קלאַפּן, די ראָטאַציע־מאַשין רוישט און איי־דער וואָס, איידער ווען — ייִנגלעך לויפן שוין איבער דער גאַס. פריש געדרוקטע בלעטער פלאַטערן אין זייערע הענט:

— ווידער אַרויס דער "היינט"!

אויף נאַלעווקעס, אויף זאַמענהאָף, קאַרמעליצקע, סמאָטשע:

— קויפט און לייענט דעם "היינט"!

און שוין.

נישטאָ שוין אין וואַרשע קיין איין ייִדישע צייטונג, וואָס זאָל געהערן צו בעלי בתים.

## אַ סצענע פון אורקע נאַכאַלניקס „נאַכט מענטשן"

געשפּילט אין „סקאַלאַ" טעאַטער אין יאָר 1935



עס זיצן (פון רעכטס צו לינקס): יוסף סטרוגאַטש, יוסף נייווירט, מאַקס באָזשיק.
עס שטייען: מנשה אָפּענהיים און חבל בוזגאַן.

אַלע געהערן זיי צו די מיטאַרבעטער. אַלע זענען קאָאָפּעראַטיוון.

דעם אָנהויב האָט — נאָך מיט צוועלף יאָר צוריק — געמאַכט די יידיש־פּוילישע צייטונג "נאַש פּשעגלאָנד". דערנאָך איז געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיוו די בונדישע "פאָלקסצייטונג", שפּעטער "אונזער עקספּרעס", נאָך שפּעטער — דער אָרטאָדאָקסישער "ייד".

אפילו דער "מאָמענט", וואָס איז צוואַנציק יאָר געווען דאָס אייגנטום פון די פיר אַרויסגעבער — צבי פּרילוצקי, אליעזר זילבערבערג און די ברידער חיים און אברהם פּרושאַנסקי — איז אויפן איין און צוואַנציקסטן יאָר איבערגעגאַנגען צו די מיטאַרבעטער.

און איצט — דער "היינט".

ממש די גאַס נישט דורכצוגיין. יידן שטעלן אָפּ. ווינטשן מזל טוב. פרעגן אויס פּרטים.

דער אַנאָנסן־אַגענט אהרן רייזנער, דער לערער נתן וויינבערג, דער אַרבעטער־טוער אהרן וואַהל, ראַטמאַן רחל שטיין, דזשעלניצאָווי סטעפאַן יאַקובאָווסקי...

צום מיינסטן פרייט זיך טאַקע יאַקובאָווסקי.

ער פילט, זאָגט ער, אַ סימפּאַטיע צום "היינט". מיט עטלעכע מיטאַרבעטער איז ער פּערזענלעך באַקאַנט. אין דער צייט פון שטרייק, האָבן זיי אָפּט פאַרבראַכט ביי אים. ווילע מענטשן. ער האָט זיי ליב.

ער דריקט נאָכאַמאָל די האַנט און זאָגט שטיל:

— איך האָב אייך אַלע ליב...

און מען קאָן עס אים גלייבן. זינט ער איז באַקאַנט מיט דער יידישער אַרטיסטיק — איז ער ממש פאַרליבט אין יידן...

חברה אַקטיאָרן האָבן ליב דערציילן, ווי אַזוי ער, דער פּאָליציאַנט יאַקובאָווסקי, איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין טעאַטער "סקאַלאַ" אויף דזשעלנע איינס. ווי ער האָט זיך דעמאָלט אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צום שפּילן פון די אַקטיאָרן און נאָך דער פאָרשטעלונג — אַ באַגייסטערטער אַרונטערגעלאָפן הינטער די קוליסן. געדאַנקט די אַרטיסטן. געזאָגט, אַז כאָטש ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש, האָט ער דאָך געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון זייער שפּילן. נאָר ביז גאָר אַנטציקט, איז ער פון דער אַרטיסטין. אַזאַ טאַלאַנטירטע קינסטלערין האָט ער נאָך אפילו אין פּוילישע טעאַטערס נישט געזען...

פון דעמאָלט אָן, איז ער שוין אין יידישן טעאַטער אַן אייגענער. ער לאָזט כמעט נישט דורך קיין איין פאָרשטעלונג. איז אויסגעקאָכט מיט אַלע אַקטיאָרן. ווייסט אַלע זייערע זאָרגן און קאָפּ־דרייעניש. טוט זיי טובות. העלפט זיי אַמאָל אַרויס פון אַ נויט.

מ'זאָגט אפילו, אַז דער פאַראַיאָריקער "פּוטש" אין יידישן אַרטיסטן־פאַריין, איז אויך געווען זיין עצה און איז דורכגעפירט געוואָרן לויט זיינס אַ "רעצעפּט"...

וועגן דער מעשה מיטן "פּוטש" דערציילט מען אַזוי:

דער אַרטיסטן־פּאַריין, אונטער דער אָנפירונג פונעם פּאַרוואַלטער מאַרק יו־ווילער, איז געווען אין זיין סאַמע בליאונג־צייט.[79]) דאָ און דאָרט האָבן זיך געשאַפן פרישע טרופּעס. סבאָרן געווען נישט קיין שלעכטע. נאָר איין צרה איז געווען — דירעקטאָרן, פּאַרמיטלער, געלטגעבער, אָדער פשוט — ווי אַקטיאָרן האָבן זיי גע־רופן אין פּויליש — "נאַלעזשיסטן"...

דאָס וואָרט האָבן אַקטיאָרן "גענאַשט" ביי איינעם, וואָס זיין פּרנסה איז זיך צו דרייען ביים טעאַטער און אומעטום, ווו עס שאַפט זיך אַ פרישע טרופּע, איז ער דאָ:

— איך נאַלעזשע...

ס'הייסט, ער האָט אויך אַ שייכות...

האָט דער אַרטיסטן־פּאַריין זיך מיישב געווען. — מ'דאַרף נישט קיינעם. ביים פּאַריין איז געשאַפן געוואָרן אַ דירעקטאָריאַט, וואָס האָט אַליין איבערגענומען אַלע יידישע טעאַטערס. אַליין אָנגעפירט מיט די טעאַטערס סיי ווירטשאַפטלעך און סיי קינסטלעריש. אַליין באַשטימט ווער ווו עס זאָל שפּילן. ווער וויפל עס זאָל פאַרדינען.

נאָר ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן, זענען אויך דאָ געווען נישט־צופרי־דענע. געווען פּאַוואָריטן און באַעוולהטע.

האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָטעסטן און קריגערייען. אַרטיסטן האָבן גענומען זיך אָפּרייסן פון פּאַריין און שפּילן טעאַטער אויף אייגענער האַנט. איין גרופּע האָט אָפּגעדונגען דעם קינאָ־זאַל אויף דזשיקע ניין. אַ צווייטע גרופּע האָט געשפּילט אין זאַל פון יידישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, נאַלעווקעס צוויי.

געווען אָפענע קאַמפן. ביידע צדדים האָבן זיך באַשולדיקט אין פאַרשידענע זאַכן. ביז — אין אַ שיינעם פרימאָרגן — די גאַס ווערט איבערראַשט מיט אַ ידיעה:

אין אַרטיסטן־פּאַריין איז פאָרגעקומען אַ "פּוטש"...

די "אָפּגעריסענע" — מיט י. קרעלמאַנען, מיט זישע קאַצן, מיט חנה גראָס־בערגן, משה און עווע שטאָקפעדער, חנה פערבער, דוד בירענבוים, שמחה ראָזען — רייסן זיך אַריין אין לאָקאַל פון פּאַריין, פאַרכאַפּן די ביכער, נעמען איבער די מאַכט, זעצן אַראָפּ דעם פּאַרוואַלטער, שאַפן אָפּ דעם "דירעקטאָריאַט" און — לעבן זאָל די פרייהייט!...[80])

היינט איז מאַרק יווילער צוריק פּאַרוואַלטער.

מ'האָט אָן אים נישט געקאָנט אויסקומען. מ'איז געגאַנגען אַהיים אים איבער־בעטן.

נאָר קיין "דירעקטאָריאַט" איז שוין נישטאָ. איטלעכע טרופּע איז פאַר זיך אַ קאָלעקטיוו, כמו — אַ קאָאָפּעראַטיוו.

79) מאַרק יובילער — היינט אין ניו־יאָרק.

80) י. קרעלמאַן — היינט אין לאָנדאָן. חנה פערבער — אין ישראל. חנה גראָסבערג — אין ניו־יאָרק.

## פּראָלאָג־סצענע פון „די יידישע באַנדע"




פון רעכטס צו לינקס: זישע קאַץ, ראָזאַ גאַזעל, מנשה אָפּענהיים, דוד לעדערמאַן,
חנה גראָסבערג, יצחק נאָזשיק.

ביי יידישע אַקטיאָרן אוןביים טעאַטער, איז דער "פּוטש" געוואָרן אַ צייט־רעכענונג. אַן ערע. —

וויל מען באַצייכענען, ווען דאָס, אָדער יענץ איז געווען, זאָגט מען נישט דאָס יאָר, אָדער דעם חודש. מען זאָגט אַזוי פיל און אַזוי פיל פאַרן "פּוטש", אָדער אַזוי פיל און אַזוי פיל נאָכן "פּוטש"...

און דאָס אַלץ, זאָגט מען, איז צו פאַרדאַנקען דעם דזשעלניצאָווי יאַקובאָווסקי...

בכלל איז יאַקובאָווסקי נישט דער, וואָס אַמאָל. יידישע גאַסן־הענדלער און קרעמער פון דזשעלנע און פאַוויע גאַס זאָגן, אַז ס'איז אים גאָרנישט צו דערקענען. — ער יאָגט נישט, מאַכט נישט קיין פּראָטאָקאָלן, שלעפּט נישט אין פּאָליציי אַריין...

און טאָמער חלילה, געשעט עפּעס יאָ. טאָמער שלעפּט ער אַמאָל אַ יידישן הענדלער אין פּאָליציי, איז גענוג יענער זאָל אים דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין באַקאַנטער אַרטיסטין — אַז אַלץ זאָל צוריק ווערן גוט. אַז דעם הענדלער זאָל גאָרנישט געשען...

זי, די אַרטיסטין פאַרגעטערט ער. ער זאָגט, אַז צוליב איר איז ער גרייט אפילו צו ווערן אַ ייד...

און דאַכט זיך, אַ האַלבער ייד איז ער שוין...

יענע וואָך, ווען די אַרטיסטין איז, מיטן קליינקונסט־טעאַטער "די יידישע באַנדע", צוריקגעקומען פון אַ טורנע איבער דער פּראָווינץ — האָט יאַקובאָווסקי אויפגענומען די טרופּע ביי זיך אין שטוב. אויך פאַרבעטן אַ פּאָר שרייבער, און נאָכן אויסטרינקען עטלעכע גלעזלעך — האָט ער אַליין אָפּגעזונגען אַ יידיש פאָלקס־לידל...

---

קאָאָפּעראַטיוון... קאָאָפּעראַטיוון...

מ'געדענקט שוין אפילו נישט, אַז ס'איז אַמאָל געווען אַנדערש. אַז די צייטונגען האָבן אַמאָל געהערט צו בעלי בתים און זיי, די בעלי בתים, זענען עס געווען די זיילן, דער "אַלץ מיט אַן אַנדער" פון די צייטונגען.

די פאַרוואַלטונג, וואָס פירט אַן מיט דער געשעפטלעכער זייט פון "היינט", האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט ברען. אויך די מיטאַרבעטער פון אַלע אָפּטיילונגען אַרבעטן דאַכט זיך, מיט מער חשק. די צייטונג גייט. שכירות קריגט מען. דער עולם איז האָפערדיק.

אפילו דער בעל הבית, נחמיה פינקעלשטיין, פילט זיך נישט שלעכט, נאָכן ווערן אויס בעל הבית. ער האָט זיך מיט גאָרנישט געביטן. נישט געענדערט אויף אַ האָר זיין שטייגער פירן זיך. ער איז ווייטער געמיטלעך, באַרעדעוודיק. קומט איטלעכן טאָג אין רעדאַקציע. העלפט אַרויס מיט אַן עצה. — ווי ס'וואָלט גאָרנישט

געשען. ווי דאָס ווערן אויס בעל הבית איבער דער צייטונג, וואָלט גאָר פאַר אים געווען אַ גענעזונג. אַ פאַרלייכטערונג פאַרן געמיט.

אַנדערש אָבער נעמט עס אויף יאַצקאָן.

ער, יאַצקאָן, דער גרינדער און אַלמעכטיקער רעדאַקטאָר פון "היינט". דער וואָס, כמעט אויף זיינע פּלייצעס, האָט ער דעם "היינט" אויסגעטראָגן — ער קאָן די פיל אַזוי לייכט נישט אַראָפּשלינגען.

אויף אים האָט דאָס ווערן אויס בעל הבית, דאָס ווערן אויס דעה זאָגער פון זיין צייטונג, שלעכט געווירקט.

להיפּוך צו פינקעלשטיינען, קומט יאַצקאָן ווינציק אין רעדאַקציע. ער איז נישט געמיטלעך, רעדט קנאַפּ. און אויב ער רעדט יאָ עפּעס — איז דאָס רעדן אַ בייסיקס, פול מיט איראָניע, מיט זייטיקע אָנצוהערענישן.

מ׳זעט, ער לעבט עפּעס איבער. מ׳זעט, עפּעס אַן עוולה איז אים געטון געוואָרן. אַן עוולה, וואָס ער קאָן נישט פאַרגעסן. וואָס ער קאָן נישט מוחל זיין...

אַ נס — ער האָט נאָך אַ שטיקל טרייסט. ער האָט אויך אין פּאַריז אַ "היינט".

אמת, ס׳איז נישט דער "היינט", ווי ער וויל. נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט פון דער צייטונג מאַכן. נאָר דאָרט, אין פּאַריזער "היינט", איז ער נאָך פאָרט בעל הבית. דאָרט איז ער נאָך רעדאַקטאָר. האָט ער נאָך אַ דעה...

געזעגנט מען זיך. פאָרט מען מיט צו דער באַן. — פאָרט גאַווזע, קיפּניס, איך.

דער אָוונט אַ קילער. דער טונקל־סאַמעטענער הימל געדיכט באַזעצט מיט שטערן.

יאַצקאָן איז באַגייסטערט:

— אַך, אַן אָוונט...

און באַלד:

— איך וואָלט נאָך נישט געפאָרן. אויף אַלפּערינען, וואָס "מאַכט" דאָרט די צייטונג, קאָן איך זיך פאַרלאָזן. נאָר די שטימונג דאָ...

מ׳שווייגט. די דראָשקע גליטשט זיך איבער גראַניטשנע, איבער קראָלעוו־סקע, מאַרשאַלקאָווסקע.

מיטאַמאָל — יאַצקאָן טוט זיך אַ כאַפּ. ווייזט מיט דער האַנט אויפן הימל:

— אָט זעט... זעט... אַ שטערן איז געפאַלן...

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— נישט גוט, אַז עמיצנס שטערן פאַלט...

---

יאָרן לויפן. זינט יענעם אָוונט, שוין פאַרשידנס געווען. יידישע צייטונגען האָבן אַ שווערע שליחות. — דער צורר־היהודים היטלער האָט די מאַכט געקריגן.

דער סם זיינער האָט געגומען זיך פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט און קודם כל — איבער פּוילן.

פּוילישע זונדלעך הוליען. יידיש לעבן כמעט הפקר. דאָ און דאָרט פּאָגראָמען. די מאַכט שווייגט. די משפּטים איינזייטיקע. — פּראָיעקטן וועגן זעלבסטשוץ, פּראָיעקטן וועגן אַ פּראָטעסט־שטרייק.

אין דעם — אַ טעלעגראַמע פון פּאַריז —

יאַצקאַן לעבט נישט.

דער גרינדער, דער בויער פון "היינט". דער בויער פון דער צייטונג, וואָס היינט, נאָך אַכט און צוואַנציק יאָר, זענען מיר פון איר די בעלי בתים. זענען מיר די וויטערדיקע פלעגער פון די קערנער, וואָס ער האָט פאַרזייט. די וויטערדיקע טרעגער פון דעם עול, די אויספירער פון דעם שליחות, וואָס ער האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט...

יאַצקאַן לעבט נישט.

אַ ספּאָנטאַנער איבעררייס פון דער אַרבעט. אַ מינוט שווייגן. אַ קורצע באַראַטונג —

מען ברענגט אים קיין וואַרשע.

---

די ווענט פון רעדאַקציע געהילט אין שוואַרצן. אַ שמאָלער קאַטאַפאַלק. צוויי ברענענדיקע ליכט. די פלעמלעך ציטערן. נייגן זיך אַהער, נייגן זיך אַהין —

דאָ ליגט שמואל יעקב יאַצקאַן...

דער פּיאָנער, דער גרונטלייגער פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן.

אַ שאָד, די ווענט זענען פאַרהאָנגען מיט טיכער. זיי וואָלטן אַ סך, אַ סך דערציילן געקאָנט.

וויפל איז ער עס אויסגעשטאַנען, יאַצקאַן? וואָס האָט מען אים אַלץ נישט פאַרגעוואָרפן? —

"ביליקייט"... "צו הויכער טאָן"... "געשריי"... "קוויטש"...

יאָ. אמת. ער האָט פון אָנהייב אין צייטונג אַריינגעפירט אַ ביסל ביליקייט. אָבער דאָס איז ביי אים געווען אַ מיטל צום ציל. אַ מיטל מיט דער צייטונג אַריינצודרינגען אפילו צווישן די אָפּגעשטאַנענסטע פאָלקס־שיכטן.

דער טאָג, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער "היינט", איז גלייכצייטיק געווען דער טאָג, ווען די יידישע פּרעסע איז ווי מיט שטורעם אַריינגעדרונגען אין די וויטסטע, פאַרוואָרפנסטע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט.

און אויב אפילו יאָ. אויב די טענה פון ביליקייט איז געווען אַ גערעכטע. — איז אָבער דער נייער טאָן זיינער שוין געווען אַ מעלה. געווען אַ מדרגה.

ער, יאַצקאַן טאַקע, האָט עס אַריינגעפירט אין דער יידישער פּרעסע דעם

טאָן פון פּראָטעסטירן. דעם טאָן פון פּאָדערן, פון מאָנען. דעם טאָן פון קאַמף פאַר רעכט. פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִד.

דעם טאָן, וואָס מיר הײַנט פאַרשטאַרקן אים נאָך. דעם געשריי, דעם ליאַרעם, דאָס פאָדערן און מאָנען — וואָס מיר הײַנט האַלטן עס פאַר אונזער הויפּט־ציל. פאַר דער אייגנטלעכער באַרעכטיקונג פון אונזער עקזיסטענץ...

מען ווייסט עס. מען שאַצט עס אָפּ.

דער הויף, כלאָדנע אַכט, איז פול. אין גאַס, פאַרן טויער, איז פול. פיר פון די מיטאַרבעטער טראָגן אַרויס דעם ארון. אַ געוויין שניידט דורך די לופט. דער אַל־טער אהרן גאַווזע רעדט ווי צו זיך אַליין:

— אַ שטערן איז געפאַלן... אַ שטערן איז געפאַלן...

# ווהין פירט דער וועג?...

ווער איז יאַנקל שולץ? — דער ראַדיאָ־הילכער ליאַרעמט. — היטלערס לופט־מחבלים איבער דער שטאָט. — וואַרשע אין איר לעצטן גסיסה... — די שרייבער־מלינה קאַרמעליצקע פינף. — ד״ר לייפונער און דאָס וועגעלע. — דער געלער אויטאָבוס. — לייבל ביין באַהאַלט די באָרד. — וועט מען זיך נאָך זען?...

דער רעסטאָראַן־זייגער טוט אַ קרעכץ — אַ סימן, ער גרייט זיך אויסשלאָגן די שעה.

פון אויבן, איבערן ציפערבלאַט, עפענען זיך צוויי טירעלעך. ס'שפּרינגען אַרויס צוויי בלעכענע זעלנערלעך. זיי שטעלן זיך ״אויף אַכטונג״ און בעת איטלעכן קלונג פון זייגער, שאָקלען זיי צו מיט די קעפּלעך אויף ״יאָ״. ס'הייסט — זיי זענען מסכים...

דער זייגער, וואָס קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער האָט זיך דערנומען אַהער, איז שוין אַ זקן. דאָס קלינגען זיינס — אַ שוואַכס, אַ הייזעריקס — ווי דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס. ווי נאָך אַ קרעכץ, נאָך אַ כאָרכל און שוין — ס'איז געענדיקט...

אָבער די זעלנערלעך זענען מונטער. זיי וואַרטן געדולדיק ביז דער זייגער קלאַפּט אויס די שעה. שאָקלען האָפּערדיק מיט די קעפּלעך און ס'דאַכט זיך, זיי יאָגן אונטער:

— גיכער, אַלטיטשקער... ריר זיך אַביסעלע... זעסט דאָך, וואָס פאַר אַ צייט עס איז...

דער רעסטאָראַן־זאַל — כמעט ליידיק. נישט די שעה איצט. דעם מיטאָג שוין לאַנג אָפּגעפּטרט. צום אָוונטברויט נאָך ווייט. — זיצט דער בעל־הבית, יאַנקל שולץ, און חשבונט עפּעס אין אַ ביכל. דאָס בופעט־מיידל, אָנגעשפּאַרט אין טיר־רעם, רייניקט זיך מיט אַ פיילכל די נעגל. לייבעלע קעלנער, מיטן ווייסן סערוועט־קעלע אַרומגעוויקלט די האַנט — ווי מיט אַ ווייסער רצועה — זיצט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטול און גרייט זיך כאַפּן אַ דרימל. ד״ר י. לייפונער און דער דיכטער משה שימעל זופּן פלעגמאַטיש די ״האַלבע שוואַרצע״, וואָס שולץ אַליין האָט צום טישל דערלאַנגט.

שולצס רעסטאָראַן האָט היינט אַ שם.

זינט פּאָר אַ יאָרן, זינט דער ליטעראַטן־פּאַריין האָט פון טלאָמאַצקע דרייצן זיך איבערגעטראָגן אין זיין נייער דירה, אויף גראַניטשנע עלף — האָט דער פּאַריין ווי פאַרלוירן זיין רייץ. פאַרלוירן דעם "טלאָמאַצקישן חן"...

האָבן שרייבער געגומען וואַנדערן. געגומען זוכן זיך אַנדערע מלינות, אַנדערע ערטער, ווו זיך צו טרעפן מיט אַ מענטש. ווו הערן אַ וואָרט, כאַפּן אַ שמועס.

טייל זענען אײַנגאַנצן אַוועק אין "יענע גאַסן". ווער אין דער פּוילישער "זשעמיאַנסקאַ", ווער אין "אייראָפּעיסקי", צו "סעמאַדינין" און נאָך אַזעלכע ערטער, ווו עס קומען זיך צונויף פּוילישע שרייבער, פּוילישע באַהעמע־מענטשן.

אַנדערע ווידער — די, וואָס האָבן זיך נישט אַזוי גוט געפילט אין די דאָזיקע ערטער — האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין יידישן רעסטאָראַן "פּיקאַדילי", אין "קאַפע גערטנער", אָדער גאָר צו שולצן. — אַ פּשוטער, יידישער עמך־רעסטאָראַן, אויף עק נאַוואַליפּקי און קאַרמעליצקע.

דער רעסטאָראַטאָר, דער קעלנער, דאָס בופעט־מיידל — אַלע ווילע, האַרציקע און דער עיקר — יידישע מענטשן. רעדן יידיש. לייענען אַ יידיש בוך. קענען יידישע שרייבער.

איז טאַקע געוואָרן שוין דאָ אַ שטיקל טרעפפונקט. דער עיקר — אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. ווען ס'גלוסט נישט זיך שלעפּן אַזש אויף גראַניטשנע גאַס.

ד"ר לייפונער, וואָס וווינט אייגנטלעך לעבן שולצן, איז פונדעסטוועגן נישט פון די אָוונט־זיצער דאָ. ער רעכנט זיך בכלל נישט צווישן די אָפּטע זיצער ביי שולצן. נאָר אַזוי — נאָכן אָפּטראָגן אַ מאמר אין רעדאַקציע, אָדער גייענדיק צוריק פון אַ פּאַציענט, און אַז ער טרעפט גראָד עמיצן פון דער חברה שרייבער — שלעפּט ער אים שוין אַריין צו שולצן אויף אַ "שוואַרצע קאַווע" — כאָטש ס'רוב פון די דאָזיקע שרייבער זענען זיינע פּאַציענטן און ער זאָגט זיי תמיד אָן, נישט צו טרינקען קיין שוואַרצע קאַווע...

איצט זיצט ער מיט שימעלן.

דער נאָכמיטאָג אַ הייסער. ביידע זיצן אָן די רעקלעך, זופּן פּאַמעלעך די קאַווע און שווייגן. — זעט אויס פאַרטון נאָך אין די געדאַנקען וועגן אַ פריערדיקן שמועס.

אַ גרויסע, אַ שוואַרץ־גלאַנציקע פליג — ווי אַן אָפּגעריסענער פלעק פון דער וואַנט אַראָפּ — לאָזט זיך מיט שטורעם איבערן זאַל. מאַכט געשווינדע, טומלדיקע זיגזאַגן אויפן סופיט, לאָזט זיך מיט אימפּעט צום פענצטער, קלאַפּט זיך אָן אין דער שויב, לויפט צוריק, ווי אַן אָפּגעבריטע, מאַכט פרישע זיגזאַגן — גיך, טומלדיק, אויפן סופיט, אויף די ווענט, איבער די קעפּ און — דורך אַ ווינקל פון קיךטיר — אַרויס, ווי קיינמאָל גאַרנישט.

שימעל עסט זיך איין מיט די בליקן אין דעם ווינקל, ווו די פליג איז אַרויס, דרייט פּאַמעלעך אויס דעם קאָפּ צו לייפונערן, קוקט אים פאַרשנדיק אָן:

— און אויב יאָ?...

— וואָס יאָ?

— טאָמער וועט ער דאָך וואַגן?...

— האַ ...

— כ׳מיין, טאָמער האַלט ער דאָך וואָרט, היטלער, און ער הייבט אָן אַ מלחמה?...

— שטותים! ער וועט עס נישט טון. איך האָב דאָך אייך געזאָגט — ער ווייסט, היטלער, אַז נאָכאַמאָל קיין מינכען וועט שוין נישט זיין... אַז די מעשה טשעכיע וועט זיך מער נישט איבערחזרן... אַז טאָמער צעווילדעוועט ער זיך יאָ און ער שטעלט אַ טריט ערגעץ ווו...

ער ענדיקט נישט. אַ פאַבריק־סירענע פון ערגעץ נאָענט נעמט אומהיימלעך פייפן, אַ צווייטע סירענע כאַפּט אונטער און באַלד ווערט אַ מוראדיק געיאָמער פון פאַבריק און אויטאָ־סירענעס, צוזאַמען מיטן קלינגען פון טראַמווייען, הירזשען פון פערד און די צעצויגענע, אומהיימלעכע שטים דורכן ראַדיאָ־הילכער:

— האַלאָ!... האַלאָ!... מען מעלדעט אָן אַלאַרם אויף דער שטאָט וואַרשע!...

מ׳קוקט זיך אָן. אויך לייבעלע קעלנער רייסט זיך מיט שרעק פון דרימל אויף:

— האַ... וואָס איז געשען?...

— גאָרנישט... אַ פּראָבע־אַלאַרם...

מען לויפט־צו צו דער טיר. — אין גאַס אַ בהלה. מענטשן לויפן. מען זוכט וווּ זיך באַהאַלטן.

מען ווייסט, קיין סכנה דראָט נישט. ס׳איז אַ אינסצעניזירטער לופט־אָנגריף. די אַעראָפּלאַנען, וואָס פליען זענען אייגענע, זענען פּוילישע. אָבער דאָס שפּיל מיטמאַכן מוז מען. פאַר נישט צופאַסן זיך צו די געהעריקע פאָרשריפטן — דראָט גרויסע שטראָפן.

אויפן טראָטואַר, אַנטקעגן, לויפט אַ ייד. דאַכט זיך, דער בעקער הענעך פּראַש. דער בעל הבית פון דער צוקערניע אויף קאַרמעליצקע אַכצן.

ער לויפט גיך. וויל, ווייזט אויס, אַריבערלויפן צו זיך אין געוועלב. נאָר ער באַווייזט נישט. — אין דער הייך נעמט עפּעס רוישן. פון ערגעץ ווו לויפן אָן עטלעכע יונגעלייט, מיט רויט־ווייסע בענדער אויף די אַרבל. פון אַפּטייק, אין ראָג אַנטקעגן, טראָגט מען אַרויס אַ פעלדבעטל. מען נעמט דעם יידן אַרויפלייגן...

לייבעלע קעלנער ציטערט אינגאַנצן:

— וואָס איז דאָס?

און לייפּונער שמייכלט:

— גאָרנישט... אַ שפּיל אַזאַ...

— האַלאָ!... האַלאָ!... מען מעלדעט אָן אַלאַרם אויף דער שטאָט וואַרשע!...

שוין נישט קיין פּראָבע־אַלאַרם איז עס. שוין נישט קיין "שפּיל אַזאַ", ווי ד"ר לייפונער האָט עס דעמאָלט אָנגערופן.

און אפשר איז עס יאָ אַ שפּיל?... אַ ווילד שפּיל פון אַ שרעקלעכן מטורף?... אַ שפּיל צו צעשמעטערן, צו חרוב מאַכן, צו זייען טויט און פאַרניכטונג?...

מ'האָט נישט געגלייבט. מ'האָט זיך איינגערעדט, אַז היטלער דראָט בלויז. אַז נישט געקוקט אויף דער אַזוי געשפּאַנטער לאַגע, וועט צו קיין מלחמה דאָך נישט קומען.

נישט בלויז לייפונער האָט אַזוי געגלייבט. אויך אַ סך אַנדערע האָבן אַזוי געטראַכט, אַזוי גערעדט און געשריבן. —

ש. י. אימבער, ד"ר ראָזענבלאַט, שמחה פּעטרושקע, אהרן איינהאָרן, צבי פּרילוצקי, דעפּוטאַט ד"ר י. שוואַרצבאַרד, פּראָפעסאָר משה שאָר, ד"ר יוסף קרוק —

מען האָט געפּשטלט. געדרייט מיטן גראָבן פינגער. זיך פאַררופן אויף דעם און אויף יענעם מלחמה־למדן. אויך אַרויסגעוויזן אייגענע בקיאות.

בקיצור — ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. ס'האָט קיין צוויי מיינונגען נישט געקאָנט זיין. — קיין מלחמה וועט נישט זיין. ער וועט נישט ריזיקירן, היטלער.

האַלאָ!... האַלאָ!...

ריזעדיקע פייער־שפּייענדיקע לופט־מחבלים באַדעקן די שטאָט. רייסן פון דער שטאָטס לייב לעבעדיקע שטיקער.

אַ—אי—ז—ז—ז!... אַ—אי—ז—ז—ז!...

דאָס הויז אויף מילנע נייַן שטייט אין פלאַמען. פון הויז נאַוואָליפּקי זעקס איז, אין סאַמע מיט, אַ וואַנט אַרויסגעריסן און שטייט פאַר דער וועלט מיט אָן אויפּ־געריסענעם בויך... פון הויז נאַוואָליפּיע זעקס און צוואַנציק איז איין העלפט, פון אויבן ביז אַראָפּ, אָפּגעשפּרונגען און צעפּיצלט. די צווייטע העלפט — אַ צעלע־כערטע, מיט לעבעדיק אַרויסגעריסענע שטיקער לייב — שטייט אַ געזונקענע און באַוויינט דעם חורבן... אויפן אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס הויז אָרלע עלף, ליגט אַ באַרג שטויב און ברוכשטיקער, און אונטער דעם אַלעם — ליגן נאָך די זעכצן לאָקאַטאָרן לעבעדיקערהייט באַגראָבן...

און ווער ליטעראַטן־פאַריין? וואָס ליטעראַטור־טעמפּל? — נישטאָ. פאַרענדיקט.

פון דעם גאַנצן דריטן שטאָק, גראַניטשנע עלף — פון דעם שטאָק, וווהין די שרייבער האָבן ערשט מיט אַ יאָר צוריק זייער טעמפּל איבערגעטראָגן — דווקא דער שטאָק איז אַראָפּגעריסן. ליגט צעשאָטן, ליגט צעקרישלט אויף מיליאָנען פּיצלעך.

האַלאָ!... האַלאָ!...

אַרנאָלד גינזבורג קומט צולויפן. אַרנאָלד — דער פון טעאַטער. דער אייבי־

קער שטאַמגאַסט פון טלאָמאַצקע דרייצן. אַרנאַלד, דער פילאָזאָף, דער לץ, דער ערנסטער און אָפּשפּעטער.

וואָס טוט ער דאָ? פון וואַנעט האָט ער געוווּסט, אַז מיר זיצן דאָ אין קעלער־שטובֿ? אַז דאָ איז אונזער באַהעלטעניש?

ער פאַלט אַריין. זיין לאַנגער גוף בייגט זיך. דאָס פּנים גרוי. אַ בינטל האָר איבערן שטערן פאַרוואָרפן, און די אויגן צעשראָקענע, לויפנדיקע.

ער וואַרט נישט, מ׳זאָל אים עפּעס פרעגן. ער זעצט זיך גלייך אַראָפּ:

— ס׳ברענט אַ פייער... איטלעכע מינוט צינדט זיך אָן, אָדער ווערט צע־שפּרונגען אַן אַנדער הויז... אין די גאַסן טויטע... נישטאָ שוין קיין אָרט אין די סקווערן אויף פרישע קבֿרים... נאָר — כ׳קאָן נישט... געמוזט קומען... נעכטן גע־ווען אין גאַס... היינט געווען אין גאַס... געלאָפן דאָ, געלאָפן דאָרט — ס׳איז גע־ענדיקט... דער לעצטער אַקט... אויף ביעלאַנסקע פינף איז אַריין אַ באָמבע... דאָס ״נאָוואָשטשי״־טעאַטער איז שוין נישטאָ... דאָס שיינדל פון די יידישע טעאַטערס, די בינע, ווו די גרעסטע יידישע, היגע און אויסלענדישע אַקטיאָרן זענען אויף אירע ברעטער אַרויסגעטרעטן — ליגט צעשמעטערט... אַלע הייזער אויף יענעם הויף שטייען גאַנץ. נאָר גראָד אויפן טעאַטער איז דער בייזער גזר געפאַלן...

— איר האָט עמיצן געזען?

— יאָ, געזען... ד״ר לייפונער לויפט אַרום מיט אַ קעסטל מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן. אויב מען קאָן נאָך ווען ראַטעווען, ראַטעוועט ער. ער קאָן זיך נישט שענקען. ער האָט נישט געגלייבט. — די בראָך איז גרויס... בן־ציון כילי־נאָוויטש ליגט באַהאַלטן אין ״סכראָן״. ער וויינט און קלאָגט. ער איז בייז אויף זיינע חבֿרים שרייבער, וואָס זענען מיטן לעצטן צוג אַנטלאָפן ווייטער צו מזרח און אים וועגן דעם נישט מודיע געווען... קיפּניס איז געשטאַנען אויף צעגלאַניע דריי און מיט אַ שטעקעלע אין האַנט האָט ער עפּעס געזוכט צווישן דעם ציגל־שטויב און ברוכשטיקער פון זיין איינגעפאַלן הויז... צו משה ליפּמאַנען אין דירה איז דורכן פענצטער אַריין אַ שפּליטער און דעם אַרטיסט געטראָפן אין פוס... דער זעצער פון ״היינט״, פּנחס אשר, איז פון זיין ברענענדיקער דירה, אין פּראַ־גע, אַנטלאָפן אויפן הויף פון רעדאַקציע, כלאָדנע אַכט. דאָרט האָט אים אַ שראַפּ־נעל אָפּגעריסן אַ האַנט. מענטשן האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין שפּיטאָל ״שווענטי דוד״ און אין אַ שעה אַרום איז דאָס גאַנצע שפּיטאָל, מיט אַלע דאָקטוירים און קראַנקע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין בארג אַש...

אַ מוראדיקער קנאַל טוט אַ ריס די לופט. — ווי דער הימל, די ערד, אַלץ מיט אַן אַנדער וואָלט זיך מיטאַמאָל געשפּאָלטן. וואָלט אויף שטיקער צעשפּרונגען.

אַלע שפּרינגען אויף. אַ פרוי נעמט ספּאַזמאַטיש קוויטשען. אַ צווייטע פאַר־דעקט אירע צוויי קינדערלעך מיט איר קערפּער און זי וואַרפט זיך איינגאַנצן:

— רבונו של עולם!... אין זכות פון מיינע קינדער!...

אַלעמענס צעשראָקענע בליקן זענען געווענדעט אַרויף, געווענדעט צו די סופיטן. ס׳דאַכט זיך אָט־אָט נעמט זיך עס שיטן, פאַלט אַלץ איין...

נאָר איינער רייסט זיך אַרויס פון זיין ווינקל. ער נעמט גיך פאַכען מיט דער האַנט:

— שאַ!... שרייט נישט!... ס׳איז נישט דאָ... נישט דאָ...

אַרנאָלד שטייט נאָך אַלץ איינגעקורטשעט. זיינע בליקן וואַנדערן פון איינעם צום צווייטן:

— דאַנקען גאָט... געמיינט שוין... נאָר כ׳זע — אַלע גאַנץ... איר האָט געדאַרפט זען, נישט דאָ געדאַכט, עלעקטראַלנע פערצן — ווו ס׳איז געווען ״בית לחם״... אָדער נאַלעווקעס פינף און דרייסיק — ווו ס׳איז געווען די רעדאַקציע ״דאָס וואָרט״... יאָ, משהל שטיינען האָב איך געזען. ער איז דאָ. נאָר די איבעריקע פון רעדאַקציע — קאַנטאָראָוויטש, לייב שפּיזמאַן, פּרץ אָפּאָטשינסקי, צבי קרוי, קאָכאַנאָווסקי — אַלע דאַכט זיך, נאָך אין די ערשטע טעג אַוועק ווייטער אויף מזרח... ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, איך זאָל אויך אַוועק. שוין געהאַט איינגעפּאַקט אַ העמד און אַ פּאָר גאַטקעס. נאָר כ׳בין אַרויפגעקומען אין אַרטיסטןפאַריין, געזען קיינער רירט זיך נישט, האָב איך אויך נישט געקאָנט. אויב איך האָב אין די כמעט דרייסיק יאָר נישט פאַרלאָזט די אַרטיסטן. נישט אַוועק פון טעאַטער — וועל איך עס איצט אויך נישט טון.

— דרייסיק יאָרביים טעאַטער?

— יאָ, שוין באַלד דרייסיק יאָר. שוין געפּאַקט און געמאָזלט ביים טעאַטער. אויך ראָלן געשפּילט. געקאָנט ווערן אַן אַקטיאָר, נאָר נישט געוואָלט. כ׳קאָן זיין אַדמיניסטראַטאָר ביים טעאַטער, כ׳קאָן זיין געהילף־אַדמיניסטראַטאָר, שטיין ביי דער טיר, גיין אַ גאַנג — נאָר נישט שפּילן. ס׳פעלן נישט קיין דרענגער אָן מיר... אָבער טעאַטער האָב איך ליב. טעאַטער איז מיין לעבן, מיין אינהאַלט, מיין וואָס איר ווילט. — ווען נישט, וואָלט איך אין מיין לעבן נישט אַזוי פיל זיך אָנגעליטן. וואָלט איך נישט איינגעריסן מיט דער היים. מיט טאַטע־מאַמע...

בלייבט שטיל. הערט זיך איין צו די אָפּהילכן פון די כסדרדיקע האַרמאַטןשאָסן. צום שווישטשען פון דורכלויפנדיקע קוילן און ער זעצט זיך מיד אַראָפּ, רעדט שטיל:

— אַ היים... טאַטע־מאַמע... ווי מאָדנע דאָס קלינגט איצט פאַר מיר... און ווי אומגלייבלעך דאָס קלינגט אַוודאי פאַר איך... ווי קומט עס? — אַרנאָלד... אַ היים... טאַטע־מאַמע...

און ער הייבט מיטאַמאָל אויף דעם קאָפּ:

— יאָ־יאָ, איך האָב אַ היים. האָב אַ טאַטן, אַ מאַמע, שוועסטער, ברידער... אמת, קיינמאָל נישט גערעדט, קיינמאָל נישט דערמאָנט. אָפּט אפילו געלייקנט. געוווסט, די עלטערן שעמען זיך. אויך די ברידער, די שוועסטער, זיי שעמען זיך מיט מיר. ס׳פּאַסט זיי נישט, אַז זייער ברודער זאָל זיין אַ שיקיינגל, אַן אָפּוויש,

אַ בלאַזן, ביים טעאַטער... דאָס שטערט זיי צום יחוס. אפשר אויך צו דער פרנסה...

און באַלד:

— איר האָט געהערט פון "גינזבורגס חדר מתוקן", דזשעלנע ניין און צוואַנ־ציק? — דאָס איז אונזער חדר... מיין טאַטע הייסט ר' מרדכי גינזבורג. אַ ייד אַ למדן, האָט אויך אַ סך וועלטלעך וויסן. אויך די ברידער און שוועסטער זיך געלערנט, האָבן בילדונג. נאָר איך איינער... דער טאַטע זאָגט משוגע, די מאַמע זאָגט קראַנק און איך זאָג — ביידע צוזאַמען... נאָר אַלץ איינס — אַרנאַלד... חדר מתוקן... טעאַ־טער... רעדאַקציעס... שוין... אַלץ געענדיקט...

---

יאָ, געענדיקט.

קיין אעראָפּלאַנען איבער דער שטאָט זעט מען שוין נישט. קיין באָמבעס פאַלן נישט. אויך די לעצטע פלאַמען פון די טליענדיקע הייזער, לעשן זיך. אָבער די שטאָט, וואָס האָט דריי וואָכן צייט אויסגעהאַלטן דעם מערדערישן שטורעם פון דער היטלעריסטישער אַרטילעריע און לופט־באָמבאַרדירונגען — האָט זיך גע־בראָכן. האָט געמוזט זיך אונטערגעבן.

און דער אַריינקום איז געווען מיט רוגזה. מיט נאַצישן צאָרן. און דעם גאַנצן צאָרן, האָבן זיי קודם־כל אויסגעלאָזט צו יידן.

קוים דריי טאָג, ווי די שטאָט איז באַזעצט און מ'זעט שוין — די בראָך איז גרויס.

מ'זעט שוין, אַז פאַרשפּילט האָט נישט דאָס לאַנד פּוילן. פאַרשפּילט האָט נישט די שטאָט וואַרשע. — פאַרשפּילט האָבן די יידן.

אין די גאַסן ממש אַ געיעג אויף יידן. אַ געיעג אויף יידיש לעבן, אויף יידיש האָב און גוטס.

און נאָך גרעסער איז דער ווייטיק — פּאָלאַקן העלפן צו.

פּאָלאַקן, וואָס דער היטלער־שונא איז זיי אַזוי מערדערלעך באַפאַלן. וואָס האָט צוגערויבט זייער לאַנד, פאַרשניטן הונדערטער טויזנטער לעבנס — די אייגענע פּאָלאַקן חנפענען זיך גאָר צום שונא. העלפן דעם שונא אין זיין רוצחישן געיעג אויף יידן. ווייזן אַליין אָן, ווער ס'איז אַ ייד. ווועמען מען דאַרף שלעפּן אויף אַר־בעט. וועמען מען דאַרף שלאָגן, וועמען באַרויבן.

די גאַנצע נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער, גענשע — דער צענטער פון יידישן האַנדל — פול מיט דייטשע לאַסט־אויטאָס, אויף אויסליידיקן די געשעפטן.

אויף גראַניטשנע, גזשיבאָוו, טוואַרדע — גייט מען פון שטוב צו שטוב. מ'רויבט־צו אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ ווערט.

און די דייטשן זענען זיך קיינמאָל נישט טועה. זיי פאַרבלאָנדזשען חלילה קיינמאָל נישט אין קיין נישט־יידישע שטוב...

די איינוווינער פון נאַוואָליפּקי גאַס —- פון דעם גאַנצן שטיק נאַוואָליפּקי, וואָס הייבט זיך אָן ביים עק זאַמענהאָף, ביז צו דער קאַרמעליצקע, וואָס איז אויס־שליסלעך באַוווינט פון יידן — האָבן געקריגן אַ באַפעל, אַז אין פאַרלויף פון צוויי שעה זאָלן זיי אַלע פאַרלאָזן זייערע דירות, ווו עס דאַרפן אַריין דייטשן.

שלעפּן זיך יידן פון דער דאָזיקער גאַס. מענער און ווייבער, זקנים און קינדער. מען שלעפּט זיך מיט קלימעקלעך, מיט דעם ביסעלע אָרעמקייט, וואָס איטלעכער האָט, אויף דער גיך באַוויזן צו כאַפּן, און מען ווייסט נישט, ווו צו גיין. מען זוכט אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

און ד״ר לייפונער, וואָס האָט צוויי און דרייסיק יאָר געהאַט זיין דירה אויף נאַוואָליפּקי פּערצן — שטופּט אַ וועגעלע, מיט אַ פּאָר גראַטעס. ער גייט קוים, שטופּט שווער דאָס וועגעלע און ער שעלט, מיט עפּעס אַ מאָדנעם אומהיימלעכן ניגון.

---

נאָר מ׳גיט זיך נישט אונטער. מען רעזיגנירט נישט. מ׳זוכט מיטלען און וועגן אויף אויסדויער.

דער דזשאָינט — אַלס אַמעריקאַנער אינסטיטוציע — איז נאָך לעגאַל. קאָן נאָך דערווייל אָנגיין מיט זיין טעטיקייט. — שטיצט מען אויף וועלכע אופנים מען קאָן. מ׳גיט געלד. מ׳עפנט קיכן פאַר אַרבעטער, קיכן פאַר אינטעליגענץ, פאַר שרייבער, אַקטיאָרן.

דאָס גיין אין גאַס — פאַרבונדן מיט סכנה. אָבער אין שטוב איינזיצן קאָן מען נישט. די שמועות, וואָס דערגייען פון אַלע זייטן, זענען אַזעלכע טרויעריקע. — יאָגט עס פון שטוב אַרויס. מוז מען זיך טרעפן מיט פריינט. כאַפּן אַ שמועס. הערן אַ וואָרט.

שאַרט מען זיך ביי די מויערן. די אויגן זענען אָנגעשפּיצט אין אַלע זייטן. זעט מען פון ווי ווייט אַ דייטש — כאַפּט מען זיך אַריין אין אַ טויער...

צום מיטאָג נאָך ווייט. אָבער די עסשטוב פון דער שרייבער־קיך — שוין פול. נישט בלויז עסן קומט מען. מען קומט אויך סתם אַזוי. — ווער עפּעס דער־ציילן, ווער עפּעס הערן.

און מען הערט געננוג. קליינע, שטעכיקע ווערעמלעך נעמען אַזש קריכן איבערן לייב —

אין רעדאַקציע ״היינט״ זענען געקומען דייטשן, פאַרלאַנגט די רשימה פון די מיטאַרבעטער, געטרעטן בלעטער מיט די פיס, געשלאָגן נחמיה פינקעלשטיינען... צום רעדאַקטאָר משה אינדעלמאַן זענען געקומען דייטשן, אים אַרויסגענומען פון שטוב און מען ווייסט נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען... דער מיטאַרבעטער פון ״מאָמענט״ ליפּע קעסטין און זיין זון זענען אין אַ שטעטל, לעבן וואַרשע, דער־




רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „היינט" (1938)

ערשטע ריי (פון אויבן רעכטס): שלום אש, י. מ. ניימאַן, מ. קיפּניס, ד"ר מ. קליינבוים (היינט — סנה), יצחק גרינבוים.

צווייטע ריי: א. איינהאָרן, ש. י. אימבער, מ. אינדעלמאַן, מ. בערנהאָלץ, א. גאָוזע, י. ש. גאָלדשטיין, מ. גראָס־צימערמאַן.

דריטע ריי: ד"ר א. גליקסמאַן, ג. גראַביע, א. האַרטגלאַס, מ. מ. הורוויטש, ג. ווייסבארד, ד"ר י. וויגאָדסקי, ב. זינגער.

פערטע ריי: ה. ל. זשיטניצקי, מ. חייקין, מ. יוסטמאַן (ב. יאָושזאָן), מ. לייזעראָוויטש, ד"ר גרשון לעווין, ה. מיימאַן, ד"ר מ. מיזעס.

פינפטע ריי: ל. נאָוויק, א. פּארבא, ח. פינקעלשטיין, ר. פיינמעסער, ש. פּיעטרושקע, מ. פעדערגרין, א. צפנת.

זעקסטע ריי: א. קאַגאַנאָווסקי, י. קאַצענעלסאָן, ד"ר ע. קאַרלעבאַך, א. קליינמאַן, ב. קוטשער, ש. קראַנגאָלד, ד"ר י. קרוק.

זיבעטע ריי: ב. קרעמער, א. רינדערמאַן, א. ריקליס, ח. שאָשקעס, ש. שווערדשאַרף, מ. שימעל, ד. תאומים.

**שאָסן געוואָרן... דער שרייבער שמעון האָראָנטשיק האָט זיך אַליין אויפגעשניטן די אָדערן...**

**און דאָ טראָגט זיך גאָר אַרום אין דער לופט אַ קלאַנג, אַז אַלע יידן וועלן אינגאַנצן אַרויסגעשיקט ווערן פון וואַרשע. אַז ערגעץ, אין לובלינער געגנט, גרייט מען שוין באַראַקן פאַר זיי...**

**ס'פּאַלט אַריין ד״ר חיים שאָשקעס. מ'רינגלט אים אַרום. מ'ווייסט, ער הערט נאָך אויסלענדישן ראַדיאָ. ער האָט נישט קיין מורא. — באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, האָט ער אויף זיין טיר אַן אַמעריקאַנער פענדל אַרויסגעהאָנגען.[81]) מ'זאָגט, אַז ער האָט אויך אַן אַמעריקאַנער פּאַס אין קעשענע. נאָר נישט דאָס איז וויכטיק. מ'וויל הערן נייעס. מ'וויל וויסן, וואָס הערט ער דורכן ראַדיאָ. ווי זעט אויס די מלחמה. צי וועט ענגלאַנד און פראַנקרייך זיך כאָטש קאָנען אַן עצה געבן מיט די היטלער־אַרמייען. און צי רעדט מען עפּעס אין דער וועלט וועגן אונז יידן. צי ווייסט מען כאָטש אין דער וועלט וועגן דער ביטערער לאַגע אונזערער...**

**ניין. קיין גרויסע נייעס איז נישטאָ. מ'הערט נישט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל דערפרייען דאָס האַרץ. וואָס זאָל לייכטער מאַכן דאָס געמיט.**

**זיצט מען אין ווינקעלעך. מ'זיצט ווי צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. און כדי נישט צו טראַכטן, כדי צו בייטן אַביסל דאָס געמיט — נעמט מען זיך דערמאָנען פון דעם, פון יענעם.**

**דערמאָנט זיך איינער וועגן דעם לאָדזשער מאַנופאַקטור־קעניג אשר קאָנס ספר ״מעדני מלך״ און די אויפנאַמע פאַר שרייבער אין ״פּיקאַדילי״. אַ צווייטער דערמאָנט זיך וועגן איציק מאַנגערס חומש־לידער, וואָס זישע קאַץ האָט זיי אינסצעניזירט און געזאָלט אויפפירן אין זיין קליינקונסט־טעאַטער. אַ דריטער וועגן לידל, וואָס פּאַולאַ פרילוצקי האָט אָפּגעדרוקט וועגן מאַרק שאַגאַלן. אַ פערטער וועגן ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך, וואָס איז פאַרשטעלטערהייט אַ גאַנצן חודש געווען אין היטלער־דייטשלאַנד און דערנאָך דאָס אַלץ באַשריבן. וועגן דעם חסידישן ייד, אפרים רונדא, וואָס אַמאָל, ווען מ'האָט אים אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן שטיצן די ״ישיבת חכמי לובלין״, געבעטן ער זאָל עפּעס רעדן — איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, אַוועקגעלייגט טויזנט זלאָטעס און געזאָגט ״אָט דאָס איז מיין רעדע״...[82])**

**און יעקב מאָרדכעלעס — כמעט אַ שרייבער, איינער פון די ערשטע שטאַמגעסט אויף טלאָמאַצקע דרייצן — דערמאָנט זיך גאָר, ווי ער איז אַ מאָל געווען**

---

81) ד״ר חיים שאָשקעס — **היינט אין ניו־יאָרק.**

82) ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך — **אין ישראל** (שעף־רעדאַקטאָר פון „מעריב״). מאָרדכעלעס **— אין פּאַריז.**

לערער ביי דוד פרישמאַנס קינדער, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל ביי פרישמאַנס טיש געגעסן מיטאָג און ווי פרישמאַן אַליין האָט אים געלערנט עסן...

מען דערמאָנט זיך עס מיט אַ זיפץ, מיט אַ נאָגנדיק האַרץ, מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט.

און אָט קומט אָן דער שרייבער קלמן היישעריק. מ׳קוקט אים אָן. מ׳וווּנדערט זיך. — מ׳ווייסט, ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון וואַרשע. מ׳ווייסט, ער דאַרף איצט זיין ערגעץ אין די געביטן, וואָס זענען פאַרנומען דורך ראַטנפאַרבאַנד.

יאָ, ער קומט איצט פון ווילנע. — ער זעט נישט אויס ווי קיין ייד. גייט פריי. שמאָגלט גרענעצן, פאָרט אויף באַנען.

ער רעדט גיך. דערציילט מעשיות, גיט אָפּ גרוסן פון סעגאַלאָוויטשן, פון יעקב פאַטן, פון יוסטמאַנען, עלבוימען.[83]


יצחק מאַנגער
(צייכענונג פון מ. ברוינער)

ער איז איצט ספּעציעל געקומען נעמען נאָך שרייבער. ער "גייט" מאָרגן צוריק. ווער ס׳וויל קאָן מיטגיין. ער ווייסט די וועגן. קאָן פירן.

טייל "גייען" מיט אים. אַנדערע וואַרטן נאָך. אָבער פון טאָג צו טאָג ווערט אין קיך שיטערער. איטלעכן טאָג דערוויסט מען זיך, אַז דער און יענער איז "געגאַנגען". פון טייל זענען שוין אפילו גרוסן פאַראַן. ווער עס איז אין ביאַליסטאָק, ווער אין לעמבערג, ווער אין ווילנע.

נישט אַלע געלינגט עס. — ד״ר יוסף קרוק און זיין פרוי אירענע קומען צוריק. שוין געווען האַרט ביי דער גרענעץ. אויך משה צאַנין קומט צוריק. שמעון קראָנגאָלד קומט צוריק. נאָר זיי זאָגן, אַז זיי וועלן דאָ נישט בלייבן. זיי וועלן נאָכאַמאָל פּרובירן.[84]

יאָ, מ׳דאַרף פּרובירן...

און דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר ישראל שאַיעוויטש בייגט זיך צו:

— איך האַלט, מ׳דאַרף גיין... איך האָב אַ באַקאַנטן יידן אויף נאַלעווקעס זיבן און צוואַנציק... ער האָט עטלעכע פירער... איך האָב זיך מיט אים אָפּגעשמועסט

83) יעקב פּאַט און משה עלבוים — היינט אין ניו־יאָרק.

84) משה צאַנין און שמעון קראָנגאָלד — היינט אין ישראל.



רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" (1932)

1) א. זאַק, 2) א. פערעלמאַן, 3) ל. קעסטין, 4) ב. קאַרלינסקי, 5) י. טונקל, 6) צבי פרילוצקי, 7) יוסף העפטמאַן, 8) י. י. פראָפּוס, 9) ז. סעגאַלאָוויטש, 10) א. ראָזענפעלד, 11) י. פויזנער, 12) ל. לענעמאַן, 12) ש. יאַנאָווסקי, 13) מ. טורקאָוו, 14) א. גראַפּמאַן, 15) מ. פּאָמעראַנץ, 16) י. באָרענשטיין, 17) ק. קאַרלינסקי, 18) פּנחס קאַץ, 19) א. ז. כהן, 20) נ. זילבערבערג, 21) א. ז. כאַנאַכאָוויטש, 22) מ. קרימסקי, 23) י. מ. אַפּעלבוים, 24) י. [illegible]

אויף מאָרגן זעקס אַזייגער אין דער פרי... אויב איר ווילט, גייען מיר ביידע...
— און די משפחות?
— פרויען מוזן נישט לויפן... פרויען און קינדער וועלן „זיי" גאָרנישט טון...

---

אַ שוואַרץ רירעוודיק קעצל שטעקט אַרויס דאָס קעפּל דורכן קעלער־פענצ־טערל. שיקט פאַרויס דאָס פלאַכע נעזל צום אויסשמעקן די לופט. נעמט גיך דרייען מיט די גרינע אייגעלעך, דאָ רעכטס, דאָ לינקס. צום סוף — ווי איבערצייגט, אַז ס'דראָט נישט קיין סכנה — טוט עס זיך אַ לאָז אויפן צווייטן טראָטואַר, לויפט פאַרביי אונזערע פיס און דורך אַ לאָך אין אַ צעפוילטער טיר — פאַרשווינדט עס אין אַ פאַרמאַכט געוועלב אַריין...
שאַיעוויטש כאַפּט אָן פאַר דער האַנט:
— געזען?...
— וואָס?
— כ'מיין, ס'קעצל... נישט קיין גוטער סימן... פאַרבייגעלאָפן אַזוי האַרט פאַר די פיס...
קיין איבערגלויביקער בין איך נישט. לאָך שטענדיק פון די זאַבאָבאָנישע סימנים. נאָר איצט טוט עס ווי מיט אַ שווערער משא אַ זעץ אין קאָפּ. פון מוח נעמט עפּעס וואַרעמס שטראָמען דורכן האַלז, דורך דער קעל, דורכן האַרץ און נעמט גרימען אין סאַמע מאָגן־גריבעלע...
נאָר כ'שטאַרק זיך. נעם אים אויסרעדן. גיב צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר נישט גלייבן אין אַזעלכע זאַבאָבאָנישע סימנים.
איך רעד און גלייב אַליין נישט אין דעם, וואָס איך רעד... ס'האַרץ קלאַפּט. דאָס גיין איז שווער — ווי עפּעס וואָלט געשטערט. ווי דאָס קעצל וואָלט נאָך אַלץ געפּלאָנטערט זיך פאַר די פיס...

---

די נאַלעווקעס, וווּ דער ייִד וווינט, איז אַ גרויסע, אַ ייִדישע, אַ שטענדיק טומלדיקע גאַס. נאָר איצט ליגט די גאַס אַ שטילע. אַן אָן אָטעמדיקע, אַן אויסגעג־גאַנגענע.
אמת, נאָך פרי. אָבער די נאַלעווקעס איז דאָך שטענדיק אַזאַ פרי־אויפשטייע־ריק. איך קען די גאַס גוט. שוין דאָ געווען אין אַלע צייטן, ביי אַלע באַדינגונגען.
— נאָר אַזאַ אימה? אַזוי פיל פחד אין איטלעכן ווינקעלע?
פאַרן טויער בומער זיבן און צוואַנציק שטייט דער סטרוזש. ער פאַרקערט דעם טראָטואַר. קוקט אָן. די בליקן שטעכן.

פּאַרפּאַלן. מ׳דאַרף זיך שטאַרקן. נאָר שאַיעוויטשעס טריט ווערן שוואַכער. ער טוט אַ צי ביים אַרבל:

— אפשר נישט אַריינגיין?...

— פאַרוואָס?

— איר זעט דאָך...

יאָ, איך זע. אָבער מ׳מוז דאָך אַריינגיין. צווייטנס — צי בלויז ער אַליין קוקט? — אויפן גאַנצן וועג האָט מען דאָך באַגעגנט אַזעלכע בליקן. זיי מיינען אפשר גאָר נישט קיין שלעכטס. זיי וווּנדערן זיך פשוט, וואָס אַ ייד דערוועגט זיך נאָך היינט אַרויסצוגיין אין גאַס...

ביים יידן זענען מיר נישט די ערשטע. ס׳וואַרטן שוין נאָך דריי מענטשן. — אַ ספרים־הענדלער פון פראַנציסקאַנער גאַס, אַ באַאַמטער פון דער וואַרשעווער קהילה און אַ יונג מיידל, וואָס האַלט אין איין אָנטון און אויסטון די הענטשקעס.

דער ייד דאַוונט. זיין וויבּ, אַ הויכע יידענע, מיט אַ צוגעבונדן אויג, צעברעקלט מיט אַ מעסער שטיקלעך האָלץ, אויף מאַכן פייער. אַ קליין מיידעלע — וואָס עס איז שווער צו זאָגן, צי דאָס איז דעם יידנס טעכטערל, אָדער זיין אייניקל — טוט זיך אָן די שיכלעך און נעמט דערביי נישט אַראָפּ די בליקן פון די פריש אַריינגעקומענע.

די יידענע באַטראַכט מיט דעם איינציקן אָפּגעבונדענעם אויג. פרעגט, וואָס מען וויל. נאָר דער ייד ווייזט אָן אויף שטום־לשון אַ באַנק:

— נו, אַ...

כ׳קוק אויף דעם יידן. קוק אויף זיין פאַרמאַטערט פּנים, אויף זיין קורץ־געשוירן געל בערדל, אויף זיינע טונקעלע, גוטע און עטוואָס אומרואיקע אויגן און אויף זיין שווערן אָטעמען — וואָס קומט פון נישט קיין צו שטאַרק געזונט האַרץ —

איז דאָס דער ייד, וואָס פירט אַריבער די גרענעץ? איז דאָס דער מענטש, וואָס רייסט אַרויס יידן פון דעם דייטשישן גיהנום? וואָס ריזיקירט אַליין מיט זיין אייגן לעבן?

דער ייד נעמט אויסטון די תפילין, פאַרענדיקט אין דער שטיל די לעצטע ווערטער פון דאַוונען, קוקט, איבער די ברילן אַריבער, צו שאַיעוויטשן, און מיט די בליקן ווייזט ער אָן אויף מיר:

— דער אויך?

— יאָ. מיר גייען צוזאַמען.

— גוט. ס׳וועט באַלד קומען דער פירער. אין אַ שעה אַרום גייט אָפּ דער אויטאָבוס.

— אַן אויטאָבוס?

— יאָ. דער אויטאָבוס פאָרט קיין סאָקאָלאָוו. דאָרט זענען פאַראַן יידן, וואָס פירן ווייטער. געווען אַ דירעקטער וועג וואַרשע—ביאַליסטאָק, איז ער קאַליע געוואָרן. דייטשן האָבן דעם פירער געכאַפּט. אויך צוויי יידן געוואָרן דערשאָסן.



רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „מאָמענט" (1932)

1) א. זאַק, 2) א. פערעלמאַן, 3) ל. קעסטין, 4) ב. קאַרלינסקי, 5) י. טונקל, 6) צבי פּריל.צקי, 7) יוסף העפּטמאַן,
8) י. י. פּראָפּוס, 9) ז. סעגאַלאָוויטש, 10) א. ראָזענפעלד, 11) י. פויזנער, 12) ל. לענעמאַן, 12) ש. יאַנאָווסקי,
13) מ. טורקאָוו, 14) א. גראַפּמאַן, 15) מ. פּאָמעראַנץ, 16) י. באָרענשטיין, 17) ק. קאַרלינסקי, 18) פּנחס קאַץ,
19) א. ז. כהן, 20) נ. זילבערבערג, 21) א. ז. כאַנאכאָוויטש, 22) מ. קרימסקי, 23) י. מ. אפּעלבוים, 24) י. שאַפּירא,
25) [illegible]

— דערשאָסן?...

— דאָס איז אַ גאָט־זאַך... וועמען ס'איז באַשערט... נו באַשליסט. מען וועט באַלד דאַרפן רירן אין וועג אַריין. נאָר אָן שרעק. שוין הונדערטער יידן אַריבער...

און ער רעדט שוין מיט די איבעריקע. דער ספרים־הענדלער פרעגט זיך אויס, ווי עס גייט צו דאָס אַריבערגיין די גרענעץ. צי מ'דאַרף אַ סך גיין צו פוס און דאָס יונגע מיידל טוט מיטאַמאָל אויס די הענטשקעס:

— איז עס, הייסט עס, נישט זיכער?...

דער ייד טוט אַ ביטערן שמייכל. הייבט אויף די הענט צום הימל:

— זיכער?... אָט ווער עס ווייסט...

---

אין פאַרגלייך מיט די גאַסן אַרום, איז דאָ, אויפן אָפענעם פּלאַץ, פאַרן דאַנ־ציקער וואָקזאַל, אַ ביסעלע טומלדיקער.

די שאָפערן, בעלי עגלות און די סתם מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, גייען שטיל — ווי געשוועבט אין דער לופטן. ווי מורא געהאַט מיט די טריט די ערד אָנצורירן...

דער "אַריבערפירער" מעסט אָפּ מיט איין בליק דעם גאַנצן פּלאַץ. טוט אַ קוק דאָ, אַ קוק דאָרט און זאָגט שטיל:

— דאָרט... דער געלער אויטאָבוס... נישט באַלעמוטשען... גלייך זיך אַרויפ־זעצן...

מ'שאַרט זיך צו. — נישט קיין אויטאָבוס. אַ פּשוטער משא־אויטאָ. אָן אָפּע־נער. מיט נידעריקע ווענטלעך אַרום. בלויז פון אויבן, הינטערן דעכל פון שאָפער־ביידל, שטאַרצן אַרויס צוויי שטאַרק צעבויגענע אײַזנס און ס'שלעפּן זיך נאָך צע־פליקטע שטיקער פון אַ גראָבן, גרויען געוואַנט — אַ זכר פון אַ געוועזענער איבערדעק...

דער אויטאָ שוין כמעט פול. פאַראַן אויך לייבעלע קעלנער פון שולצנס רעס־טאָראַן. פאַראַן דער לערער פון די קהלה־שולן, אהרן קליינלערער. דער מיטאַר־בעטער פון "היינט" און פון "אונזער עקספּרעס" לייבל ביין און זיין זון — אַ תלמיד פון דער לובלינער ישיבה.[85]

מען רעדט נישט. מ'טוישט זיך בלויז מיט די בליקן. איטלעכער איז פאַררוקט אין זיין ווינקל. פאַרטוליעט אין וואָס מ'האָט נאָר. — מ'זאָל זיך נאָר נישט וואַרפן אין די אויגן. בפרט לייבל ביין — אַ חסידישער ייד, מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באָרד...

דער מאָטאָר נעמט רוישן. דער אויטאָ רירט פון אָרט. ס'טוט עפּעס ווי אַ ריס אין האַרצן. מ'וואַרפט לעצטע בליקן אויף דער שטאָט. — דער ייִנגערער ברודער, אייזיק, וואָס קומט צולויפן געזעגענען, בלייבט שטיין פון דער ווייטנס. פאָכעט מיט

85) לייבל ביין — היינט אין ישראל.

דער האַנט. דאַכט זיך נישט ער אַליין פּאָכעט. ס'פּאָכען אַלע אייגענע. אַלע נאָענטע און טייערע —

דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט. די אויגן איבערפולט. — אפשר נישט גוט געטון! אפשר נישט געדאַרפט אַנטלויפן אַליין...

ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך קאָן זיך איצט צעוויינען אויפן קול. ווען איך קאָן נאָכאַמאָל אַרויספאַלן אויפן האַלז. —

צי וועט עס נאָך אַמאָל געשען?...

---

# איבער די חורבות פון וואַרשע...

צוריק אויף דער פּוילישער ערד. — נישטאָ מער קיין טרייסט. — אויף חורבות און קברים אין וואַרשע. — נאָוואָליפּיע צוויי און צוואַנציק. — יאָ, דאָ איז מיין היים געווען. — אַ שוואַרצער פליגל צעכעסט זיך. — כלאָדנע אַכט. — ס׳קליינע שוסטערל לאַכט. — ס׳גייען אויף זכרונות און דערינערונגען...

פיאו — ו — ו — ו!...

אַ הייזעריקער פייף שניידט זיך אַריין אין חלל און גייט אויס.

און ווערט צונישט — צוזאַמען מיט דער נאַכט.

דער לאָקאָמאָטיוו — אַ שווער לייביקער זקן, וואָס שמעקט שוין מיט שמעלץ — פאַרקייכט זיך אין זיין אַסטמאַטישן הוסט. נעמט קרעכצן, נעמט סאַפּען און טוט מיט רוגזה אַ ריס די וואַגאָנען פון אָרט. אַזאַ ריס, אַז אַלץ אין די וואַגאָנען טוט זיך אַ טרייסל. אַז אַלץ ווערט אַרויסגעריסן פון שלאָף —

— האַ?... וואָס איז?...

— גאָרנישט... גאָרנישט... דער צוג האָט געריירט...

— ווו איז מען געווען?...

— כ׳ווייס נישט.. עפּנט ס׳פענצטערל...

— ניין... מ׳זעט גאָרנישט...

דער פרימאָרגן שטעקט אַריין דורכן פענצטערל זיין גרויען קאָפּ, וואַרפט אַ בליק אויף די זיך־וויגנדיקע פּנימער און שטעלט זיך אָפּ אויף דעם "היימישן" קאַלענדאַרל, אַנטקעגן, אויף דער וואַנט —

אַכטער יולי, ניינצן זעקס און פערציק...

ניינצנטער טאָג אין וועג...

נאָך פרי. די פּאַספּאָר־ווייזערלעך אויף דעם שכנס "דאָקס", ווייזן נאָך קיין גאַנצע פיר נישט, נאָר איך שלאָף שוין לאַנג נישט. דער קאָפּ ליגט שווער אויפן היי־קישעלע, אין מוח — אַ ביטערער געראַנגל פון טויזנטער געדאַנקען, וואָס יאָגן איינער דעם אַנדערן, וואָס שטויסן, וואָס פרעסן און פלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן —

זיבן יאָר... זיבן יאָר פאַרוואָרפן פון דער היים, פון דער שטוב, פון די נאָענטע און טייערע... זיבן יאָר געפּייניקט אין בענקשאַפט און אין האָפענונג...

און דאָ — ס׳גלייבט זיך קוים — שוין אַ טאָג אויף דער פּוילישער ערד. נאָך אַ טאָג און מ׳וועט זיין אין וואַרשע. און מ׳וועט טרעטן אויף די וואַרשעווער גאַסן, קומען אין די וואַרשעווער שטובן, זיך אַרומכאַפּן און טוליען זיך צו אייגענע, צו ליבע, צו טייערע.

און זיך פרייען, זיך קושן און וויינען. אַ סך, אַ סך וויינען פאַר גליק...

און ווער ווייסט?...

טאָמער חלילה...

איז דאָך אַזאַ שחיטה געווען... יידישע היימען חרוב... יידישע לעבנס פאַרשניטן...

נאָר, ניין. מ׳טאָר נישט טראַכטן. מ׳טאָר דעם געדאַנק נישט צולאָזן. מ׳קאָן אויסגיין. מ׳קאָן פון זינען אַראָפּ...

דער עולם אין וואַגאָן טוט זיך איינציקווייז אָן. מ׳קריכט אַראָפּ פון די נאַרעס, מ׳פּראַלט אויף די טיר. דער פרימאָרגן — שוין אַ טויאיק צעגרינטער — קוקט אַריין מיט אַ ברייט, צעשמייכלט פּנים —

— ס׳וועט באַלד זיין קאַטאָוויץ...

---

דער צוג שטעלט זיך —

— עי!... זייט אַזוי גוט!... דאַכט זיך אַ וואַרשעווער?...

— יאָ, אַ וואַרשעווער... איך קען אייך אויך... איר זענט, דאַכט זיך...

— איז, זאָגט מיר — געווען אפשר אין וואַרשע?...

— געווען...

— נו?... כ׳מיין, ווי זעט אויס?...

— ס׳זעט אויס... די גאַנצע יידישע געגנט — איין ווייסטע חורבה... קיין איין הויז... קיין איין שטוב...

— און נאָוואָליפּיע?.. און קאַרמעליצקע?... מוראַנאָוו?... נאַלעווקעס?...

— אָפּגעווישט... צוויי און צוואַנציק יאָר געוווינט אויף פּאַוויע גאַס און די גאַס נישט געפונען... געטרעטן אויף בערגער ציגל, ברוכשטיקער, שטויב און נישט געוווסט, וועלכע גאַס דאָ איז אַמאָל געווען... וועלכעס הויז איז דאָ צו קבורה געקומען...

— אָבער די מענטשן?... מיט די מענטשן וואָס איז?...

— נישטאָ... פון די געציילטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, זענען אַמיינסטן נאָך פאַרשטעקט אונטער זיבן שלייערן... טייל זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן... דער עיקר — נידערשלעזיע און לאָדזש...

— און יידיש?... אַ יידישע אינסטיטוציע?... ווו קאָן מען עמעצן טרעפן?... ווו קאָן מען עמעצן זוכן?...

— פאַראַן אַ יידישער קאָמיטעט... מ׳קאָן אויך געבן אַן אַנאָנס אין צייטונג...

— אין צייטונג?... גייען אַרויס יידישע צייטונגען ...

— אין לאָדזש... דאָרט איז אויך דאָ אַ יידישער ליטעראַטן־פאַריין...

---

לאָדזש...

ווו קערט מען זיך? ווו ווענדט מען זיך? —

אַ ייד וויזט דעם וועג צום קאָמיטעט. אויף די טרעפּ אַ סך מענטשן. עמעצער כאַפּט זיך קושן.

קוים דערקענט — דער דיכטער חיים לייב פוקס...

ער דערפרייט זיך, פירט אין ליטעראַטן־פאַריין. אויך דאָרט אַ שמחה, אַן אַרומכאַפּן זיך, אַ קושן זיך —

אפרים קאַגאַנאָווסקי, אברהם זאַק, יוסף רובינשטיין, לעא פינקעלשטיין, יחיאל האפער, משה קנאַפּהייס, לעאָן לענעמאַן, דוד ספּאַרד, משה נאָדלמאַן, אהרן צאַפּנאַס, משה גראָסמאַן, בערל מאַרק, יצחק באַרענשטיין, ד״ר מאַרק לענסקי, מרדכי אָלעי, יצחק פערלאָוו, אהרן וואַל... אַלץ היימישע... אַלץ וואַרשעווער... טלאָמאַצקע דרייצניקעס... עס דערמאָנט... עס דערוועקט האָפענונגען...

שוין פאַר מיר אפילו בריוו פון לעבן־געבליבענע שרייבער אָנגעקומען. בריוו פון מלך ראַוויטשן אין קאַנאַדע, בריוו פון מענדל מאָזעס און חיים פינקעלשטיין אין ניו־יאָרק, פון ניימאַנען און ש. סוויסלאָצקין אין ישראל, אברהם שולמאַן אין אויסטראַליע, רחל קאָרן אין שוועדן.

כ׳בין פאַרשיכורט, ווייס נישט, אויף וועלכער וועלט כ׳בין, נעם פרעגן, פּרוביר זיך דערוויסן וועגן אייגענע —

— אפשר געהערט?... אפשר געזען?...

דאָס שווייגן פאַרשטיינערט. דאָס רעדן מאַכט זידן ס׳בלוט —

ניין־ניין! ס׳קאָן נישט זיין, כ׳קאָן נישט גלייבן. טיף אין דער נשמה טליעט נאָך אַ פונק, איז נאָך באַהאַלטן אַ האָפענונג...

כ׳נעם אַלאַרמירן, כ׳נעם שרייבן בריוו, לויפן אין קאָמיטעטן, אַנאָנסירן אין צייטונגען, בעטן רחמים —

— אפשר?... טאָמער?...

אין פאַריין טרייסט מען נישט. מ׳וויסט — נישטאָ מער קיין טרייסט. מ׳ווייסט — די ווונד איז נאָך פריש. דער ווייטיק גרויס.

נאָר וואָס?...

מענטשן קומען, מענטשן פאָרן, כסדר פאַרזאַמלונגען, כסדר קאָנפערענצן און — אַלע טאָג געסט, אַלע טאָג אויפנאַמען, אַלע טאָג שמחהלעך...

אַ ראַדיאָ, אַ פּאַטעפאָן, אַ זמרל, אַ טאַנץ...
און נישט געזאָרגט. — ס׳איז עם ישראל חי...
יאָ...
עם ישראל חי...
אָבער, יענע?! די פּאַרשניטענע?! די אָוועקגעריסענע?!...
ווער האָט עס גאָר אויף אַזוי פיל געגלייבט? ווער האָט גאָר געקאָנט דעם געדאַנק צולאָזן? —
און ס׳ווערט ביסלעכווייז קלאָר. דער נאָך טליענדיקער פונק, גייט פּאַמעלעך אויס. דאָס קליינע מעסטעלע האָפענונגען צערינט...
אַזוי עלנט...
אַזוי פאַריתומט...
מ׳וויל זיך נישט אונטערגעבן. מ׳וויל נאָך אַלץ נישט גלייבן. אַלע חושים שרייען נאָך אַלץ ניין און ניין. עפּעס איז נאָך דאָ, עפּעס נאָך פאַרבליבן — הלוואַי!...

---

— איר פאָרט קיין וואַרשע?...
— יאָ, איך פאָר...

אַ קאָנפערענץ וועגן יידישע ליטעראַטור־ענינים. אַלע פאָרן קיין וואַרשע — אַזאַ געלעגנהייט טאָר מען נישט דורכלאָזן. מ׳מוז פאָרן. צו דער שטאָט ציט. — מ׳האָט דאָרט אַזוי פיל איבערגעלאָזט. אַזוי פיל צושטייער געגעבן...

די שפּאַנונג איז גרויס. — ווי וועט עס אויסזען? ווי וועט עס ווירקן? ווי וועלן די חושים אויפנעמען?

און דאָס האַרץ — ס׳נעמט שוין צאַפּלען... ס׳נעמט שוין פון דער הויט שפּרינגען...

אין וואַגאָן גייט אַ שמועס וועגן וואַרשע. טייל, וואָס זענען שוין דאָרט געווען גיבן איבער, ווי ס׳זעט אויס די יידישע געגנט. ווי די צענדליקער יידישע גאַסן ליגן צעשמעטערטע, צעקרישלטע. נישטאָ קיין הויז, נישטאָ קיין גאַס — בלויז הויפנס ציגל, ברוכשטיקער און מיסט.

כ׳הער און קאָן עפּעס נישט תופס זיין, ווי דאָס זעט אויס. כ׳שטרענג אָן דעם מוח, וויל אין רעיון דאָס באַנעמען. נאָר, ס׳גייט נישט. כ׳קאָן זיך נישט אויסמאָלן קיין בילד. איך וויל אין דער פאָרשטעלונג זען די חורבות און — כ׳זע גאַסן...

כ׳זע די נאַלעווקעס, זע די פראַנציסקאַנער, די גענשע, נאַוואָליפּיע, קאַרמעליצקע, פּאַוויע, סמאַטשע...

זע די גאַסן, זע די הייזער, די קראָמען, מענטשן...

און אַלץ אַזוי בולט. אַלץ אַזוי לעבעדיק פאַר די אויגן. כאַטש לויף צו, כאַפּ עמעצן אָן ביים אַרבל און נעם רעדן, נעם זיך אויספרעגן...

די קאָנפערענץ קומט פאַר ערשט אין אָוונט. נאָך דאָ גענוג צייט. נוצט מען אויס די געלעגנהייט. מ׳גייט צום אהל פרץ. מ׳גייט אויף צום געטאָ. מ׳גייט באַקוקן די חורבות, זען די בראָך...

מ׳גייט פּאַמעלעך. איינער פון די לעבנגעבליבענע געטאָ־קעמפער, גיט איבער וועגן דעם העלדישן געראַנגל פון די יידישע אויפשטענדלער. ער דערציילט, ווי יידישע זין און טעכטער זענען אומגעקומען אין דעם הערָאישן קאַמף. אומגעקומען אויף קידוש־השם...

ער גיט איבער בילדלעך. דערציילט גענוי. זיין יעדער וואָרט שניידט דאָס לייב, האַקט, ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ...

כ׳וויל הערן. כ׳שלינג איטלעכס וואָרט. נאָר, כ׳קאָן נישט איינשטיין. כ׳גלי אינגאַנצן. — ער רעדט צו פּאַמעלעך. מ׳שטייט אויף ערטער צו לאַנג. און די צייט לויפט, און כ׳וויל זען נאָך... זען נאָך...

כ׳לאָז אַלע איבער. נעם לויפן ווייטער. לויף איבער קאַלך־שטויב, איבער אָנגעוואָרפענע ציגל, פאַרשידענע ברוכשטיקער.

לויף און ס׳דאַכט זיך, אַז כ׳לויף איבער קברים, אַז אונטער די ברוכשטיקער ליגן נאָך מענטשן, אַז ס׳הערט זיך נאָך זייער קרעכצן, ס׳הערט זיך זייער געיאָמער...

יאָ, איצט באַנעם איך שוין... איצט זע איך שוין דאָס בילד, וואָס יענער אין וואַגאָן האָט געשילדערט... כ׳זע עס טויזנט פאַך בולטער... טויזנט פאַך שוידערלעכער...

ניין. דאָס איז נישט צום איבערגעבן. דאָס איז נישט צום דערציילן. דאָס מוז מען אַליין אָנקוקן. אַליין זען.

און נישט בלויז מיט די אויגן זען. דאָס מוז מען זען מיטן האַרץ, מיט דער נשמה, מיטן גאַנצן לייב און לעבן...

נאָר ווו בין איך?

אויף די קברים פון וועלכער גאַס טרעט איך?

יאָ, און ווו געפינט זיך ערגעץ מיין גאַס? ווו קומט מען צו צום אָרט פון מיין היים?

מיין היים...

— עי, פּאַנאָוויע! די נאָוואָליפּיע? די נאָוואָליפּיע ווו איז?

די צוויי גויים, וואָס גראָבן צווישן די חורבות און זוכן, פאַר זיך נאָך נוצלעכע זאַכן — הייבן אויף די קעפּ. קוקן טעמפּ. קוקן, ווי אויף אַ בייז ווונדער:

— נאָוואָליפּיע?

— יאָ, די נאָוואָליפּיע גאַס ווו איז? ס׳דאַרף דאָך זיין דאָ נישט ווייט.

— געוויס. נישט ווייט. אָט דאָרט, ווו די ברוינע שינע שטאַרצט אַרויס...

אָבער גרויס איז געווען די גאַס. זייער גרויס. נישט אומעטום קאָן מען צוקומען...
— און צום נומער צוויי און צוואַנציק...
— צוויי און צוואַנציק?
— יאָ.
— ביי קאַרמעליצקע?
— יאָ, ביי קאַרמעליצקע.
— ניין. דורך דאַנען נישט מעגלעך. איר וועט דאָ נישט צוקומען. דאָס בעסטע, גיין דורך לעשנאָ גאַס. דאָרט זיך פאַרדרייען אויף קאַרמעליצקע און פון דאָרט — איז אפשר וועט זיך איינגעבן...

ניין. ס׳גיט זיך נישט איין. איבער די אַנגעוואָרפענע שטיקער חורבות, וואָס גויים זאָגן, אַז דאָ איז עס געווען די קאַרמעליצקע גאַס — איז נישט מעגלעך דורכצוגיין. מען דאַרף קלעטערן איבער באַרג און טאָל. ס׳דראָט מיט סכנות נפ־שות.

נאַר, ווער קוקט? ווער האָט כוח צו טראַכטן? ווער האָט כוח צו באַהערשן דעם דראַנג פון זיין אויפן אָרט, וווּ ס׳איז געשטאַנען מיין היים? וווּ ס׳האָבן גע־אָטעמט מיינע נאָענטע און טייערע?...

קאַרמעליצקע...

כ׳נעם קלעטערן... קלעטערן...

אוי ווי, וויפל שטרויכלונגען... קלעטער און פאַל, קלעטער און פאַל... צע־רייס די הויזן... צעקלאַפּ די קני... נאַר — רוק זיך... נאַר — קום נענטער...

כ׳מעסט מיטן בליק דעם שטח. כ׳בין זיך משער — דאָ איז געווען נומער צוויי, דאָ נומער פיר, דאָ זעקס, דאָ אַכט...

יאָ, דאָ איז געשטאַנען דאָס עוואַנגעלישע שפּיטאָל...

אויף אַ שטיק טויער, וואָס שטאַרצט אַרויס פון אַ באַרג ברוכשטיקער, קלעפּט נאָך, ווי אַ מיאוסע צרעת — אַ שטיק פון דער שילד...

די פּאָר פאַרבליבענע אותיות זענען באַקאַנט... די אותיות זאָגן עפּעס... איז דאָך דאָ, אין דעם שפּיטאָל, ביים אויסברוך פון דער מלחמה, געווען אַ נעץ פון היטלעריסטישן שפּיאָנאַזש... האָט מען דאָך פון דאַנען כסדר סיגנאַליזירט די היטלעריסטישע פליער...

איז אויב אַזוי — אויב דאָ איז געווען דאָס שפּיטאָל — האָט דאָך דאָרט גע־דאַרפט זיין דער סקווער... און דאָרט, פון יענער זייט סקווער — די נאָוואָליפּיע... און דאָרט, יענער באַרג, וווּ אַ האַלבער קאַפּל־איוון — ווי אַ ווייסער אַנגעדראָלע־נער בויך, ליגט משופּעדיק, אָט־אָט אַראָפּצופאַלן — איז דאָך געווען נומער צוויי און צוואַנציק...

איז געווען מיין היים...

יאָ, דאָרט איז עס... דאָרט, אין סאַמע ראָג, איז געווען יוסף ראַטשטיינס זייף־געשעפט... אַביסעלע וויטער, ביים טויער, — לעאָן ברייזבלאַטס צוקערניע...

## אַ גרופּע שרייבער אויפן געגשער בית עולם
## אין וואַרשע, לעבן אהל פּרץ (1947)



ערשטע ריי (רעכטס) : מ. וואַלדמאַן, ב. קוטשער, ב. מאַרק, ד. ספּאַרד, ח. ל. פוקס, א. זאַק, י. יאַנאַסאָוויטש.
צווייטע ריי : י. גוטערמאַן, אַ מיטאַרבעטער פון יידישן קאָמיטעט, וו. יאַסנע, מ. קנאַפּהייס, י. אַשענדאָרף, י. באָרענשטיין.
זיצן פאָרנט : א. שעדלעצקי, פ. בינעצקי.

אָט אַ, דער לעאָן, װאָס האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן דעם בופעט אין ליטעראַטן־פאַריין...

דאַכט זיך לעאָנס קיילעכדיק צעשמייכלט פּנים, קוקט נאָך אַרויס פון צווישן די חורבות... דאַכט זיך, ער קוקט נאָך אַלץ מיט זיינע לויפנדיקע אייגעלעך:

— האַ, ווי מיינט איר?... זענען טאַקע די דייטשן אַזוי שרעקלעך?... װעלן זיי סתם נעמען און הרגענען יידן?...

די געדאַנקען ווערן מטושטש. די פיס בייגן זיך, דער קאָפּ ווערט פּרעמד, ווי סתם צוגעטשעפּעט צום קערפּער, ווי אָט־אָט פאַלט ער אַראָפּ, פאַלט און פאַר־טשעפּעט זיך אין דעם שטיק דראָט, װאָס שטעקט דאָ אַרויס...

ניין... מ׳טאָר נישט לאָזן פאַלן... מ׳דאַרף צוהאַלטן... פעסט, פעסט אונטער־שפּאַרן מיט די הענט...

פון ווייטן שפּרינגט אַ ווייס קאָזעלע... ס׳קאָזעלע דערנענטערט זיך אַהער, זיך גיך־גיך, צווישן די ברוכשטיקער...

— מע — ע — ע... מע — ע — ע!...

וואָס ווייניסטו, קאָזעלע?... וועמען זוכסטו צווישן די חורבות?... האָסטו אויך עמעצן פאַרלוירן... האָבן דייניקע אויך דאָ ערגעץ געוווינט?...

און אַ קליין, ווייס ייִנגעלע לויפט, לויפט... די באָרוועסע פּיסלעך פּלאָנטערן זיך גיך־גיך, צווישן די ברוכשטיקער...

— טאַ — אַ — אַ... טע — ע — ע...

לויף נישט, זונעלע... ס׳איז מיר גאָרנישט... כ׳בין נישט געפאַלן... בלויז אַזוי אַביסל... בלויז אַזוי אַביסל...

— פּראָשען פּאַנאַ...[86]

— האַ...

— װאָס איז אייך, פּראָשען פּאַנאַ? — װאָס זיצט איר דאָ אַזוי?

— כ׳זיץ?...

— הייבט זיך אויף. ווּהין זענט איר דאָ געגאַנגען? — איר האָט אַוודאי אין דער געגנט אַ היים געהאַט...

— אַ היים געהאַט...

— כ׳פאַרשטיי... שוין דאָ געטראָפן איינעם פון אייערע... ער איז אויך דאָ געקומען זוכן... אים אויך צום האַרצן צוגעשלאָגן...

און זי שטעלט אַוועק ס׳קוישל, די פרוי. שטעלט אַרויף אַ פוס אויפן שטריקל, צו וועלכן ס׳איז צוגעבונדן ס׳קאָזעלע, און זי העלפט אויפשטעלן. און זי קוקט אין פּנים אַריין:

— אפשר געבן אייך עפּעס אין מויל?

— אַ דאַנק, ליבע פרוי...

86) פּראָשען פּאַנאַ (פּויליש) — ביטע הער.

— אפשר אביסל מילך? — כ׳האָב גראָד אין קוישל.
— אַ דאַנק, ליבע פרוי...
— איר וועט קאָנען גיין?
— כ׳וועל קאָנען...
— איר דאַרפט נישט קומען אַהער, פּראַשען פּאַנאַ. וואָס גיט עס דען? — ס׳קאָסט געזונט און נישט מער.
— און איר, ליבע פרוי?
— איך וווין דאָ... זיך באַזעצט אונטער אַ גאַנץ געבליבן דעכל...
— דאָ? צווישן די חורבות? אַליין?
— נישט אַליין... מיט דעם קאַזעלע... כ׳האָב עס געפונען... מסתמא פון ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט... אַ פאַרוואָגלט נשמהלע נעבעך... געווען נאָך אַ פּיצלס...

צוריק אויף לעשנאַ —

אַ ווינט בלאָזט. אַ שטיק בלעך, ווי אַ שוואַרצער פליגל, רייסט זיך אויף אַ חורבה. רייסט זיך מיט געבייזער, פּאַטשט מיט צאָרן אין די נאַקעטע ציגל אַריין, און זי שרייט, זי טומלט, זי קלאַפּט אַלאַרם...

וואָס כעסט זי זיך אַזוי, די שוואַרצע בלעך? פאַרדריסט זי אפשר, וואָס זי — אַ ריין אַרישע בלעך, פון אַן אַריש הויז, אויף אַן אַרישער גאַס — מוז, צוגלייך מיט יענע יידישע ברוכשטיקער, זיך וואַלגערן אַ צעפליקטע, אויף אַ שטיק צעקרישלטע מויער?...

אָדער, קאָכט אין איר גאָר דאָס טרפהנע בלוט, וואָס איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן — זעט זי ווידער פאַרבייגיין אַ ייד?...

און טאָקע פאַר וואָס נישט? — פאַר וואָס דאַרף זי בעסער זיין פאַר אירע געוועזענע בעלי בתים?...

אָ, ווי זיי קוקן דאָס, די דורכגייער...
וואָס פאַר אַ שמייכעלעך...
אפילו דער שאָפער פונעם אויטאָ אַרויס...
ווי ער וואָלט נאָך קיינמאָל קיין מענטש נישט געזען. ווי ער וואָלט...

האָ... דער אויטאָ... יאָ, ער דערמאָנט אינגאַנצן דעם אויטאָ פון "היינט"... יענער, דאַכט זיך, איז אויך געווען אַזאַ "קעסטל"... אויך אַזאַ טונקל־בלויער... "היינט"...

די רעדאַקציע, וווּ כ׳בין דריי און צוואַנציק יאָר געווען איר שטענדיקער מיטאַרבעטער. די צייטונג, וווּ כ׳בין דריי און צוואַנציק יאָר אין קאָנטאַקט מיטן יידישן לייענער געשטאַנען —

איז נאָך פון איר עפּעס אַ זכר געבליבן?

פון "מאָמענט"[3] שוין געהערט — די מאַשינען, דורך די דייטשן, קיין בערלין



ב. קוטשער אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ

(פאָטאָגראַפירט פון דיכטער ישראל אַשענדאָרף)

אַרויסגעפירט. פון דער געביידע קיין זכר נישט געבליבן. קיין סימן נישטאָ, אַז דאָרט האָט אַמאָל עפּעס געלעבט. דאָס אייגענע מיט דער "פאָלקסצייטונג". מיטן "טאָגבלאַט". מיט "אונזער עקספּרעס". מיטן "נאַש פּשעגלאָנד"...

"היינט"...

אייגנטלעך דאָ, נישט ווייט... מיט דער סאָלנע...

אפשר פּרובירן...

אפשר נאָך עפּעס פאַראַן... עפּעס געפינען...

דאָס גיין קומט אָן מיט מאַטערניש. די פיס נאָך פרעמד, אויפן קאָפּ פרעסט אַ שווערע משא, דאָס האַרץ — אָט־אָט שטעלט זיך עס אָפּ...

דריי און צוואַנציק יאָר דעם וועג געגאַנגען...

און טאָג ביי טאָג, טייל מאָל אויך צוויי און דריי מאָל אין טאָג. געקענט דאָ איטלעך ווינקל. געקענט איטלעך שטיינדל.

און היינט? —

כ'גיי בלויז לויטן זכרון. לויט דעם, אויף וויפל מ'קאָן זיך משער זיין. נישט געבליבן קיין סימן אויף דערקענען. די ווינקלען פאַרוואָרפן מיט ברוכשטיקער, די שטיינדלעך פאַרשאָטן מיט קאַלך־שטויב...

סאָלנע גאַס —

ווו זענען די קרעמלעך, די יידישע, וואָס זענען שוין אַזוי באַקאַנט און היימיש געוועזן?

ווו זענען די קרעמער, וואָס האָבן אַלע טאָג דעם "גוט מאָרגן" אַנטקעגנגעטראָגן?

ווו איז דער בעקער ישראל לאַפּאַטע, וואָס האָט דאָ, נומער ניינצן, זיין געוועלב געהאַט? וואָס האָט אַלע אין רעדאַקציע שוין אַזוי גוט געקענט און פאַר איטלעכן שטענדיק זיין לויבוואָרט געהאַט?

ווו איז יענע זקנה, מיט דער פאַרביקער הויב אויפן קאָפּ? — די זקנה, וואָס איז יעדן זומער, מיט אַ תהילמל אין האַנט, פאַר איר טאָכטערס געוועלב געזעסן און שטענדיק מיט די ליפּן באַוועגט?

ווו זענען די אייניקלעך און די אור־אייניקלעך, וואָס די אַלטיטשקע פלעגט זיי, פון אַ שקאַרמעצל, צוקערלעך טיילן און אַזוי פיל שיינע מעשהלעך דערציילן?...

אַ טראַמוויי־שינע, אַרויסגעריסן פון ברוק, שטייט אויף די קני. אַן אייזערנער סלופּ, וואָס איז אַמאָל געווען אַן עלעקטרישער לאָמפּ, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ. אַ חורבה פון ווייטן, קוקט מיט אַן אויסגערינענעם אויג און אַ שטיק אָרנאַמענטיק פון אַ געוועזענעם באַלקאָן — לאַכט דעם ווינט אין פּנים אַריין:

— וואָס אַרט עס מיך?... די וועלט האָט אַזוי געוואָלט — האָט זי...

---

כלאָדנע אַכט...

יאָ, דאָ איז עס...

פונקט אַנטקעגן דער קירכע...

לעבן דעם הויקערדיקן טויער, וואָס שלעפּט אויף זיינע וווּנדיקע אַקסלען די גאַנצע משא פונם צעשאָטענעם הויז — זעט מען נאָך דעם צייכן, ווו ס׳איז די "היינט"־שילד געהאַנגען...

ס׳האַרץ נעמט שטאַרקער קלאַפּן. כ׳גיי מיט די לעצטע כוחות. כ׳גיי אין הויף, מיין, אַז אויך פון יענער געביידע, איז נאָך עפּעס געבליבן...

איז אפשר קאָן מען נאָך עפּעס געפינען?...

נאַר, גאָרנישט... בלויז אַ באַרג ברוכשטיקער...

נעם קלעטערן אויפן באַרג. קוק דאָ, קוק דאָרט. דאַכט זיך, אַט ליגט עפּעס. אַט איז אַ קאָמפּלעט פון "היינט". אַט אַ "נייעס"... אַ "וועלט־שפּיגל"...

אַ גוי, מיט אַ גרוי פּנים, וואַקסט אויס. אַ קליינער, מיט וואָנסן, מיט אַ בערדעלע — ווי איינער פון די פיגורן, אויף דער אַנטקעגנדיקער קירכע, וואָלט אַהער פאַרוואָגלט געוואָרן...

— וואָס זוכט איר, פּראָשען פּאַנאָ?...

כ׳קוק אים בעסער אָן — ס׳איז דאָך דאָס קליינע שוסטערל, וואָס האָט געוווינט אין ווינקל, לעבן סטרוזש. דאָס שוסטערל, וואָס האָט געהאַט פּונקט אַזעלכע וואָנסן און אַזאַ בערדעלע, ווי אַלעקסאַנדער פּאַרבאָ און מ׳האָט אים דערפאַר אין שפּאַס, "אַלעקסאַנדער דער צווייטער" גערופן...



אַלעקסאַנדער פּאַרבאָ
(צייכענונג פון הענריק בערלעווי)

דערפריי איך זיך. כ׳ווייס, ער האָט אַלע רעדאַקציע־מענטשן געקענט. יעדן דעם "דזשען דאָברי" אַנטקעגן געטראָגן —

זאָג איך:

— איר דערקענט מיך נישט?... כ׳האָב דאָ, אין רעדאַקציע געאַרבעט...

— כ׳ווייס... כ׳דערקען... אָבער — וואָס האָט איר נאָך דאָ צו טון?... וואָס זוכט איר נאָך דאָ?...

— כ׳ווייס אַליין נישט... געמיינט, נאָך עפּעס געפינען...

— געפינען?...

— איר ווייסט דאָך — גרויסע קעלערן דאָ געווען... אין די קעלערן — בלעטער געלעגן... בלעטער פון יאָרן... בלעטער, וואָס קאָנען פון אַ לעבן דערציילן...

— איז וואָס?... ווילט איר נאָך די בלעטער זען?...

— כ׳ווייס... כ׳האָב געמיינט...

אַ שאַרף און שניידיק געלעכטער טוט, מיט אימפעט, זיך אַ ריס אין דער לופט אַריין און נעמט זיך קייקלען, קייקלען צווישן די ברוכשטיקער...

— כאַ־כאַ־כאַ... געמיינט?... ס׳הייסט געמיינט?... וואָס? — איר זענט ערשט פון שלאָף אויפגעשטאַנען?...

כ׳קוק אויפן קליינעם שוסטערל. כ׳געדענק, ער האָט שטענדיק אויפן האַרץ געליטן. אָפט אַנטקעגן, ביים סקווער, געזעסן — איז פון וואַנען אַזאַ מעכטיק געלעכטער? פון ווען אַן אַזאַ שניידיק קול?...

כ׳קוק אויפן קליינעם שוסטערל און כ׳זע ווידער איינעם פון די פיגורן, אויף דער אַנטקעגנדיקער קירכע...

ניין! ס׳איז נישט דאָס קליינע שוסטערל! דער אָ, ליידט נישט אויפן האַרץ — דער האָט בכלל קיין האַרץ נישט...

---

ס׳יאָגט פון הויף אַרויס. כ׳קאָן זיך קוים האַלטן. דער קאָפּ האַקט, דאָס פּנים ברענט און אין די אויערן קלינגט דעם שוסטערס שניידיק געלעכטער...

און נישט בלויז דאָס שוסטערל לאַכט. ס׳לאַכן די ציגל צעשאָטענע, ווי פון אַ זאַק אַרויס. ס׳לאַכט די ברייטע, צעפּלאַשעטע חורבה, מיטן געשטופּלטן פּנים און מיט די צוויי הילצערנע קוליעס אונטערגעשפּאַרט...

אַלץ לאַכט. אַלץ כיכעט —

נישטאָ!...

נישטאָ גאָרנישט!...

יידישע טאָג, וואָכן און חודש־בלעטער.

שרייבער, זשורנאַליסטן, בויער און פאַרשפּרייטער פון יידישן וואָרט, פונעם יידישן געדאַנק.

אַ גרויס, רייכפאַרביק, שעפעריש יידיש לעבן —

נישטאָ!...

נישטאָ גאָרנישט!...

אַ טראַמוואַי צעקלינגט זיך און שטעלט זיך אָפּ.

אָ... פון וואַנען האָט ער געוווסט, דער טראַמוואַי?... יאָ, טאַקע... כ׳שטיי אָפּ... די פיס דינען נישט מער... די...

וואַרט... נאָך איין רגע... איין רגע...

און כ׳וועל פאַרשלונגען אין זיין אינגעווייד. וועל פאַרשפּאַרט אין אַ ווינקל.

ב. קוטשער — געווען אַמאָל וואַרשע...

גיב פון דאָרט אַ לעצטן קוק אויף כלאָדנע אַכט
און — — —
ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ...
ס׳גייען אויף זכרונות, דעראינערונגען, בילדער, עפּיזאָדן, געשעענישן — — —
ד ר י י און צוואַנציק יאָר אין "ה י י נ ט"...

# זוכצעטל פון נעמען:


אַבעלמאַן בעני 16.
אברהם דראָשקאַזש 47, 48, 57.
אַדלער יאַנקל 209.
אוגער ישעיה 125.
אויערבאַך ב. 69, 70.
אונטערהענדלער יעקב (ר׳ יאַנקעלע) 121, 122, 123, 125, 127, 129, 130.
אורקע נאַכאַלניק (פּאַרבאַראָוויטש וואָלף) 276, 277.
איזאַקסאָן איטשעלע 222, 223, 225, 226, 234, 237.
אייזענבוים אַנטאָני (בטעות געדרוקט ראָזענבוים) 185.
אייזענשטאַט אליעזר 74.
איינהאָרן אהרן 69, 71, 90, 106, 115, 123, 136, 152, 186, 292.
איינהאָרן ברכה 205.
איינהאָרן איסר 131.
איינהאָרן דוד 139.
אייסוראָוויטש ב. 178.
אימבער ש. י. 292.
אינדעלמאַן משה 174, 234, 275, 278, 298.
איש חנוך 69, 70, 71, 79, 81, 172.
אַלטער אברהם־מרדכי 212, 215.
אַלטער פייגע־מינדל 212.
אָלעי מרדכי 311.
אלפּערין א. 286.
אָלשוואַנגער (אַדוואָקאַט) 150.
אַנסקי ש. 131, 132, 133, 136, 137, 138, 141, 142, 177.
אָסטשעגאַ אברהם 172.
אָסקאַר יוליוס 209.
אָפּאַטאָשו אַדעלאַ 237.
אָפּאַטאָשו דוד 237.
אָפּאַטאָשו יוסף 181, 182, 237.
אָפּאָטשינסקי פּרץ 294.
אַפּעלבוים לייזער 206.
אַפּעלבוים משה 167, 169, 170.
אַפּעלבוים פּרץ 158.
אָפּענהיים מנשה 279.
אַפּענשלאַק יעקב 41.
אַראָנסאָן יחיאל 210.
אָרלעאַן יהודה־לייב 257.
אָרלעסקאַ מרים 141, 142.
אַרנשטיין מאַרק 22.
אַרצישעווסקאַ טעאַ 234.
אש ישעיה 265.
אש שלום 14, 47, 104, 118, 189, 205, 225, 226, 227, 231, 232, 233, 234, 237, 239, 240, 265.
אשער פּנחס 293.

באָגען באָריס ד״ר 150.
באָזשיק מאַקס 266, 271, 279.
באַכראַך דוד 278.
באַלאַבאַן מאיר פּראָפ. 194.
באריישא מנחם (גאָלדבערג) 41, 42, 44, 71.
באַרסקי־פישער 64.
באָרענשטיין יצחק 311.
באָרענשטיין מינאַ 173.
באָרענשטיין משה (מ. ב. שטיין) 174, 294.
בוים יחיאל 214.
בולאָוו יוסף 142.
בזוראַ אברהם 36.
ביאַליק חיים־נחמן 93, 264.
ביאַלער גאָדל 31.
ביאַלער עטל 31, 34, 37, 41, 42, 43.
ביבער שלמה 80.
בידערמאַן מאיר 212.
בייליס מענדל 72.
ביין וויליאַם 150.
ביין לייבל 307, 308.
ביכאָווסקי זלמן ד״ר 162, 172.
בימקא פישל 182.
בירנבוים דוד 282.
בירנבוים זדיסלאַוו 93.
בירנבוים ראָזאַ 145.
בלומענטאַל פרידאַ 141.
בלומענפעלד דאָראַ 266.
בעלערינאַ בעלאַ 141, 178.
בענסמאַן מ. 93.
בערגמאַן אלעזר 150.
בערגמאַן שמואל 278.
בערגסאָן אַנרי 246.
בערגסאָן מיכאל 49, 264.
בערלעווי העינריק 136, 138, 141, 173, 178, 234.
בערמאַן אַדאָלף 22.
בערנאַרד סאַראַ 22.
בערענהאָלץ מ. 270.

בראַדאַטי יאַנקל 55.
בראַדאַטי ישראל 55.
בראַדערזאָן משה 105, 257.
בראַז חיה 145.
ברוין מאַלי 205.
ברוינער יצחק 209.
ברייזבלאַט לעאָן 314.
ברייטבאַרד גרשון 232.
ברייטבאַרד זישע 227, 228, 232, 233, 234, 237, 238, 239, 240.
ברייטבאַרד יוסף 232.
ברייטבאַרד יצחק 232.
ברייטבאַרד ליזאַ 238.
ברייטבאַרד שרה 232.
ברין מאַקס 64, 210.
גאַדינער הערש 130.
גאַדיק וולאַדיסלאַוו 146, 234.
גאַוזע אהרן 71, 161, 172, 186, 286, 288.
גאַטליב העלענאַ 196.
גאַטליב יהושע ד״ר 64, 99, 157, 158, 262, 263.
גאַטליב יצחק 118.
גאַטליב ראָזאַ 118, 119.
גאַטעספעלד חנא 233, 266.

גאָלדבערג אברהם 44, 71, 99, 106, 122, 157, 158, 189, 190, 278.
גאָלדבערג מנחם (זע באַריישא).
גאָלדפאַדען אברהם 15, 203.
גאָלדפאַדען (שוועסטער) 74.
גאָלדפאַרב לייזער 46.
גאָלדפאַרב שלמה 46, 47.
גאָלדשטיין י. ש. 276.
גאָלדשטיין שמואל 258.
גאָלעק ריווע 173.
גאַנדז יאַדזשע 258.
גאַרדאָן יצחק 161.
גאַרטענשטיין אברהם 162.
גוטמאַן בערל 161.
גילבערט שלמה 57, 131, 133, 135, 141, 142, 246, 249.
גילמאָווסקי וואָלף 50.
גילמאָווסקי נחמיה 50.
גינזבורג אַרנאָלד 88, 292, 293, 294, 297.
גינזבורג מרדכי 297.
גיסער משה־דוד 174.
גלאָזמאַן ברוך 195.
גלאָטשטיין ישראל 95.
גליצענשטיין העניק 38.
גליקסמאַן אברהם ד״ר 169.
געבער אסתר 171.
גערטנער איזאַק 227.
גערטנער (אַרטיסט) 141.
גראַוויצקי יוסף 157.
גראָסבאַרד הערץ 141.

גראָסבערג חנה 282.
גראָסמאַן הערשל 30.
גראָסמאַן משה 30.
גראָסמאַן משה (שרייבער) 311.
גראָס־צימערמאַן מ. 297.
גראָפּמאַן אברהם 301.
גרין יחזקאל 37.
גרינבוים יצחק 150, 157, 161, 176.
גרינבערג אורי־צבי 174, 182.
גרינבערג הערשל 98.

דאַווידזאָן יוסף 41.
דאַווידזאָן לייבוש 162.
דאַנילעוויטש הערשעלע 136, 252, 253, 258, 265, 273.
דאַנציגערקראָן משה (רון) 91, 258, 276.
דאַנציקער יאַנקעלע 88, 90, 93, 240, 258.
דזשיגאַן שמעון 258.
דינעזאָן יעקב 14, 38, 81, 98.
דינער שלמה 99.
דמאָווסקי ראָמאַן 32.
דניאל לייבל 105.
דראַנאָוו נאַדינאַ 32, 33.
דרוק דוד 81.

האָזע ר׳ משה 127.
האָכבערג שאול 36.
האָלטער ר׳ אברהם־יצחק 127.
האָלפערן דינה 266.
האָלצבערג (פּאָטער) 258.
האָלצבערג (טאָכטער) 258.
האָנפט חיים 131, 133, 135, 136.
האָפער יחיאל 311.
האַראָוויץ בער 258.
האַראָנטשיק שמעון 183, 301.
האַרטגלאַס אַפּאָלינאַרי 157, 162.
הורוויטש מנחם־מענדל 94, 126, 131, 133, 134, 199, 200.
היישעריק קלמן 246, 302.
הימעלפאַרב הערשל 195.
הימעלשיין דוד 66.
הירשביין פּרץ 181.
הירשהאָרן שמואל 64.
העלד אַדאָלף 114.
העלד פּרוי 114, 115.
העפּטמאַן הדסה 116, 172.
העפּטמאַן יוסף 57, 80, 81, 116, 272, 265, 274.
הערמאַן דוד 141, 142, 176, 234.
הערמאַן שרה 142.
הערשבערג מאיר 278.
הערשעלע (זע דאַנילעוויטש).

וואַגמאַן איזאַ 202.
וואַגמאַן איטשע 173, 178.

וואַגמאַן רוזשע 178.
וואַגמאַן שאול 41, 212.
וואַהל אהרן 281, 311.
וואַלדמאַן מ. 315.
וואַלטער פּאָלאַ 145.
וואָלמאַן י. ל. 64.
וואָלפינגער רחל 182.
וואָלקאָוויטש שמואל 41.
וואַרשאַווסקי יקיר 22.
וואַרשאַווסקי עוזר 182.
ווולמאַן לעאָן ד״ר 150.
ווולמאן שמואל 166.
ווידרעוויטש משה־דוד 195.
וויטלער בן־ציון 266.
וויטעלעס האַרי 150.
ווײדע מרים 141.
ווײכערט מיכאל ד״ר 126.
ווײנבערג נתן 281.
ווײנבערג (דיריגענט) 64.
ווײנגאָט נחום־לײב 77, 79.
ווײנטרויב וואָלף 141.
ווײנגלעז ישראל 51.
ווײסבאַרד גרשון 41, 79, 276.
ווײסליץ יעקב 145.
ווײסליץ יוכבד 145.
ווײסנבערג יצחק־מאיר 37, 81, 173, 174, 178, 186, 191, 193.
ווינדער הערש־מאיר 30.
ווינער לײב 22, 26, 27.
ווינקלער שלמה 228.
ווישליצקי וואַצלאַוו 113, 162.
וולאָדאַווער אהרן 222.
וועגדראָף ז. 71.
ווערמעס יעקב 30.
ווערעמקרויט מאיר 276.

זאַגאָראָדסקי י. ח. 81.
זאַיאָנץ י. ב. 132, 133, 134, 150, 151.
זאָלבערג ישראל 53.
זאַץ לודוויק 275.
זאַק אברהם 105, 311.
זאַקס ש. 169.
זבונסקי יעקב 158.
זביטקאָווער שמואל 246.
זוסמאַן שלמה 161, 204.
זײדמאַן (אַדוואָקאַט) 64, 162.
זײדענבײטל אברהם 210.
זײדענבײטל מנשה 210.
זילבער יאָסעלע 29.
זילבערבערג אלעזר 281.
זילבערבערג נפתלי 301.
זילבערפאַרב משה ד״ר 174, 178, 199.
זילבערשטײן בײנוש 175.
זילבערשטײן טויבע 149.
זילבערשטײן יצחק־מאיר 149.
זינגער אברהם 79.
זינגער בערנאַרד 177, 262, 263.
זינגער י. י. 174, 175, 212, 266.
זלאָטשעווסקי 88.
זעליגפעלד זמרה 81, 88, 90, 94, 95.
זרובבל 172, 177, 237.
זרובבל פרידע 172.
זשאַק לעווי 136, 138, 264.
זשיטניצקי ה. ל. 105, 245.
זשיטניצקי עדזשע 202.

טאָלסטאָי לעוו 32.
טאַנין שלום 145.
טובים יוליאַן 228.
טוגענטמאַן אײדל 93.
טוכמאַן לײזער 54.
טונקל יוסף 126, 172, 174, 175, 176, 212, 234.
טונקל צעשאַ 202.
טורזש ב. 41.
טורקאָוו זיגמונט 177, 196, 266.
טורקאָוו יאָנאַס 266.
טורקאָוו מאַרק 262, 263.
טיקאָטשינסקי ישראל 196.
טראַפּער מ. צ. 150.
טראָקענהײם יעקב 77, 99.
טרוסקער פּרוי 113.
טריוואַקס יוסף 152.
טרײנין נח 74.
טשודנער מאיר 175.
טשערבאַק פּראָפעסאָר 147, 149.

יאושזאָן ב. 14, 99, 265.
יאַטשקאָווסקי ס. 228.
יאָנג קלאַראַ 228.
יאַצקאַן שמואל־יעקב 14, 67, 68, 69, 70, 72, 74, 75, 77, 81, 82, 103, 104, 105, 108, 114, 118, 123, 124, 130, 148, 164, 200, 246, 286, 287.
יאַקובאָוויטש א. ל. 32, 61, 78, 80, 172.
יאַקובאָוויטש פאַני 172, 178.
יאַקובאָווסקי סטעפאַן 281, 285.
יווילער מאַרק 281, 282.
יודט שמואל־אלי 53.
יוריס ש. ד״ר 176, 177.
יפה יוסף 32.
יפה לײב 32.

כאַנאַכאָוויטש א. ז. 301.
כאַראַז לעאָן 64, 79.
כײקין משה 71, 123.
כילינאָוויטש בן־ציון 176, 265, 293.
כהן פנחס הרב 75.

כהן צבי 152, 161.
כהנא הרב ר׳ שלמה־דוד 174.
כהנא מאַלע 174.

לאַטאָוויטש יצחק 266
לאַטיינער יוזעף 203.
לאַכאָווער פּ. 81.
לאַנדאָ שמואל 90, 177, 196.
לאַסקי משה 13, 14.
לאַפּאַטע ישראל 321.
לאַרעם יהודית 145.
ליאָוו לעאָ 91.
ליטוואַק א. 172, 237.
ליטעראַ רבקה 98.
לייבעלע טענצער 54.
לייוויק ה. 235, 237, 238, 239, 240.
לייזעראָוויטש משה 195, 258, 264, 265.
לייפּונער ד״ר י. 125, 172, 290, 292, 298.
ליכטענשטיין יצחק 209, 235.
לילית אלא 234.
ליליענבלום משה־לייב 32.
ליפּאָווסקי אסתר 228.
ליפּאָווסקי נחום 228.
ליפּמאַן משה 234, 266.
ליפּמאַן נאַטאַליאַ 266.
לעבענבוים יוסף־לייב 74.
לעבענבוים ישעיה 154.
לעדערמאַן דוד 64, 81, 177.
לעדערמאַן יעקב 278.
לעהמאַן ד״ר 79.
לעוו פּועה 205.
לעוויאַש רות 228.
לעווין ד״ר גרשון 194.
לעווין לייזער 175.
לעווין סימאָן 226.
לעווין עפּשטיין 50
לעמקין רפאל ד״ר 266.
לענסקי מאַרק ד״ר 311.
לענעמאַן לעאָן 311.
לערמאַן א. 116, 199, 202.
לערער דבורה 266.

מאַזאָ מרדכי 141, 142.
מאַזעס מענדל 311.
מאַלי פּיקאָן 181, 266.
מאַלקין דוב־בער 114.
מאַנגער איציק 301.
מאַסטבוים יואל 161, 205.
מאַרגענטוי הענרי 147, 148, 149.
מאַרגענשטערן וואַלף 110.
מאַרגענשטערן נתן 162.
מאַרגענשטערן שרה 110.
מאַרדכעלעס אליהו 301.
מאַרעווסקי אברהם 141, 142, 166.
מאַרק בערל 311
מאַרק משה 255.
מאַרקיש פּרץ 173, 174, 175, 177, 182.
מאַשטשיצקי איגנאַצי 254.
מוטערמילך מ. 49, 64.
מייזל גיטל 205.
מייזל נחמן 174, 237.
מייזעל מאַוריצי 113.
מיימאַן הלל 38, 42, 61, 78.
מיכאַלעוויטש ביינוש 90, 172, 237.
מיכאַלעסקא מיכאל 64.
מיכעלסאָן הרב ר׳ יחזקאל 99, 101, 239, 240.
מיכעלסאָן מאַטל 239.
מילנער נתן 79.
מינץ יאַנקל 206, 212.
מינקאָווסקי מאַוריצי 54, 209, 258.
מינקאָווסקי ריווע 209.
מיענדזיזשעצקי יחיאל (נהרי) 257, 258, 261, 264, 265, 269.
מיענדזיזשעצקי מנחם 257.
מיצי אָפּפּאָ 79.
מישורסקי לעאָן ד״ר 223.
מלאך לייב 61, 62, 63, 246.
מלמד זעליג 210.
מלמד פאַני 202.
מלמד רוזשקע 205.
מנחם (זע באריישא).
מעדעם וולאַדימיר 80.
מעלער לייבוש 130.
מענדעלסאָן שלמה 136, 138.
מענדעלע מוכר ספרים 32, 189.
מעסינג וו. ד״ר 204.

נאַדלמאַן משה 311.
נאַזשיק זלמן 75, 79.
נאַזשיק יצחק 90, 238.
נאַכבוש נח 145.
נאַמבערג אלעזר 116, 196, 199.
נאַמבערג הערש־דוד 14, 20, 21, 25, 27, 28, 57, 61, 62, 71, 78, 90, 103, 104, 105, 109, 110, 113, 115, 118, 126, 166, 172, 174, 176, 178, 200, 258.
נאַרוויד (אַרטיסט) 141.
נהרי יחיאל (זע מיענדזיזשעצקי).
ניגער שמואל 149.
ניימאַן י. מ. 105, 157, 174, 182, 204, 226, 234, 237.
נייקראַן לאַלאַ 258.
נייקראַן מאַקס 195, 199, 237.
ניסענבוים הרב 162.

סאַדאָווסקי מאיר 222.
סאַלאָווייטשיק ד״ר 223, 238, 239.
סאַלאַמאַן הערשל 276.

סאַמבערג אייזיק 177, 196, 266.
סאַנדלער חיים 81.
סאָקאָלאָוו נחום 153, 241, 242.
סאָקאָלאָוו פלאָריאַן 150.
סוויסלאָצקי ש. 311.
סטופניצקי ש. 62, 63, 67, 71, 150.
סטרוגאַטש יוסף 172, 266.
סלאָנימסקי חיים־זעליג 123.
סעגאַלאָוויטש זוסמאַן 96, 102, 105, 126, 146, 169, 172, 175, 178, 205, 226, 234, 258, 265.
סעגאַלאָוויטש קלאַראַ 171, 177, 202, 205, 209, 211.
סען־קלער מאַטילדע 64.
ספעקטאָר מרדכי 20, 21, 27.
ספאַרד דוד 311.

עדעלשטאַט דוד 95.
עלבוים משה 302.
עלענבערג מנחם 99.
עפשטיין ב. 194.
עקערמאַן אייזיק־מאיר 213.

פאַדלישעווסקי אברהם 50, 98, 148, 149, 153, 158, 161.
פאַדערעווסקי איגנאַצי 147, 149.
פאַזנאַנסקי שמואל ד"ר 162.
פאַט יעקב 302.
פאָלאַקאָוו אהרן 210.
פאָלאַקאָוו אַניעלאַ 205.
פאַסיק בעסי 108, 109, 113, 119.
פאַסיק זשעניאַ 108, 109, 113, 119.
פאַסיק לידאַ 108, 109, 113, 119.
פאַסענשטיין יחיאל 185.
פאַפיערניקאָוו יוסף 245.
פאַרטנוי נח 105.
פילסודסקי יוזעף 257.
פינעס אלעזר 173.
פינקערס מאָטל 63.
פעטרושקע שמחה 31, 79, 292.
פערלאָוו יצחק 311.
פערלמוטער משה 30.
פערלע יהושע 22, 245.
פערלמאַן אסתר 266.
פערעץ אַדאָלף 113.
פראָפוס י. י. 62, 63.
פרושאַנסקי אברהם 281.
פרושאַנסקי חיים 281.
פריוועס ישעיה 29.
פריוועס משה 172.
פריוועס נפתלי 173, 204.
פרילוצקי נח 50, 64, 65, 72, 80, 81.
פרילוצקי פאַולאַ 50, 301.
פרילוצקי צבי 50, 281.
פרילוצקי ש. 251.
פרנס ר' איטשע־מאיר 223.
פרעגער יעקב 141.
פרץ יצחק לייבוש 14, 19, 20, 36, 46, 47, 48, 49, 50, 53, 54, 56, 57, 58, 71, 73, 81, 94, 104, 122, 123, 138, 153, 189, 190, 205, 233, 249.
פרץ העלענאַ 39, 228.
פשורעק מרדכי 225.
פשעפיורקע אברהם 34.

פאַרבאַ אַלעקסאַנדער 245, 322.
פאַרבאַראָוויטש וואָלף (זע אורקע נאַכאַלניק).
פאַרבשטיין העשל 64, 98, 252, 257.
פוקס חיים־לייב 311.
פייגענבוים ש. 199.
פייזער י. (פראָפעסאָר) 150.
פיינקינד שלמה 64, 116.
פיינשטיין הערמאַן 22.
פינקעל אלעזר־דוד 69, 72, 75, 77, 82, 85, 86.
פינקעלשטיין חיים 157, 311.
פינקעלשטיין לעאָ 161, 311.
פינקעלשטיין משה 73, 74.
פינקעלשטיין נח 73, 74, 158, 163, 190.
פינקעלשטיין נחמיה 50, 68, 72, 73, 85, 99, 153, 157, 285, 298.
פישלער יאַנקל 264.
פישמאַן הערץ 172.
פישער הערמאַן 81.
פלאַקסער מנחם 175, 178.
פעלדשטיין משה 228, 252.
פעלדשטיין משה־גרשון 66, 67, 68, 71, 115, 159, 162.
פערבער חנה 282.
פראַש הענעך 291.
פרידמאַן אַלעקסאַנדער־זישע 213, 214.
פרידמאַן בן־ציון 53.
פרידמאַן פעליקס 172, 209.
פרידע מאַקסימיליאַן 113.
פרייד מ. י. 19, 20, 32.
פרישמאַן דוד 14, 71, 104, 105, 106, 107, 108, 122, 123, 124, 125, 126, 129, 130, 302.
פרענק ע. נ. 241.

צאַנין משה 302.
צוקערמאַן דוד 133.
צייטלין אהרן 174.
צייטלין אלחנן 213.
צייטלין הלל 14, 98, 99, 100, 101, 102, 176, 237.
ציפור י. ב. ד"ר 131.
צענטנערשווער טעאָפיליאַ 205.
צפנת אהרן 311.

קאַגאַנאָווסקי אפרים 169, 173, 174, 178, 190, 311.
קאַגאַנאָווסקי רעגינע 205.
קאַדיסאָן לייב 145.
קאַהאַן לאַזאַר 61, 78.
קאָהן טעאָפּיליאַ 113.
קאָוואַלסקי הרב ר׳ יהודה־לייב 149.
קאָוואַלסקי מתתיהו 145.
קאַווע שלמה־דוד 81, 131, 133, 136, 137, 138.
קאַזאַק ל. 33.
קאַזשען נתן 256.
קאַטיק באָריס 18.
קאַטיק יחזקאל 54.
קאַכאַנאָווסקי 294.
קאַליך יעקב 181.
קאַליש חוה־ייטע 174.
קאַליש ר׳ מענדל 31.
קלמן קאַמאַשנמאַכער 175.
קאַמינסקי אברהם־יצחק 57.
קאַמינסקי אידאַ 177, 178.
קאַמינסקי אסתר־רחל 196, 228, 231.
קאַמינסקי יוסף 228.
קאַמפּאַניעיעץ אבא 15, 21, 25.
קאַן אשר 301.
קאַן הענעך 234.
קאַנטאַראָוויטש נחום 294.
קאַסטנמאַכער אהרעלע 30.
קאַסעל דוד 38, 41.
קאַפּנער אייזיק 270.
קאַץ זישע 57, 282, 301.
קאַץ יאָסל 213.
קאַץ פּנחס 66, 85, 152, 191, 192, 194, 195.
קאַציזנע אַלטער 50, 81, 136, 138.
קאַציזנע חנה 81.
קאַראַלענקאַ וולאַדימיר 32.
קאַראַפּקאָוו פּראָפעסאָר 94.
קאַרלינסקי בועז 50, 136, 138, 169, 172.
קאַרלינסקי קלמן 301.
קאַרלינסקי רוטאַ 172.
קאַרלעבאַך הרב ד״ר 75.
קאַרלעבאַך עזריאל ד״ר 297, 301.
קאַרן רחל 311.
קוטשער אייזיק 308.
קוטשער ב. 68, 193, 199, 233, 266.
קורנאַטאָווסקי יאַן 133, 135.
קורץ אברהם 266.
קיפּניס מנחם 18, 22, 23, 27, 28, 71, 81, 88, 90, 94, 95, 106, 109, 115, 136, 159, 172, 176, 199, 213, 234, 286, 293.
קירמאַן יוסף 245.
קירשענבוים אליהו 162, 213.
קלאָג אלעזר 172.
קלומעל מאיר ד״ר 64.
קליין מיכאל 22.
קליינלערער אהרן 307.
קליינמאַן אברהם 157.
קלעפּפיש נאַטאַן 116.
קנאַפּהייס משה 311.
קעסטין ליפּא 61, 298.
קערנער משה אינזשיניער 98.
קראַוזע־מילער 22, 25.
קראַנגאַלד שמעון 302.
קרוי צבי 294.
קרוק אירענאַ ד״ר 302.
קרוק יוסף ד״ר 150, 292, 302.
קריגער (גלח) 147.
קרינסקי מאַגנוס 80.
קרעלמאַן י. 282.
קרעמער בנימין 71, 166, 167, 189.

ראַבינאָוויטש ישראל 209.
ראַגאָוואַי הערמאַן 222.
ראַדזימינער רבי 223.
ראַוויטש מלך 175, 177, 182, 237, 311.
ראַווניצקי י. ח. 32.
ראַזען בער 139.
ראַזען שמחה 266, 282.
ראַווניצקי י. ח. 32.
ראַזענבוים טערעזאַ 113.
ראַזענבלאַט ד״ר 292.
ראַזענבערג סטאַניסלאַוו 252.
ראַזענפעלד מאָריס 93, 95.
ראַזענצווייג אידאַ 205.
ראַטבוים לאה 266.
ראַטמאַן אייזיק 64.
ראַטנער וואָלף 30.
ראַטשטיין יוסף 314.
ראַטשטיין ישעיה 57.
ראַכאָוו הלל 278.
ראַצניק מרדכי 136.
ראַפּעל זינאַ 177, 178.
ראַקאָווסקי מאַרק 304.
רובין דאָראַ 266.
רובינליכט פעליקס 213.
רובינשטיין יוסף 311.
רודינאָוו משה 228.
רון משה (זע דאַנציגערקראָן).
רונדאָ אפרים 213, 301.
רונדשטיין מאיר 161, 162.
ריבאַ ס. 64.
ריטשעוואַל שכנא הרב 221.
רייזנער אהרן 281.
רייזען אברהם 14, 32, 39, 47, 93.
רייזען זלמן 172.
רייזפעדער יעקב 53, 79, 245.
רייכענבערג 192, 199.
ריקליס אהרן 69, 70, 71.

שאַגאַל מאַרק 301.
שאַיעוויטש דבורה 266.
שאַיעוויטש ישראל 266, 302, 305, 306.
שאַלקאָוויטש א. ל. 80, 81.
שאַן הערשל 41, 42, 43.
שאפּיראָ יצחק 71, 78, 79.
שאָר משה הרב פּראָפעסאָר 292.
שאַשקעס חיים ד״ר 301.
שוואַלבע נתן 41, 177, 178, 262.
שוואַרץ מאָריס 266.
שוואַרץ מאַרק 196.
שוואַרץ פּנחס 174.
שוואַרצבאַרד י. ד״ר 292.
שוואַרצבאַרד מאַרקוס 203.
שוואַרצבאַרד סאָניע 203, 205, 209, 211.
שוואַרצשטיין בערל 64.
שוואַרצשטיין יואל 37.
שוויץ שמואל 257.
שווערדשאַרף ש. 297.
שולמאַן אברהם 311.
שולמאַן וויקטאָר 262.
שולץ יאַנקל 289, 290.
שומאָוויטש מתתיהו 149.
שומאַכער ישראל 258.
שומיאַטשער אסתר 181.
שטאָקפּעדער משה 282.
שטאָקפּעדער עוואַ 282.
שטיין אליהו 142.
שטיין מ. ב. (זע באָרענשטיין משה).
שטיין רחל 281.
שטיינבערג יהודה 32.
שטיקגאָלד יצחק 222, 252.
שטערן הערשעלע 196.
שטערן ישראל 126, 161, 175.
שידלא (אַרטיסט) 141.
שיינע מרים 265.
שימעל משה 289, 290.
שיפּער יצחק ד״ר 176, 278.
שיק מרים 141.
שלאָסבערג יצחק 25.
שלאָסבערג סאָניאַ 22, 25, 26.
שלום עליכם 32, 47, 104, 189, 245.
שליוניאַק יוסף 258.
שליוקאָוויטש אָלאַ 265.
שניאור חיים 141.
שניאור מ. 88, 90, 91, 94, 95, 96, 97, 141, 142.
שעפּטעל שמואל 145.
שעפּס א. (א. אַלמי) 22.
שעפּנער ברוך 174, 262.
שערעשאָווסקי רפאל 113, 162.
שפּיזמאַן לייב 294.
שפּיגל שמעון 174, 210, 234, 263.

# א י נ ה א ל ט :


וועלכע צייטונג איז גרעסער?... 13
"די ליטעראַטור אין קאַזע... 29
ווי אברהם דראַזשקאַזש באַווײַנט פרצעס טויט 45
אַרײַנגעשטופּט אין "הײַנט"... 59
דער ערשטער שטרייק... 71
רייזעלע דעם שוחטס... 87
די דריי שוועסטער... 103
ר׳ יאַנקעלע און דוד פרישמאַן... 121
דער כוח פון דיבוק... 131
אַבי נישט קיין רעדאַקטאָר... 147
אויף טלאָמאַצקע דרייצן... 165
די גרויסע וואַכנאַכט... 185
פאַרשטעלטע און נישט פאַרשטעלטע... 201
די "ליטעראַרישע ירושה"... 221
דער תיקון פון אַ שטענדער... 241
אַ באָמבע אין רעדאַקציע... 251
אַ שטערן איז געפאַלן... 275
וווהין פירט דער וועג?... 289
איבער די חורבות פון וואַרשע 309
זוכצעטל פון נעמען 325

# באַמערקטע דרוקפעלערס

| זייט | איז געדרוקט | ס'דאַרף זיין |
|---|---|---|
| 16 | געלעכטערן | געלעכטערס |
| 48 | געלד | געלט |
| 65 | מיטאק | מיטאָג |
| 69 | אויף א ענדעקישע | אויף אַן ענדעקישער |
| 73 | קרעמערישע | קרעמערישער |
| 77 | אין אַ גרויסע, לײדיקע | אין אַ גרויסער, לײדיקער |
| 109 | איראנישער | אַן איראַנישער |
| 126 | אײנגעטונקט | אײנגעטונקען |
| 150 | זאמענהוף | זאַמענהאָף |
| 161 | פארײניקטע | פאַראײניקטע |
| 170 | אווײלע | אַ װײלע |
| 170 | אויף דער לײטער | אויף דעם לײטער |
| 185 | אנטאני ראזענבוים | אַנטאָני אײזענבוים |
| 193 | סעקרעטטאר | סעקרעטאַר |
| 194 | אנאנדערער | אַן אַנדערער |
| 209 | צײכענונג פון פעליקס פרידמאַן | צײכענונג פון הענריק בערלעווי |
| 211 | א אומבאשטימטע | אַן אומבאַשטימטע |
| 221 | פארײניקטע | פאַראײניקטע |
| 233 | פארײניקטע | פאַראײניקטע |
| 244 | א אינוואליד | אַן אינוואַליד |
| 257 | א איטאליענער | אַן איטאַליענער |
| 258 | אעלכע | אַזעלכע |
| 291 | א אינסצעניזירטער | אַן אינסצעניזירטער |
| 300 | שמאגלט | שמוגלט |